STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02448

GESHLEKHT UN KHARAKTER

Otto Weininger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאטשקאווסקיס
„פאָפולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

אָטאָ ווײַנינגער

געשלעכט און כאראקטער

צווייטע טייל

צווייטער באַנד

פון דייטש
עלים באָרנשטיין

וואַרשע – ניו־יאָרק 1929

Printed in Poland

Otto Weininger

GESCHLECHT UND CHARAKTER

Copyright 1929
by „Iaczkowski Bibliotek"
Warsav.

Płeć i charakter — Otto Weiningera
Popularna Biblioteka Naukowa J. Jaczkowskiego
Warszawa. Twarda 8.

Druk. „Br. Lewin-Epstein i S-ka", Warszawa, Pawia

קאַפּיטל I.

מאַנסביל און פרוי.

All that a man does is
physiognomical of him".
Carlyle.

אונזער טעאָריע האָט יעצט געשאַפן אַ פרייען וועג פאַר דער דערפאָרשונג פון אַלע ווירקלעך פאַראַנענע געשלעכטס־קעגנזאַצן. דידאָזיקע טעאָריע האָט אונז אויפגעוויזן, אַז מאַנסביל און פרוי דאַרפן נאָר אויפגעפאַסט ווערן אַלס טיפּן, און אַז די קאָמפּליצירטע ווירקלעכקייט, וועלכע גיט תמיד אַלץ נייע נאַרונג פאַר די באַקאַנטע חלוקי־דעותן, קאָן ווערן פאָרגעשטעלט אַלס רעזולטאַט פון אַ מישונגס־פאַרהעלטעניש פון יענע צוויי טיפּן. די ערשטע טייל פון אונזער אונטערזוכונג האָט באַהאַנדלט די איינציק רעאַלע סעקסועלע צווישנפאָרמען און דאָס, ווי מיר מוזן איצט מודה זיין, אויף אַן עטוואָס סכעמאַטיזירנדיקן אופן. מיט מיר האָט אין געגעבענעם פאַל אָנגעפירט דער פאַרלאַנג צו געבן די אַנטוויקלטע פּרינציפּן אַן אַלגעמיינע ביאָלאָגישע באַדייטונג. יעצט, בעת דער מענטש וועט נאָך פיל אויסשליס־לעכער ווי פריער, ווערן דער אָביעקט פון דער באַטראַכטונג, און די פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונגען דאַרפן אָפּטרעטן דאָס אָרט דעם אינטראָספּעקטיוון אַנאַליז, מוז די אוניווערסאַלע פאָדערונג פון פּרינציפּ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען אַרונטערפאַלן אַ וויכטיקער באַגרעניצונג.

באַ פלאַנצן און חיות זענען די פאַלן פון הערמאַפראָדיטיזם אַ פולשטענדיק באַשטעטיקטער און אומצווייפלהאַפטער פאַקט. אָבער שוין באַ די חיות שטעלט אָפט די צוויגעשלעכטלעכקייט גיכער מיט זיך פאָר אַ צוזאַמענזיין פון מענלעכע און ווייבלעכע

קיים-דריזן אין איין אינדיוויד, איידער אַן אויסגעגליכנקייט פון ביידע געשלעכטער אין דעמזעלביקן; גיכער די מציאות פון ביידע עקסטרעמען, איידער זייער נייטראַלן צושטאַנד צווישן די נויט-ווענדיקע געשלעכטס-פונקטן. בנוגע דעם מ ע נ ט ש פונדעסטוועגן לאָזט זיך פון פ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ן שטאַנדפונקט מיט דער גאַנצער באַשטימטקייט באַהויפּטן, אַז ער מוז אין יעדן געגעבענעם מאָמענט ז יי ן א ו מ ב אַ ד י נ ג ט אָ ד ע ר מ אַ נ ס ב י ל אָ ד ע ר פ ר ו י.

דערמיט שטייט אין הסכם נישט בלויז דער פאַקט, אַז כמעט אַלץ, וואָס באַטראַכט זיך אומבאַדינגט פאַר מאַנסביל אָדער פרוי, זעט אויך זיין דערגאַנצונג אָדער פשוט אין דעם „מאַנסביל" אָדער פשוט אין דער „פרוי"*) דער אוניסעקסועלער כאַראַקטער פונם מענטש באַשטעטיקט זיך צום בעסטן מיט פאָלגנדיקן פאַקט, וועמעס טעאָרעטישע באַדייטונג מ'קאָן קוים איבערשאַצן, אַז אַפילו אין פאַרהעלטעניש פון צוויי האָמאָסעקסועלע מענטשן צווישן אייננאַנד, נעמט איינער תמיד איבער די פיזישע און פסיכישע ראָליע פונם מאַנסביל, אין פאַל פון לענגערן פאַרקער פאַרהאַלט ער אויך זיין מענלעכן נאָמען אָדער נעמט אַזעלכן אָן, בשעת דער אַנדערער, וועלכער שפּילט די ראָליע פון דער פרוי, היט-אויף זיין ווייבלעכן נאָמען אָדער גיט זיך אַזאַ נאָמען; אָדער נאָך אָפטער – דאָס איז גענוג כאַראַקטעריסטיש – דערהאַלט ער אים פונם אַנדערן.

ובכן, אין דער סעקסועלער באַציִונג פון צוויי לעסבּירינס אָדער צוויי אורנינגען פילט תמיד איין פערזאָן אויס די פונקציע פונם מאַנסביל, די צווייטע – תמיד פון דער פרוי. דאָס פאַר-העלטעניש מאַן-ווייב ווייזט זיך דאָ אַרויס פ ו נ ד אַ מ ע נ ט אַ ל אין אַ נ ט ש יי ד נ ד י ק ן פונקט, אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומפאַרמיידלעך

*) איינמאָל אין טעאַטער האָב איך געהערט ווי עפּעס אַ ביסעקסועלער מאַנסביל האָט, אויפן אָנבליק פון אַ ביסעקסועלער אַקטריסע מיט לייכטן גאָרט-אָנוווּקס און טיפער קלינגענדיקער שטים און כמעט אָן האָר אויפן קאָפּ, אויס-געשריגן: „אַך, סאַראַ פּרעכטיקע פרוי!" „די פרוי" איז טאַקע פאַר יעדן אַן אַנדערע און דאָך דיזעלביקע, „אין דער פרוי" האָט יעדער דיכטער באַוונגען פאַרשידנס, און דאָך איין און דאָסזעלביקע.

נישט געקוקט אויף אַלע סעקסועלע צווישנפאָרמען איז דער מענטש סוף־כל־סוף איינס פון די ביידע: אָדער מאַנסביל אָדער פרוי.

אויך אין דערדאָזיקער עלטסטער עמפּירישער צווייענדי־קייט שטעקט (נישט בלויז אַנאַטאָמיש און נישט בלויז פאַר יעדן קאָנקרעטן פאַל אין רעגלמעסיקן געגנויעם הסכם מיטן מאָרפאָלאָגישן צושטאַנד) אַ טיפער אמת, וועלכער לאָזט זיך נישט פאַרזען אומבאַשטראָפט.

דערמיט, שיינט מיר, איז געמאַכט געוואָרן אַ טריט פון אומגעהויערער וויכטיקייט, וועלכער קאָן פאַרן ווייטערדיקן המשך פון אונזערע באַטראַכטונגען ווערן פונקט אַזוי מזל־ברכהדיק, ווי פאַטאַל. דידאָזיקע אָנשויונג שטעלט פעסט שוין אַ געוויסן זיין. די באַדייטונג פון דאָזיקן זיין צו דערפאָרשן איז טאַקע די אויפגאַבע פון גאַנצן ווייטערדיקן שטודיום. אָבער היות ווי מיט דעמדאָזיקן פּראָבלעמאַטישן זיין איז אוממיטלבאַר פאַרבונדן די הויפּטשוועריקייט פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע, איז נויטיק, איידער מען טרעט צו מיט נאַ־איוועער דרייסטקייט צו אַזאַ אַרבעט, צו אָריענטירן זיך כאָטש בקיצור אין דאָזיקן דראַסטישן פּראָבלעם, אויף וועמעס שוועל עס קאָן שוין פאַרגיין יעטוועדער מוט.

איטלעכער כאַראַקטעראָלאָגישער אונטערזוכונג קומט אויס צו קעמפן מיט אומגעהויערע, אַדאַנק דער קאָמפּליצירטקייט פונם שטאָף, מניעות. אָפט טרעפט זיך, אַז דער וועג, וועלכן מ׳גלויבט שוין צו האָבן אָפּגעפינען אין דעם וואַלד־געדיכטעניש, פאַרלירט זיך ווידער אין די אומדורכדרינגלעכע קוסטעס, און ס׳איז שוין אומ־מעגלעך אַרויסצופּלאָנטערן דעם פאָדעם פון אומענדלעכן קנויל. דאָס ערגסטע אָבער איז, וואָס בנוגע דעם מעטאָד פון אַ סיסטעמאַ־טישער פאָרשטעלונג פון דעם שוין אַרויסגעוויקלטן מאַטעריאַל, בנוגע דער פּרינציפּיעלער באַלויכטונג פון די דערפאָלגרייכע התחלות פון דער אונטערזוכונג — הייבן זיך ווידער אויף די ערנסטסטע ספקות, וועלכע שטעלן זיך הויפּטזעכלעך אַנטקעגן דער טיפיזירונג.

אין דער פראַגע פון געשלעכטס־קעגנזאַץ, למשל, האָט זיך

אַרויסגעוויזן ביז איצט פאַר איינציק אָנגעמבאַר די הנחה פון אַ מין פּאָלאַריטעט פון ביידע עקסטרעמען און פון אַן אומצייליקער ריי שטופן צווישן זיי. אויך אין די מייסטן אַנדערע כאַראַקטעראָלאָגישע געזעצן — וועגן וועלכע כ׳וועל נאָך רעדן שפּעטער — שיינט אויך פאַראַן צו זיין אַזאַ מין פּאָלאַריטעט (וואָס שוין דער פּיטאַגאָרעער אַלקאַמיאָן פון קראָטאָן האָט עס פאָרגעפילט); און אפשר וועט אויפן דאָזיקן געביט די שעלינגישע נאַטורפילאָזאָפיע דערלעבן נאָך אַ גאַנץ אַנדערן נחת-רוח, איידער דעם תחית-המתים, וועלכן ס׳האָט געגלויבט איר צוצוגרייטן אַ געוויסער פיזיקאַלישער כעמיקער פון אונזער צייט.

אָבער צי איז באַרעכטיקט די האָפענונג, אַז דורכן אַוועקשטעלן דעם אינדיווידד אויף אַ באַשטימטן פונקט פון די פאַרבינדונגס-ליניעס פון צוויי עקסטרעמען, דורך דער אומענדלעכער אָנהויפונג פון דידאָזיקע פאַרבינדונגס-ליניעס, דורך אַ קאָאָרדינאַטן-סיסטעם פאַר אומענדלעך פיל אויסמעסטונגען זאָלן מיר קאָנען אויסשעפּן דעם אינדיווידד גופא? דערוואַרטנדיק די פולשטענדיקע באַשרייבונג פון מענטשלעכן אינדיווידד אין דער פאָרם פון עפּעס אַ רעצעפּט, צי וועלן מיר נישט אַריינפאַלן דורכדעם אין דאָגמאַטישן סקעפּטיציזם פון דעם מאַך-יומישן איך-אַנאַליז, נאָר אויף אַ מער קאָנקרעטן געביט? צי פירט אונז נישט אַ מין וויסמאַנישע דעטערמינאַנטן-אַטאָמיסטיק צו אַ מאָזאַיק-פּסיכאָגנאָסטיק און דאָס, איידער מיר האָבן נאָך רעכט נישט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם נאָך דער „מאָזאַיק-פּסיכאָלאָגיע”?

ווידער שטייען מיר פאַר דעם אַלטן און אייביק נייעם פּראָבלעם: צי איז פאַראַן אין מענטש אַן איינהייטלעך און פּשוט זיין, און ווי פאַרהאַלט עס זיך צו דער אומצווייפלהאַפטער אין אים פאַראַנענעם פילערלייקייט? איז פאַראַן אַ נשמה? און ווי פאַרהאַלט זיך די נשמה צו די פּסיכישע דערשיינונגען? מיר באַגרייפן יעצט, אַלמאַי מיר האָבן נאָך ביז איצט נישט קיין כאַראַקטעראָלאָגיע: דער אָביעקט פון דערדאָזיקער וויסנשאַפט, דער כאַראַקטער, איז נאָך פאַר זיך גופא פּראָבלעמאַטיש. דער פּראָבלעם פון יעדער מעטאַפיזיק און דערקענטניש-טעאָריע, די העכסטע פּרינציפּיעלע פראַגע פון דער פּסיכאָלאָגיע, איז אויך

דער פּראָבלעם פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע, דער פּאָר-פּראָבלעם „פון יעדער כאַראַקטעראָלאָגיע, וועלכע זאָל קאָנען אויפטרעטן אַלס וויסנשאַפט". וויניקסטנס איז דאָס — דער פּראָבלעם פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע, וועלכע שטרעבט קריטיש אויפצוקלערן אַלע אירע הנחות, וועגן און צילן, באַלויכטן אַלע אונטערשידן, וועלכע שטעקן אין מהות פונם מענטש.

דידאַזיקע, אמת גערעדט, אומבאַשיידענע כאַראַקטעראָלאָגיע וויל זיין עפּעס מער, איידער יעטוועדע „פּסיכאָלאָגיע פון אינדיווידועלע דיפערענצן", און דער גרויסער פאַרדינסט פון ל. וויליאַם שטערן באַשטייט אין דעם אַוועקשטעלן זי אַלס ציל פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט; זי וועט געבן אַ סך מער, איידער אַ פּשוטע רשימה פון מאַטאָרישע און סענסאָרישע רעאַקציעס פון אַן אינדיווידואום; אַט פאַרוואָס זי קאָן נישט אַראָפּזינקען צו דער מדרגה פון די איבריקע מאָדערנע פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטאַל-פאָרשונגען, וועלכע שטעלן נאָר מיט זיך פּאָר עפּעס אַ מאָדנע קאָמבינאַציע פון סטאַטיסטישן סעמינאר מיטן פיזישן קאַבינעט. אויף אַזאַ אופן פאַרהאָפט זי צו דערהאַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער רייכער נשמהדיקער ווירקלעכקייט, וואָס נאָר מיט איר פולשטענדיקער פאַרגעסונג קאָן זיך דערקלערן די זעלבסטצופרידנקייט פון דער היבעל-און שרויפן-פּסיכאָלאָגיע; זי האָט נישט קיין מורא, באשר זי וועט מוזן אַנטטוישן די דערוואַרטונגען פון דעם נאָך אויפקלערונג איבער זיך גופא דורשטנדיקן סטודענט פון פּסיכאָלאָגיע, און וואָס איר וועט אויסקומען אים צו באַפרידיקן מיט זיינע פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונגען איבערן אויסלערנען זיך פון איינזילביקע ווערטער און איבער דעם איינפלוס פון קליינע קאַפע-דאָזעס אויפן פּראָצעס פון אַריטמעטישן חבור.

און ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אלמאי די באַדייטנדיקערע געלערנטע, וועלכע שטעלן זיך פּאָר די פּסיכאָלאָגיע אַלס עפּעס מער, איידער אַן עמפּינדונגס-און אַסאָציאַציע-לערע זענען מחמת דער אין איר הערשנדיקער פוסטקייט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פּראָבלעמען ווי, למשל, דאָס העלדנטום אָדער די אויפאָפּערונג, דאָס משוגעת אָדער דאָס פאַרברעכן, מוז די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע אויף אייביק איבערלאָזן דער קונסט, אַלס דעם איינ-

ציקן אָרגאַן צו זייער פאַרשטענדעניש, און אויפגעבן יעטוועדע האָפענונג נישט בלויז זיי בעסער תופס צו זיין (דאָס וואָלט געווען צו העזהדיק לגבי אַ שעקספּיר אָדער אַ דאָסטאָיעווסקי), נאָר אַפילו סיסטעמאַטיש אויפצופאַסן.

קיין שום אַנדערע וויסנשאַפט, בעת זי הערט אויף צו זיין פילאָזאָפיש, קאָן נישט אַזוי שנעל פאַרפלאַכט ווערן ווי די פסיכאָלאָגיע. איר באַפרייונג פון דער פילאָזאָפיע — איז די אמתע סיבה פון איר ירידה. געוויס נישט אין אירע הנחות, אָבער אין אירע פינאַלע באַשטרעבונגען האָט זי געדאַרפט בלייבן פילאָזאָפיש. זי וואָלט דאַן קודם-כל געקומען צו דער הכרה, אַז די לערע וועגן די חושים-עמפינדונגען האָט נישט מיט דער פסיכאָלאָגיע קיין שום אוממיטלבאַרן קשר.

די היינטיקע עמפירישע פסיכאָלאָגיע גייט אַרויס פון דעם טאַפּ-חוש און אַלגעמיינע עמפינדונגען, כדי צו פאַרענדיקן מיט דער „אַנטוויקלונג פון אַ זיטלעכן כאַראַקטער". דער אַנאַליז פון די עמפינדונגען געהערט אָבער צו דער פיזיאָלאָגיע פון די חושים, און יעטוועדער פּרוּוו צו ברענגען אירע ספּעציעלע פּראָבלעמען אין אַ טיפערן קשר מיט דעם איבעריקן אינהאַלט פון דער פסיכאָלאָגיע קאָן קיין דערפאָלג נישט האָבן.

ס'איז געווען דאָס אומגליק פון דער וויסנשאַפטלעכער פסיכאָלאָגיע, וואָס זי האָט זיך געלאָזט צום שטאַרקסטן באַאיינפלוסן דורך צוויי פיזיקער, פעכנער און העלמהאָלץ, און מחמת דעם האָט זי געקאָנט פאַרזען, אַז פון בלויזע עמפינדונגען באַשטייט, וואָס אַן אמת, די אויסערלעכע וועלט, אָבער נישט אויך די אינערלעכע.

די צוויי גייסטרייכסטע צווישן די עמפירישע פסיכאָלאָגן פון דער לעצטער צייט, וויליאַם דזשעמס און ריכאַרד אַווענאַריוס, זענען טאַקע די איינציקע, וועלכע האָבן וויי־ביקסטנס אינסטינקטיוו געפילט, אַז די פסיכאָלאָגיע דאַרף מען נישט אָנהויבן מיט דעם חוש-המשוש אָדער מוסקל-חוש, בשעת יעדע אַנדערע מאָדערנע פסיכאָלאָגיע איז מער אָדער ווייניקער עמפינדונגס-קלייסטער. דאָ ליגט די דורך דילטעי נישט גענוג

שאַרף באַצייכנטע סיבה, אַלמאַי די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע דערגייט נישט צו די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן געוויינלעך פאַררעכנט צו די פּסיכאָלאָגישע, צום אַנאַליז פון מאָרד, פריינטשאַפט, איינזאַמקייט א. א. וו. — דאָ וועט שוין נישט העלפן דאָס אַלטע פאַררופן זיך אויף איר יוגנט; — ווייל זי קאָן נישט דערלאַנגען צו דידאָזיקע פּראָבלעמען, מחמת זי באַוועגט זיך אין אַ ריכטונג, וואָס וועט זי בשום אופן צו זיי נישט אַהינפירן. דערפאַר דאַרף דער לאָזונג פון קאַמף פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע זיין קודם־כל: אַוועק מיט דער עמפּינדונגס־לערע אין דער פּסיכאָלאָגיע!

דער פּראָבלעם פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע אין דעם אויבן אָנגעצייכנטן ברייטערן און טיפערן זינען אַנטהאַלט אין זיך קודם־כל דעם באַגריף פון כאַראַקטער, אַלס דעם באַגריף פון אַ באַשטענדיקן און איינהייטלעכן זיין. פּונקט ווי די שוין אין 5 קאַפּיטל פון דער I טייל צום פאַרגלייך געבראַכטע מאָרפאָלאָגיע, וואָס באַ אַלע פיזיאָלאָגישע שנויים בלייבט זי די אומפאַרענדלעכע פאָרם פון אָרגאַנישן גאַנצן, אַזוי נעמט אויך אָן די כאַראַקטעראָלאָגיע אַלס אָביעקט פון איר אונטערזוכונג עפּעס אַ דויערהאַפטיקן און אומפאַרענדערלעכן עלעמענט פון פּסיכישן לעבן פון אינדיווידן, וועלכער דערשיינט אויף אַן אַנאַלאָגישן אופן אין זיינע גייסטיקע לעבנס־אויסדרוקן. דאָ שטעלט זי זיך קודם־כל אין קעגנזאַץ צו יענער „אַקטואַליטעטס־טעאָריע“ פון פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן, וועלכע אָנערקענט נישט קיין שום אומפאַרענדלעכס, מחמת זי גופא רוט אויף דעם יסוד פון דער עמפּינדונגס־אַנאַטאָמיע.

דער כאַראַקטער איז בכן נישט עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט מחוץ דעם דענקען און פילן פונם אינדיווידן, נאָר ער אַנטפּלעקט זיך אין זיין איטלעכן געדאַנק און אין זיין איטלעכן געפיל. „אַלץ, וואָס אַ מענטש טוט, איז פיזיאָנאָמיש פאַר אים“. פּונקט ווי איטלעכס קעמערל פאַרבאָרגט אין זיך די אייגנשאַפטן פון גאַנצן אינדיווידן, אַזוי אַנטהאַלט יעדע פּסיכישע רעגונג פון אַ מענטש נישט בלויז איינצלנע ווינציקע „כאַראַקטער־שטריכן“, נאָר זיין גאַנצן

מהות, דערביי טרעטן געוויסע אייגנשאַפטן אויף מער אין איין מאָמענט, די אַנדערע — אין אַן אַנדערן מאָמענט.

ענלעך דערצו, ווי ס'זענען נישט פאַראַן קיין איזאָלירטע עמפינדונגען, נאָר תמיד אַ גאַנצער קאָמפּלעקס עמפינדונגען, אַ ברייט בליקפעלד, ענלעך צום אָביעקט, וואָס איז אַנטקעגנגעשטעלט עפּעס אַ באַשטימטן סוביעקט, ענלעך צו דער וועלט פון אונזער איך, אויף וועמעס פּאָן עס שלאָגט זיך דייטלעכער אָפּאַמאָל דער, אַמאָל אַן אַנדער געגנשטאַנד; פּונקט ווי מיר אַסאָציאירן ווייטער קיינמאָל נישט קיין „פאָרשטעלונגען", נאָר בלויז מאָמענטן פון אייגענעם לעבן, פאַרשידענע פילערלייַק אויסגעפילטע באַוווסטזיינס-צושטאַנדן פון אייגענער פאַרגאַנגנהייט (פון וועלכע יעדער האָט דערביי זיין פיקסאַציע-פּונקט אין דעם בליקפעלד), *אַזוי שטעקט אויך אין יעדן אויגנבליק פון פסיכישן לעבן דער גאַנצער מענטש*, און עס פאַלט נאָר אין יעדן מאָמענט דער אַקצענט אויף אַן אַנדערן פּונקט פון זיין מהות.

דאָס דאָזיקע איבעראַל אין דעם פסיכישן צושטאַנד פון יעדן אויגנבליק זיך אויסדריקנדיקע זיין איז דער אָביעקט פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע.

אויף אַזאַ אופן וואָלט זיך ערשט געבילדעט די נויטווענדיקע דערגאַנצונג פון דער ביזאהעריקער עמפּירישער פסיכאָלאָגיע, וועלכע האָט, אין מערקווירדיקער סתירה צו איר נאָמען פון א *פסיכאָלאָגיע*, גענומען ביז איצט אין באַטראַכט כמעט אויסשליסלעך די ענדערונגען אויפן עמפינדונגס-פעלד, די בונטקייט פון דער *וועלט*, פאַרנאַכלעסיקנדיק אינגאַנצן דאָס עשירות פון מענטשלעכן *איך* אַלס די לערע פון דעם גאַנצן, וואָס דרינגט אַרויס פון דער קאָמפּליצירטקייט פון סוביעקט און דער קאָמפּליצירטקייט פון אָביעקט (ביידע לאָזן זיך איזאָלירן נאָר אַבסטראַקט), אַזויערנאָך וואָלט די כאַראַקטעראָלאָגיע געקאָנט האָבן אויף דער אַלגעמיינער פסיכאָלאָגיע א באַפרוכפּערנדיקע און אויפלעבנדיקע ווירקונג. פיל שטרייטפראַגעס פון דער פסיכאָלאָגיע — אפשר זענען דאָס גראָד די פּרינציפּיעלסטע פראַגעס — וואָלט איבערהויפּט געקאָנט אַנטשיידן נאָר אַ כאַראַקטעראָלאָגישע

באַטראַכטונג, מחמת זי וועט אָנווייזן אַלמאַי איינער פּאַרטיידיקט די, דער אַנדערער — יענע מיינונג; זי וועט אויפקלערן, אַלמאַי מענטשן קאָנען נישט קומען צו קיין הסכּם, רעדנדיק וועגן איין און דערזעלביקער טעמע. דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַרשידענע בליקן בנוגע איין און דעמזעלביקן געשעעניש אָדער דעמזעלביקן פּסיכישן פּראָצעס, ווייל די אַלע דערשיינונגען האָבן אָנגענומען באַ איטלעכן די אינדיווידועלע באַפאַרבונג, דעם חותם פון זיין כאַראַקטער. די פּסיכאָלאָגישע דיפערענציען-לערע וועט אויף אַזאַ אופן ערשט מעגלעך מאַכן די איינציקונג אויפן געביט פון דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע.

דער פּאָרמעלער „איך" וואָלט געווען דער לעצטער פּראָבּלעם פון דער דינאַמישער פּסיכאָלאָגיע, און דער מאַטעריעלער „איך" -- דער פּראָבּלעם פון דער סטאַטיסטישער פּסיכאָלאָגיע. לעת־עתּה אָבער ווערט דאָך נאָך ביז איצט געצווייפלט, צי עס עקזיסטירט איבערהויפּט כאַראַקטער; אָדער ווייניקסטנס דאַרף ער דורכן קאָנסעקווענטן פּאָזיטיוויזם אין זינען פון יום, מאַך און אַווענאַריוס לגמרי אָפּגעלייקנט ווערן. ס'איז בכן לייכט פאַרשטיין, אַלמאַי ס'איז נאָך נישט פאַראַן קיין כאַראַקטעראָלאָגיע אַלס לערע וועגן אַ באַשטימטן כאַראַקטער.

די פאַרייניקונג פון דער כאַראַקטעראָלאָגיע מיט דער נשמה־לערע האָט איר געבּרענגט דעם גרעסטן שאָדן. דאָס, וואָס די כאַראַקטעראָלאָגיע איז היסטאָריש פאַרבונדן געוואָרן מיטן שיקזאַל פונם איך־באַגריף, גיט נאָך נישט קיין רעכט זי זאַכלעך צו פאַרייניקן מיטן דאָזיקן לעצטן. דער אַבּסאָלוטער סקעפּטיקער אונטערשיידט זיך פון אַבּסאָלוטן דאָגמאַטיקער נאָר מיט איין וואָרט, מער מיט גאָרנישט. אָבער בלויז דער, וואָס שטעלט זיך דאָגמאַטיש אויפן שטאַנדפּונקט פון אַבּסאָלוטן פענאָמענאַליזם און גלויבט, אַז דער לעצטער באַפרייט אים בכלל פון אַלע באַוויינז־משאות, וועלכע זענען נויטיק בלויז פאַר אַנדערע שטאַנדפּונקטן, וועט אָפּוואַרפן אָן שום שהיות דעם באַגריף פון זיין, וואָס איז פעסטגעשטעלט דורך דער כאַראַקטעראָלאָגיע און איז נאָך דורכויס נישט אידענטיש מיט עפּעס אַ מעטאַפיזישער סובסטאַנץ.

די כאַראַקטעראָלאָגיע האָט צו באַקעמפן צוויי שעדלעכע קעגנער. דער ערשטער נעמט אָן די מציאות פון כאַראַקטער און

לייקנט, אַז די וויסנשאַפט זאָל אים קאָנען באַהערשן, ווי דאָס טוט די קינסטלערישע שילדערונג. דער צווייטער זעט דאָס איינציק ממשותדיקע נאָר אין די עמפינדונגען; רעאַליטעט און עמפינדונג זענען פאַר אים געוואָרן איינס; די עמפינדונג איז פאַר אים יענער שטיין, אויף וועלכן ס'איז אויפגעבויט אי די וועלט, אי דער מענטשלעכער „איך“. אָבער פאַר דעם לעצטן עקזיסטירט נישט קיין שום כאַראַקטער. טאָ וואָס-זשע זאָל טון די כאַראַקטעראָלאָגיע, די וויסנשאַפט פון כאַראַקטער? „De individuo nulla scientia“, „Individuum est ineffabile” — אָט וואָס זי הערט פון דער איינער זייט, וועלכע האַלט זיך פעסט אָן אינדיווידו; און פון דער צווייטער זייט, וועלכע איז אַ געשוווירענע אָנהענגערין פון ריינער וויסנשאַפטלעכקייט און האָט פאַר זיך נישט מציל געווען „די קונסט, אַלס אָרגאַן פון לעבנס-פאַרשטענדעניש“, מוז זי כסדר פאַרנעמען, אַז די וויסנשאַפט ווייסט גאָרנישט וועגן כאַראַקטער.

צווישן אַזאַ קרייצפייער קומט אויס פעסטצושטעלן די כאַראַקטעראָלאָגיע. און ווען נעמט עס נישט אַרום אַ מורא, אַז זי וועט טיילן דעם גורל פון אירע שוועסטערן און וועט בלייבן אַן אייביק אומדערפילטע הבטחה, ווי די פיזיאָנאָמיק, אַ טרעפערישע קונסט ווי די גראַפאָלאָגיע?

אויך דאָס איז איינע פון די פראַגעס, אויף וועלכע די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון דאָזיקן בוך דאַרפן זוכן אַן ענטפער. זייער אויפגאַבע איז אויסצופאָרשן די איינצלנע אָדער פילערלייאיקע באַדייטונג פונם זיין, וועלכן ס'שטעלט פעסט די כאַראַקטעראָלאָגיע. פאַרוואָס דידיאָזיקע פראַגע איז גראָד אַזוי פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן די פסיכישע געשלעכטס-אונטערשידן וועט זיך אַרויסווייזן קלאָר ערשט פון די לעצטע רעזולטאַטן פון מיין אַרבעט.

קאַפּיטל II

מענלעכע און ווייבלעכע סעקסואַליטעט.

Die Frau verrät ihr Geheimnis nicht.

Kant.

Mulier taceat de muliere.

Nietzsche.

אונטער פּסיכאָלאָגיע איבערהויפּט דאַרף מען פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון די פּסיכאָלאָגן, און די פּסיכאָלאָגן זענען אויסשליסלעך מענער: פון זינט די צייטן, וואָס מענטשן שרייבן געשיכטע, האָט מען נאָכנישט געהערט וועגן קיין ווייבלעכן פּסיכאָלאָג. צוליבן דאָזיקן טעם בילדעט די פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי אַ קאַפּיטל, וואָס באַציט זיך צו דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע פּונקט אַזוי, ווי די פּסיכאָלאָגיע פון קינד. און היות ווי פּסיכאָלאָגיע שרייבן תמיד מענער, האָבנדיק אין אויג אויסשליסלעך, הגם נישט אינגאַנצן באַוווסטזיניק, די פּסיכאָלאָגיע פון די מענער, איז בכן די אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע געוואָרן פּסיכאָלאָגיע פון „מאַנסבילן", און דער פּראָבלעם פון אַ געשלעכטער-פּסיכאָלאָגיע ווערט תמיד ערשט דאַן אויפגעהויבן, ווען עס שווימט אויף דער געדאַנק וועגן אַ פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי. אַזוי זאָגט קאַנט: „אין דער אנטראָפּאָלאָגיע זענען די ווייבלעכע אייגנטימלעכקייטן מער, איידער די מענלעכע, אַן אָביעקט פאַרן פילאָזאָפישן שטודיום". די פּסיכאָלאָגיע פון די געשלעכטער ווערט זיך תמיד מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון פ.

אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון פ. ווערט דאָך אויך נאָר געשריבן דורך מאַנסבילן. דערפאַר איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז אינדעראמתן איז אַזעלכע אוממעגלעך אָנצושרייבן, מחמת

מען מוז אויפשטעלן די באהויפטונגען וועגן פרעמדע מענטשן, יועלכע ווערן כלל נישט באשטעטיקט דורך זייער אייגענער באאבאכטונג. לאמיר אננעמען, אז פ. וואלט פעיק געווען צו באשרייבן זיך מיט דער געהעריקער פולקייט און שארפקייט, אבער דערמיט וואלט זיך דער ענין נישט אויסגעשעפט, מחמת מיר וואלטן דעמאלט נישט געוווסט, צי וועט זי זיך באציען מיט אינטערעס צו יענע דערשיינונגען, וועלכע אינטערעסירן אונז הויפטזאכלעך. לאמיר צולאזן אפילו אזא פאל, אז זי וויל און איז אימשטאנד צו דערקענען זיך גופא, טא בלייבט אלץ א פראגע, צי וואלט זי זיך געלאזט באוועגן צו רעדן וועגן זיך. עס וועט זיך ארויסשטעלן אין לויף פון די באטראכטונגען, אז די אומוואָרשיינלעכקייט פון אלע דריי פאלן פליסט ארויס פון איין אלגעמיינעם מקור אין דער נאטור פון דער פרוי.

אונטערנעמען אן ענלעכע אונטערזוכונג קאן מען בכן נאר דעמאלט, ווען עמיצער (נישט קיין פרוי) וועט זיין אימשטאנד צו מאכן וועגן דער פרוי ריכטיקע אויספירן. אזויערנאך בלייבט דער ערשטער פארוורף לעת-עתה אין קראפט, נאר היות ווי זיין אפשפארונג קאן ערשט געגעבן ווערן שפעטער, האלטן מיר פאר גלייכער צו לאזן אים דערווייל אן א זייט. נאר אזוי-פיל וויל איך באמערקן. נאך קיינמאל למשל — שוין-זשע איז אויך דאס א פועל-יצא פון דער אונטערדריקונג דורכן מאן? — האט קיין שוואנגערע פרוי נישט געבראכט צום אויסדרוק אירע עמפינדונגען און געפילן נישט אין קיין געדיכט, נישט אין קיין גינעקאלאגישער אפהאנדלונג; און קיין פועל-יוצא פון צופיל שע-מעוודיקייט קאן דאס כלל נישט זיין, מחמת נאך שאפענהויער האט דערויף מיט רעכט אנגעוויזן, אז ס'איז נישט פאראן עפעס אזוינס, וואס זאל פאר דער מעוברתער פרוי זיין אזוי ווייט, ווי די בושה איבער איר צושטאנד. אחוצדעם איז נאך אויך פאראן די מעג-לעכקייט נאכן סוף פון דער שוואנגערשאפט אפצוגעבן א חשבון אויפן סמך פון די זכרונות וועגן דעם פסיכישן לעבן פון דאזיקן פעריאד; וויבאלד דאס בושה-געפיל וואלט דעמאלט פארט אפגע-האלטן די פרוי פון אזעלכע מיני מיטטיילונגען, וואלט דער-דאזיקער מאטיוו דאך שפעטער אפגעפאלן, מחמת דער אינטערעס, וועלכן מ'וואלט פון פארשידענע זייטן ארויסגעוויזן לגבי א:א

אַפגהאַרציקייט, וואָלט געווען אַ גענוגנדיקע סיבה דורכצוברעכן דאָס שווייגן. אָבער קיין שפור נישט דערפון! פונקט ווי מיר פאַרדאַנקען תמיד נאָר מענער באמת ווערטפולע אַנטהילונגען איבער די פסיכישע פּראָצעסן פון דער פרוי, אַזוי האָבן אויך דאָ בלויז מענער געשילדערט די עמפינדונגען פון דער מעוברת־דיקער פרוי. ווי אַזוי זענען זיי דאָס בכוח געווען?

הגם ס'האָבן זיך אין דער לעצטער צייט געמערט די שילדערונגען פון דרייפערטל און האַלבפרויען וועגן זייער פסיכישן לעבן, דערציילן זיי פאָרט מער וועגן דעם מאַנסביל אין זיך, איידער וועגן דער אייגנטלעכער פרוי. מיר בלייבן אַזויערנאָך אָנגעוויזן בלויז אויף איינס: אויף דעם, וואָס אין די מענער גופא איז פאַראַן ווייבלעכס.

דער פרינציפ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען ווייזט זיך דאָ אַרויס אין אַ געוויסן זינען אַלס פאָר־תנאי פאַר יעדן אמת־דיקן אורטייל פון מאַנסביל איבער דער פרוי. דאָך וועט שפּעטער אַנטשטיין די נויטיקייט אי צו באַגרינדן, אי צו דערגאַנצן די באַדייטונג פון דאָזיקן פרינציפ. וואָרן וויבאַלד מ'זאָל אים נישט אָנווענדן אָן באַגרעניצונגען, וועט אויסקומען, אַז דער ווייבלעכסטער מאַנסביל איז אַמבעסטן אימשטאַנד צו באַשרייבן די פרוי, און קאָנסעקווענט וועט דערפון ווייטער אַרויסדרינגען, אַז די עכטע פרוי קאָן זיך גופא צום בעסטן דורכדרינגען, און דאָס האָבן מיר דאָך אָקאָרשט שטאַרק מטיל בספק געווען. מיר באַמערקן דערביי, אַז אַ מאַנסביל קאָן האָבן אין זיך אין אַ באַשטימטער מאָס ווייבלעכקייט, און דאָך נישט פאַר־רעכנט ווערן צו די סעקסועלע צווישנפאָרמען. אַזויאַרום זעט עס אויס נאָך מערקווירדיקער, אַז אַ מאַנסביל זאָל בכוח זיין צו מאַכן גילטיקע פעסטשטעלונגען בנוגע דער נאַטור פון דער פרוי. בײַ דער אומצווייפלהאַפטער מענלעכקייט פון פיל באַשיימפערלעך אויסגעצייכנטע אָבסערוואַטאָרן פון פרויען קאָן מען דידאָזיקע פעיקייט נישט אָפלייקענען, בלייבט בכן דאָס רעכט פונם מאַנסביל צו רעדן וועגן דער פרוי*) אַ גאַנץ מערקווירדיקער פּראָבלעם.

*) אין די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען באַטייט „דער מאַנסביל" תמיד מ און מיט „דער יי" איז תמיד פ. געמיינט, און נישט פשוט „די מענער" אָדער „די פרויען".

און דערפאַר וועלן מיר שפּעטער נישט קאָנען אויסמיידן פון צולייזן די פראַגע מכּוח דעם פּרינציפּיעלן מעטאָדאָלאָגישן ספק אין דאָזיקן רעכט.

דערווייל אָבער, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוועז, לאָזן מיר עס אָן אַ זייט און טרעטן צו צו דער אונטערזוכונג פון דער זאַך גופא. קודם־כּל שטעלן מיר זיך די פאָלגנדיקע פראַגע: אין וואָס באַשטייט דער וועזנטלעכער פּסיכאָלאָגישער אונטערשיד צווישן מאַנסביל און פרוי?

מ'האָט געוואָלט זען דעם דאָזיקן אונטערשיד צווישן די געשלעכטער אין דער גרעסערער אינטענסיוויקייט פון געשלעכטס־דראַנג באַם מאַנסביל, און דערפון אַרויסדרינגען אויך אַלע אַנדערע אונטערשידן, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער ריכטיקייט אָדער אומריכטיקייט פון אַזאַ באַהויפּטונג, וועגן דעם, אויף ווייל דאָס בלויזע וואָרט „געשלעכטס־דראַנג" באַצייכנט עפּעס איינדייטיקס און אויסמעסטבאַרס, שטייט נאָך אָבער די פּרינציפּיעלע באַרעכטיקונג פון אַזאַ אויספיר אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. וואָס אַן אמת, איז אין די אַלע אַנטיקע און מיטלאַלטערישע טעאָריעס וועגן דעם איינפלוס פון דער „אומבאַפרידיקטער געבערמוטער" באַ דער פרוי און דעם „Seminis retenti" באַם מאַנסביל פאַראַן אַ געוויסער אמת; הייסט עס, אַז נישט בלויז אין אונזערע צייטן פלעגט מען באַנוצן די באַליבטע פראַזע, אַז „אַלץ" איז מער נישט ווי סובלימירטער „געשלעכטס־דראַנג".

אָבער אויף די אָנשטויסונגען פון אַזעלכע מטושטשע צוזאַמענהאַנגען לאָזט זיך נישט באַגרינדן קיין שום סיסטעמאַטישע פאָרשונג. און ביז איצט האָט מען נאָכנישט געפּרווט אויף זיכער פעסטצושטעלן, צי פון דער גרעסערער אָדער קלענערער קראַפט פון געשלעכטס־דראַנג איז אָפּהענגיק די מדרגה פון אַנדערע קוואַליטעטן.

די באַהויפּטונג אָבער, אַז די אינטענסיוויקייט פון געשלעכטס־דראַנג באַ מ. איז שטאַרקער, איידער באַ פ. איז בעצם פאַלש. אַחוץ דעם האָט מען דאָך שוין אויך באַהויפּט דעם היפּך, וואָס איז, אַגב, אויך פאַלש. איינדרעאַמתן איז די קראַפט פון באַדערפעניש נאָך דעם סעקסואַל־אַקט באַ מענער מיט גלייך שטאַרקער מענלעכקייט תּמיד פאַרשידן, פּונקט אַזוי, ווי אָרשיינלעך

זוי באַ פרויען מיט דעמזעלביקן אַנטהאַלט פון פ. צווישן די מענער שפילן דאָ אַ ראָליע גאַנץ אַנדערע טעמים, וועלכע ס׳איז מיר טיילוויז געלונגען אויסצוגעפינען; זייער אויספירלעכע באַהאַנדלונג וועט אפשר געמאַכט ווערן דורך מיר אין אַן אַנדער אָפּהאַנדלונג.

ובכן, אין דער גרעסערער העפטיקייט פון געשלעכטס-דראַנג ליגט כלל נישט, אַנטקעגן פיל פּאָפּולערע מיינונגען, קיין אונטערשיד פון די געשלעכטער. דערקעגן זעען מיר אַזאַ אונטערשיד אין דער אָנווענדונג פון די צוויי אַנאַליטישע מאָמענטן בנוגע דעם מאַנסביל און פרוי, וואָס *אַלבערט מאָלל* האָט אַרויסגעבראַכט פון באַגריף פון געשלעכטס-דראַנג; דעם *דעטומעסצענץ*-און דעם *קאָנטרעקטאַציע*-דראַנג. דער ערשטער איז אַ רעזולטאַט פון אומאָנגענעמע געפילן, וועלכע זענען אַרויסגערופן דורך די אין אַ גרעסערער מענגע אָנגעזאַמלטע רייפע קיים-קעמערלעך, דער צווייטער איז דאָס באַדערפעניש נאָך קערפּערלעכער באַרירונג מיט אַן אינדיווידואום, וועלכער דאַרף דינען צו דער סעקסועלער דערגאַנצונג. און אָט אינדערצייט וואָס מ. באַזיצט ביידע, דעם דעטומעסענץ- ווי דעם קאָנטרעקטאַציע-דראַנג, איז באַ פ. קיין אייגנטלעכער דעטומעסצענץ-דראַנג לגמרי נישט פאַראַן. דאָס איז קלאָר דערפון, וואָס אין סעקסועלן אַקט גיט נישט פ. עפּעס אַוועק צו מ., נאָר פאַרקערט: פ. פאַרהאַלט באַ זיך פונקט אַזוי די מענלעכע ווי די ווייבלעכע אויסטיילונגען. אין דעם אַנאַטאָמישן בוי קומט דאָס אויך צום אויסדרוק אין דער פּראָמינענץ פון די מענלעכע געניטאַליען, וואָס נעמט פולשטענדיק אַוועק באַם קערפּער פון מאַנסביל דעם כאַראַקטער פון אַ כלי. ווייניקסטנס קאָן מען אין דאַזיקן מאָרפאָלאָגישן פאַקט געפונען אַ רמז אויף דער מענלעכקייט פון דעטומעסצענץ-דראַנג, נישט פאַרבינדנדיק לעת עתה דערמיט קיין שום נאַטורפילאָזאָפישע אויספירן.

אַז באַ פ. פעלט דער דעטומעסצענץ-דראַנג, זאָגט אויך עדות דערדאָזיקער פאַקט, וואָס ס׳רוב מענטשן, וועלכע באַזיצן איבער $2/_3$ מ. האָבן זיך אָן אויסנאַם אָפּגעגעבן אין דער יוגנט אויף אַ לענגערער אָדער קירצערער צייט, דער אַנאָניזם־זינד וועלכער ס׳גיבן זיך נאָר אָפּ צווישן פרויען די סאַמע מענלעכסטע

פ. אַליין ווייסט נישט פון קיין מאַסטורבאַציע. כ׳ווייס, אַז די אַרויסגעזאָגטע הנחה וועט אָנטרעפן אויף שאַרפע איינווענדונגען. איבעריקנס, וועלן די אַלע אין פלוג קעגנזעצלעכע דערפאַרונגען זיך באַלד פולשטענדיק אויפקלערן.

קודם-כל נויטיקט זיך אין אַ באַשרייבונג דער קאָנטרעקטאַציע-דראַנג באַ פ. דער שפילט באַ דער פרוי די גרעסטע, וויל איין און איינציקע ראָליע. אָבער אויך בנוגע אים לאָזט זיך נישט באַהויפטן, אַז ער זאָל באַ איין געשלעכט זיין גרעסער, איידער באַם אַנדערן. אין באַגריף פון דעם קאָנטרעקטאַציע-דראַנג ליגט כלל נישט די אַקטיוויטעט אין דער באַרירונג, נאָר דאָס באַדערפעניש נאָך דעם קערפערלעכן קאָנטאַקט מיטן צווייטן מענטש בכלל, דערביי קומט דאָ כלל נישט אין באַטראַכט, ווער פון זיי ס׳איז די באַרירנדיקע זייט, און ווער די באַרירטע. די צונויפמישונג פון די צוויי דערשיינונגען: פון דער אינטענסיווקייט פון באַגער מיטן באַגער נאָך אַקטיוויטעט שטאַמט דערפון, וואָס אין דער גאַנצער חיות-וועלט איז מ. לגבי פ., אין דער מיקראָסקאָפישער וועלט ווידער איז יעדער חיהשער און פלאַנצלעכער זאָמענפאָדים לגבי דעם איי-קעמערל, תמיד די אויפזוכנדיקע און אַגרעסיווע זייט.

דאָ קאָן מען זיך לייכט טועה זיין, אַרויסדרינגענדיק, אַז דאָס אַקטיווע פאַרהאַלטן זיך, וואָס שטרעבט צו דערגרייכן אַ געוויסן צוועק און דער באַגער צו דערגרייכן דעמדאָזיקן צוועק זענען מיט זיך פאַרבונדן אין אַ רעגלמעסיקער און באַשטענדיקער פראָפאָרץ פון סיבה און פועל-יוצא, אַז דאָס באַדערפעניש גופא פעלט דאָרטן, ווו ס׳איז נישט פאַראַן קיין דייטלעכע מאָטאָרישע באַשטרעבונגען צו זיין באַפרידיקונג. אַזוי-ערנאָך האָט מען דעם קאָנטרעקטאַציע-דראַנג צוגעשריבן ספּעציעל דעם מאַנסביל, נישט אָנערקענענדיק אים באַ דער פרוי. ס׳איז אָבער פאַרשטענדלעך, אַז אויך דאָ, אין דעם קאָנטרעקטאַציע-דראַנג גופא, דאַרף מען נאָך קאָנען גוט אונטערשיידן. עס וועט זיך נאָך שפּעטער אַרויסווייזן, אַז מ. האָט אין סעקסועלער באַציונג דאָס באַדערפעניש אָנצוגרייפן (אין ווערטלעכן און איבערגעטראָגענעם זין), פ. — דאָס באַדערפעניש אָנגעגריפט

צו ווערן; אָבער דערפון, פאַרשטייט זיך, איז נאָכנישט געדרונגען, אַז דאָס ווייבלעכע באַדערפעניש, מחמת זיין פאַסיווקייט, איז קלענער, איידער דאָס מענלעכע — אַקטיווע.

דידאָזיקע פונאַנדערשיידונג איז זייער נוצלעך באַ די אַזוי אָפטע וויכּוחים, וועלכע הויבן כּסדר אויף די פראַגע וועגן דעם, באַ וועלכן געשלעכט ס׳איז פאַראַן אַ שטאַרקערער דראַנג צום אַנדערן.

דאָס וואָס מ׳האָט באַ דער פרוי באַצייכנט אַלס מאַסטורבאַציע, פליסט אַרויס פון אַן אַנדער סיבּה, און נישט פון דעם דעטומעסצענץ-דראַנג, פּאיז סעקסועל פיל רייצבאַרער ווי דער מאַנסביל, אין דאָ האָבן מיר די געלעגנהייט צום ערשטן מאָל צו באַרירן דעםווירקלעכן צווישן זיי אונטערשיד. איר פיזאָלאָגישע רייצבאַרקייט (נישט פילבאַרקייט) איז אין דער סעקסואַל-ספערע אַ פיל שטאַרקערע. דער פאַקט פון דערדאָזיקער לייכטער סעקסועלער רייצבאַרקייט קאָן זיך באַ דער פרוי אויסדריקן אָדער אין דעם באַגער נאָך דער סעקסועלער רייצונג, אָדער אויך אין אַן אייגנטימלעכן, זייער צערייצטן, איר גופא אומפאַרשטענדלעכן, און דערפאַר אויך אומרויקן און טיפן פּחד פאַר דער אויפרעגונג דורך באַרירונג. דער באַגער נאָך סעקסועלער אויפרודערונג איז אויף אַזויפיל אַן אמתדיקער סימן פון דער לייכטער רייצבאַרקייט, וואָס ער געהערט כּלל נישט צו יענע מיני באַגערן, ווען דער אין דער נאַטור פון מענטש גופא איינגעפונדעוועטער גורל דערלויבט קיינמאָל נישט צו פאַרווירקלעכן זיך, נאָר פאַרקערט, ער באַטייט די לייכטקייט און געניגטקייט פון גאַנצן אָרגאַניזם איבערצוגיין אין דעם צושטאַנד פון סעקסועלער אויפרעגונג, וועלכע ווערט דורך דער פרוי מעגלעכסט אינטענסיוו און מעגלעכסט אומאיבעררייסלעך באַגערט און ענדיקט זיך נישט, ווי באַם מאַנסביל, מיט דער אין דער קאָנטרעקטאַציע דערגרייכטער דעטומעסצענץ.

דאָס, וואָס מען באַטראַכט פאַר אָנאַניזם פון דער פרוי, איז נישט — ענלעך צום זעלביקן אַקט באַם מאַנסביל — קיין שטרעבונג צו פאַרקירצן דעם צושטאַנד פון סעקסועלער אויפרעגונג; דאָס זענען גיכער נאָר פרווון — אַרויסצורופן דעמדאָ-

זיקן צושטאַנד, אים צו שטייגערן און צו פאַרלענגערן. — פון דעם פחד פאַר סעקסועלער אויפגערייצטקייט, וואָס איר אַנאַליז שטעלט דער פסיכאָלאָגיע פון דער פרוי אַ לגמרי נישט לייכטע, אפשר אַפילו איינע פון די שווערסטע אויפגאַבעס, לאָזט זיך אויך מיט זיכערקייט אַרויסדרינגען וועגן דער גרויסער שוואַכקייט אין דערדאָזיקער הינזיכט.

דער צושטאַנד פון סעקסועלער אויפרעגונג באַטייט נאָר פאַר די פרוי די העכסטע שטייגערונג פון איר גאַנצן דאָזיין. דאָס לעצטע איז תמיד און דורכאויס סעקסועל. פ בליט זיך פולשטענדיק פונאַנדער נאָר אין געשלעכטס-לעבן, אין דער ספערע פון באַפרוכפערונג און פאַרמערונג, אין דעם פאַרהאַלטעניש צום מאַן און צום קינד; איר עקזיסטענץ ווערט פולשטענדיק אויסגעפילט מיט דידאָזיקע זאַכן, בשעת מ איז נישט בלויז סעקסועל. דאָ ליגט בכן דער אמתדיקער אונטערשיד, וועלכן מ׳האָט געפרוווט אויסצוגעפינען אין דער פאַרשידענער אינטענסיווקייט פון דעם סעקסואַלדראַנג. מ׳דאַרף זיך היטן פאַר אַ צונויפמישונג פון דער העפטיקייט פון סעקסועלן חשק און דער קראַפט פון סעקסועלן אַפעקט מיט דער ברייט פון די סעקסועלע באַגערן און פאַראינטערעסירונגען באַם מאַנסביל און פרוי. בלויז די גרעסערע אויסשפרייטונג פון דער סעקסואַלספערע איבער דעם גאַנצן מענטשלעכן אָרגאַניזם באַ פ בילדעט אַ וואָגיקן ספעציפישן אונטערשיד צווישן ביידע געשלעכטלעכע עקסטרעמען.

אינדערצייט ווען פ איז גענצלעך אויסגעפילט און פאַרשלונגען פון דער געשלעכטלעכקייט, קען מ נאָך זיין פאַרנומען מיט אַ טוץ אַנדערע זאַכן: קאַמף און שפּיל, חברשאַפט-לעבן און סעודהלעך, דיסקוסיעס און וויסנשאַפט, געשעפט און פּאָליטיק, רעליגיע און קונסט. איך רעד דאָ נישט וועגן דעם, צי ס׳איז אַמאָל געווען אַנדערש; דאָס איז פונקט ווי מיט דער יידן-פראַגע: מ׳זאָגט, אַז די יידן זענען ערשט געוואָרן דאָס, וואָס זיי זענען, און אַז זיי זענען אַמאָל געווען גאַנץ אַנדערע. ס׳קאָן זיין; אָבער מיר ווייסן נישט וועגן דעם. ווער עס האָט

אַזאַ גרויסן צוטרוי צו דער אַנטוויקלונג, מעג דערין גלויבן; קיין שום באַוויז אויף דידאָזיקע זאַכן איז נישט פאַראַן, און אַנטקעגן איטלעכער היסטאָרישער ידיעה שטעלט זיך באַלד אַוועק אַן אַנדערע. דאָ גייט וועגן דעם, ווי פרויען זענען היינט. און וויבאַלד מיר שטויסן זיך אָן אויף דערשיינונגען, וואָס מ'קאָן בשום אופן נישט אָנערקענען פאַר איינגעפלאַנצטע וועלכן ס'איז ווען פונדרויסן, האָבן מיר דאָס רעכט אָנצונעמען, אַז דאָסדאָזיקע איז פון אייביק אָן געווען אַזעלכס. היינט ווי-ניקסטנס איז איינס זיכער ריכטיק: פ פאַרנעמט זיך, מיט אַ געוויסן לפנימדיקן אויסנאַם (קאַפּ. 12), מיט אויסערגעשלעכט-לעכע ענינים נאָר צוליב דעם מאַן, וועלכן זי ליבט אָדער דורך וועלכן זי וואָלט וועלן געליבט זיין. אַן אינטערעס פאַר דידאָ-זיקע ענינים ג ו פ א פעלט באַ איר פולשטענדיק. עס טרעפט זיך, אַז אַ פרוי לערנט זיך די לאַטייניש שפּראַך; דאָס געשעט נאָר צוליב דעם, כדי דעם זון אירן, וואָס באַזוכט די גימ-נאַזיע, צו קענען אונטערווייזן און צוהעלפן אויך אין דערדאָ-זיקער הינזיכט. אָבער נייגונג צו עפּעס אַ זאַך און טאַלאַנט צו איר, דער אינטערעס דערפאַר און די לייכטקייט פון איר צו-אייגענונג זענען צו אייגאַנדער תמיד פּראָפּאָרציאָנעל. ווער עס האָט קיין מוסקלען, האָט אויך נישט קיין חשק צו שווערע פיזישע איבונגען; נאָר דער, וואָס האָט טאַלאַנט צו מאַטעמאַ-טיק, וועט זיך ווידמען איר שטודיום. הייסט עס, אַז דער ט אַ ל אַ נ ט גופא שיינט צו זיין אין דער עכטער פרוי זעל-טענער אָדער ווייניקער אינטענסיוו (הגם דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק: מחמת די געשלעכטלעכקייט וואָלט אַפילו אין קעגנ-פאַל געווען צו שטאַרק, כדי צוצולאָזן אַנדערע ערנסטגעמיינטע באַשעפטיקונגען). אָט פאַרוואָס עס פעלט דער פרוי די תנאים צו דער בילדונג פון אינטערעסאַנטע קאָמבינאַציעס, וועלכע שאַפן טאַקע נישט באַם מאַן קיין אינדיווידואַליטעט, אָבער קאָנען זי דאָך געשטאַלטן.

אין הסכּם דערמיט, זענען דאָס אויסשליסלעך ווייבערישע מאַנסבילן, וועלכע יאָגן זיך תמיד נאָך פרויען און געפינען אינטערעס בלויז אין ליבשאַפטן און געשלעכטלעכן פאַרקער. דאָך דאַרף מען דאָס בשום אופן נישט באַטראַכטן פאַר דער

אַנטשיידונג פון דעם דאָן-זשואַן-פּראָבלעם אָבער אַפילו פאַר זיין ערנסטער באַרירונג.

פּ א י ז מ ע ר נ י ש ט ווי ס ע ק ס ו אַ ל י ט ע ט, מ א י ז ס ע ק ס ו ע ל מ י ט נ אָ ך ע פּ ע ס א י ב ע ר ד ע ם.

דאָס ווייזט זיך באַזונדערס דייטלעך אין דעם אַזוי לגמרי פאַרשידענעם אופן, מיט וועלכן מאַנסביל און פרוי לעבן-איבער דעם אַריינטריט אין פּעריאָד פון געשלעכטלעכער רייפקייט. באַם מאַנסביל טראָגט תמיד דידאָזיקע צייט דעם כאַראַקטער פון אַ קריזיס: ער פילט, אַז עפּעס פרעמדס איז איינגעטרעטן אין זיין דאָזיין, עפּעס אַזוינס, וואָס איז זיך מצרף ק ע ג ן ז י י ן ו ו י ל ן צו זיינע פריערדיקע געדאַנקען און געפילן. דאָס איז די פיזיאָלאָגישע ערעקציע, איבער וועלכער דער ווילן האָט קיין שליטה נישט, און די ערשטע ערעקציע ווערט דערפאַר אָפּגע-פילט דורך יעדן מאַנסביל אַלס עפּעס רעטענישפולס און באַ-אומרויקנדיקס; זייער פיל מענער געדענקען אירע אומשטאַנדן דאָס גאַנצע לעבן לאַנג מיט דער גרעסטער גענויקייט. אַ קעגן-זשע טרעט די פרוי אַריין פולשטענדיק לייכט אין פּעריאָד פון געשלעכטלעכער רייפקייט, זי פילט, ווי איר מהות ווערט גע-שטייגערט, ווי אומענדלעך ס'וואַקסט אויס איר אייגענע וויכטי-קייט. דער מאַנסביל האָט אַלס ייִנגל קיין שום באַדערפעניש נישט נאָך דער ס ע ק ס ו ע ל ע ר רייפקייט; די פרוי אָבער דערוואַרט שוין אַלס יונג מיידל פון דאָזיקן פּעריאָד אַ ל ץ. דער מאַנסביל באַגלייט די סימפּטאָמען פון זיין קערפּערלעכער רייפקייט מיט אומאָנגענעמע, אַפילו פּיינטלעכע און אומרויקע געפילן, די פרוי דערקעגן פאַרפאָלגט מיט העכסטער געשפּאַנט-קייט, מיט דער פיבערהאַפטסטער, אומגעדולדיקסטער דערוואַר-טונג איר קערפּערלעכע אַנטוויקלונג בעת דעם פּעריאָד פון גע-שלעכטלעכער רייפקייט. דאָס באַווייזט, אַז די געשלעכטלעכקייט פונם מאַנסביל ליגט נישט אויף דער גלייכער ליניע פון זיין אַנטוויקלונג, אינדערצייט ווען באַ דער פרוי טרעט נאָר איין אַן אומגעהויערע שטייגערונג פון איר ב י ז אַ ה ע ר י ק ן מהות.

ווייניק זענען פאַראַן ייִנגלעך אין דאָזיקן עלטער, וועלכע זאָלן נישט מיט כעס אָפּוואַרפן, האַלטנדיק אַזאַ געדאַנק ממש פאַר לעכערלעך, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען פאַרליבן און וזתונה-

האָבן (חתונה האָבן, אַלס פאַקט בכלל, נישט אין דער באַציונג צו עפּעס אַ באַשטימט מיידל); דערקעגן גאַרן אַפילו שוין די קלענסטע מיידלעך נאָך דער ליבע און דער חתונה בכלל, ווי נאָך דער השלמה פון זייער דאָזיין. דערפאַר שעצט די פרוי פּאָזיטיוו בײַ זיך גופא און בײַ אַנדערע פרויען נאָך דעם פּע- ריאָד פון געשלעכטלעכער רייפקייט; צו דער קינדהייט און צו דער עלטער האָט זי נישט קיין רעכטע באַציונג. די דערמאָנונג אָן איר קינדהייט קומט איר שפּעטער פאָר ווי די דערמאָנונג אָן איר נאַרישקייט, איר אייגענע עלטער זעט זי שוין פאָרויס אין דער פּערספּעקטיוו פון פּחד און עקל. אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַ- צונג פון דער קינדהייט באַקומען בײַ איר נאָר די דורכן זכרון אַרויסגערופענע סעקסועלע מאָמענטן, און אויך די פאַרבלייבן לגבי דער שפּעטערדיקער אומפאַרגלייכלעך העכערער אינטענ- סיווקייט פון איר לעבן — וועלכעס איז טאַקע אינגאַנצן אַ סעק- סועל לעבן. די חתונה-נאַכט לסוף, דער מאָמענט פון דעפלאָ- ראַציע, איז דער וויכטיקסטער, מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן, דער אי- בערברוך-פּונקט אינם גאַנצן לעבן פון דער פרוי. אין לעבן פון מאַנסביל, דערקעגן, שפּילט דער ערשטער געשלעכטס-אַקט קיין שום ראָליע נישט.

די פרוי איז בלויז סעקסועל, דער מאַן איז אויך סעקסועל: דערדאָזיקער חלוק לאָזט זיך נאָך ווייטער אויסשפּי- נען אַזוי גוט שטחדיק ווי צייטלעך. די פּונקטן פון זיין קער- פּער, ווו דער מאַנסביל קאָן ווערן סעקסועל אויפגערעגט, זענען גאַנץ ווינציק אין צאָל און שטרענג לאָקאַליזירט. בײַ דער פרוי איז די סעקסואַליטעט פונאַנדערגעשפּרייט איבערן גאַנצן קערפּער. יעדע באַרירונג אין וועלכן ס׳איז אָרט רעגט זי אויף סעקסועל. וויבאַלד בכן ס׳איז אין צווייטן קאַפּיטל פון דער ערשטער טייל גערעדט געוואָרן וועגן דער באַשטימטער סעקסועלער כאַראַק- טעריסטיק פון גאַנצן מאַנסבילשן ווי פון גאַנצן פרויישן קערפּער, דאַרף מען דאָס נישט אַזוי צו פאַרשטיין, אַז יעדער פּונקט פון קערפּער קאָן זיין גלייכמעסיק סעקסועל גערייצט אַזוי גוט בײַם מאַנסביל, ווי בײַ דער פרוי. אָוודאי איז אויך בײַ דער פרוי פאַראַן לאָקאַלע אונטערשידן אין דער רייצבאַרקייט,

אָבער דאָ איז נישטאָ, ווי באַם מאַנסביל, אַזאַ שאַרפע געשלעכטס־אָפגרעניצונג פון אַלע איבעריקע קערפּערטיילן.

די מאָרפאָלאָגישע אויסגעטיילטקייט פון די מענלעכע גע־ניטאַליען פונם גאַנצן קערפּער קאָן מען אויך באַטראַכטן אַלס סימבאָליש פאַר דעמדאָזיקן פאַרהעלטעניש.

פונקט ווי די סעקסואַליטעט פונם מאַנסביל טיילט זיך באַ אים שטענדיק אָפּ פון די אַסעקסועלע טיילן פון קערפּער, אַזוי דריקט זיך אויך אויס דידאָזיקע אומגלייכקייט אין זיין פאַרהאַלטן זיך אין פאַרשידענע צייטן. די פרוי איז סעקסועל תמיד, דער מאַנסביל — מיט הפסקות. דער געשלעכטלעכער דראַנג באַ דער פרוי איז אַ באַשטענדיקער (די לפנימדיקע אויס־נאַמען, וועלכע ווערן כסדר אַרויסגעשטעלט קעגן דער גע־שלעכטלעכקייט פון דער פרוי, וועלן נאָך ווערן זייער אויספיר־לעך באַהאַנדלט), באַ דעם מאַנסביל רוט ער תמיד אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער ווול־קאַנישער כאַראַקטער פון מענלעכן געשלעכטס־דראַנג, וואָס לאָזט אים דערשיינען אויף אַ מער אויפפאַלנדיקן אופן, איי־דער באַ דער פרוי; דאָס האָט עס טאַקע גורם געווען צו דער פאַרשפרייטונג פון דעם טעות, אַז דער געשלעכטס־כאַראַקטער פונם מאַן זאָל כלומרשט זיין אינטענסיווער, איידער באַ דער פרוי. דער אמתדיקער אונטערשיד באַשטייט דערין, וואָס פאַר מ איז דער באַהעפטונגס־דראַנג אַזויצוזאָגן אַ הפסקותדיקע סוויזשבע, פאַר פ — אַן אומאויפהערלעכער קיצל.

די אויסשליסלעכע און כסדרדיקע סעקסואַליטעט פון דער פרוי אין קערפּערלעכער און פּסיכישער הינזיכט האָט אָבער נאָך ווייטערדיקע וויכטיקע פאָלגן. דאָס, וואָס די סעקסואַליטעט באַם מאַנסביל איז נאָר אַ געוויסער צוגאָב און מאַכט נישט אויס אַלצדינג, דערמעגלעכט אים פּסיכאָלאָגיש זי צו דער־קענען און אויסצוטיילן פון אַלגעמיינעם הינטערגרונט.

אַט פאַרוואָס דער מאַנסביל קאָן זיך אַנטקעגנשטעלן דער אייגענער סעקסואַליטעט, זיך באַפרייען פון איר און ווערן איר באַאַבאַכטער. באַ דער פרוי קאָן מען נישט אויסטיילן איר סעקסואַליטעט נישט דורך קיין צייטלעכער באַגרעניצונג פון אירע אויסברוכן, נישט דורך קיין אַנאַטאָמישן אָרגאַן, אין

וועלכן דידאָזיקע דערשיינונג זאָל זיין באַשיימפּערלעך לאָקאַליזירט. דעריבער ווייסט דער מאַנסביל וועגן זיין סעקסואַליזם, בשעת די פרוי דערקענט אים נישט אין איר באַוווסטזיין; ז׳ קאָן אין גוטן גלויבן אים פאַרלייקענען, ווייל זי איז מער נישט ווי סעקסואַליטעט, ווייל זי איז די סעקסואַליטעט גופא, ווי דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פון די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען.

עס פעלט דער פרוי, מחמת זי איז אויסשליסלעך סעקסועל, די נויטווענדיקע צווייענדיקייט דערצו, אַז זי זאָל קאָנען באַמערקן איר סעקסואַליטעט; אינדערצייט ווען בײַ דעם מאַנסביל טיילט זיך די תמיד מער ווי בלויז סעקסועלן מאַנטביל סעקסואַליטעט אָפּ נישט בלויז אַנאַטאָמיש, נאָר אויך פסיכאָלאָגיש פון אַלעם אַנדערן. דערפאַר באַזיצט ער די פעיקייט אַריינצוטרעטן אין דעם אָדער אַנדערן פאַרהעלטעניש צו דער סעקסואַליטעט. אַדאַנק דעם, וואָס דער מאַנסביל האָט זיך פאַרבאַוווסטזיניקט זיין סעקסועלן דראַנג, קאָן ער אים באַגרעניצן אָדער אויסברייטערן, פאַרלייקענען אָדער באַשטעטיקן. ס׳זענען אין אים פאַראַן די מעגלעכקייטן צום דאָן-זשואַן, ווי צום הייליקן; ער קאָן אויסקלויבן אי דאָס, אי דאָס אַנדערע. גראָב זיך אויסגעדריקט: דער מאַנסביל האָט דעם פּעניס, אָבער די וואַגינאַ האָט די פרוי.

מיר האָבן דאָ אויסגעפירט מיט אַ געוויסער וואַרשיינלעכקייט, אַז דער מאַנסביל דערקענט זעלבשטענדיק זיין סעקסואַליטעט און קאָן זי אויך זעלבשטענדיק גובר זיין, בעת בײַ דער פרוי שיינט אַזאַ מעגלעכקייט אינגאַנצן צו פעלן; דידאָזיקע באַהויפּטונג שטיצט זיך אויף דער גרעסערער דיפערענצירטקייט פונם מאַנסביל אין דער סעקסועלער און אַסעקסועלער ספערע. איבריקנס, די מעגלעכקייט אָדער אוממעגלעכקייט תופס צו זיין עפּעס אַ באַשטימטן געגנשטאַנד ליגט נישט אינם באַגריף, וועלכן מען פאַרבינדט געוויינלעך מיטן וואָרט באַוווסטזיין. פון דאָזיקן באַגריף איז גיכער צו דרינגען, אַז וויבאַלד וועלכעס ס׳איז וועזן האָט באַוווסטזיין, קאָן עס יעטוועדן אָביעקט מאַכן פאַר זיין אינהאַלט.

עס הויבט זיך דאָ בכן אויף די פראַגע וועגן דער-נאַטור פון ווײַבלעכן באַוווּסטזײַן בכלל, און די באַטראַכטונגען איבער דערדאָזיקער טעמע וועלן אונז ערשט נאָך אַ לאַנגן אומוועג ווידער צוריקפירן צו יענעם פונקט, וועלכן מיר האָבן דאָ נאָר אַגב-אורחאדיק באַרירט.

קאַפּיטל III

דאָס מענלעכע און ווייבלעכע באַוווּסטזיין.

איידער מיר ווילן צוטרעטן צו דער באַטראַכטונג פון הויפּטאונטערשיד פון פּסיכישן לעבן פון די געשלעכטער, אויף וויפל זיין אינהאַלט שטעלט מיט זיך פאָר די דערשיינונגען פון דער אינעווייניקסטער און דרויסנדיקער וועלט, מוזן מיר זיך קודם-כל אָפּשטעלן אויף עטלעכע פּסיכאָלאָגישע פראַגעס און פעסטשטעלן עטלעכע באַגריפן. היות ווי די אָנשויונגען און פּרינציפּן פון דער הערשנדיקער פּסיכאָלאָגיע האָבן זיך אַנטוויקלט אָן שום איינזען פאַר אונזער ספּעציעלער טעמע, וואָלט עס ממש געווען אַ חידוש, ווען אירע טעאָריעס זאָלן זיך לאָזן אָנווענדן אָן שוועריקייטן אויפן דאָזיקן געביט. בפרט ווען ס'איז היינט צוטאָג נישט פאַראַן קיין פּסיכאָלאָגיע, נאָר ס'זענען ביז איצט דאָ נאָר פאַרשידענע פּסיכאָלאָגיעס; און דער אָנשלוס אָן אַ באַשטימטער שול, מיטן צוועק צו באַהאַנדלען די גאַנצע טעמע אויסשליסלעך פונם שטאַנדפּונקט פון אירע וויסנשאַפטלעכע הנחות, וואָלט גיכער געטראָגן אין זיך דעם כאַראַקטער פון ווילקיר, איידער דער דורך מיר אָנגענומענער מעטאָד, וועלכער, אָנשליסנדיק זיך אָן אַלע ביזאַהעריקע דערגרייכונגען, שטרעבט ער פונסניי צו באַגרינדן דידאָזיקע ענינים, אויף וויפל דאָס איז נויטיק, גאַנץ זעלבשטענדיק.

די שטרעבונגען צו אַן איינהייטלעכער באַטראַכטונג פון גאַנצן נשמה־לעבן, צו זיין צוריקפירונג אויף איין איינציקן גרונט-פּראָצעס האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע קודם-כל אין די אָנשויונגען פון די איינצלנע פאָרשערס אויף דעם פאַרהעלטעניש צווישן ע מ פּ י נ ד ו נ ג ע ן און ג ע פ י ל ן. ה ע ר ב אַ ר ט האָט אַרויסגעפירט די געפילן פון די פאָרשטע-לונגען. דערקעגן האַלט ה אָ ר וו י ץ, אַז די עמפּינדונגען האָבן זיך ערשט אַרויסאַנטוויקלט פון די געפילן. די באַדייטנדיקסטע מאָדערנע

פּסיכאָלאָגן האָבן אָנגעוויזן אויף דער האָפּענונגסלאָזיקייט פון דידאָזיקע מאָניסטישע באַמיונגען. און דאָך האָט אין תּוך זייערן געשטעקט אַ געוויסער אמת.

כּדי דעמדאָזיקן אמת צו געפינען, דאַרף מען אָפּהיטן אַ געוויסע, אין פלוג גאַנץ קלאָרע אונטערשיידונג, וועלכע ווערט דורך דער הייַנטיקער פּסיכאָלאָגיע אויף אַ מערקווירדיקן אופן געגנצלעך פאַרזען. מען מוז דאָס ערשטמאָליקע עמפינדן פון אַן עמפּינדונג, דאָס ערשטע דענקען פון אַ געדאַנק, דאָס ערשטע פילן פון אַ געפיל אונטערשיידן פון די שפּעטערדיקע איבער־חזרונגען פון זעלביקן פּראָצעס, בײַ וועלכע עס קומט שוין פאָר אַ געוויסע באַנייונג פון זייער דערקענטעניש. פאַר אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען שײַנט דידאָזיקע אונטערשיידונג צו האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג, הגם די הייַנטיקע פּסיכאָלאָגיע ווייסט נישט פון איר.

יעדער דייטלעכע, קלאָרע פּלאַסטישע *עמפינדונג*, פּונקט אַזוי ווי יעדן שאַרפן, אינדיווידואַליזירטן געדאַנק, איידער ער ווערט *צום ערשטנמאָל* אייַנגעפּאַסט אין וואָרט, איז מקדים, אמת אָפּט זייער קורץ, אַ *סטאַדיום פון אומקלאָרקייט*. פּונקט אַזוי נעמט אויך פאַר יעדער נאָכנישט געוווינטער אַסאָציאַציע אַ מער אָדער ווייניקער קורצן צייט־משך, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן בלויז אַן אומקלאָר געפיל, וואָס איז געריכטעט אויף דעם אסאָציאירנדיקן געגנשטאַנד׳ אַן אַסאָציאַציע־אַנונג, אַן עמפינדונג פון צוגעהעריקייט צו עפּעס אַנדערש. קרובישע צושטאַנדן האָבן באַזונדעס *לייבניצן* זיכער באַשעפטיקט און געגעבן, מער אָדער ווייניקער גוט באַשריבן, דעם שטויס צו די דערמאָנטע טעאָריעס פון הערבאַרט און האָרוויץ.

היות ווי אַלס גרונטפאָרמען פון די געפילן ווערן געוויינלעך באַטראַכט נאָר פאַרגעניגן און אומאָנגענעמלעכקייט, און צוזאַמען מיט *וונדטן* נאָך שפּאַנונג און באַפרייונג, באַרויִקונג און אויפרעגונג, איז די אייַנטיילונג פון די פּסיכישע פענאָמענען אין עמפינדונגען און געפילן פאַר די דערשייַנונגען, וועלכע געהערן צום געביט פון יענע פאַרקלאָרקייטלעכע סטאַדיעס, ווי דאָס וועט זיך באַלד דייטלעכער אַרויסווייזן, צו ענג, און דערפאַר נישט אָנווענדבאַר פאַר זייער באַשרייבונג. מיטן צוועק פון

שאַרפער אָפּגרעניצונג ווייל איך זיך דאָ בכן באַנוצן אויף וויפל ס'איז מעגלעך מיט דער אַלגעמיינסטער קלאַסיפיקאַציע פון די פסיכישע דערשיינונגען: דאָס איז אוועגאַריוסעס קלאַסיפיקאַציע אויף „עלעמענטן" און „כאַראַקטערן" (דער „כאַראַקטער" האָט אין דערדאָזיקער באַדייטונג קיין שום געמיינזאַמס נישט מיטן אָ ב י ע ק ט פון דער כ אַ ר אַ ק ט ע ר אָ ל אָ ג י ע).

אָ וו ע נ אַ ר י ו ס האָט באַשווערט די אָנווענדונג פון זיינע טעאָריעס נישט בלויז מיט זיין, כידוע פולשטענדיק נייער טערמינאָלאָגיע (זי אַנטהאַלט אין זיך אַסך מעלות און פאַר גע־וויסע דערשיינונגען, וועלכע ער האָט צום ערשטן באַמערקט און באַצייכנט, איז זי ממש אַ נויטווענדיקייט); דאָס, וואָס שטייט אַמייסטן אין וועג דעם אָננעמען פון געוויסע אָנשויונגען זיינע, איז זיין אומגליקלעכע מאניע אַרויסצופירן די פסיכאָלאָגיע פון אַ מוח־פיזיאָלאָגישן סיסטעם, וועלכן אַליין ע ר אַ ל יי ן ה אָ ט ד ע ר ג ר יי כ ט נ אָ ר א ו י פ ן י ס ו ד פ ו ן ד י פ ס י־ כ אָ ל אָ ג י ש ע פ אַ ק ט ן פ ו ן ד ע ר א י נ ע ר ל ע כ ע ר ד ע ר פ אַ ר ו נ ג (מיט דער הילף פון ריין אויסערלעכער אָנשליסונג פון די אַלגעמיינסטע ביאָלאָגישע ידיעות וועגן דער גלייכגעוויכט צווישן דערנערונג און אַרבעט). די פסיכאָלאָגישע צווייטע טייל פון זיין „קריטיק פון דער ריינער דערפאַרונג" איז געווען דער באַזיס, אויף וועלכן ס'האָבן זיך אין אים גופא אויפגעבויט די היפּאָטעזעס פון דער פסיכאָלאָגישער ערשטער טייל; אין דער אָפּהאַנדלונג האָט זיך איבערגעקערט דאָסדאָזיקע פאַרהעלטעניש, און אַזויערנאָך דערמאָנט דידאָזיקע ערשטע טייל דעם לעזער גיכער אָן אַ רייזע־באַשרייבונג איבער אַטלאַנטידע.

צוליב דידאָזיקע שוועריקייטן בין איך געצוווּנגען דאָ בקיצור אויפצוקלערן דעם זין פון דער אוועגאַריוסישער אייַנטיילונג, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַמייסטן געאייגנט פאַר מיין צוועק.

„ע ל ע מ ע נ ט" איז פאַר אוועגאַריוסן דאָס, וואָס אין דער שול־פסיכאָלאָגיע הייסט „עמפינדונג", „עמפינדונגס־אינהאַלט" אָדער פשוט „אינהאַלט" (און דאָס פונקט אַזוי באַ דער „פער־צעפּציע" ווי באַ דער „רעפּראָדוקציע"), באַ שאָפּענהויערן „פאָרשטעלונג", באַ די ענגלענדער „impression" אָדער „idea"; אין געוויינלעכן לעבן „זאַך, געגנשטאַנד" — אַ ל צ א יי נ ס,

צו ווירקן אויסערלעכע רייצונג פון די חושים-אָרגאַנען אָדער נישט, וואָס איז אגב, זייער ניי און וויכטיק. דערביי איז עס פאַר אים, ווי פאַר אונזערע צוועקן אַ גאַנץ זייטיקע זאַך, ווו דער אַזויגערופענער אַנאַליז הערט אויף, צי מען באַטראַכט דעם גאַנצן בוים אַלס „עמפינדונג" אָדער נאָר דאָס איינצלנע בלאַט, דעם איינצלנעם שטענגל, אָדער מ'האַלט אַפילו פאַר ווירקלעך „איינפאַך" (מיט וועלכן ס'ענדיקט זיך ס'רוב דער אַנאַליז) נאָר זייער פאַרב, גרייס, קאָנסיסטענץ, גערוך און טעמפעראַטור. וואָלט מען דאָך אויפן דאָזיקן וועג געקאָנט גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אַז די גרינקייט פון בלאַט איז שוין אַ קאָמפּלעקס, אַ רעזולטאַט פון זיין קוואַליטעט, אינטענסיווקייט, העלקייט, זעטיקונג און אויסשפרייטונג, און ערשט דידאָזיקע לעצטע דאַרף מען באַטראַכטן אַלס עלעמענטן; ענלעך ווי עס קומט אָפט פאָר מיט די אַטאָמען, וועלכע האָבן שוין אַמאָל געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט די „אַמערעס" און יעצט ווידער די „עלעקטראָנען".

זענען אַלזאָ „גרין", „בלאָ", „קאַלט", „וואַרעם", „האַרט", „ווייך", „זיס", „זויער" עלעמענטן, דאַן איז כאַראַקטער לויט אַווענאַריוס יעדערליי „באַפאַרבונג", „געפילסטאָן", מיט וועלכן דידאָזיקע עלעמענטן טרעטן-אויף; ובכן נישט בלויז „אָנגענעם", „שיין", „ליבלעך", און זייערע היפוכים האָט אַווענאַריוס אָנערקענט פאַר צוגעהעריקע צו דערדאָזיקער ספערע, נאָר אויך אַזעלכע באַגריפן, ווי „מאָדנע", „פאַרטרויונגסווערט", אומהיימלעך", „באַשטענדיק", „אַנדערש", „זיכער", „באַקאַנט", „פאַקטיש", „צווייפלהאַפט" א. א. וו. א. א. וו. אַלץ, וואָס איך, למשל, בין זיך משער, גלויב, ווייס, איז „עלעמענט"; און דאָס, וואָס איך בין זיך משער, אָבער כ'גלויב נישט דערין, אָדער ווייס נישט דערפון, דערשיינט פסיכאָלאָגיש (נישט לאָגיש) אַלס „כאַראַקטער" פון „עלעמענט".

פאַראַן אָבער אַ סטאַדיום אין גייסטיקן לעבן, אין וועלכן אויך דידאָזיקע אַלגעמיינע איינטיילונג פון די פסיכישע דערשיינונגען איז פריצייטיק און נאָכנישט דורכפירבאַר. אַלע „עלעמענטן" דערשיינען נעמלעך אין זייערע

התתחלות ווי אין אַ פאַרשוווּמענעם הינטער־גרונט, אַלס „rudis indigestaque moles“ (*), אינדער־צייט ווען די כאַראַקטעריזירונג (אומגעפער בכן=געפילס־באַטאָנונג) כאַפּט דעמאָלט לעבהאַפטיק אַרום דאָס גאַנצע.

דאָס איז געגליכן צו דעם פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר, בעת מיר דערנענטערן זיך פונווייטנס צו עפּעס אַ געגנשטאַנד — צו אַ קוסט אָדער אַ קופּע האָלץ: דעם אורשפּרינגלעכן איינדרוק, דעמדאָזיקן ערשטן, מאָמענט, ווען מיר ווייסן נאָך אַ לאַנגע ווײַלע נישט, וואָס „עס“ איז אייגנטלעך — דעם מאָמענט פון דער ערשטער שטאַרקסטער אומקלאָרקייט און זיכערקייט, אָט וואָס איך בעט זיך קלאָר פאָרצושטעלן, כּדי צו פאַרשטיין דעם ווייטערדיקן המשך.

אין אָט־דעם מאָמענט איז „עלעמענט“ און „כאַראַקטער“ לחלוטין אומאונטערשיידבאַר (אומאָפּטיילבאַר זענען זיי תּמיד, לויט דער בלי־ספק ריכטיקער מאָדיפיקאַציע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך פעטצאָלדן אין אַוועגאַריוסעס אָנשויונג). צווישן אַ געדיכטן מענטשן־געדראַנג באַמערק איך, למשל, עפּעס אַ פּנים, וועמעס אָנבליק ווערט מיר תּיכּף ווידער נעלם צוליב די אומאויפהערלעך זיך באַוועגנדיקע מאַסן. כ'האָב נישט קיין שום אַנונג, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָסדאָזיקע פּנים; כ'וואָלט נישט געווען אימשטאַנד עס צו באַשרייבן אָדער אויך אָנצוגעבן כאָטש איין קענצייכן; און דאָך האָט עס מיך אַריינגעבראַכט אין דער לעבהאַפטיקסטער אויפרודערונג, און איך פרעג אין אַנגסט־פולן, גיריקן אומרו: ווו האָב איך דאָסדאָזיקע פּנים שוין פאָרט אַמאָל ערגיץ געזען? אויב עס דערזעט אַ מענטש אויף אַ „רגע“ עפּעס אַ פרויען־קאָפּ, וועלכער מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן זינלעכן איינדרוק, קאָן ער זיך אָפט אַליין נישט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס ער האָט אייגנטלעך געזען; עס טרעפט אויך, אַז ער קאָן זיך צומאָל די פאַרב פון אירע האָר געווי נישט דער־מאָנען. נויטוועגדיקער תּנאַי איז דאָ תּמיד, אַז דאָס געץ־הייטל זאָל, פולשטענדיק פאָטאָגראַפיש זיך אויסגעדריקט, במשך פון

*) אַ רויע אומגעאָרדנטע מאַסע (איב.)

אַ געגוג קורצער צייט, אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע לאַנג זיין אויסגעשטעלט אויף דער ווירקונג פונם אָביעקט.

דערנענטערנדיק זיך פון אַ גרויסן מרחק צו עפּעס אַ געגנשטאַנד, אונטערשיידט מען צוערשט נאָר זיינע גאַנץ מטושטשע קאָנטורן; דערביי עמפינדט מען זייער לעבהאַפטיקע געפילן, וועלכע טרעטן אָפּ אין דער מאָס, ווי מען דערנענטערט זיך דערצו, און מען באַנעמט שאַרפער די פּרטים. (מ׳דאַרף באַמערקן, אַז דאָ איז נישט די רייד וועגן „דערוואַרטונגס-געפילן״) לאָמיר זיך דערמאָנען צ. ב. אָן דעם ערשטן איינדריק, וואָס ס׳האָט זיך באַקומען פון אַן אַרויסגענומענעם פון זיינע נעטמענטשלעכן קליינביין, אָדער אָן געוויסע בילדער און געמעלן, וועלכע ווערן אָנגעקוקט אויף אַ האַלבן מעטער נעענטער אָדער וויטער פון דעם ריכטיקן מרחק. איך דערמאָן זיך ספּעציעל אָן דעם איינדרוק, וואָס סהאָבן אויף מיר געמאכט פּאַסאַזשן מיט צוויי-און-דרייסיקסטלעך פון בעטהאָווענשע קלאַוויר-אויסצוגן און אַ געוויסע אָפּהאַנדלונג מיט לויטער דרייפאַכיקע אינטעגראַלן, איידער כ׳האָב נאָך געקענט די נאָטן און קיין השגה נישט געהאַט וועגן אינטעגרירן. דאָס טאַקע האָבן אַוועגאַריוס און פּעטצאָלד פּאַרזען: אַז יעדעס אַרויסטרעטן פון די עלעמענטן איז באַגלייט דורך אַ געוויסער אָפּזונדערונג פון דער כאַראַקטעריסטיק (פון דער געפילס-באַטאָנונג).

אויך איינציקע דורך דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע פעסטגעשטעלטע פאַקטן קאָן מען ברענגען אין הסכם מיט די דאָזיקע רעזולטאַטן פון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג. לאָמיר פּרווון אין אַ טונקעלן צימער מאָמענטאַל ווירקן מיט אַ פאַרביקן העלן רייץ אויף אַן אויג, וואָס געפינט זיך אין צושטאַנד פון פינצטער-צופּאַסונג, וועט דער קוקנדיקער באַקומען דעם פּשוטן איינדרוק פון ליכט, נישט זייענדיק אימשטאַנד אָנצוגעבן די נעענטערע פאַרבן-קוואַליטעט פון דעם ליכט-רייץ. עס וועט זיך באַקומען דער איינדרוק פון אַן „עפּעס״, וואָס האָט נישט קיין גענויערע באַשטימטקייט, אַ „ליכט-איינדרוק בכלל״. די פּרעציזע אָנווייזונג פון דער פאַרבן-קוואַליטעט איז אַפילו נאָך דעמאָלט נישט לייכט מעגלעך, ווען דער דויער

פונם רייך ווערט פאַרלענגערט (נאַטירלעך, ביז אַ געוויסער מאָס).

פונקט אַזוי גייט אָבער פאָרויס יעדער וויסנשאַפטלעכער אַנטדעקונג, יעדער קינסטלערישער שאַפונג אַ קרובישער סטאַדיום פון טונקלקייט, וואָס איז ענלעך צו דער, פון וועלכער ז אַ ר אַ ט ו ס ט ר א רופט אַרויס זיין לערע וועגן אייביקן ווידערקער: „אַרויף, אַפגרינטלעכער געדאַנק, פון מיין טיפעניש! איך בין דיין האָן און פאַרטאָג-גראָקייט, פאַרשלאָפענער וואָרעם: שטיי אויף, שטיי אויף! זאָל שוין מיט באַגינענדיקן קרייען די שטים מיינע פון שלאָף דיך וועקן!" — אָט דער גאַנצער פּראָצעס, פון דעם פולשטענדיקן כאָאָס ביז צו דער שטראַלנדיקער העלקייט, לאָזט זיך אין זיין פאַרלויף פאַרגלייכן מיט אַ ריי בילדער, פון וועלכע מען איז אַ פּאַסיווער צוקוקער בעת דעם נאָכאַנאַנדערדיקן אראָפּציען פון עפּעס אַ פּלאַסטישער גרופּע אָדער באַרעליעף די אין אַ גרויסער צאָל איינהילנדיקע פייכטע טיכער; באַ דער אַנטהילונג פון אַ דענקמאָל איבערלעבט דער צושויער עפּעס ענלעכס. אָבער אויך, בעת איך דערמאָן זיך אָן עפּעס, צ. ב. אָן אַן ערגיץ אַמאָל געהערטער מעלאָדיע, ווערט דערדאָזיקער פּראָצעס ווידער דורכגעמאַכט, הגם אָפט אין אויסערסט פאַרקירצטער פאָרם און דערפאַר שווער צו באַמערקן. י ע ד ן נייעם געדאַנק איז מקדים אַזאַ, ווי איך וואָלט עס אָנגערופן, סטאַדיום פון „פאָרגעדאַנק", ווען עס טויכן-אויף און פאַרגייען פליסנדיקע געאָמעטרישע פיגורן, וויזועלע פאַנטאַזמען און נעפלדיקע בילדער, ווען עס באַווייזן זיך „וואַקלדיקע געשטאַלטן", פאַרשלייערטע בילדער, געהיימנישפול לאָקנדיקע מאַסקעס. אָנהויב און סוף פון דאָזיקן גאַנצן געשעען, וועלכן איך רוף אָן קורץ, פּראָצעס פון דער „לייטערונג", פאַרהאַלטן זיך אין געוויסער הינזיכט צווישן אַנאַנד ווי די איינדריקן, וועלכע אַ שטאַרק קורצזיכטיקער דערהאַלט פון זייער דערווייטערטע געגנשטאַנדן מיט און אָן די הילפגלעזער.

און פונקט ווי אין לעבן פונם יחיד (וועלכער שטאַרבט אפשר פריער, איידער ער מאַכט דורך דעם גאַנצן פּראָצעס), אַזוי אויך אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט גייען די „א נ ו נ ג ע ן" תמיד פאָרויס די קלאָרע דערקענטעניש. דאָס

אין דערזעלביקער פּראָצעס פון דער „לייטערונג", פּאַרטיילט אויף גאַנצע דורות. זאָל מען זיך דערמאָנען צ. ב. אָן די צאָלרייכע גריכישע און נייצייטיקע פּאָר־הנחות, פון דער לאמארקישער און דאַרווינישער טעאָריעס, צוליב וועלכע עס ווערן היינט געלויבט די „פּאָרלויפערס" אַזש ביז איבערדריסיקייט, אָן די פיל פּאָרגייער פון ראָבערט מאיער און העלמהאָלץ, אָן די אַלע פונקטן, ווו געטע און ליאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, וואָס אַן אמת, די פיל־זייטיקסטע מענטשן אפשר, האָבן מקדים געווען דעם שפּעטערדיקן פּאָרשריט פון דער וויסנשאַפט א. א. וו. א. א. וו. וועגן אַזעלכע פּאָרסטאַדיעס האַנדלט עס זיך געוויינלעך, בעת עס ווערט אַנטדעקט, אַז דער אָדער יענער געדאַנק איז כלל נישט ניי, אַז מ'קאָן אים אָפּגעפינען בײַ דעם און דעם. — אויך בײַ אַלע קונסט־סטילן, אין דער מאָלעריי ווי אין דער מוזיק, קאָן מען באַאָבאַכטן אַן ענלעכן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס: פון אומזיכערן אַרומטאַפּן און פּאָרזיכטיקן באַלאַנסירן ביז צום פולן נצחון. פּונקט אַזוי באַשטייט דער געדאַנקלעכער פּאָרשריט פון דער מענטשהייט אויך אין דער וויסנשאַפט כמעט אויסשליסלעך אין דער וואָס אַמאָל בעסערער באַשרייבונג און דערקענטעניש פון איינע און דיזעלביקע זאַכן; דאָס איז דער פּראָצעס פון דער לייטערונג, אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. די נייע זאַכן, וועלכע מיר דערקענען, שפּילן לגבי דעם אַ גאַנץ קנאַפּע ראָליע.

דורך וויפל מדרגות פון דייטלעכקייט און דיפערענצירטקייט קאָן דורכגיין אַ געוויסער פּאָרשטעלונגס־אינהאַלט ביז צום פולשטענדיק פּרעציזירטן, דורך קיין שום נעפל אין זיינע קאָנטורן שוין נישט פּאַרטונקלטן געדאַנק, קאָן מען זיך איבערצייגן, שטודירנדיק עפּעס אַ נייעם שווערן וויסנשאַפטלעכן געגנשטאַנד, צ. ב. די טעאָריע פון די עליפּטישע פונקציעס. וויפל גראַדן פון פּאַרשטיין מאַכט מען דאַן נישט אין זיך גופא דורך (באַזונדערס אין מאַטעמאַטיק און מעכאַניק), ביז אַלץ לייגט זיך נישט פּאַר אונז אַוועק אין פולער אָרדענונג, אין פולשטענדיקער דיספּאָזיציע, אין אומגעשטערטער און פולקאָמענער האַרמאָניע פון די איינצלנע טיילן צום גאַנצן! דידאָזיקע שטופן

אַנטשפּרעכן די איינצלנע עטאַפּן אויפן וועג פון דער לייטערונג.

דער פּראָצעס פון דער לייטערונג קאָן אויך האָבן אַ פּאַרקערטן פאַרלויף: פון דער פולשטענדיקער קלאָרקייט ביז צו דער גרעסטער מטושטשקייט. דידאָזיקע פּאַרקערטקייט פון דעם לייטערונגס-פאַרלויף איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער פּראָצעס פון פאַרגעסן; געוויינלעך שפּרייט ער זיך אויס אויף אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צייט, און נאָר צופעליק קאָן מען אים באַמערקן אויף דעם אָדער יענעם פּונקט פון זיין וועג. עס גייען אָמאָל לאיבוד אַפילו שיין דורכגעשניטענע וועגן, וויבאַלד פאַר זייער דערהאַלטונג ווערט נישט אונטערגענומען קיין שום „רעפּראָדוקציע"; פּונקט ווי פון יוגנטלעכן „פאָרגעדאַנק" אַנטוויקלט זיך דער אין גרעסטער אינטענסיווקייט אויפבליצנדיקער „געדאַנק", אַזוי ווערט אויך פון דעם „געדאַנק" גופא ידער זקנה-שוואַכער „נאָכגעדאַנק". און פּונקט ווי אַ לאַנג נישט באַטרעטענע וואַלד-סטעזשקע הויבט אָן צו פאַרוואַקסן פוןביידע זייטן מיט גראָזן און כלערליי קרייטעכצער, אַזוי פאַרווישט זיך פון טאָג צו טאָג די דייטלעכע בולטקייט פון דעם אומאויפגעפרישטן געדאַנק.

דאָס דערקלערט אויך דעם פּראַקטישן כלל, וועלכן עס האָט אַנטדעקט איינער פון מיינע פריינט*) און אים אויף זיך גופא געפּרובן באַשטעטיקט: ווער עס וויל זיך אויסלערנען עפּעס, צי איז עס אַ מוזיקאַלישע שאַפונג, אָדער אַן אָפּשניט אויס דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, דער קאָן זיך אין אַלגעמיין נישט ווידמען דערדאָזיקער פאַראייגענונגס-אַרבעט אָן איבעררייס, ער דאַרף נאָר איבערחזרן די איינצלנע טיילן פון דעם מאַטעריאַל צו עטלעכע מאָל. די פראַגע באַשטייט דערין, ווי גרויס דאַרפן אַמצוועקמעסיקסטן צו זיין די פּויזעס צווישן דעם איינעם און אַנדערן מאָל איבערחזרן? עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט — און אַזוי מוז עס געשען אין אַלגעמיין — אַז מען דאַרף זיך נעמען צו דער איבערחזרונג, כל-זמן די אַרבעט וועקט נאָך נישט אין אונז קיין פאַראינטערעסירונג, כל-זמן אונז דאַכט זיך נאָך, אַז מיר האָבן ערשט האַלבוועגס

*) הער ד״ר הערמאַן סטאָבבאַדאַ פון ווין.

באַהערשט דעם מאַטעריאַל. און בעת דער געגנשטאַנד איז שוין געניג פאַרשוואונדן פון זכרון, אַזוי אַז ער אינטערעסירט אונז שוין נישט, דערוועקט נישט קיין נייגעריקייט און וויסנס־תשוקה, דאַן זענען די רעזולטאַטן פון דער ערשטער איינאיבונג שוין פאַרווישט און לאָזן זיך מיט קיין צווייטער איבערחזרונג נישט גלייך פאַרשטאַרקן, נאָר מ׳מוז אונטערנעמען אויפסניי אַ היפּשע טייל פון דער לייטערונגס־אַרבעט.

ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין זינען פון דער זיגמונד עקסנערישער טעאָריע וועגן דעם „וועגדורכלייג", וואָס אַנטשפּרעכט אַ זייער פּאָפּולערער אָנשויונג, דאַרף מען באמת פאַרן פיזיאָלאָגישן פּאַראַלעל־פּראָצעס פון דער לייטערונג אָננעמען, אַז די נערוון־פעדים, עווענטועל זייערע פיברילן מוזן ערשט געמאַכט ווערן דורכגענגלעך פאַר די רייץ־פירונג דורך (לענגער אָנהאַלטנדיקע אָדער אָפט איבערגעחזרטע) אַפעקטן. פּונקט אַזוי וואָלט מען אויך אין פאַל פון פאַרגעסן געדאַרפט אָננעמען, אַז דער רעזולטאַט פון דאָזיקן „וועגדורכלייג" פאַר־ווישט זיך, און די דורך אים געבילדעטע מאָרפאָלאָגישע סטרוק־טור־עלעמענטן אַטראָפירן אין די איינצלנע קעמערלעך צוליב דוחק אין איבונג. די אַוועינאַריוסישע טעאָריע וועגן די אויבנדערמאָנטע קרובישע דערשיינונגען — צו דער אויסטייט־שונג פון די דידאָזיקע זאַכן האָט אַוועינאַריוס אָנגענומען אונטערשיידן פון דער „אַרטיקולאַציע" אָדער „גלידערונג" אין די מוח־פּראָצעסן (אין די „אומאָפּהענגיקע וואַקלענישן פון סי־סטעם C") — טראָגט דאָך איבער אויף אַ באמת צו איינפאַכן און צו ווערטלעכן אופן די אייגנשאַפטן פון דער „אָפּהענגיקער ריי" (פון דער פסיכישער) אויף דער „אומאָפּהענגיקער" (פיזי־שער), גלייך ווי זי וואָלט געקאָנט גילטן ספּעציעל פאַר דער פראַגע פון פסיכאָפיזישער צואָרדענונג. אַקעגן־זשע די אויסדרוקן „אַרטיקולירט", „געגלידערט" פאַר דער באַצייכענונג פון דעם אונטערשידס־גראַד פון די איינצלנע פסיכישע פאַקטן שיינען צו זיין זייער געאייגנט, און דערמיט איז דורך אונז פאַרבאַהאַלטן זייער שפּעטערדיקע אָנווענדונג צום דאָזיקן צוועק.

דער פּראָצעס פון דער לייטערונג האָט דאָ געמוזט פאַר־געשטעלט ווערן אין זיין גאַנצן פאַרלויף, כדי קענען צו לערנען

דעם אומפאַנג און תוכן פון דעם נייעם באַגריף. דאָך איז פאַר דער איצט פאָלגנדיקער באַטראַכטונג וויכטיק נאָר דער התחלה-סטאַדיום, דער אויסגאַנגס-פונקט פון דער „לייטערונג". לגבי דעם פסיכישן אינהאַלט, וואָס מאַכט ווייטער דורך דעם פּראָצעס פון לייטערונג, באַלד אין ערשטן מאָמענט פון איר דערשיינונג, לאָזט זיך נאָך נישט אָנווענדן די אַוועגאַריוסישע אונטערשיידונג פון „עלעמענט" און „כאַראַקטער". ווער עס אַקצעפּטירט בכן דידאָזיקע איינטיילונג פאַר אַלע דערשיינונגען פון דער אַנטוויקלטער פסיכע, מוז אויך איינפירן אַ נייעם באָמען פאַר דעם גייסטיקן אינהאַלט פון יענעם סטאַדיום, וווּ אַזאַ צווייענדיקייט לאָזט זיך נאָכנישט אונטערשיידן.

און אָט, נישט רעכענענדיק זיך מיט אַלע איבער די ראַמען פון דאָזיקן בוך אַרויסגייענדיקע פאָדערונגען, שלאָגן מיר דאָ פאָר דעם אויסדרוק „Henide" פאַר דער באַצייכענונג פון די פסיכישע פאַקטן אין דאָזיקן פרימיטיווסטן צושטאַנד פון זייער קינדהייט (פון גריכישן וואָרט hen, ווייל עמפינדונג און געפיל לאָזן נאָך נישט דערקענען אין זיך קיין צווייענדיקייט, אין זין פון צוויי פאַר דער אַבסטראַקציע איזאָלירבאַרע אַנאַליטישע מאָמענטן).

די אַבסאָלוטע הענידע דאַרף דערביי באַטראַכט ווערן נאָר אַלס אַ גרעניץ-באַגריף. עס וועט זיך געוויס נישט לאָזן אַזוי שנעל און זיכער באַשטימען, ווי אָפט ווירקלעכע פסיכישע איבערלעבענישן דערגרייכן אין דערוואָקסענעם עלטער פונם מענטש צו אַ מדרגה פון דיפערענצירטקייט, אָבער די טעאָריע פאַר זיך גופא ווערט דורכדעם נישט באַרירט. בכלל קאָן מען אָנרופן מיטן נאָמען „הענידע" דאָס, וואָס פאַסירט אָפט זייער פאַרשידן באַ פאַרשידענע מענטשן, אין אַ שמועס. עמיצער, למשל, האָט אַ גאַנץ באַשטימט געפיל און וויל טאַקע עפעס גאַנץ באַשטימטס אַרויסזאָגן, און אָט מאַכט אַ צווייטער אַ געוויסע באַמערקונג און דאָסדאָזיקע „עפעס" פאַרלירט זיך אַזוי, אַז ס'איז שוין אוממעגלעך עס ווידער אויפצוכאַפּן. שפּעטער ווערט אָבער דורך אַן אַסאָציאַציע פלוצלינג עפעס רעפּראָדוצירט, וועגן

וועלכן מען ווייסט גאַנץ גענוי, אַז דאָס איז דאָסזעלביקע, וואָס מ׳האָט פריער בשום אופן נישט געקאָנט אָנכאַפּן: אַ באַווייז, אַז דאָס איז געווען דערזעלביקער אינהאַלט, נאָר אין אַן אַנדער פאָרם, אויף אַן אַנדער סטאַדיום פון דער אַנטוויקלונג.

דער לייטערונגס-פּראָצעס קומט בכן פאָר אין דערדאָזיקער ריכטונג נישט בלויז אין משך פון גאַנצן אינדיווידועלן לעבן, ער מוז אויך פאַר יעדן אינהאַלט ווידער אויפסניי דורכגעמאַכט ווערן.

כ׳האָב מורא, אַז עמיצער וואָלט געקאָנט פאַרלאַנגען אַ גענויערע באַשרייבונג, וואָס איך פאַרשטיי אייגנטלעך אונטערן וואָרט הענידע. ווי זעט אויס אַזאַ הענידע? דאָס וואָלט געווען אַ פולשטענדיק מיספאַרשטייעניש. עס ליגט אין באַגריף פון דער הענידע גופא, וואָס זי לאָזט זיך נישט נענטער באַשרייבן, זייענדיק אַ פאַרנעפּלט איינצל; אַז עס קומט שפּעטער איר אידענטיפיקאַציע מיט דעם פולשטענדיק אַרטיקולירטן אינהאַלט, איז פונקט אַזאַ זיכערע זאַך, ווי דאָס, אַז די הענידע איז נאָכנישט איינגאַנצן דערדאָזיקער אַרטיקולירטער אינהאַלט גופא, אונטערשיידנדיק זיך פון אים אויף אַ געוויסן אופן דורך דעם קלענערן גראַד פון באַוווסטזיין, דורך דעם מאַנגל אין בולטקייט, דורכן צונויפשמעלצן זיך פון דער הויפּטזאַך און נעבנזאַך, דורכן מאַנגל פון אַ „בליק-פונקט” אויפן „בליק-פעלד”.

ובכן, איינצלנע הענידן קאָן מען נישט באַאַבאַכטן און נישט באַשרייבן: מ׳קאָן בלויז נעמען קענטעניש וועגן זייער פאַראַנזיין.

פּרינציפּיעל קאָן מען, אַגב, מיט די הענידן גענוי אַזוי גוט דענקען און לעבן, ווי מיט די עלעמענטן און כאַראַקטערן; יעדע הענידע איז אַן אינדיוויד און אונטערשיידט זיך זייער גוט פון יעדער אַנדערער. צוליב טעמים, וועלכע וועלן שפּעטער געבראַכט ווערן, דאַרף מען אָננעמען, אַז די איבערלעבונגען פון דער ערשטער קינדהייט (באַזונדערס איז דאָס געזאָגט געוואָרן בנוגע די ערשטע 14 חדשים אין לעבן פון אַלע אָן

אויסנאַם מענטשן) זענען הענידען, ווען אַפילו נישט אין דער אַבסאָלוטער באַדייטונג. אַלנפאַלס גייען די פסיכישע געשעענישן פון דער ערשטער קינדהייט קיינמאָל נישט ווייט אַוועק פון דעם הענידן-סטאַדיום; אינדערצייט ווען באַ אַ דערוואַקסענעם מענטש האָט שוין די אַנטוויקלונג פון אינערלעכן לעבן אַריבערגעשטיגן דידאָזיקע שטופע. אַקעגן-זשע דאַרף מען באַשיימפערלעך באַטראַכטן די הענידע פאַר דער פאָרם פון עמפינדונגס-לעבן פון די נידריקסטע אָרגאַניזמען און אפשר פון זייער פיל פלאַנצן און חיות. דער מענטש באַזיצט די פעיקייט פון דער אַנטוויקלונג פון הענידען-צושטאַנד ביז צו אַ פולשטענדיק דיפערענצירטן, פלאַסטישן עמפינדן און דענקען, ווען אַפילו דאָס זאָל פאַר אים מיט זיך פאָרשטעלן אַ קיינמאָל נישט דערגרייכבאַרער אידעאַל. באַ דער אַבסאָלוטער הענידע איז די שפראַך נאָכנישט פאָרמירט, ווייל די גלידערונג פונם רעדן פליסט אַרויס נאָר פון דער גלידערונג פונם געדאַנק; אָבער אויך אויף דער העכסטער פאַר דעם מענטשן צוטריטלעכער מדרגה פון אינטעלעקט איז פאַראַן נאָך פיל אומקלאָרס און דערפאַר אומאויסרעדבאַרס.

אינגאַנצן וויל בכן די הענידן-טעאָריע העלפן צו פאַרגלעטן דעם שטרייט צווישן עמפינדונג און געפיל וועגן דעם כבוד פון דער בכורה, און אָנשטאָט די באַגריפן „עלעמענט" און „כאַראַקטער", וועלכע זענען אַרויסגענומען דורך *אַווענאַריוסן* און *פעטצאָלדן* פון דער מיט פון דעם לייטערונגס-פראָצעס, וויל זי געבן אַן *אַנטוויקלונגס-געשיכטלעכע* באַשרייבונג פון דעם זאַך-פאַרהאַלט: אויפן סמך פון דער פונדאַמענטאַלער באַאָבאַכטונג, אַז ערשט מיט דער אויסטיילונג פון די „עלעמענטן" קאָן מען זיי אונטערשיידן פון די „כאַראַקטערן".

יעצט איז פאַרשטענדלעך, אַלמאַי דער מענטש איז באַנאַכט, מער ווי באַטאָג גענויגט צו „שטימונגען" און צו כלערליי „סענטימענטאַליזמען" — מחמת באַנאַכט זענען אַלע זאַכן באַרויבט פון יענע שאַרפע קאָנטורן, וועלכע זיי האָבן באַטאָג. בעת די נאַכט טרעט אָפ פאַרן ליכט, ענדערט זיך אויך דער דענק-אופן באַ די מענטשן.

אין וועלכער-זשע באַציונג שטייט דידאָזיקע אונטערזוכונג

צו אַ פּסיכאָלאָגיע פון די געשלעכטער? ווי אונטערשיידן זיך מ און פ לגבי די פאַרשידענע סטאַדיעס פון דער ליטערונג?—מחמת ס'איז קלאָר אַז אַט די גאַנצע לענגערע אָפּהאַנדלונג איז אונטערגענומען געוואָרן צום דאָזיקן צוועק.

דערויף דאַרף מען געבן פאָלגנדיקן ענטפער:

דער מאַנסביל באַזיצט דעם זעלביקן ווי די פרוי פּסיכישן אינהאַלט אין אַרטיקולירטער פאָרם, דאָרט, וווּ די פרוי דענקט מער אָדער ווייניקער מיט הענידן, דאָרט דענקט ער שוין אין קלאָרע, דייטלעכע פאָרשטעלונגען, צו וועלכע עס פאַרייניקן זיך קלאָר אויסגעדריקטע און תמיד פון די זאַכן אָפּגעזונדערטע געפילן. בּאַ פ איז „דענקען" און „פילן" איינס, אומגעטיילט, בּאַ מ דאַרף מען זיי אונטערשיידן. פ האָט בכן פיל איבערלעבענישן נאָך אין הענידן-פאָרם, בשעת בּאַ מ איז שוין פונלאַנג איינגעטרעטן ליטערונג*). דעריבער איז פ סענטימענטאַל, און די פרוי קען נאָר די רירונג, נישט די דערשיטערונג.

דער גרעסערער אַרטיקולאַציע פון די פּסיכישע דאַטן בּאַם מאַנסביל אַנטשפּרעכט אויך די גרעסערע שאַרפקייט פון זיין קערפּערבוי און פון זיינע פּנים-שטריכן לגבי דער ווייכקייט, פאַררונדיקטקייט, אומאַנטשיידנקייט אין דעם עכטן ווייבלעכן געשטאַלט און פיזיאָנאָמיע. ווייטער שטימען מיט דערדאָזיקער אָנשויונג די רעזולטאַטן פון די בּאַ ביידע געשלעכטער דורכגעפירטע פאַרגלייכנדיקע סענסיביליטעטס-מעסטונגען, וועלכע האָבן, קעגן דער פּאָפּולערער מיינונג, אויפגעוויזן בּאַ די מענער אַ גרעסערע חושים-עמפּינדלעכקייט שוין אין דורכשניט, און אַזעלכע אונטערשידן וואָלטן זיכער אַרויסגעטרעטן אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווייבאַלד מ'וואָלט גענומען אין באַטראַכט די טיפּן. די איינציקע אויסנאַם בילדעט דער חוש-המשוש: די טאַפּ-עמפּינדלעכקייט פון די פרויען איז דינער, איידער בּאַ די מענער. דערדאָזיקער פאַקט איז גענוג אינטערעסאַנט, און

---

*) פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן דאָ נישט טראַכטן וועגן אַבסאָלוטע הענידן בּאַ דער פרוי און נישט וועגן אַבסאָלוטער ליטערונג בּאַם מאַנ־ב־.

פאָדערט אַ גענויערע אָפּהאַנדלונג, און דאָס וועט טאַקע אויך שפּעטער געפּרווט ווערן. דאָ וועל איך נאָר באַמערקן, אַז די שמערצן-פילבאַרקייט פון מאַנסביל איז אַן אומפאַרגלייכלעך שטאַרקערע, איידער בײַ דער פרוי. דאָס לעצטע האָט אַ גע- וויסע באַדייטונג פאַר די פיזיאָלאָגישע פאָרשונגען איבער דעם „שמערץ-חוש" און זיין אָפּשיידונג פון דעם „הויט-חוש".

שוואַכע פילבאַרקייט וועט זיכער באַגינסטיקן דאָס פאַר- בלייבן פון די פּסיכישע אינהאַלטן אין דער נאָענטקייט פון העגידן-סטאַדיום ; עס לאָזט זיך אָבער נישט באַווייזן, אַז די קלענערע שטופּע פון לייטערונג זאָל זיין איר אומבאַדינגטער פועל-יוצא ; עס לאָזט זיך נאָר פעסטשטעלן, אַז זי געפינט זיך מיט איר אין אַ גאָר וואָרשיינלעכן צוזאַמענהאַנג. אַ בלי-ספק- דיקער באַווייז פאַר דער שוואַכערער אַרטיקולאַציע פון דער ווייבלעכער פאָרשטעלונגס-קראַפט ליגט אין דער גרעסערער אַנטשיידנקייט אין אורטייל בײַ די מאַנסבילן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאַקט לאָזט זיך נישט פולשטענדיק אַרויספירן בלויז פון דער קלענערער דיסטינקציע פון דענקען בײַ דער פרוי (ס'קאָן זיין, אַז ביידע פליסן אַרויס פון איין בשותּפישן טיפערן מקור). דאָך איז ווייניקסטנס דאָס איינע זיכער, אַז כּל-זמן מיר זעמיר אין זער נאָענטקייט פון העגידן-סטאַדיום, אַזוי לאַנג ווייסן מיר על-פּי-רוב גענוי נאָר דאָס, סאַראַ אייגנשאַפטן עס האָט נישט אַ געוויסע זאַך ; און דאָס ווייסן מיר תּמיד אַסך פריער, איידער מיר זעמיר נאָך אימשטאַנד פעסטצושטעלן סאַראַ אייגנשאַפטן זי באַזיצט יאָ.

דאָס, וואָס מאַך רופט אָן „אינסטינקטיווע דערפאַרונג" באַשטייט, וואָרשיינלעך, אין דעם באַזיצן פון אינהאַלטן אין העגידן-פאָרם. וואָס נעענטער מיר זעמיר צו אַזאַ סטאַדיום, אַלץ מער דרייען מיר זיך אַרום דעם געגנשטאַנד, קאָריגירן זיך כּסדר בײַ יעדן פרווו אים צו באַשרייבן און חזרן אַלץ איינייגעם איבער: „ניין. דאָס איז אויך נאָך נישט דאָס ריכטיקע וואָרט".
דער נאַטירלעכער פועל-יוצא פון אַזאַ צושטאַנד איז די אומ- זיכערקייט אין אורטיילן. ערשט מיט דער פאַרענדיקטער לייטערונג ווערט אויך אונזער אורטייל באַשטימט און פעסט: דער אורטיילס-אַקט גופא איז באַדינגט דורך

פ געוויסער דערווייטערונג פון העגידן-סטאדיום, אפילו ווען עס דארף דורך אים ארויסגעזאָגט ווערן אן אנאליטישער אורטייל, וועלכער פארמערט נישט דעם גייסטיקן פארמעג פונם מענטש.

אין דאָזיקן פאקט, וואָס פ דערוואַרט תמיד פון מ די באלייכטונג פון אירע טונקעלע פאָרשטעלונגען, די אויסטייטשונג פון די העגידן אומעטום, ווו עס דארף נאָר ארויסגעגעבן ווערן עפעס א נייער אורטייל און מ׳קאָן זיך נישט באנוגענען מיט דער איבערחזרונג פון א שוין לאנג פארטיקער סענטענץ — ליגט דער אנטשיידנדיקער באווייז פאר דער ריכטיקייט פון דער אָנשויונג, אז די העגידע איז אן אייגנשאפט פון פ, און דער דיפערענצירטער אינהאלט — אן אייגנשאפט פון מ. דעריין באשטייט דער פונדאמענטאלער קעגנזאץ צווישןביידע געשלעכטער. די דאָזיקע אין די רייד פונם מאנסביל באשיימפערלעכע גלידערונג פון זיינע געדאנקען דאָרט, ווו די פרוי האָט נישט קיין קלאָרן באוווסטזיין, ווערט פשוט דערוואַרט, געווונטשן און פארלאנגט דורך איר, אלס א (טערציערער) מענלעכער געשלעכטס-כאראקטער, און ווירקט אויף איר ווי א זעלכער. וועגן דעם גייט עס טאקע, ווען אזויפיל מיידלעך דערקלערן, אז זיי וואָלטן געוואָלט חתונה האָבן נאָר מיט אזא מאן, אָדער וויינינקסטנס געקאָנט נאָר אזא מאנספארשוין ליבן, וועלכער זאָל זיין קליגער פאר זיי. וויבאלד אָבער דער מאן שטימט גלייך איין מיט זייערע ווערטער און קאָן די זעלבע נישט ארויסזאָגן אין א בעטערער פאָרם, געפינט אזא פאקט אומחן אין זייערע אויגן און קאָן זיי אפילו אָפשטויסן אין סעקסועלער הינזיכט; קורץ, דערמיט דערקלערט זיך, אלמאי די פרוי פילט אָטאָ-דאָס טאקע אָפ אלס קריטעריום פון דער מענלעכקייט, וואָס דער מאן דאָמינירט איבער איר אויך גייסטיק. פ ווערט נאָר מענטשיק צוגעצויגן דורך אזא מאנסביל, וועמעס דענקען איר אימפאָנירט, אָפגעבנדיק דערמיט, אליין נישט ווויסנדיק דערפון, איר אנטשיידנדיקע שטים קעגן אלע גלייכהייטס-טעאָריעס.

מ לעבט באוווסטזיניק, פ לעבט אומבאוווסטזיניק. צום דאָזיקן שלוס וועגן די עקסטרעמע

טיפּן זענען מיר איצט באַרעכטיקט. פּ באַקומט איר באַוווּסטזיין פון מ. די פונקציע, באַוווּסטזיניק צו מאַכן דאָס אומבאַוווּסטזיניקע, איז די סעקסועלע פונקציע פון טיפּישן מאַנסביל לגבי דער טיפּישער פרוי, וועלכע שטייט צו אים אין פאַרהעלטעניש פון אידעאַלער דערגאַנצונג.

איצט זענען מיר צוגעקומען צום פּראָבלעם פון דער באַגאבונג: דער גאַנצער טעאָרעטישער שטרייט גייט היינט כמעט נאָר וועגן דעם, ווער ס'איז גייסטיק העכער באַגאַבט, „די מענער” אָדער „די פרויען”. דער פּאָפּולערער אופן פון אַוועקשטעלן דידאָזיקע פראַגע באַגייט זיך אָן טיפּיזירונג; דאָ איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ טעאָריע פון די טיפּן, וועלכע קאָן נישט בלייבן אָן איינפלוס אויף דער פאַרענטפערונג פון יענער פראַגע. אונז בלייבט נאָר יעצט אויפצוקלערן, אין וואָס באַשטייט דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַוועקגעשטעלטער פראַגע און דערדאָזיקער טעאָריע.

קאַפּיטל IV

באַגאַבונג און געניאַליטעט

צוטרעטנדיק צו דער באַהאַנדלונג פון דאָזיקן קאַפּיטל, האַלט איך פאַר נישט איבעריק צו מאַכן עטלעכע פעסטשטעלונגען. איך טו עס צוליב דעם, כּדי אויסצומיידן כּלערליי מיספאַרשטייענישן, וועלכע קאָנען אַנטשטיין, אַדאַנק די קעגנזעצלעכסטע אויפפאַסונגען פונם מהות פון דער געניאַליטעט מצד די פאַרשידנסטע מחברים.

דאָ האַנדלט עס זיך קודם-כּל וועגן דער אָפּגרענעצונג פון באַגריף טאַלאַנט. די פּאָפּולערע אָנשויונג ברענגט זשעני און טאַלאַנט כּמעט תּמיד אין אַזאַ פאַרבינדונג, גלייך ווי דאָס ערשטע, זייענדיק כּלומרשט אַ העכערער אָדער העכסטער גראַד פון דעם צווייטן, וואָלט זיך געקאָנט פון אים אויסבילדן דורך שטאַרקערע פּאָטענצירונג און אָנזאַמלונג פון פאַרשידענע טאַלאַנטן אין איין מענטש, אָדער גלייך ווי ס׳וואָלט לכל-הפּחות עקזיסטירט פאַרמיטלנדיקע איבערגענג צווישן ביידן. די דאָזיקע מיינונג איז פולשטענדיק גרונטלאָז. הגם עס זענען זיכער פאַראַן פילערליי מדרגות און פאַרשידן הויכע שטייגערונגען פון געניאַליטעט, האָבן פונדעסטוועגן די דאָזיקע שטופן גאָרנישט צו טון מיט דעם אַזוי גערופענעם „טאַלאַנט”. אַ טאַלאַנט, צ. ב. דעם מאַטעמאַטישן טאַלאַנט, קאָן עמיצער באַזיצן אין אויסערגעוויינלעכן גראַד פון געבוירן אָן; ער וועט דאַן זיין אימשטאַנד די שווערסטע קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט מיט לייכטער מי זיך צו פאַרייגענען; אָבער קיין געניאַליטעט, וואָס איז דאָסזעלביקע ווי אָריגינאַליטעט, אינדיווידואַליטעט און באַדינג פון אייגענער פּראָדוקטיוויטעט, ברויך ער דערצו לגמרי נישט באַזיצן. אַקעגן-זשע זענען פאַראַן הויכגעניאַלע מענטשן, וועלכע האָבן נישט אַנטוויקלט קיין ספּעציעלן טאַלאַנט

אין א באזונדערס הויכן גראד. ביישפילן: נאוואליס, זשאן פאל.

דער זשעני איז בכן בשום אופן נישט קיין העכסטער סופערלאטיוו פון טאלאנט; א תהום פון א גאנצער וועלט טיילט זיי אפ צווישן זיך, זיי זענען ביידע פון דורכאויס פארשידנארטיקער נאטור, נישט צו מעסטן מיטאנאנד און נישט צו פארגלייכן צווישן זיך. דער טאלאנט איז ירושהדיק, ער קאן זיין א בשותפותדיקער קנין פון א פאמיליע (די באכס); דער זשעני איז נישט איבערטראגבאר, ער איז נישט קיין משפחהדיקער קנין, נאר תמיד אן אינדיווידועלער (יאהאן סעבאסטיאן).

בא פיל לייכט זיך צו־פארבלענדן־לאזנדיקע מיטלמעסיקע קעפ, בפרט אבער בא די פרויען, גילט אין אלגעמיין גייסטרייך און געניאל אלס דאסזעלביקע. די פרויען האבן נישט קיין שום חוש פאר געניאליטעט, הגם לפנים וואלט זיך געקאנט אויסווייזן אנדערש; זייער סעקסועלע אמביציע באפרידיקט זיך פולשטענדיק מיט יעטוועדער עקסטראוואגאנץ, וועלכע טיילט אויס דעם מאנסביל פון צווישן די אים ארומרינגלענדיקע מענטשן; זיי פארבייטן דעם דראמאטיקער מיט דעם שוישפילער, און מאכן נישט קיין שום חילוק צווישן ווירטואז און קינסטלער. און אזוי גייט בא זיי אויך אן דער גייסטרייכער מענטש אלס דער געניאלער, ניטשע אלס דער טיפ פון זשעני. און דאך האט דאס גאנצע פראנצויזנטום פון זיין גייסט, וואס זשאנגלירט נאר מיט זיינע איינפאלן, צומאל די ווייטסטע שייכות נישט מיט דער אמתדיקע גייסטיקער הויך. גרויסע מענער נעמען זיך גופא און די וועלט צו ערנסט, אז זיי זאלן אפטער ווי געלעגנהייטלעך זיין „גייסטרייך“. מענטשן, וועלכע זענען גארנישט מער ווי נאר „גייסטרייך“, פארמאגן נישט קיין שום הייליקייט; דאס זענען אזעלכע, וואס נישט לאזנדיק זיך פארשלונגען פון די ענינים, פארנעמען זיי זיך אויך מיט זיי קיינמאל נישט אויפריכטיק און טיף, און בא וועלכע די חבלי־לידה קומען נישט פאר לאנג און שווער. עס גייט זיי נאר דערין, אז זייער געדאנק זאל פינקלען און שימערירן ווי א פרעכטיק צוגעשליפענער דימענט, אבער נישט,

אַז ער זאָל אויך עפּעס באַלײַכטן! און דאָס שטאַמט דערפֿון, וואָס זיי זענען קודם-כּל אויסן דאָס, וואָס די אַנדערע זאָלן וועגן דעמדאָזיקן געדאַנק זאָגן — אַן אײַנזען, וואָס איז דורכאויס נישט תּמיד „אײַנזענספֿול". פֿאַראַן מענער, וועלכע זענען גרייט חתונה צו האָבן מיט אַ פֿרוי, וועלכע לאָקט זיי בשום אופֿן נישט, נאָר בלויז דערפֿאַר, ווײַל זי געפֿעלט אַ נ ד ע ר ע. און אַזעלכע „חתונות" שליסן אויך טייל מענטשן מיט זייערע אייגענע געדאַנקען. כ'האָב דאָ אויפֿן געדאַנק אַ געוויסן אויטאָר, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ בייזהאַפֿטיקן, גראָבייִנגישן, באַלײדיקנדיקן אופֿן פֿון שרײַבן: אים דוכט זיך, אַז ער ברילט ווי אַ לייב, און אינדערעמתן בילט ער נאָר.

לײדער שײַנט אויך פֿ ר י ד ר י ך נ י ט ש ע, אין זײַנע שפּעטערדיקע שריפֿטן (ווי דערהויבן ער זאָל נישט שטיין איבער דעם פֿאַרגלײַך מיט יענעם) צו זײַן טיילמאָל קודם-כּל פֿאַראינטערעסירט דערין, וואָס איז לויט זײַן השערה מחויב געווען רעכט צו שאָקירן דעם עולם. ער איז אָפֿט גראָד דאָרט צום אייטלסטן, ווו ער ש ײַ נ ט צו זײַן צום ריקזיכטלאָזסטן. דאָס איז די אייטלקייט פֿון שפּיגל גופֿא, וועלכער בעטלט אויס מיט עקשנות די אָנערקענונג פֿון געשפּיגלטן: זע, ווי גוט, ווי ר י ק-ז י כ ט ס ל אָ ז איך שפּיגל אָפּ! — אין דער יוגנט, כּל-זמן דער מענטש פֿילט נאָך זײַן אייגענע אומפֿעסטקייט, באַמיט זיך יעדער צו פֿאַרפֿעסטיקן זײַן „איך" דורכדעם, וואָס ער אַטאַקירט אַנדערע; אָבער לײדנשאַפֿטלעך-אַגרעסיווע זענען גאַנץ גרויסע מענער תּמיד נאָר אויס נויטווענדיקייט. נישט זיי זענען געגליכן צו דעם פֿרישן סטודענט אין געיעג נאָך זײַן ערשטן דועל, אָדער צום יונגן מיידל, וועלכע אַנטציקט זיך מיט איר נײַעם טואַלעט קודם-כּל צוליב דעם, ווײַל זי וועט דערוועקן אַזאַ קנאה צווישן אירע „חברטעס".

זשעני! געניאַליטעט! סאַראַ געפֿילן האָט אַלץ נישט אַרויסגערופֿן בײַ דער מערהייט מענטשן דערדאָזיקער פּענאָמען! וויפֿל אומרו, שנאה, קנאה, נישטפֿאַרגינערײַ און דערנידערונגס-דורשט! וויפֿל אומפֿאַרשטייעניש — און צוזאַמען דערמיט וויפֿל נאָכמאַכונגס-דראַנג! „ווי ער הוסט און ווי ער שפּײַט"...

לײַכט שײדן מיר זיך מיט די אימיטאַציעס פֿון זשעני,

פדי איבערצוגיין צו אים גופא און זיינע עכטע פאַרקערפּערונגען.
אָבער באמת! פון וואָס עס זאָל דאָ נישט אָנגעהויבן ווערן אונזער באַטראַכטונג, וועט לגבי דער אומענדלעכער, קאָמפּליצירטער שפע פון דער טעמע פאָרט בלייבן באַם פאָרשער די ווילקירלעכע בחירה פון אויסגאַנגס-פּונקט. אַלע קוואַליטעטן, וועלכע מען מוז באַצייכענען אַלס געניאַלע, זענען מיט זיך אַזוי ענג פאַרבונדן, אַז אַ פאַראייַנצלטע באַטראַכטונג פון וועלכער פון זיי, מיט דער דעה אויפצושטייגן ביסלעכווייז צו העכערער אַלגעמיינקייט, וואָלט געווען אויסגעשטעלט אויף אומגעהויערע שוועריקייטן: בעת דעם פאָרשטעלן פון דער זאַך וואָלט מען געדאַרפט כסדר מורא האָבן פאַרן נסיון פון פריצייטיקער פאַר-קיילעכונג פונם גאַנצן און פאַר דער דראָענדיקער אומפעיקייט פון אַרויסזאָגן זיך אין דעם איזאָלירנדיקן מעטאָד.
אַלע ביזאַהעריקע באַטראַכטונגען איבער דעם מהות פון געניאַליטעט זענען פון ביאָלאָגיש-קלינישער נאַטור און דער-קלערן מיט לעכערלעכער איינרעדעניש דאָס קאַפּעטשקע ווייסן אויפן דאָזיקן געביט פאַר געגוגנדיק צו דער פאַרענטפערונג פון די קאָמפּליצירטסטע און טיפסטע פּסיכאָלאָגישע פראַגעס. אָדער זיי נידערן אַראָפּ פון דער הויכעניש פון אַ מעטאַפיזישן שטאַנדפּונקט, כדי אויפצונעמען די געניאַליטעט אין זייער סיסטעם. וויבאַלד דער דאָ דורך אונז אויסגעוויילטער וועג פירט נישט אויפאַמאָל צו אַלע צילן, ליגט דאָס טאַקע אין זיין נאַטור פון אַ וועג.
לאָמיר אָקאָרשט אַ טראַכט טון, אויף וויפל דער גרויסער דיכטער קאָן זיך בעסער אַריינפילן אין די מענטשלעכע נשמות, איידער דער דורכשניטלעכער מענטש. לאָמיר זיך נאָר פאַר-טראַכטן וועגן דער אומגעווייַנלעכער צאָל כאַראַקטערן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך שעקספּירן און אוירופּי-דעסן; אָדער לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דער אומגעהויערער פילערלייקייט פון די פּערזאָנען, וועלכע טרעטן אויף אין זאָלאַס ראָמאַנען. היינריך פאָן קלייסט האָט געשאַפן צוויי פול-שטענדיק קעגנזעצלעכע טיפּן: פריער פּענטעזילעאַ, און דער-נאָך — קעטכען פאָן היילבראָן. מיקעל אַנדזשעלאָ האָט מיטן כוח פון זיין פאַנטאַזיע פאַרקערפּערט די לעדאַ און די

דערפישע סיבילע. פאַראַן אפשר ווינציק מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן געווען אַזוי ווייניק שילדערנדיקע קינסטלער ווי ע מ אַ־נועל ק אַ נ ט און ש ע ל ל י נ ג, און דאָך זענען זיי די, וועלכע האָבן אַרויסגעזאָגט די טיפסטע אמתן וועגן דער קונסט.

כדי אַ מענטשן צו דערקענען אָדער שילדערן, מוז מען אים קודם־כל פ אַ ר ש ט י י ן. כדי אָבער אַ מענטשן צו פאַר־שטיין, דאַרף מען האָבן עפּעס אַן ענלעכקייט מיט אים, מען מוז זיין אַזעלכער, ווי ער; כדי צו קאָנען זיינע האַנדלונגען איבערשאַפן און אָפּשאַצן, דאַרף מען באַזיצן די פעיקייט אויס־צובילדן אין זיך גופא די פסיכאָלאָגישע תנאים, וועלכע האָבן זיי אַרויסגערופן: פ אַ ר ש ט י י ן אַ מ ע נ ט ש ן ה י י ס ט — ה אָ ב ן א י ם א י ן ז י ך. מען דאַרף ענלעך זיין צום גייסט, וועלכן מ׳וויל באַגרייפן. דערפאַר פאַרשטייט דער הולטאַי תמיד גוט נאָר דעם אַנדערן הולטאַי, אַן אָנשטענדיקער מענטש ווידער וועט קיינמאָל נישט זיין אימשטאַנד תופס צו זיין יענע לייט, נאָר תמיד אַן ענלעכע צו זיך גוטמוטיקייט. אַ פאָזער באַ־טראַכט כמעט תמיד די האַנדלונגען פון אַנדערע מענטשן פאַר פאָזעס און איז בכוח ראַשער דורכצודרינגען דעם צווייטן פאָזער, איידער דער פּשוטער מענטש, אין וועלכן דער פאָזער פון זיין זייט איז קיינמאָל נישט אימשטאַנד רעכט צו גלויבן. אַ מ ע נ ט ש ן פ אַ ר ש ט י י ן ה י י ס ט ב כ ן: ז י י ן ע ר א ל י י ן.

לויט דעם אָבער וואָלט אויסגעקומען, אַז יעדער מענטש דאַרף זיך גופא צום בעסטן פאַרשטיין, און דאָס איז געוויס נישט ריכטיק. קיין שום מענטש קאָן זיך גופא נישט פאַרשטיין, מחמת דערצו וואָלט ער געמוזט אַרויסטרעטן פון זיך גופא, דערצו וואָלט דער סוביעקט פון דערקענען געמוזט האָבן די מעגלעכקייט צו ווערן אָביעקט. פּונקט אַזוי, ווי כדי צו פאַרשטיין דעם אוניווערס, דאַרף מען פאַרנעמען אַ שטאַנד־פּונקט, וואָס ליגט מחוץ דעם גבול זיינעם, און דאָס איז סותר דעם באַגריף פון אַן אוניווערס. ווער ס׳וואָלט זיך גופא געקאָנט פאַרשטיין, דער וואָלט געקאָנט פאַרשטיין די גאַנצע וועלט. אַז דערדאָזיקער כלל גילט נישט בלויז אַלס אַ פאַרגלייך, נאָר עס שטעקט אין אים אַ זייער טיפער זין, וועט זיך ביסלעכווייז אַרויסווייזן אין לויף פון דער אונטערזוכונג. לעת־עתה איז

זיכער, אַז דער מענטש איז נישט בכּוח אַליין צו פאַרשטיין זיין טיפסטן אייגנסטן מהות. און דאָס איז אַן אומצווייפלהאַפטע זאַך: אויף וויפל מען ווערט איבערהויפּט פאַרשטאַנען, איז עס קיינמאָל נישט דורך זיך אַליין, נאָר תּמיד דורך אַנדערע. דער־דאָזיקער אַנדערער דאַרף אומבאַדינגט באַזיצן אַ געוויסע ענ־לעכקייט מיט אונז, הגם אין אַלע אַנדערע הינזיכטן מעג ער זיך פון אונז ווייט אונטערשיידן; דידאָזיקע ענלעכקייט קאָן ווערן צום געגנשטאַנד פון זיין באַטראַכטונג, ער קאָן זיך אין יענעם, אַדער יענעם אין זיך דערקענען, שילדערן, פאַרשטיין. אַ מענטשן פאַרשטיין הייסט בכן: אויך ער זיין.

דער געניאַלער מענטש אָבער האָט זיך פאַר אונז אַרויס־געוויזן אין די געבראַכטע ביישפּילן אַלס דער מענטש, וואָס פאַרשטייט אומפאַרגלייכלעך מער וועזנס, איידער דער דורכשניט־לעכער מענטש. געטע האָט געזאָלט זאָגן וועגן זיך, אַז ס'איז נישטאָ קיין חטא און קיין פאַרברעכן, צו וועלכן ער זאָל נישט האָבן געשפּירט אין זיך אַ נייגונג און וועלכן ער האָט נישט געזאָלט האָבן פולשטענדיק פאַרשטאַנען אין אַ געוויסן מאָמענט פון זיין לעבן. דער געניאַלער מענטש איז בכן קאָמפּליצירטער צונויפגעזעצטער, רייכער; און פאַר אַלץ געניאַלער דאַרף מען באַטראַכטן אַ מענטש, וואָס מער מענטשן ער פאַרייניקט אין זיך, און — דאַרף מען צוגעבן — וואָס לעבעדיקער, מיט וואָס גרעסערער אינטענ־סיווקייט ער האָט אין זיך די אַנדערע מענטשן. ווען דאָס פאַרשטענדניש פון דער נאָענטער פּערזאָן וואָלט געברענט אין אים נאָר ווי אַ שוואַך פּייערל, דאַן וואָלט ער נישט אימשטאַנד געווען, אַלס גרויסער דיכטער, אָנצוצינדן אין זיינע העלדן דעם מעכטיקן פלאַם פון לעבן, זיינע פיגורן וואָלטן געווען אָן מאַרך און ביינער. דער אידעאַל פון אַ קינסטלערישן זשעני איז טאַקע צו לעבן אין אַלע מענטשן, צו פאַרלירן זיך אין אַלע, צו צעפליסן זיך אין דער פילקייט; אינדערצייט ווען ד' אויפגאַבע פון פילאָזאָף איז אַלע אַנדערע אין זיך אָפּצוגעפינען, צו ברענגען זיי צו אַן איינהייט, וועלכע ווערט טאַקע תּמיד זיין נאָר זיין אייגענע איינהייט.

דידאָזיקע פּראָטעוס־נאַטור פון זשעני, פונקט ווי פריער

די ביסעקסואַליטעט, דאַרף מען נישט אויפפאַסן אַלס סימולטאַניטעט; אויך דעם גרעסטן זשעני אין דער וועלט איז עס נישט געגעבן גלייכצייטיק, אין איין און דעמזעלביקן טאָג, למשל, צו פאַרשטיין דעם מהות פון אַלע מענטשן. די אומפאַסנדיקסטע און אינהאַלטפולסטע גייסטיקע פעיקייט פון אַ מענטשן קאָן זיך נאָר פאַמעלעך אין דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון זיין גאַנץ וועזן אַנטפלעקן; וואָרשיינלעך קומט אויך זי צום אויסדרוק אין אַ באַשטימטן אָפלויף פון געזעצמעסיקע פעריאָדן. דידאָזיקע פעריאָדן איבערחזרן זיך אָבער אין משך פונם לעבן נישט אויף קיין גלייכן אופן, גלייך ווי יעדער וואָלט נאָר געווען די געוויינלעכע איבערחזרונג פון דעם פריערדיקן, נאָר אַזויצוזאָגן אין אַ תמיד העכערער ספערע; נישט פאַראַן קיין צוויי מאָמענטן פון אינדיווידועלן לעבן, וועלכע זאָלן זיין פולשטענדיק ענלעך צואַנאַנד; און צווישן די שפעטערדיקע און פריערדיקע פעריאָדן עקזיסטירט נאָר די ענלעכקייט פון די פונקטן פון דער העכערער ספיראַל-ליניע מיט די אַנאַלאָגישע פונקטן פון דער נידריקער.

פונדאַנען שטאַמט עס, וואָס אַזויפיל באַדייטנדיקע מענטשן מערקן זיך אָן נאָך אין זייער יוגנט דעם פלאַן פון אַ געוויסן ווערק, און נאָך אַ לאַנגער הפסקה באַאַרבעטן זיי אין מענלעכן עלטער אויפסניי דעם דורך לאַנגע יאָרן פאַרנאַכלעסיקטן געדאַנק און ווידער אים אוועקשטעלנדיק אָן אַ זייט, טרעטן זיי ערשט צו אין טיפן עלטער צו רעאַליזירן זייער פאָרגענומענעם פלאַן. דאָס זענען די פאַרשידענע פעריאָדן, וועלכע טרעטן נאָכאַנאַנד אויף אין זייער לעבן און וועלכע זענען תמיד אויסגעפילט מיט די פאַרשידנסטע געגנשטאַנדן. אַזעלכע פעריאָדן עקזיסטירן באַ יעדן מענטש, נאָר מיט פאַרשידענער אינטענסיווקייט, מיט פאַרשידענעם „אַמפליטיוד". היות ווי דער זשעני אַנטהאַלט אין זיך מיט דער גרעסטער לעבהאַפטיקייט די מערהייט מענטשן, וועט דער „אַמפליטיוד" פון די פעריאָדן זיין אַלץ אויסגעשפראָכענער, וואָס באַדייטנדיקער אַ מענטש איז אין גייסטיקער הינזיכט.

הויכבאַגאַבטע מענטשן הערן דערפאַר ס'רוב שוין אין דער יוגנט מצד זייערע דערציער דעם פאָרוואורף, אַז זיי פאַלן

כסדר אַריין פון „איין עקסטרעם אין אַנדערן". גלייך ווי זיי וואָלטן עס געטון פון אייגענעם פאַרגעניגן וועגן! גראָד בײַ באַגאַבטע מענטשן נעמען אָן אַזעלכע איבערגענג אַ בולט קריזיסהאַפטיקן כאַראַקטער. ג ע ט ע האָט אַמאָל גערעדט וועגן דער „איבערגעחזרטער רייפקייט" בײַ די קינסטלער. זיין געדאַנק איז ענג פאַרבונדן מיט אונזער ענין.

מחמת גראָד די שטאַרקע פעריאָדישקייט פון זשעני ברענגט מיט זיך דאָס, וואָס בײַ אים פאָלגן תּמיד די פּראָדוק־טיווע יאָרן ערשט נאָך די אומפּרוכטבאַרע, און נאָך די זייער שעפערישע פעריאָדן קומען תּמיד ווידער אָן זייער אומפּרוכט־באַרע צייטן — און צייטן, אין וועלכע ער האַלט פון זיך לגמרי נישט, יאָ, פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש (נישט לאָגיש) האַלט ער דאַן פון זיך ווייניקער, א י י ד ע ר פ ו ן י ע ד ן אַ נ ד ע ר ן מ ע נ ט ש: פּייניקט דאָך אים די דערינערונג פון דעם שאַפונגס־פעריאָד, און קודם כּל — ווי פ ר ײ זעט ער אַרומגיין די אַלע, וועלכע זענען נישט באַלעסטיקט מיט אַזעלכע דערינערונגען! פּונקט ווי זיינע עקסטאַזן זענען מעכטיקער ווי בײַ די אַנדערע מענטשן, אַזוי זענען אויך זיינע דעפּרעסיעס מוראדיקער.

יעדער באַדייטנדיקער מענטש גייט דורך אַזעלכע פעריאָדן, קירצערע און לענגערע; צייטן, ווען אין פולשטענדיקן יאוש וועגן זיך גופא קאָן ער דערגיין אַפילו צו זעלבסטמאָרד־געדאַנ־קען, צייטן, אין וועלכע עס קומען אים, אמת, אויך פאַרשיי־דענע איינפאַלן אין קאָפּ, און קודם־כּל ווערט אין אים פאַרזעצט אַ מענגע זאַכן פאַר אַ שפּעטערדיקן שניט; אין וועלכע אָבער עס דערשיינט קיינזאַך נישט מיטן מעכטיקן חותם פון דעם פּראָ־דוקטיוון פעריאָד. מיט איין וואָרט: נ י ש ט אָ ד ע ר ש ט ו ר ע ם. דאָס זענען צייטן, ווען דער זשעני, וואָס פּרוּווט פונדעסטוועגן ווייטער צו שאַפן, הערט כּסדר פון אַלע זייטן: „ווי ער איז געפאַלן!" — „ווי ער האָט זיך אויסגעשעפּט!" — „ווי ער חזרט זיך איבער!" א. א. וו.

אָבער אויך די אַנדערע אייגנשאַפטן פון געניאַלן מענטש, נישט בלויז ער גופא, נאָר אויך דער שטאָף, פון וועלכן ער שאַפט, דער גייסט, מיט וועלכן ער באַלעבט זיין שאַפונג, זענען אונטערגעוואָרפן שינויים און שטאַרקער פעריאָדישקייט. איינמאָל

איז ער מער רעפלעקסירנדיק און וויסנשאַפטלעך, דאָס אַנדערע מאָל מער געשטימט צו קינסטלערישער געשטאַלטונג (געטע); צוערשט קאָנצענטרירט זיך זיין אינטערעס אויף דער מענטשלעכער קולטור און געשיכטע, דערנאָך ווידער אויף דער נאַטור (ניטשעס „אומצייטמעסיקע באַטראַכטונגען" אין פאַרגלייך מיט זיין „זאַראַטוסטראַ"); אַט איז ער מיסטיש, דערנאָך נאַיוו (אַזעלכע ביישפּילן האָבן אונז געגעבן אין דער לעצטער צייט מאָריס מעטערלינג און בייראָן). יאָ אַזוי גרויס איז אין דעם באַגאַבטן מענטש דער „אַמפּליטיוד" פון די פּעריאָדן, אין וועלכע עס עפענען זיך אָפּ אין דער ריי די פאַרשידענע זייטן פון זיין מהות, און עס פאָלגן נאָכאַנאַנד די פיל מענטשן, וועלכע לעבן מיט פולער אינטענסיווקייט אין זיין גייסטיקן „איך" אַזוי, אַז דידאָזיקע פּעריאָדישקייט אַנטפּלעקט זיך אויך פיזיאָנאָמיש דייטלעך. מ'וואָלט געקאָנט דערמיט דערקלערן די אויפפאַלנדיקע דערשיינונג, וואָס בא אַ באַגאַבטע מענטשן איז דער אויסדרוק פון פּנים פיל אָפטער פאַרענדערט, איידער בא אַ אומבאַגאַבטע, און אַז זיי קאָנען אַפילו צו פאַרשידענע צייטן האָבן אומגלויבלעך פאַרשידענע פּנימער; ס'איז גענוג בלויז צו פאַרגלייכן די פּאָרטרעטן פון געטע, בעטהאָווען, קאַנט, שאָפּענהויער פאַר די פאַרשידענע עפּאָכעס פון זייער לעבן! מ'קאָן די צאָל פּנימער, וועלכע אַ געוויסער מענטש באַזיצט, פּשוט באַטראַכטן פאַר אַ פיזיאָנאָמיש קריטעריום פון זיין באַגאַבונג*). מענטשן, וועלכע ווייזן תמיד אויף איין און דאָסזעלביקע, פולשטענדיק אומפאַרענדערטע פּנים, שטייען אויך אין אינטעלעקטועלער הינזיכט זייער נידריק. דערקעגן וועט עס דעם פיזיאָנאָמיסט נישט וווּנדערן, וואָס באַגאַבטערע מענטשן, וועלכע אַנטפּלעקן אויך אין געזעלשאַפטלעכן פאַרקער און אין שמועס אַלץ נייע שטריכן פון זייער וועזן, און וועגן וועלכע מ'קאָן זיך דעריבער נישט אַזוי גיך אויסאַרבעטן אין געדאַנק אַ פאַרטיקן

*) איך באַנוץ דאָס וואָרט באַגאַבונג, כדי ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן דאָס וואָרט געניאַליטעט, און כ'באַצייכן דערמיט יענע נטיה, וועמעס העכסטע שטייגערונג ס'איז די געניאַליטעט. באַגאַבונג און טאַלאַנט ווערן דאָ בכן שטרענג פונאַנדערגעשיידט.

אורטייל, באַשטעטיקן דידאָזיקע אייגנשאַפט אויך מיט זייער אויסזען.

זייער מעגלעך, אַז די דאָ אַנטוויקלטע פּאָרלויפּיקע פאָרשטעלונג פון זשעני וועט אָנטרעפן אויף פאַרדראָסיקע פאָר־וואורפן, מחמת פון איר דרינגט נויטווענדיקערווייז אַרויס, אַז אַ שעקספּיר האָט געמוזט אין זיך האָבן די גאַנצע געמיינקייט פון אַ פּאַלסטאָף, די גאַנצע גבזהדיקייט פון אַ יאַגאָ, די גאַנצע רויקייט פון אַ קאַליבאַן; דאָס דערנידעריקט בכן מאָראַ־ליש גרויסע מענטשן, צושרייבנדיק זיי דאָס אינטימסטע פאַר־שטענדעניש אויך פאַר יעדער מיאוסקייט און נישטיקייט. און מען מוז מודה זיין, אַז לויט דערדאָזיקער אויפפאַסונג זענען די געניאַלע מענטשן אָנגעפילט מיט די צאָלרייכסטע און העפטיק־סטע ליידנשאַפטן און זענען נישט פריי אַפילו פון די מיאוסטע אינסטינקטן (וואָס איז איבריקנס דורך זייערע ביאָגראַפן איבע־ראַל באַשטעטיקט געוואָרן).

אָבער יענער פאָרוואורף איז פונדעסטוועגן אומבאַרעכטיקט. דאָס וועט זיך נאָך אַרויסווייזן פון דער שפּעטערדיקער פאַר־טיפונג פונם פּראָבלעם; לעת־עתה איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָר אַן אויבערפלעכלעך דענקען קאָן מאַכן אַזאַ אויספיר פון די ביז יעצט אַרויסגעבראַכטע הנחות, וועלכע זענען גיכער אַליין שוין אַ געגנוגנדיקע באַוואָרשיינלעכונג פון דעם היפּכדיקן אויס־פיר. זאָלאַ, וועלכער קען אַזוי אויסגעצייכנט דעם אימפּולס צום מאָרד אויס תאווה, וואָלט פונדעסטוועגן קיינמאָל אַליין נישט באַגאַנגען קיין ענלעכן מאָרד, און טאַקע דערפאַר, ווייל אין אים גופא איז פאַראַן נאָך אַזויפיל אַנדערס. דער אמתדיקער מערדער פון דאָזיקן מין איז דער קרבן פון זיין תאווה; אין דעם קינסטלער, וועלכער שילדערט אים, שטעלט זיך דעם נסיון אַנטקעגן דאָס גאַנצע עשירות פון זיין גייסטיקער וועלט. דאָס איז גורם דערצו, אַז זאָלאַ זאָל אַזאַ מערדער קענען פיל בעסער, איידער יעדער אמתדי־קער תאווה־מערדער קען זיך גופא; אָבער דערקענען אים וועט ער בכוח זיין נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט באמת זיין אויס־געשטעלט אויף אַן ענלעכן נסיון; און דורכדעם שטייט דער קינסטלער פנים אל פנים מיטן נסיון, אין דער פולער גרייטקייט

אים צו דערשטיקן און קאָן זיך דערפאַר קעגן אים ווערן אויפן דראָזיקן אופן ווערט פ אַ ר ג ײ ס ט י ק ט דער פאַר־ברעכערישסטער אינסטינקט אינם גרויסן מענטש, ער ווערט צום קינסטלערישן מאָטיוו, ווי בײַ ז אָ ל אַ, אָדער צו פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע פון „ראַדיקאַלן שלעכטס”, ווי בײַ ק אַ נ ט ן, און דעריבער פירט ער אים נישט צום פאַרברעכערישן ט אַ ט.

פון דער גרויסער שפע מעגלעכקייטן, וועלכע זענען פאַראַן אין יעדן באַדייטנדיקן מענטשן, פליסן אַרויס זייער וויכטיקע קאָנסעקווענצן, וועלכע פירן אונז צוריק צו דער דורך אונז אין ערשטן קאַפּיטל אַנטוויקלטע העגידן־טעאָריע. דאָס, וואָס מ׳האָט אין זיך, באַמערקט מען גיכער איידער דאָס, וואָס מ׳פאַרשטייט נישט (אין קעגנפאַל וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין שום פאַרקער צווישן מענטשן — זיי ווייסן ס׳רוב כלל נישט, ווי אָ פ ט זיי פאַרשטייען נישט איינער דעם אַנדערן); דעם זשעני, וועלכער פ אַ ר ש ט ײ ט אַזויפיל מער פון יעדן פשוטן בשר־ודם, וועט בכן אויך מער א ו י פ פ אַ ל ן, איידער דעמדאָזיקן. דער אינטריגאַנט וועט לײַכט באַמערקן, ווען עמיצער איז צו אים ענלעך; דער לײַדנשאַפטלעכער שפּילער וועט תיכף באַמערקן, ווען עמיצער פאַרראַט אַ חשק צום שפּיל, אינדערצייט ווען דאָס וועט ס׳רוב אַנטגיין דער אויפמערקזאַמקייט פון אַנדערע מענטשן, וועלכע זענען אַנדערש געשטימט. „Der Art versiehst du dich besser“ זאָגט ו ו אַ ג נ ע ר ס „זיגפריד”. בנוגע דעם מער קאָמפּליצירטן מענטש איז געווען געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט יעדן מענטש בעסער, איידער דער לעצטער זיך גופא, מיטן תנאי, אויב ער איז דערדאָזיקער מענטש, און צוגלײַך נאָך עפּעס מער, ג ע נ ו י ע ר, ווײַבאַלד ע ר ה אָ ט א י ן ז י ך ד ע מ ד אָ ז י ק ן מ ע נ ט ש און אויך זײַן היפוך.

די צווייענדיקייט איז תמיד דער נויטווענדיקער תנאי פון באַמערקן און באַגרײַפן; אויף דער פראַגע וועגן דעם קאַרדינאַלסטן באַדינג פון באַוווסטזײַן, פון דער „אויסטיילונג”, ענטפערט די פּסיכאָלאָגיע, אַז אַזאַ נויטווענדיקער תנאי, איז דער ק אָ נ ט ר אַ ס ט. ווײַבאַלד ס׳וואָלט מערנישט עקזיסטירט ווי אַן איינפאַרביקע גראָקייט, וואָלט קיינער נישט געהאַט דאָס באַוווסטזײַן, אַ פשיטא שוין דעם באַגריף פון פאַרב; אַבסאָלוטע

איינטעניקייט פון אַ געוויש רופט אַרויס באַם מענטש אַ שנעלן שלאָף: צווייהייט (דאָס ליכט, וואָס טיילט און אונטערשיידט די זאַכן, איז די סיבה פון וואַכדיקן באַוווּסטזיין.

דערפאַר קאָן קיינער זיך גופא נישט פאַרשטיין, ווען ער זאָל אַפילו זיין גאַנץ לעבן אומאיבערייסלעך איבער זיך נאָכדענקען, דער מענטש קאָן תמיד פאַרשטיין אַן אַנדערן, צו וועלכן ער איז טאַקע ענלעך, אָבער דידאָזיקע ענלעכקייט שעפּט נישט אויס אַלע זייטן פון זיין גייסטיקער וועלט; ער האָט נאָר אין זיך פון זיין היפּוך אַזויפיל, וויפל פון אים אַליין. מחמת אין דערדאָזיקער פאַרטיילונג ליגן די גינציגסטע תנאים פאַר דעם פאַרשטענדעניש: דער פריער דערמאָנטער פאַל פון קלייסט־ ובכן, פאַרשטיין אַ מענטש הייסט האָבן אין זיך דעמדאָזיקן מענטש און דעם היפּוך זיינעם.

אַז בכּלל גענומען מוז זיך אין זעלביקן מענטש תמיד צונויפגעפינען אַ גאַנצע ריי קעגנזאַץ-פּאָרן, כדי ער זאָל זיך קאָנען באַוווּסטזיניק מאַכן כאָטש וועגן איין גליד נאָר פון יעדער פּאָר, דערויף ליפערט די לערע וועגן פאַרבן-חוש פון אויבמערערע פיזיאָלאָגישע באַווייזן, פון וועלכע איך דערמאָן נאָר די באַקאַנטע דערשיינונג, אַז די פאַרבן־בלינדקייט שפּרייט זיך תמיד אויס אויף ביידע דערגאַנצנדיקע פאַרבן; דער רויט-בלינדער איז אויך גרין-בלינד, און פאַראַן נאָר בלאָ-געל־בלינדע און ס׳איז נישטאָ קיין מענטש, וועלכער זאָל קאָנען עמפינדן בלאָ, זייענדיק אומעמפינדלעך אויף געל. דאָסדאָזיקע געזעץ גילט אין גייסטיקן איבעראַל, עס איז דאָס גרונטגעזעץ פון יעטוועדער דערקענטעניש. ווער, למשל, ס׳האָט אַ לייכטע נטיה צו פריילעכקייט, דער וועט אויך אַריינפאַלן לייכטער אין אַן עצבותדיקער שטימונג, איידער דער מענטש, וואָס איז תמיד גלייכמעסיק געשטימט; אַזוי קאָנען זיך טייל מעלאַנכאָליקער דערהאַלטן נאָר דורך עפּעס אַ מעכטיקער, שטאַרקער מאַניע; און ווער עס האָט פאַר יעדערליי פיינקייט און סובטעלקייט אַזוי פיל זין ווי שעקספּיר, וועט אויך די נבזהדיקסטע

בראָבקייט, אַלס אַ געוויסע געפאַר פאַר זיך, אמזיכערסטן אָפּפילן און באַנעמען.

וואָס מער מענטשלעכע טיפן און זייערע קעגנזאַצן עס פאַרייניקט עמיץ אין זיין פערזאָן, אַלץ ווייניקער וועלן אַ נ ט ־ ג יי ן פון זיין אויפמערקזאַמקייט די אַקטיווע און פאַסיווע מעשים פון די מענטשן, אַלץ טיפער וועט ער דורכדרינגען, וואָס זיי פילן, דענקען און ווילן אייגנטלעך. נ י ש ט פ אַ ־ ר אַ ן ק יי ן ג ע נ י אַ ל ע ר מ ע נ ט ש, ו ו ע ל כ ע ר ז אָ ל נ י ש ט ז יי ן ק יי ן ג ר ו י ס ע ר מ ע נ ט ש ן ־ ק ע נ ע ר; דער באַגאַבטער מענטש בליקט אָפּט אַדורך פשוטע מענטשן אין דער ערשטער רגע ביז צום גרונט, און איז נישט זעלטן אימשטאַנד זיי תיכף פולשטענדיק צו כאַראַקטעריזירן.

צווישן די מייסטן מענטשן ווייזט אָבער יעדער אַרויס אַ באַשטימטן, מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטן זין פאַר עפּעס אַ געגנשטאַנד. דער קען אַלע פייגל און אונטערשיידט זייערע שטימען צום סובטעלסטן, יענער האָט פון קינדהייט אויף אַ ליבעפולן און זיכערן בליק פאַר די פלאַנצן; איינער פילט זיך דערשיטערט דורך די אָנגעשיכטעטע טעלורישע סעדימענטן, און די שטערן שיקן אים טאַקע אַ פרייַנטלעכן גרוס, אָבער אָפט נישט מער ווי אַזאַ (געטע), דער אַנדערער ווערט דורכגעשוידערט אַנונגספול־הכנעהדיק אונטער דער נאכטישער קעלט פון אויסגע־שטערנטן הימל (ק אַ נ ט); פאַר איינעם זענען די בערג טויט, און עס לאָקט אים און ציט דער אייביק ברויזנדיקער ים (ב ע ק ל י ן), אַ צווייטער קאָן זיך נישט איינלעבן מיט זיין אומאויפהערלעכן אומרו און קערט זיך צוריק אום צו דער דערהויבענער מאַכט פון די בערג (נ י ט ש ע).

אַזוי געפינט יעדער מענטש, אַפילו דער פשוטסטער, עפּעס אַזוינס אין דער נאַטור, צו וועלכן עס ציט אים, און פאַר וועלכן זיינע חושים ווערן שאַרפער און עמפינדלעכער, איידער פאַר אַלעם איבעריקן. ווי אַזוי זשע זאָל דער געניאַלסטער מענטש, וועלכער פאַרייניקט אין זיך, אין אידעאַלן פאַל, דעם גייסטיקן מהות פון דידאָזיקע מענטשן, נישט איינזאַפּן אין זיך צוזאַמען מיט זייער אינערלעכער וועלט אויך זייערע באַציונגען און ליבעס־בייגונגען צו דער אויסערלעכער וועלט? אַזוי וואַקסט

אין אים אַריין נישט בלויז די אַלגעמיינקייט פון אַלעם מענטשלעכן, נאָר אויך די גאַנצע נאַטור; ער איז דער מענטש, וועלכער שטייט אין אינטימסטער באַציונג צו די מייסטן זאַכן, וועמען אַלץ פאַלט־אויף, און קיין זאַך אַנטגייט נישט פון זיין אויפמערקזאַמקייט; וועלכער פאַרשטייט אַמייסטן און אַמטיפסטן שוין דערפאַר, ווייל זייענדיק אימשטאַנד צו פאַרגלייכן עס מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע זאַכן און אונטערשיידן צווישן די צאָלרייכסטע, ווייסט ער עס אַמבעסטן אויסצומעסטן און אָפּצוגרעניצן. דאָס אַלץ שלאָגט זיך אָפּ אין באַוווּסטזיין פון געניאַלן מענטש מיט העלער דייטלעכקייט און קראַפט. דערפאַר וועט בלי־ספק אויך זיין פילבאַרקייט די סובטעלסטע; מ'דאַרף דאָס אָבער נישט, ווי עס געשעט באַשיימפּערלעך צוליבן איינזייטיקן בליק אויפן קינסטלער, אויסלייגן בלויז: לטובת אַ פאַרפיינערטער חושים־עמפינדונג, גרעסערער זע־שאַרפקייט באַם מאָלער (אָדער באַם פּאָעט), גרעסערער שמיעה־שאַרפקייט באַם קאָמפּאָזיטאָר (מאָצאַרט): די מאָס פון דער געניאַליטעט דאַרף מען זוכן נישט אַזויפיל אין דער אונטערשידס־עמפינדלעכקייט פון די חושים וויפל אין דעם גייסט; איבעריקנס איז יענע עמפינדלעכקייט אָפּט אויך מער געווענדט אויף אינעווייניק.

אַזוי איז דאָס געניאַלע באַוווּסטזיין צום ווייטסטן דערווייטערט פון הענידן־סטאַדיום; עס האָט גיכער די גרעסטע, שאַרפסטע קלאָרקייט און העלקייט. געניאַליטעט אַנטפּלעקט זיך דאָ שוין אַלס אַ מין העכערע מענלעכקייט; און דערפאַר קאָן פ נישט זיין געניאַל. דאָס איז די קאָנסעקווענטע אָנווענדונג פון דעם אויספיר פון פריערדיקן קאַפּיטל, אַז מ לעבט באַוווּסטזיניקער ווי פ, אויף די אייגנטלעכע רעזולטאַטן פון איצטיקן קאַפּיטל: דאָסדאָזיקע באַקומט זיין העכסטן אויסדרוק אין דעם כלל, אַז געניאַליטעט איז אידענטיש מיט העכערער, ווייל מיט אַלגעמיינערער באַוווּסטזיניקייט. יענער אינטענסיווער באַוווּסטזיין פון אַלעם איז אָבער אַליין ערשט מעגלעך אַדאַנק

דער אומגעהויערער צאָל פון היפּוכים, וועלכע זענען צונויפגעזאמלט אין דעם באַדייטנדיקן מענטשן.

דערפאַר איז צוגלייך די אוניווערסאַלישקייט דער קענצייכן פון זשעני. נישט פאַראַן קיין געניאַלע ספּעציאַליסטן, קיין „מאַטעמאַטישע" און קיין „מוזיקאַלישע" זשעניס, אויך קיין „שאַך-גאונים", נייערט פאַראַן בלויז אוניווערסאַל-זשעניס. דער געניאַלער מענטש לאָזט זיך דעפינירן אַלס דעריעניקער, וואָס ווייסט אַלץ, נישט האָבנדיק עס לגמרי געלערנט. דורכן דאָזיקן „אַלצוויסן" איז זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געמיינט די טעאָריעס און סיסטעמאַטיזירונגען, לויט וועלכע די וויסנשאַפט טיילט פונאַנדער די פאַקטן פון דערווירקלעכקייט, נישט די געשיכטע פון דער מלחמה פאַר דער שפּאַנישער נחלה און נישט די עקספּערימענטן איבער דעם דיאַמאַגנעטיזם. אָבער נישט ערשט דורכן שטודיום פון אָפּטיק וואַקסט אויס באַם קינסטלער די קענטעניש פון די פאַרבן פון וואַסער באַ טריבן און לויטערן הימל, און ער באַדאַרף נישט קיין פאַרטיפונג אין אַ כאַראַקטעראָלאָגיע, כּדי מענטשן איינהייטלעך צו געשטאַלטן. מחמת וואָס באַגאַבטער אַ מענטש איז, איבער אַלץ מער געגנשטאַנדן האָט ער תּמיד זעלבשטענדיק נאָכגעטראַכט און מיט אַלץ מער זאַכן בינדט אים אַ פּערזענלעכע באַציונג.

די טעאָריע פון די גאונים-ספּעציאַליסטן, דערלויבט למשל צו רעדן וועגן אַ „מוזיק-גאון, וואָס אין אַלע אַנדערע הינזיכטן קומט ער נישט אין חשבון", פאַרבייט ווידעראַמאָל טאַלאַנט און זשעני. דער מוזיקער, וויבאַלד ער איז באמת גרויס, קאָן אין דער שפּראַך, וועלכע איז אים אָנגעוויזן דורך דער ריכטונג פון זיין טאַלאַנט, זיין פונקט אַזוי אוניווערסאַל, פונקט אַזוי אַרומנעמען די גאַנצע אינערלעכע און אויסערלעכע וועלט, ווי דער דיכטער אָדער דער פילאָזאָף; אַזאַ זשעני איז געווען בעטהאָווען. אָבער ער קאָן באַוועגן זיך אין אַזאַ באַגרעניצטער ספּערע, ווי אַ מיטלמעסיקער וויסנשאַפטלעכער קאָפּ; אַזאַ גייסט איז געווען יאָהאַן שטראַוס, וועמעס לעבהאַפטיקער, אָבער אין זייער ענגע גרעניצן זיך באַוועגנדיקער פאַנטאַזיע פאַרדאַנקען מיר טאַקע אַסך שיינע בלימלעך, אָבער

מיר וואָלטן זיך זייער געחידושט, ווען עמיצער זאָל אים אָנרופן זשעני. ס'זענען פאַראַן, כדי נאָכאַמאָל דאָס אונטערצושטרייכן, כּלערליי טאַלאַנטן, אָבער ס'איז נאָר דאָ איין געניאַליטעט, וועלכע קאָן זיך אויסוויילן אַ באַליביקן טאַלאַנט, כּדי אין אים צו אַנטוויקלען איר טעטיקייט. פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געמיינזאַם אַלע געניאַלע מענטשן אַלס אַזעלכע, ווי שטאַרק ס'זאָלן זיך אַזיסטן נישט אונטערשיידן צווישן זיך דער גרויסער פילאָזאָף פון גרויסן מאָלער, דער גרויסער מוזיקער פון גרויסן סקולפּטאָר, דער גרויסער פּאָעט פון גרויסן רעליגיע-שעפער. דער טאַלאַנט, דורך וועמעס פאַרמיטלונג עס אַנטפּלעקט זיך דער אייגנטלעכער גייסטיקער מות פון אַ מענטש, שפּילט אַ ווייניקער וויכטיקע ראָליע, ווי מ'איז געוווינט צו טראַכטן; זיין באַדייטונג ווערט ס'רוב ווייט איבערגעשאַצט אין יענער ענגער פּערספּעקטיוו, אין וועלכער ס'ווערן לײדער אַזוי אָפט דורכגעפירט קונסט-פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. נישט בלויז די אונטערשידן אין דער באַגאַבונג, נאָר אויך דער געמיטס-אופן און וועלטבאַנעם קימערן זיך ווייניק וועגן די גרעניצן צווישן באַזונדערע קונסט-צווייגן און שרייטן זיי אַריבער; אַזוי ערנאָך אַנטשטייען אָפט פאַרן פאָראורטיילספרייען בליק איבעראַשנדיקע ענלעכקייטן; אַנטטאָט בכן צו נישטערן נאָך אַנאַלאָגיעס אין געביט פון דער מוזיק-געשיכטע, אָדער בכלל אין דער געשיכטע פון דער קונסט, דער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, קאָן מען דרייסט פאַרגלייכן למשל, ב. באַך מיט קאַנטן, קאַרל מאַריאַ וועבער אַוועקשטעלן לעבן אייכנדאָרפן, און בעקלין לעבן האָמערן; און וויבאַלד די באַטראַכטונג קאָן אַזויערנאָך געווינען רייכע אָנרעגונג און גרויסע פרוכטבאַרקייט, וועט עס סוף-כּל-סוף ברענגען אַן אומגעהויערן נוצן אויך דעם פּסיכאָלאָגישן טיפּבליק, אויף וועמעס מאַנגל יעדע געשיכטסבאַשרייבונג פון קונסט און פילאָזאָפיע ליידט אין אַ הויכער מאָס. אַדאַנק וואָסערע איבריקנס אָרגאַנישע און פּסיכאָלאָגישע תנאים ווערט דער זשעני אַ מיסטישער וויזיאָנער אָדער גאָר אַ גרויסער צייכענער, דאָס איז אַ פראַגע, וואָס מוז בלייבן אין אַ זייט, מחמת זי האָט נישט קיין וועזנטלעכן באַטייט פאַר די צוועקן פון דעראָזיקער אַרבעט.

פון יענער געניאַליטעט אָבער, וועלכע, באַ אלע אָפט זייער טיפגייענדיקע אונטערשידן צווישן די איינצלנע זשעניס, בלייבט זי פּאָרט אומפאַרשטענדלעך און וועלכע, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, קאָן איבעראַל מאַני-פעסטירט ווערן, איז די פּרוי אויסגעשלאָסן. הגם די פראַגע, צי קאָנען עקזיסטירן ריין ווויסנשאַפטלעכע אָדער פּראַקטישע זשעניס, און נישט בלויז אַ קינסטלערישע און פי-לאָזאָפישע, דאַרף ערשט געבראַכט ווערן צו אַנטשיידונג אין אַ שפּעטערדיקן אָפּשניט: זאָגן אַלע טעמים דערפאַר, אַז מ׳דאַרף זיך באַגיין מיט גרעסערער ווי ביזאַהער פּאָרזיכטיקייט באַם באַשענקען מענטשן מיטן טיטל געניאַל. עס וועט זיך נאָך דייט-לעך אַרויסווייזן, אַז וויבאַלד מ׳וויל זיך איבערהויפּט אויסאַר-בעטן אַ פּאָרשטעלונג וועגן מהות פון געניאַליטעט און אויס-בילדן איר באַגריף, מוז די פרוי באַצייכנט ווערן אַלס אומגעניאַל. און פונדעסטוועגן וועט זיין אומגערעכטיק פּאָרצו-וואַרפן אונזערע אויספירן, אַז זיי האָבן בנוגע דעם ווייבלעכן געשלעכט צוערשט קאָנסטרוירט עפּעס; אַ ווילקירלעכן באַגריף און אים דערנאָך דערקלערט, אַלס דעם מהות פון דער געניאַ-ליטעט, בלויז כּדי פון איר פולשטענדיק אויסצושליסן די פרויען.

דאָ קאָנען מיר זיך אומקערן צו די הנחות, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אינאָנהויב פון דאָזיקן קאַפּיטל. די פרוי האָט נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר דער געניאַליטעט, מיטן אויסנאַם אפשר פון יענעם פאַל, ווען עס איז פאַרבונדן מיט דער פּערזענלעכקייט פון אַ נאָך לעבנדיקן זשעני; דער מאַנסביל דערקעגן האָט צו דער דאָזיקער דערשיינונג יענע טיפע פאַרהעלטעניש, וואָס קאַרלייל האָט אַזוי שיין און מיט-רייסנדיק אויסגעמאָלט אין זיין נאָך אַלץ אַזוי ווייניק פאַר-שטאַנענעם בוך Hero-Worship (העלדן-פאַרערונג). אין דער העלדן-פאַרגעטערונג פונם מאַנסביל קומט נאָכאַמאָל צום אויס-דרוק דער פאַקט, אַז געניאַליטעט איז ענג פאַרבונדן מיט דער מענלעכקייט, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אידעאַלע, פּאָטענצירטע

מ ע נ ל ע כ ק יי ט*). מחמת די פרוי האָט נישט קיין אָריגענעל באַוווסטזיין, נאָר זי דערהאַלט עס פון דעם מאַנסביל. זי לעבט אומבאַוווסטזיניק, דער מאַן — באַוווסטזיניק; צום באַוווסטזיניקסטן אָבער — דער זשעני.

---

*) ב אַ ג אַ ב ו נ ג (נישט ט אַ ל אַ נ ט) און ג ע ש ל ע כ ט זענען די איינציקע זאַכן, וועלכע גייען נישט איבער בירושה; זיי זענען פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון דער „ירושה־מאַסע“ און שיינען צו אַנטשטיין גלייך ספּאָנטאַן. שוין דערדאַזיקער פאַקט לאָזט משער זיין, אַז געניאַליטעט, אָדער איר מאַנגל מוז שטיין אין ענגער שייכות מיט דער מענלעכקייט אָדער ווייבלעכקייט פון אַ מענטש.

קאַפּיטל V

באַגאַבונג און זכרון

אויסקלייבנדיק פאַרן אויסגאַנגס-פּונקט די הענידן-טעאָריע, וועל איך דערציילן פאָלגנדיקע באַאָבאַכטונג. כ'האָב אַמאָל גראָד נאָטירט, האַלב מעכאַניש, עפּעס אַ געוויסע שטעלע פון אַ באָטאַנישער אָפּהאַנדלונג און גלייכצייטיק געטראַכט וועגן עפּעס אין דער פאָרם פון אַ הענידע. אָבער וועגן וואָס איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי כ'האָב געטראַכט, וואָס האָט דאָ אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיין באַוווּסטזיין, דאָס האָב איך מיך שוין אין אַ ווײַלע שפּעטער, אויף צו להכעיס אַלע אָנשטרענגונגען, נישט געקאָנט דערמאָנען. אָבער טאַקע דערפאַר איז דערדאָזיקער פאַל — און ער איז טיפּיש — באַזונדערס באַלערעוודיק.

וואָס פלאַסטישער, וואָס געפורימטער אַן עמפּינדונגס-קאָמפּלעקס איז, אַלץ לייכטער איז ער רעפּראָדוצירבאַר. דייטלעכקייט פון באַוווּסטזיין איז ערשטער תּנאַי פון דערינערונג. דאָס געדעכעניש פון דער באַוווּסטזיינס-עמפּינדונג איז פּראָפּאָרציאָנעל צו איר אינטענסיווקייט. „דערין וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן", „דאָס וועל איך געדענקען מיין לעבנלאַנג", דאָס וועט מיר שוין קיינמאָל נישט אַרויס פון זכרון", זאָגט דער מענטש וועגן געשעענישן, וועלכע האָבן אים העפטיק אויפגערירט, וועגן רגעס, וועלכע ער פאַרדאַנקט די באַרייכערונג פון זיין וויסן און זיינע דערפאַרונגען. וויבאַלד בכן די רעפּראָדוצירבאַרקייט פון די באַוווּסטזיינס-אינהאַלטן שטייט אין גלייכן פאַרהעלטעניש צו איר צעגלידערונג, דאַן איז קלאָר, אַז ס'איז איבערהויפּט נישט מעגלעך קיין שום דערמאָנונג פון דער אַבסאָלוטער הענידע.

היות ווי די באַגאַבונג פון אַ מענטש וואַקסט צוזאַמען מיט דער אַרטיקולאַציע פון זיינע אַלע איבערלעבענישן, טאָ דרינגט דערפון אַרויס, אַז וואָס באַגאַבטער אַ מענטש איז, אַלץ מער וועט ער זיך קאָנען דערינערן אָן זיין גאַנצן עבר, אָן אַלץ, וואָס ער האָט אַמאָל געטראַכט און געטון, געזען און געהערט, עמפינדן און געפילט, מיט אַלץ גרעסערער זיכערקייט און לעבהאַפטיקייט וועט ער קאָנען אַלץ פון לעבן זיינעם רע־פּראָדוצירן. דאָס אוניווערסאַלע געדעכעניש וועגן אַלעם איבערגעלעבטן איז דעריבער דער זיכערסטער און אַלגעמיינסטער קענצייכן פון זשעני. פאַראַן אַפילו אַ פּאָפּולערע און באַזונדערס צווישן די קאַפּעהויז־ליטעראַטן באַליבטע טעאָריע, אַז פּראָדוקטיווע מענטשן (מחמת זיי שאַפן נייעס) באַזיצן נישט קיין זכרון: אָבער משמעות דערפאַר נאָר, וואָס דערין ליגט דער איינציקער תנאי פון דער שעפערישקייט, וועלכן זיי דערפילן פולשטענדיק.

פאַרשטייט זיך, אַז דידאַקטישע הנחה וועגן דער גרויסער אויסגעשפּרייטקייט און לעבהאַפטיקייט פון זכרון באַם געניאַלן מענטש, וועלכע איך פיר דערווייל אַריין גאַנץ דאָגמאַטיש אַלס פועל־יוצא פון דעם סיסטעם, נישט באַגרינדנדיק זי מיט קיין דערפאַרונג, דאַרף מען נישט אָפּפרעגן מיט דעם ראַשן פאַרגעסן פון דעם גאַנצן גימנאַזיאַלן געשיכטע־שטאָף אָדער פון די אומ־רעגלמעסיקע גריכישע צייטווערטער. עס האַנדלט זיך אין דעם געדעכעניש פאַר די דורכגעלעבטע זאַכן, נישט וועגן דער דערינערונג אָן די אויסגע־לערנטע זאַכן; דאָס, וואָס ווערט שטודירט צוליב עקזאַמען־צוועקן, דערפון פאַרבלייבט תמיד אין זכרון נאָר אַ גאַנץ קליינע טייל, יענע טייל, וועלכע אַנטשפּרעכט דעם ספּעציעלן טאַלאַנט פון תלמיד. אַזוי קאָן, למשל, אַ שטובמאַלער האָבן אַ בעסערן זכרון פאַר פאַרבן, איידער דער גרעסטער פילאָזאָף, און דער באַגרעניצטסטער פילאָלאָג געדענקט בעסער די פאַר־יאָרנלאַנג פון אויסנווייניק אויסגעלערנטע אַאָריסטן, איידער זיין קאָלעגע, וועלכער איז אפשר אַ געניאַלער דיכטער. דאָס פאַר־ראַט די גאַנצע יעמערלעכקייט און הילפלאָזיקייט פון דער

עקספּערימענטאַלער ריכטונג אין דער פּסיכאָלאָגיע (נאָכמער
אָבער די אומפּעיקייט פון אַזויפיל מענטשן, וועלכע, באַוואָפנט
מיט אַן אַרסענאַל פון עלעקטרישע באַטעריעס און ספיגמאָגראַ-
פיאָן-פייקלעך, געשטיצט אויף דער „עקזאַטקייט״ פון זייערע
לאַנגווייליקע עקספּערימענטן, האָבן זיי טענות געהערט צו ווערן
פריער פאַר אַלע אַנדערע *(in rebus psychologicis)׳ וואָס
גלויבט אויסצופּרוּוון דעם מענטשלעכן זכרון דורך אַזעלכע אויפ-
גאַבעס, ווי דאָס אויסלערנען זיך פון אותיות, פילציפעריקע
צאָלן און צוזאַמענהאַנגלאָזע ווערטער. פון דעם אייגנטלעכן
זכרון, וועלכער קומט אין באַטראַכט, בעת אַ מענטש מאַכט דעם
חשבון פון זיין לעבן, זענען דידאַזיקע עקספּערימענטן אַזוי
ווייט, אַז נישט ווילנדיק שטעלט זיך די פראַגע, צי יענע
פלייסיקע עקספּערימענטאַטאָרן ווייסן בכלל עפּעס וועגן דער
עקזיסטענץ פון דאָזיקן אַנדערן זכרון, אַ פּשיטא שוין וועגן אַ
פּסיכישן ל ע ב ן איבערהויפּט. יענע פאָרשונגען שטעלן די
פאַרשידנסטע מענטשן אונטער גאַנץ אוניפאָרמירנדיקע באַדינגונגען,
לגבי וועלכע די א י נ ד י ו י ד ו אַ ל י ט ע ט קאָן קיינמאָל
נישט קומען צום אויסדרוק, זיי אַ ב ס ט ר א ה י ר ן ווי אומיסטן
גראָד פונם קערן פון אינדיווידֿ, און באַהאַנדלען אים פּשוט
אַלס גוטן אָדער שלעכטן רעגיסטריר-אַפּאַראַט. עס ליגט בלי-ספק
אַ טיפער זין דערין, וואָס אין דער דייטשישער שפּראַך זענען די
ווערטער "Bemerken„ און"Merken„ (פאַרגעדענקען) געבילדעט
פון זעלביקן שורש. נאָר דאָס, וואָס פ אַ ל ט - א ו י ף, פון זיך
גופא, צוליב אייגנעבוירענעם באַשאַף, פ אַ ר ג ע ד ע נ ק ט ז י ך.
דאָס, אָן וועלכן מיר דערמאָנען זיך, האָט געמוזט אורשפּרינג-
לעך וועקן אין אונז אינטערעס, און ווען מיר פאַרגעסן אָן עפּעס,
איז עס אַ סימן, אַז דאָס איז אונז נישט גענוג שטאַרק אָנגע-
גאַנגען. דעם רעליגיעזן מענטשן וועלן זיך דעריבער אַמשטאַרקסטן
און אַמלענגסטן איינקריצן אין זכרון רעליגיעזע לעריעס, דעם
דיכטער — שירים, דעם צאָלן-מיסטיקער — צאָלן.

דאָ קאָן מען זיך אומקערן צום אינהאַלט פון פאָריקן
קאַפּיטל און באַגרינדן די באַזונדערע טרייקייט פון זכרון בײַ
געניאַלע מענטשן נאָך אויף אַן אַנדערן וועג. מחמת וואָס בײַ-

*) אין פּסיכאָלאָגישע ענינים.

גאַבטער אַ מענטש איז, אַלץ מער פאַרייניקט ער אין זיך מענטשלעכע טיפן און מענטשלעכע אינטערעסן, אַלץ אומפּאַסנדיקער מוז בכן ווערן זיין זכרון. די מענטשן האָבן אין אַלגעמיין אַ דורכאויס גלייכע מאָס פון אויסערלעכער געלעגנהייט צו „פּערציפּירן״ (פאַרנעמען), אָבער די מייסטן אַפּערציפּירן״ פון דער אומענדלעכער מענגע דערשיינונגען נאָר אַן אומענדלעך קליינע טייל פון זיי. דער אידעאַל פונם זשעני מוז זיין אַזאַ וועזן, וועמעס אַלע „פּערצעפּציעס״ זאָלן זיין צוגלייך „אַפּערצעפּציעס״. אַזאַ וועזן איז נישט בנמצא. ס'איז אָבער אויך נישט פאַראַן קיין מענטש, וואָס זאָל קיינמאָל נישט אַפּערציפּירן, נאָר זאָל תמיד האָבן בלויז פּערציפּירט.׳ שוין צוליב דעם מוזן עקזיסטירן אַלערליי מעגלעכע גראַדן פון דער געניאַליטעט*); לכל-הפחות קאָן קיין שום מענלעך וועזן נישט זיין אינגאַנצן אומגעניאַל. אָבער אויך פולקאָמענע געניאַליטעט בלייבט אַן אידעאַל: נישט פאַראַן קיין מענטש אָן שום אַפּערצעפּציעס און קיין מענטש מיט אוניווערסאַלער אַפּערצעפּציע (וועלכע מיר קאָנען באַטראַכטן פאַר דער ווייטערדיקער באַצייכנונג פון פולקאָמענעם זשעני). די אַפּערצעפּציע, אַלס פאַראייגענונג, איז פּראָפּאָרציאָנעל צום זכרון, אַלס באַזיץ, אין זינען פון זיין אומפאַנג און פעסטקייט. אַזוי ציט זיך אַן איבערגעריסענע שטופּן-ריי פון דעם אומהמשכותדיקן, בלויז פון רגע צו רגע לעבנדיקן מענטשן, פאַר וועמען קיין שום איבערלעבעניש קאָן נישט עפּעס באַדייטן, ווייל עס לאָזט זיך נישט פאַרבונדן מיט קיין שום פריערדיקס — אַזאַ מענטש איז אָבער נישט בנמצא — ביז צום מענטשן, וועלכער לעבט פּאָלשטענדיק מיט אַ קאָנטינוירלעך לעבן און פאַר וועמען אַלץ בלייבט אומפאַרגעסלעך (אַזוי אינטענסיוו ווירקט עס אויף אים און ווערט דורך אים אויפגעפאַסט), וועלכער איז אָבער אויך נישט בנמצא: אַפילו דער העכסטער זשעני איז נישט אין יעדן אויגנבליק פון זיין לעבן „געניאַל״.

די ערשטע באַשטעטיקונג פון דערדאָזיקער אָנשויונג וועגן

*) וועלכע האָבן אָבער מיט דעם טאַלאַנט קיין שום געמיינזאַמס נישט.

דער נויטווענדיקער פאַרבינדונג צווישן זכרון און גענויאַליטעט, ווי אויך פון דער דאָ דורכגעפירטער דעדוקציע פון דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, ליגט אין דעם אויסערגעוויינלעכן, די באַזיצערס גופא אָפט פאַרבליפנדיקן זכרון פאַר קליי‍ניקייטן, פאַר לפנים ווייטראַנגיקע אומשטאַנדן, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס באַגאַבטערע מענטשן. בײַ דער אוניווערסאַלישקייט פון זייער מהות האָט אַלץ אַן אָפט פאַר זיי גופא אומבאַוווסטע באַדײַטונג. און אַזוי בלײַבן זיי האַרטנעקיק קלעבן אין זייער זכרון, קריצן זיך אין אים פון זיך גופא אומפאַרווישבאַר אײַן, אָן דער מינדסטער פון זייער זייט מי צו פאַרגעדענקען די דאָזיקע זאַכן, וועלכע זיי ווידמען אויך נישט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. מיר וועלן שוין דאָ אויפמערקזאַם מאַכן אויפן דאָזיקן געדאַנק, וועלכער וועט ווערן שפּעטער טיפער באַאַרבעט, אַז דער גענויאַלער מענטש וועט אין אַ שמועס וועגן לאַנג פאַרגאַנגענע געשעענישן זיך קיינמאָל נישט אויסדריקן מיט דעם רעדנסאַרט „דאָס איז שוין לגמרי נישט וואָר”, ער וועט דאָס נישט זאָגן נישט לגבי זיך, נישט לגבי אַנדערע. פאַרקערט, נישט פאַראַן פאַר אים קיין זאַך, וואָס זאָל פאַר אים שוין נישט זיין וואָר, הגם, אין אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס ער פילט אָפּ שטאַרקער, איידער די אַנדערע מענטשן אַלע שנויים, וואָס זענען פאָרגעקומען מיטן לויף פון דער צייט.

די באַגאַבונג און גייסטיקע באַדײַטונג פון אַ געוויסן מענטש קאָן מען בכן צום בעסטן אויף אַזאַ אופן פעסטשטעלן: נאָך אַ לענגערער מיט אים צעשיידונג פאַרפירן אַ שמועס וועגן דער לעצטער באַגעגעניש און וועגן דעם געגנשטאַנד פון דעמאָלטיקן שמועס. מ׳וועט דאַן תיכף באַמערקן, ווי לעבהאַפטיק ער האָט אים אויפגענומען, ווי שטאַרק און דויערהאַפטיק ער האָט אויפגעהיטן אין זיין זכרון אַלע פּרטים זיינע. וויפל פאַקטן פון אייגענעם לעבן פאַרלירט פון געדעכעניש דער אומבאַגאַבטער מענטש, דערין קאָן יעדער צו זיין איבערראַשונג זיך לייכט איבערצייגן. עס טרעפט זיך, אַז מ׳האָט מיט זיי פאַר עטלעכע וואָכן פאַרבראַכט צוזאַמען לאַנגע שעהן, אָבער קיין שפּור נאָך זיי איז נישט פאַרבליבן אין זייער זכרון, מ׳קאָן

טרעפן מענטשן, מיט וועלכע מ'האָט פאַר עטלעכע יאָר אין משך פון אַכט אָדער פערצן טעג, צופעליק אָדער אין באַשטימטע אָנגעלעגנהייטן, געהאַט זייער פיל צו טון, און וועלכע זענען נאָכן אָפּלויף פון דערדאָזיקער צייט שוין לגמרי נישט בכוח זיך אָן צו דערמאָנען. וואָס אָן אמת, וויבאַלד מ'וועט זיי גענוי שילדערן וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט און צוריק באַלעבן די פריערדיקע סיטואַציע אין אַלע אירע פרטים, קאָן עס סוף-כל-סוף געלינגען, נאָך גענוג לאַנגע באַמיונגען, אַרויסצורופן אין זיי צוערשט אַ שוואַך אויפבליצן פון דער כמעט פולשטענדיק פאַרלאָשענער דערינערונג, און לסוף ביסלעכווייז אויך די דערינערונג גופא. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן רעיון, אַז די טעאָרעטישע הנחה וועגן דער אומדערלאָזבאַרקייט פון אַ פולשטענדיקער שיכחה לאָזט זיך דערווייזן נישט בלויז דורך היפּנאָז, נאָר אויך אויפן עמפּירישן וועג, וויבאַלד מ'וואָלט נאָר געקאָנט מיטן אונטעררוקן אַנטשפּרעכנדיקע פראַגעס קומען צו הילף דעם זכרון.

עס גייט בכן דערין, צי קאָנען מיר עמיצן דערציילן פיל פון זיין לעבן, פון דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט אָדער געהערט, געזען אָדער געפילט. געטאָן אָדער דורכגעלעבט — און וועלכעס ער זאָל נישט געדענקען. צום ערשטן מאָל איז דאָ פאָרמולירט דאָס קריטעריום פון באַגאַבונג, וועלכעס איז לייכט דורך אַנדערע דערקענבאַר און פאָדערט נישט אומבאַדינגט קיין פריערדיקע באַווייזן פון שעפערישער טעטיקייט. סאַראַ רייכע אָנווענדונג עס קאָן געפינען אויפן געביט פון דערציונג, וועגן דעם וועלן מיר דאָ יעצט נישט רעדן. פאַר עלטערן און לערערס דאַרף דאָס זיין גלייך וויכטיק.

פון זכרון פון מענטש איז נאַטירלעך אויך אָפּהענגיק די מדרגה פון זיין פעיקייט צו באַמערקן אַזוי גוט אונטערשידן, ווי ענלעכקייטן. די דאָזיקע פעיקייט וועט זיין אַמייסטן אַנטוויקלט בײַ די-יעניקע, אין וועמעס איצטיק לעבן עס פלעכט זיך אַריין זייער גאַנצער עבר, בײַ וועמען אַלע איינצלנע מאָמענטן פון לעבן פליסן צונויף צו אַ געוויסער איינהייט און קאָנען מיטאַנאַנד פאַרגליכן ווערן. דערפאַר האָבן טאַקע די דאָזיקע מענטשן קודם-כל די געלעגנהייט צו באַנוצן די מעגלעכסטע

פאַרגלייכענישן און דאָס גראָד מיט אַזאַ Tertium compa-
rationis*), וועלכעס איז אין געגעבענעם פאַל באַזונדערס טרעפלעך; זיי וועלן תמיד אַרויסכאַפּן פון דער פאַרגאַנגענהייט דאָס, וואָס איז אַמייסטן אידענטיש מיט דער קעגנוואַרט, מחמת ביידע איבערלעבענישן, דאָס נייע און דאָס צום פאַרגלייך אַרויסגעבראַכטע עלטערע, זענען באַ זיי גענוג דערצו אַ ר ט י- ק ו ל י ר ט, אַז זיי זאָלן קיין שום ענלעכקייט און קיין שום אונטערשיד נישט פאַרהוילן פון זייערע אויגן; און דעריבער קאָן זיך באַ זיי דאָס, וואָס איז שוין לאַנג פאָריבער, אַנט-קעגנשטעלן דער פאַרווישנדיקער ווירקונג פון די יאָרן. נישט אומזיסט האָט מען בכן אין משך פון לאַנגע יאָרן געזען אין דער שפע פון שיינע און פולקאָמענע פאַרגלייכן און משלים אַ באַזונדערע מעלה פון די פּאָעטן; מענטשן האָבן געלייענט און איבערגעלייענט די ליבלינגס-פאַרגלייכן פון האָמער, שעקספּיר און קלאָפּשטאָק, אָדער האָבן זיי מיט אומגעדולד דערוואַרט בעת דעם לייענען. היינט, בעת דייטשלאַנד איז אין משך פון 150 יאָר צום ערשטן מאָל געבליבן אָן גרויסן קינסטלער און אָן גרויסן דיכטער, אָבער דערפאַר וועט שוין אינגיכן שווער זיין צו געפינען אַ מענטש, וועלכע זאָל נישט האָבן „געשריבן", היינט שיינט דאָס אַלץ צו זיין לחלוטין פאָריבער; איצט זוכט מען אַזעלכע פאַרגלייכן נישט, מ'וואָלט זיי אויך קנאַפּ געפינען. אַ צייט, וועלכע זעט דעם בעסטן אויסדרוק פון איר וועזן אין אומקלאָרע, נעפּלהאַפטע שטימונגען, ווען פילאָזאָפיע איז געוואָרן, מער ווי אין איין זינען אומבאַוווסטזיניק, ווייזט גענוג באַשיימפערלעך, אַז אין איר לעבט נישט קיין באמת גרויסער מענטש; מחמת גרויסקייט איז באַוווסטזיין, פאַר וועמען דער נעפּל פון אומבאַוווסטזיניקן פאַרשווינדט ווי פאַר די שטראַלן פון דער זון. ווען איין איינציקער מענטש וואָלט געגעבן דער-דאָזיקער צייט באַוווסטזיין, ווי גערן וואָלט זי אויפגעגעבן איר גאַנצע שטימונגס-קונסט, מיט וועלכער זי באַרימט זיך נאָך איצט אַזוי שטאַרק! — ערשט אין פולן באַוווסטזיין, ווען אין די איבערלעבענישן פון דער קעגנוואַרט פלעכטן זיך אַריין מיט

*) אַ דריטע זאַך, וואָס דינט פאַר אַ מאָס צו פאַרגלייכן צוויי זאַכן. (איב.)

דער גאַנצער אינטענסיווקייט די איבערלעבענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, באַקומט די פאַנטאַזיע, דער הויפט-תנאי פון פילאָזאָפישן ווי פון קינסטלערישן שאַפן, איר אייגנטלעכן פלאַץ. אין הסכם דערמיט איז עס אויך כלל נישט אמת, אַז די פרויען באַזיצן מער פאַנטאַזיע ווי די מענער. די דערפאַרונגען, אויפן סמך פון וועלכע מ׳האָט געוואָלט דער פרוי צושרייבן אַ לעבעהאַפטיקערע איינבילדונגס-קראַפט, שטאַמען אַלע פון דעם סעקסועלן פאַנטאַזיע-לעבן פון די פרויען; און די איינציקע ריכטיקע שלוסן, וועלכע וואָלטן זיך געלאָזט פונדאַנען אַרויסדרינגען, קאָנען נאָכנישט באַהאַנדלט ווערן אין דאָזיקן צוזאַמענהאַנג.

די אַבסאָלוטע באַדייטונגסלאָזיקייט פון די פרויען אין דער מוזיק-געשיכטע לאָזט זיך בלי-ספק צוריקפירן אויף ווייט טיפערע סיבות; זי באַווייזט אָבער קודם-כל דעם מאַנגל פון פאַנטאַזיע באַ דער פרוי. מחמת צו מוזיקאַלישער שעפערישקייט געהערט אומענדלעך פיל מער פאַנטאַזיע, איידער אַפילו די סאַמע מענלעכסטע פרוי באַזיצט. זי פאָדערט פיל מער פאַנטאַזיע, איידער יעדע אַנדערע קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט. איז דאָך נישט פאַראַן קיינזאַך אין דער נאַטור אָדער אין דער זינלעכער עמפיריע, וואָס זאָל אַנטשפרעכן דעם מוזיקאַלישן בילד. די מוזיק שטייט נישט אין קיין באַציונגען צו דער דערפאַרונגס-וועלט: אין דער נאַטור איז נישט פאַראַן קיין שום קלאַנגען, קיין שום אַקאָרדן, קיין שום מעלאָדיעס, אַזוי אַז אויפן דאָזיקן געביט קומט ערשט אויס דעם מענטש זעלבשטענדיק צו באַשאַפן אַפילו די לעצטע עלעמענטן. יעדע אַנדערע קונסט האָט דייטלעכערע באַציונגען מיט דער עמפירישער ווירקלעכקייט, איידער די מוזיק; אַפילו די איר *קרובישע*, וואָס מ׳זאָל אויך נישט זאָגן אקעגן דעם, אַרכיטעקטור, האָט צו טון מיט אַ שטאָף אין די סאַמע עלעמענטאַרע סטאַדיעס אירע; הגם זי האָט מיט דער מוזיק די שותפישע אייגנשאַפט, וואָס זי איז (אפשר גאָר נאָכמער ווי דידאָזיקע) פריי פון זינלעכער *נאָכמאַכונג*. דעריבער איז אויך די בוי-קונסט א דורכאויס מענלעכע זאַך, און די בלויזע פאָרשטעלונג פון א פרוי-אַרכיטעקט קאָן אין אונז דערוועקן כמעט נאָר מיטלייד.

דאָסגלייכן אויך די „פאַרנאַרישנדיקע“ ווירקונג פון דער מוזיק אויף שאַפנדיקע און אויספירנדיקע מוזיקער, וועגן וועלכן מיר הערן אַזוי אָפט (דערהויפּט ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ריינער אינסטרומענטאַל-מוזיק), שטאַמט נאָר דערפון, וואָס דער חוש-הריח קאָן דעם מענטשן מער דינען צום אָריענטירן זיך אין דער דערפאַרונגס-וועלט, איידער דער אינהאַלט פון אַ מוזיקאַלישן ווערק. דידאָזיקע אַבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט פון דער מוזיק פון דער אויסערלעכער וועלט, וועלכע מיר קאָנען זען, אָנטאַפּן, באַשמעקן, מאַכט די מוזיק נישט באַזונדערס געאייגנט דערצו, אַז זי זאָל דינען פאַר אַן אויסדרוקס-מיטל פון ווייבלעכן מהות. דידאָזיקע אייגנאַרטיקייט פון דער מוזיקאַלישער קונסט דערקלערט צוגלייך, אַלמאַי די פאַנטאַזיע איז דעם שעפערישן מוזיקער אין העכסטן גראַד נויטווענדיק און פאַרוואָס דער מענטש, וועלכן עס פאַלן-איין פאַרשידענע מעלאָדיעס (זייער מעגלעך, אַז זיי וואַרפן זיך אים אָן קעגן זיין אייגענעם ווילן), איז אפשר נאָך פיל מער אַ געגנשטאַנד פון שטוינונג מצד אַנדערע מענטשן, איידער דער דיכטער אָדער דער סקולפּטאָר. די ווייבלעכע פאַנטאַזיע מוז זיך בלי-ספק שטאַרק אונטערשיידן פון דער מענלעכער, וויבאַלד קיין איין פרוי האָט נישט דערוואָרבן אין דער מוזיק צומאָל אַזאַ באַדייטונג, ווי למשל, אַ נ ז ש ע ל י ק אַ קויפמאַן אין דער מאָלעריי.

דאָרט ווו ס'האַנדלט זיך דייטלעך וועגן קראַפטפולער געשטאַלטונג, דאָרט האָבן די פרויען נישט אויפצווייזן דאָס מינדסטע ווערק: נישט אין דער מוזיק און נישט אין דער אַרכיטעקטור, נישט אין דער פּלאַסטיק און נישט אין דער פילאָזאָפיע. אויף יענע געביטן, ווו אומקלאָרע, ווייכע האַלבטענער פון סענטימענט שפּילן אַ געוויסע ראָליע, ווי למשל אין מאָלעריי און פּאָעזיע, אין צעשוווּמענער פּסעוודאָ-מיסטיק און טעאָזאָפיע, דאָרט האָבן די פרויען צום אָפטסטן געזוכט און געפונען דאָס אייגנטלעכע פעלד פון זייער טעטיקייט. דער מאַנגל אין שעפערישקייט אויף די אויבנדערמאָנטע קונסט-געביטן געפינט זיך אין ענגן קשר מיט דער אומדיפערענצירטקייט פון פּסיכישן לעבן בײַ דער פרוי. דערהויפּט אין דער מוזיק גייט וועגן מעגלעך אַ ר ט י ק ו ל י ר ט ס ט ן עמפינדן. נישט פאַראַן קיין שום

כאַראַקטעריסטישערס און אינדיווידועלערס ווי אַז מעלאָדיע, קיין שום זאַך, וואָס זאָל צוליב יעטוועדער פאַרווישונג שטאַרקער ליידן. דעריבער דערמאָנט מען זיך אָן געזונגענעם פיל לייכטער, איידער אָן גערעדטן, אָן די אַריעס תמיד בעסער, איידער אָן די רעטשיטאַטיוון, און דערפאַר קאָסט דער רעדגעזאַנג דעם וואַגנער-זינגער אַזוי פיל שטודיום.

מיר האָבן זיך אויפן דאָזיקן געביט פאַרהאַלטן לענגער דערפאַר, ווייל אין דער מוזיק גילט נישט ווי אַנדערשוווּ דער געוויינלעכער אויסרייד פון די פרויען-רעכטלערס און-רעכטלערינס, אַז די פרויען האָבן ערשט צו איר אַ פרייען צוטריט אַ צו קורצע צייט, אַז מ׳זאָל שוין קאָנען פון זיי פאַרלאַנגען צייטיקע פירות. זינגערינס און ווירטואָזינס זענען געווען תמיד, שוין אין קלאַסישן אַלטערטום אַפילו. און דאָך...

אויך דער מנהג צו לערנען פרויען מאָלן און צייכענען, וועלכער איז געווען געבוג פאַרשפרייט און די פריערדיקע צייטן, האָט זיך פאַר די לעצטע 200 יאָר אין אַ הויכער מאָס געשטאַרקט. ס׳איז באַקאַנט, וויפל מיידלעך עס לערנען זיך היינט מאָלען און צייכענען, נישט פילנדיק דערצו קיין באַזונדער באַדערפעניש. ובכן, אויך דאָ קאָן מען שוין לאַנג נישט רעדן וועגן עפּעס אַן ענגהאַרציקן אויסשלוס פון דער פרויען אויפן מאַנגל פון א ו י ס ע ר ל ע כ ע תנאים און מעגלעכקייטן קאָן מען זיך בשום אופן נישט באַקלאָגן. וויבאַלד-זשע, נישט קוקנדיק דערויף, איז דאָך פאַראַן אַזוי ווייניק מאָלערינס, וועלכע זאָלן האָבן עפּעס אַן ערנסטע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער קונסט, דאַרף מען די שולד דערפון צושרייבן דעם מאַנגל פון א י נ ע ר ל ע כ ע באַדינגונגען. די ווייבלעכע מאָלעריי און קופערשטעכעריי קאָן האָבן פאַר די פרויען אַ באַדייטונג פון עפּעס אַ מין עלעגאַנטער, לוקסוריעזער ה אַ נ ט אַ ר ב ע ט. דערביי שיינט דער זינלעכער, קערפּערלעכער עלעמענט פון דער פאַרב צו זיין פאַר זיי גיכער דערגרייכבאַר, איידער דער גייסטיקער, פאָרמעלער עלעמענט פון דער ליניע; און דאָס איז בלי-ספק די סיבה, וואָס אייניקע מאָלערינס, אָבער נאָך קיין שום צייכנערין, האָבן זיך דערוואָרבן אַ געוויסן אָנזען. די פעיקייט צו געבן דעם כאַאָס אַ באַשטימטע פאָרם — איז טאַקע

די פעיקייט פון מאַנסביל, ווען די אַלגעמיינסטע אַפּערצעפּציע פאַרשאַפט דעם אַלגעמיינסטן זכּרון, זי איז די אייגנשאַפט פון מענלעכן זשעני.

איך באַדויער זייער, וואָס כ'מוז כּסדר אָפּערירן מיט דעם וואָרט „זשעני”, געניאַל”, וועלכעס, ענלעך צו דער מלוכה, וואָס בעמט ערשט אירע באַשטייערונגען פון אַ באַשטימטער יערלעכער הכנסה, גרעניצט עס שאַרף אָפּ די „זשעניס”, אַלס אַ באַשטימטע קאַסטע פון אַלע אַנדערע, וועלכע קאָנען נישט זיין געניאַל. די באַצייכענונג „זשעני” האָט אפשר גראָד אויסגעטראַכט אַ מענטש, וועלכער האָט זי אַליין נאָר אין אַ גאָר שוואַכער מאָס פאַרדינט; די גרעסערע מענטשן וועט דאָס „זשעני-זיין” פאַרקומען גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעך; ס'וועט באַ זיי וואָרשיינלעך נעמען אַ גענוג לאַנגע צייט, כּדי איינצוזען, אַז מ'קאָן זיין איבער-הויפּט אויך „נישט געניאַל”. ווי פּ אַ ס ק אַ ל האָט דאָס אויסערגעווייגלעך טרעפלעך באַמערקט: וואָס אָריגינעלער אַ מענטש איז, פאַר אַלץ אָריגינעלער האַלט ער אויך די אַנדערע מענטשן; מיט וועלכן ס'איז כּדאי צו פאַרגלייכן ג ע ט ע ס ווערטער: אַז אפשר נאָר דער זשעני איז בכּוח איינגאַנצן צו פאַרשטיין דעם זשעני.

פאַראַן אפשר נאָר זייער ווייניק מענטשן, וועלכע זאָלן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט האָבן געווען „געניאַל”. וויבאַלד ס'זענען פאַראַן אַזעלכע, טאָ האָט זיי אפשר נאָר געפעלט די געלעגנהייט: די גרויסע ליידנשאַפט, דער גרויסער ווייטיק. זיי האָבן נאָר געדאַרפט איינמאָל עפּעס גענוג אינטענסיוו איבער-צולעבן — וואָס אַן אמת, איז די פעיקייט פון איבערלעבונג קודם-כּל עפּעס סוביעקטיוו באַשטימטס — און זיי וואָלטן דורכ-דעם געוואָרן, לכל-הפּחות צייטווייליק, געניאַל. די נטיה צו דיכטונג בעת דער ערשטער ליבע איז איינגאַנצן אַ דערשיינונג פון דאָזיקן מין. און אמתדיקע ליבע איז אַ פולשטענדיק צופע-ליקע זאַך.

מ'דאַרף לסוף נישט פאַרגעסן, אַז גאַנץ פּשוטע מענטשן, אין גרויסער אויפרעגונג, אין כּעס איבער עפּעס אַ נבלה, געפינען אַזעלכע ווערטער, אויף וועלכע מ'האָט זיך קיינמאָל באַ זיי נישט גערעכנט. די גרעסטע טייל פון דעם, וואָס מיר באַציי-

בענען פשוט מיטן וואָרט „אויסדרוק", אין דער פּאָעזיע ווי אין דער פּראָזע, באַשטייט אָבער (וויבאַלד מ'וועט זיך דערמאָנען אונזערע פריערדיקע באַמערקונגען וועגן דעם לייטערונגס-פּראָצעס) על-פּי-רוב דערין, וואָס אַ מער באַגאַבטער אינדיווידוויזט-אויף זיין געדאַנק שוין אין אַ געלייטערטער, געגלידערטער פאָרם צו דערזעלביקער צייט, ווען דער געדאַנק פון אַן אַנדערן, מינדער באַגאַבטן מענטש, געפינט זיך נאָך אין העגידן-סטאַדיום אָדער נאָענט פון אים. דער פּראָצעס פון דער לייטערונג ווערט נאָר אויסערגעוויינלעך אָפּגעקירצט דורך דעם „געלונגענעם אויסדרוק", וואָס איז געפונען געוואָרן דורכן צווייטן מענטש; פונדאַנען די פרייד, וועלכע מיר פילן-אָפּ אויך דאַן אַפילו, בעת מיר זעען, אַז עמיץ אַנדערש האָט געפונען דעם „גוטן אויסדרוק". וויבאַלד צוויי אומגלייך באגאבטע מענטשן איבערלעבן דאָסזעלביקע, דאַן וועט די אינטענסיווקייט פון דער איבערלעבעניש זיין בײַ דעם באַגאבטערן געגוג גרויס, אַז זי וועט מער ווייניקער דערגרייכן די „רייד-שוועל". בײַ דעם ווייניקער באַגאַבטן ווערט דורכדעם נאָר פאַרלייכטערט דער לייטערונגס-פּראָצעס.

וויבאַלד ס'וואָלט ריכטיק געווען, ווי דאָס איז די פּאָפּולערע אָנשויונג, אַז געניאַלע מענטשן זענען אָפּגעטיילט פון אומגעניאַלע מיט אַזאַ דינער וואַנט, וואָס לאָזט נישט דורכדרינגען קיין שום טאָן פון איין קיניגרייך אין דעם צווייטן, דאַן וואָלט יעדעס פאַרשטענדעניש פון די מעשים פון זשעני געווען פאַר דעם אומגעניאַלן מענטש פולשטענדיק פאַרשלאָסן, און זיינע ווערק וואָלטן אויף אים אויך נישט געקאָנט מאַכן דעם מינדסטן איינדרוק. אַלע אונזערע קולטור-האָפענונגען קאָנען זיך בכן נאָר שטיצן אויף דער הנחה, אַז די זאַך איז נישט אַזוי. און עס איז טאַקע נישט אַזוי. דער אונטערשיד ליגט אין דער קלענערער אינטענסיווקייט פון באַוווּסטזיין, ער איז אַ קוואַנטיטאַטיווער, אָבער נישט קיין פּרינציפּיעלער, קוואַליטאַטיווער*)

*) אפילו אין איין און דעמזעלביקן מענטשן עקזיסטירט אַ ריזיקער פּסיכאָלאָגישער אינטערשיד צווישן דעם געניאַלן מאָמענט און דעם אומגעניאַלן.

פארקערט אָבער האָט עס זייער ווייניק זין צו פאַרוואַרפן יונגערע מענטשן דאָס אַרויסזאָגן אַ מיינונג און גרינגצושעצן זייער וואָרט נאָר דערפאַר, וואָס זיי באַזיצן ווייניקער דער־פאַרונג, איידער עלטערע פּערזאָנען. פאַראַן מענטשן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אָפּלעבן טויזנט און מער יאָרן, נישט מאַכנדיק קיין איין איינציקע ד ע ר פ א ר ו נ ג. נאָר צווישן גלייך באַגאַבטע וואָלט אַזאַ פּרינציפּ געהאַט אַ גוטן זין און אַ פולע באַרעכטיקונג.

ווייל בשעת דער געניאַלער מענטש פירט שוין אַלס קינד אַ מער אינטענסיוו לעבן איידער אַלע אַנדערע קינדער, בשעת בײַ אים, וואָס באַדייטנדיקער ער איז, אַן אַלץ פּריצער־דיקע יוגנט קאָן זיך אויך אויפהיטן אין זכרון, און אין עק־סטרעמע פאַלן בלייבן בײַ אים תּמיד אומפאַרווישט אַלע זכרונות פון זיין גאַנץ לעבן שוין פון דריטן יאָר פון דער קינדהייט אָנגעהויבן, דאַטירן זיך די ערשטע יוגנט-זכרונות פון אַנדערע מענטשן ערשט פון אַ פיל שפּעטערן צייטפּונקט. איך קען מענטשן, וועלכע זענען אימשטאַנד זיך צו דערינערן נאָר אָן אַזעלכע געשעענישן, וועלכע האָבן פּאַסירט אויפן אַכטן יאָר פון זייער לעבן, און וועגן ז י י ע ר ג א נ צ ן פ ר י ע ר ד י ק ן ל ע ב ן ו ו י ס ן ז י י נ א ָ ר ד א ָ ס, ו ו א ָ ס א נ ד ע ר ע ה א ָ ב ן ז י י ד ע ר צ י י ל ט. פאַראַן בלי-ספק אויך אַזעלכע מענטשן, בײַ וועלכע די ערשטע אינטענסיווע איבערלעבעניש פאַלט אויס אויף אַ פיל שפּעטערדיקן פּעריאָד פון זייער לעבן. מיט אָט דעם אַלעם וויל איך נאָכנישט באַהויפּטן, אַז די באַגאַבונג פון צוויי מענטשן קאָן מען גאַנץ אויסנאַמלאָז אָפּשאַצן קעגנאַנאַנד לויט דעם, וואָס איינער געדענקט זיך פון פינפטן יאָר, בעת דער אַנדערער ערשט פון צוועלפטן יאָר. צי די פּריסטע יוגנט-דערינערונג פאַלט אויס בײַ יענעם אויפן פערצנטן חודש נאָכן געבוירן, בײַ דעם אָבער ערשט אויפן דריטן יאָר פון זיין לעבן. נאָר בכלל גענומען איז דערדאָזיקער כלל תּמיד זייער טרעפלעך.

בלי-ספק פליסט אויך אָפּ בײַ דעם באַגאַבטן מענטש אַ געוויסער משך צייט פון מאָמענט, איידן וועלכן עס פאַלט אויס זיין ערשטע קינדערשע דערינערונג, ביז צו יענעם מאָמענט.

ווען ער דערמאָנט זיך אָן אַלץ, ווען ער איז טאַקע ענדגילטיק געוואָרן צום זשעני. די מייסטן מענטשן דערקענען האָבן די גרעסטע טייל פֿון זייער לעבן פּשוט פֿאַרגעסן; פֿיל ווייסן אָפֿט צומאָל נאָר דאָס איינע, אַז קיין אַנדערער מענטש האָט פֿאַר זיי נישט געלעבט דורך דער גאַנצער צייט; פֿון זייער גאַנץ לעבן פֿאַרגעדענקען זיי נאָר באַשטימטע מאָמענטן, איינצלנע פֿעסטע פּונקטן, באַ־דייטנדיקע סטאַציעס. בעת מען פֿרעגט זיי וועגן עפּעס, דאַן ווייסן זיי בלויז, ד. ה. זיי רעכענען עס זיך געשווינט אויס, אַז אין דעם און דעם חודש זענען זיי אַזויפֿיל אַלט געוואָרן, האָבן פֿאַרנומען דעם אָדער יענעם פּאָסטן, דאָ אָדער דאָרט געוווינט און אַזוי און אַזויפֿיל הכנסה געהאַט. האָט מען מיט זיי מיט יאָרן צוריק צוזאַמען עפּעס דורכגעלעבט, דאַרף מען זיך געבן זייער פֿיל מי, כּדי דאָס פֿאַרגאַנגענע אין זיי צו תּחית־המתים צו ברענגען. מען מעג אין אַזאַ פֿאַל אַ מענטשן מיט זיכערקייט דערקלערן פֿאַר אומבאַגאַבט, לכל־הפּחות איז מען באַרעכטיקט נישט צו האַלטן אים פֿאַר געניאַל.

די אויפֿפֿאָדערונג צו אַן אויטאָביאָגראַפֿיע וואָלט אַריינ־געבראַכט די אומגעהויערע מערהייט מענטשן אין דער פֿיינלעכ־סטער פֿאַרלעגנהייט: קאָנען דאָך פֿיל מענטשן צומאָל נישט אָפּגעבן קיין חשבון, ווען מען פֿרעגט זיי, וואָס זיי האָבן נעכטן געטון. דער זכּרון פֿון ס׳רובֿ מענטשן פֿונקציאָנירט מיט שפּרונ־גען, מיט דער הילף פֿון צופֿעליקע, געלעגנהייטלעכע אַסאָ־ציאַציעס. דער איינדרוק, וואָס איז פֿאַרנומען געוואָרן דורכן געניאַלן מענטש, דויערט לאַנג אין זיין באַוווסטזיין; אייגנטלעך, געפֿינט ער זיך בכלל אונטער דער שליטה פֿון איינדריקן. דערמיט שטייט אין אוממיטלבאַרן קשר דער פֿאַקט, וואָס געניאַלע מענטשן, ווייניקסטנס צייטנווייז, ליידן אויף אידעע־פֿיקסן. וויבאַלד מיר ווען פֿאַרגלייכן דעם פּסיכישן באַשטאַנד פֿון די מענטשן מיט דעם סיסטעם פֿון ענג מיטאַנאַנד הענגענדיקע גלאָקן, וואָלט מען וועגן גע־ווייינלעכע מענטשן געקאָנט זאָגן, אַז יעדער גלאָק קלינגט נאָר דאַן, ווען דער אַנדערער שטויסט אים אָן מיט זיינע וויגונגען, און דאָס נאָר אויף אַ פּאָר רגעס. דער זשעני אָבער — דאָס

איז אַ גלאָק, וועלכער, איינמאָל אָנגעשלאָגן, וויגט ער זיך מעכטיק פונאַנדער, גיט אַרויס נישט קיין שטילע, נאָר פולע טענער, מיטבאַוועגנדיק נאָך זיך דעם גאַנצן סיסטעם, און הילכט אָפּ אָפּ דאָס גאַנצע לעבן לאַנג. היות ווי אַזאַ מין באַוועגונג בײַ דעם געניאַלן מענטש הויבט זיך אָפּטמאָל אָן פון גאַנץ אומ-באַדײַטנדיקע, יאָ, פון לעכערלעכע אָנשטויסן, און דויערט טײַלמאָל וואָכנלאַנג פאַרעקשנט אין אַלצאיינער, אומדערטרעג-לעכער אינטענסיווקייט, ליגט דערין באמת אַ געוויסע אַנאַ-לאָגיע מיט דעם משוגעת.

צוליב ענלעכע טעמים איז אויך דאַנקבאַרקייט אַ כמעט זעלטענע מדה צווישן מענטשן; זיי געדענקען טאַקע טײַלמאָל, וויפל מ׳האָט זיי געבאָרגט; אָבער זענען נישט בכּוח זיך צו דערמאָנען און צוריק איינצופילן זיך אין דער נויט, וועלכע האָט זיי געפּייניקט, אין דער באַפרייונג, וואָס זיי האָבן דערנאָך געשפּירט. וויבאַלד מאַנגל אין זכרון איז זיכער גורם צו אומדאַנקבאַרקייט, גענוגט נאָך פונדעסטוועגן נישט אַן אויסגעצייכנטער זכרון אַליין, כּדי אַ מענטש זאָל זײַן דאַנקבאַר. דערצו איז נויטיק נאָך אַ ספּעציעלער תּנאַי, וועמעס באַהאַנדלונג געהערט נישט דאָ אַהער.

פון דעם צוזאַמענהאַנג צווישן באַגאַבונג און זכרון, וועלכער איז אַזוי אָפּט פאַרזען און פאַרלייקנט געוואָרן, מחמת מ׳האָט אים נישט געזוכט דאָרטן, וווּ מ׳וואָלט אים געקאָנט געפינען: אין די ז כ ר ו נ ו ת פ ו ן א י י ג ע נ ע ם ל ע ב ן, לאָזט זיך אַרויספירן נאָך אַ ווייטערדיקער פאַקט. אַ דיכטער, וועלכער פילט אַ באַדערפעניש אָנצושרײַבן עפּעס אַ ווערק, נישט האָבנדיק קיין באַשטימטן פּלאַן, קיין באַשטימטע מחשבות, נישט אָנדריקנדיק דעם פעדאַל צום שאַפן די אייגענע שטי-מונג; אַ מוזיקער, וועמען עס באַפאַלט דער מאָמענט פון קאָמפּאָנירן, אַזוי אַז ער איז קעגן אייגענעם ווילן געצוווּנגען צו שאַפן, קאָן זיך קעגן דעם נישט ווערן, אַפילו ווען ער וואָלט גראָד געוואָלט ליבערשט רוען אָדער שלאָפן. אַזעלכער וועט זײַן גאַנץ לעבן געדענקען דאָס, וואָס איז דעמאָלט ג ע-ב ו י ר ן געוואָרן, דאָס אַלץ, וואָס איז אַפילו אין מינדסטן נישט ג ע מ אַ כ ט געוואָרן! אַ קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער געדענקט

נישט קיין איינס פון זיינע ווערק, אַ דיכטער, וועלכער דאַרף זיך, „אויסלערנען פונאויסנווייניק" זיינע לידער, כדי זיי צו פאַרגעדענקען, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר סיקסטוס בעק־מעסער וועגן האַנס זאַקסן, דער האָט אויך זיכער קיינמאָל נישט געשאַפן עפּעס באמת באַדייטנדיקס.

איידער מיר וועלן פרוון אָנצווענדן דידאָזיקע אויספירן אויפן פּראָבלעם פון די גייסטיקע געשלעכטס־אונטערשידן, מוזן מיר דורכפירן נאָך איין אונטערשיד צווישן די באַזונדערע פאָרמען פון זכרון. די איינצלנע דייטלעכע מאָמענטן פון לעבן פון באַגאַבטן מענטש ווערן אויפגעהיטן אין זיין זכרון נישט אַלס דיסקרעטע פונקטן, נישט אַלס דורכאויס איזאָלירטע סיטואַציע־בילדער, וועלכע אונטערשיידן זיך אויף אַזויפיל איינער פון אַנדערן, ווי, למשל, דער ציפער 1 פון ציפער 2. די זעלבסט־באַאָבאַכטונג ווייזט גיכער אויף, אַז נישט קוקנדיק אויף דער מציאות פון שלאָף, אויף דער באַגרעניצטקייט פון אונזער באַוווסטזיין, אויף אַלע בלייזן פון געדעכעניש, דערשיינען די איינצלנע איבערלעבענישן אויף אַ זייער רעטענישפולן אופן צונויפגעפאַסט אין אונזער באַוווסטזיין. די געשעענישן פאָלגן נישט נאָכאַנאַנד, ווי דער טיקטאַק פון אַ זייגער, נאָר גיסן זיך צונויף אין איין אַלגעמיינעם שטראָם, אין וועלכן ס'איז נישט פאַראַן קיין אומהמשכותדיקייט. באַ דעם אומגעניאַלן מענטש איז פאַראַן ווייניק אַזעלכע מאָמענטן, וועלכע זאָלן זיך פון דער אורשפּרינגלעך דיסקרעטער פילערלייקייט פאַרייניקן צו געשלאָסענער גאַנצקייט; זייער לעבנסלויף איז ענלעך צו אַ טייכל. דאָס לעבן פון זשעני איז אַ מעכטיקער שטראָם, אין וועלכן עס פליסן זיך צונויף אַלע ווייטסטע וואסערלעך, וועלכער נעמט אויף אין זיך אַדאַנק דער אוניווערסאַלער אַפּערצעפּציע אַלע איינצלנע מאָמענטן, נישט אויסשליסנדיק קיין איין איבערלעבעניש. דידאָזיקע אייגנטלעכע קאָנטינויִטעט, וועלכע קאָן ערשט אַליין איבערצייגן דעם מענטש דערין, אַז ער לעבט, אַז ער עקזיסטירט, אַז ער איז דאָ אויף דער וועלט, אַלצכוללדיק באַם זשעני, באַגרעניצט אויף עטלעכע וויכטיקע מאָמענטן באַם מיטלמעסיקן מענטש, פעלט גענצלעך באַ דער

פרוי. דער פרוי שטעלט זיך פאר איר פארגאנגען לעבן נישט אין דער פארם פון אן אומאפהאלטבארן, אינערגיץ נישט איבערגעריסענעם דראנג און שטרעבונג, נאר אין דער פארם פון איינצלנע, פולשטענדיק אפגעזונדערטע פונקטן.

וואס זענען עס פארא פונקטן? דאס קאנען נאר זיין דייעניקע, פאר וועלכע פ האט לויט איר נאטור א באזונדערן אינטערעס. די פראגע וועגן דעם, אויף וואס עס שפרייט זיך אויס דערדאזיקער אינטערעס, האבן מיר שוין אויפגעקלערט אין צווייטן קאפיטל. ווער עס דערמאנט זיך אן די אויספירן פון דאזיקן קאפיטל, דעם וועט נישט איבערראשן דער פאלגנדיקער פאקט:

פ איז שולט נאר איבער איין קלאס פון דערינערונגען: דאס זענען די דערינערונגען, וועלכע שטייען אין צוזאמענהאנג מיט דעם געשלעכטס-דראנג און דער פארמערונג. זי געדענקט וועגן געליבטן און דעם ריוואל, וועגן דער חתונה-נאכט, וועגן אירע קינדער, ווי וועגן אירע ליאלקעס; וועגן אלע בלומען, וועלכע זי האט באקומען אויפן באל, וועגן דער צאל, גרייס און פרייז פון די בוקעטן; וועגן יעדער סערענאדע, וואס מ'האט פאר איר געזונגען, וועגן יעדן ליד, וואס מ'האט (ווי זי בילדעט זיך איין) לכבוד איר אנגעשריבן, וועגן יעדער פראזע פונם מאנסביל, וועלכער האט איר אימפאנירט, ועל-כולם אבער — מיט א באזונדערער גענויקייט, וועלכע איז פונקט אזוי פארלאכטלעך, ווי זי רופט ארויס אן אומהיימלעכקייט — וועגן יעדן אויסנאם קאמפלעמענט, וועלכער איז איר אין לעבן געמאכט געווארן.

דאס איז אלץ, וועגן וועלכן די עכטע פרוי קאן זיך דערינערן פון איר גאנץ לעבן.

אבער דאס, וואס א מענטש פארגעסט קיינמאל נישט און דאס, וואס ער קאן נישט פארגעדענקען, דערמעגלעכט אמבעסטן די דערקענטעניש פון זיין מהות, פון זיין כאראקטער. עס וועט נאך שפעטער אויסקומען גענויער זיך אפצושטעלן אויף דער פראגע, וואס באטייט דאס, וואס פ האט גראד אזעלכע דערינערונגען. גרויס אויפקלערונג

איז מחויב צו געבן יענע אומגלויבלעכע טרייקייט, מיט וועל־כער די פרויען היטן־אויף אין געדעכעניש אלע פארערונגען און חניפות, אלע באווייזן פון דער גאלאנטעריע, מיט וועלכע מ'האט זיי באשאנקען פון דער פריסטער קינדהייט אן. כ'גיב זיך נאטירלעך אפ א גאנץ קלארן חשבון פון די פארווורפן, וועלכע קאנען ווערן ארויסגעשטעלט קעגן דער דא דורכגעפיר־טער באגרעניצונג פון ווייבלעכן זכרון אויפן סעקסועלן געביט און מין־לעבן; איך זע שוין פארויס דעם מוראדיקן ארויסמארש פון אלע מיידל־שולן אקעגן מיר. אבער אויף דעם אלעם וועט מען ערשט קאנען ענטפערן שפעטער. דא וואלט איך נאר גע־וואלט נאכאמאל דערמאנען, אז אונטער זכרון, אויף וויפל ער קומט ערנסט אין באטראכט בא דער פסיכאלאגישער דערקענ־טעניש פון דער אינדיווידואליטעט, דארף מען פארשטיין דעם זכרון פאר אויסגעלערנטע זאכן נאר דאן, ווען זיי זענען געווען צוגלייך באמת דורכגעלעבטע זאכן.

אז דעם פסיכישן לעבן פון דער פרוי פעלט המשכותדי־קייט (וואס מיר האבן נאר דא אנגעמערקט, אזויצוזאגן, אין שייכות מיט דער זכרון־טעאריע אלס פסיכאלאגישן פאקט, וועלכן מ'דארף נישט פארזען, אבער נישט אלס ספיריטואליסטישע אדער אידעאליסטישע טעזע), וועט מען ערשט קאנען שפעטער גע־נויער באלייכטן; מחמת כדי צו לייזן די פראגע וועגן מהות פון דער קאנטינויטעט דארף מען קודם־כל אננעמען א קלארע שטעלונג לגבי די אמייסטן חלוקי־דעותדיקע פראבלעמען פון דער פילאזאפיע. אלס ראיה פאר יענעם מאנגל וועל איך נאר פארלויפיק אנווייזן אויף א פאקט, וועלכער רופט אפט ארויס שטוי־נונג, אבער איז דורך לאטצע דייטלעך אונטערגעשטראכן. אז די פרויען לעבן זיך לייכטער איין אין נייע פארהעלטענישן און פאסן זיך צו זיי גיכער צו, איידער די מענער, אויף וועמען מ'קאן נאך לאנג דערקענען דעם פארוועניוס, אינדערצייט ווען אין אנאלאגישע פאלן וועט שוין קיינער נישט באווייזן אונטער־צושיידן די באלעבאטישע פרוי פון דער אריסטאקראטין, דאס אין ארימע באדינגונגען אויפגעוואקסענע מיידל פון דער פאט־ריציער־טאכטער. אבער אויך דערמיט וועל איך זיך מוזן שפע־טער אויספירלעכער פארנעמען.

איבריקנס איז לייכט צו באַגרייפן, פֿאַרוואָס (אויף וויפל בוסטקייט, רכילות-טרייבעריי אָדער נאָכמאַכונגס-חשק צווינגט נישט דערצו) נאָר בעסערע מענטשן באַשרייבן די זכרונות פֿון זייער לעבן. ווייטער איז אויך פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס איך זע דערין אַ וויכטיקן באַווייז פֿאַרן צוזאַמענהאַנג צווישן זכּרון און באַגאַבונג. דאָס הייסט נישט, אַז יעדער גאָניאַלער מענטש מוז אויך אומבאַדינגט אָנשרייבן אַן אויטאָביאָגראַפֿיע: כּדי זי אָנ-צושרייבן זענען נאָך נויטיק געוויסע ס פּ ע צ י ע ל ע, זייער טיף ליגנדיקע פּסיכאָלאָגישע תּנאים. אָבער פֿאַרקערט איז די פֿאַרפֿאַסונג פֿון אַ פֿ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ר אויטאָביאָגראַפֿיע, ווײַבאַלד זי פֿליסט אַרויס פֿון אַן אינערלעך באַדערפֿעניש, תּמיד אַ סימן פֿון אַ העכערן מענטש. מחמת גראָד אין באמת ט ר י י ע ן זכּרון ליגט אויך דער שורש פֿון פּ י ע ט י ז ם. אַ גאָניאַלער מענטש וועט זיך קיינמאָל נישט שיידן מיט זײַן עבֿר, אַפֿילו ווען מ'זאָל אים צוזאָגן אָנשטאָט אים די גרעסטע אוצרות פֿון דער וועלט, יאָ, ד אָ ס ג ל י ק ג ו פֿ א. דער באַגער צו טרינקען פֿון דעם לעטע-שטראָם *) איז אַ שטריך פֿון מיטל-מעסיקע, שוואַכע נאַטורן. הגם גערעכט איז געטע, זאָגנדיק, אַז דער גאָניאַלער פֿאַלט אָפֿט זייער שטרענג און העפֿטיק אָן אויף אַנדערע מענטשן פֿאַר טעותדיקע אָנשויונגען, וועלכע זענען בשעתּם געווען אייך זײַנע אייגענע אָנשויונגען, אָבער ער וועט זיך פֿונדעסטוועגן קיינמאָל נישט דערלויבן אויסצולאַכן זײַנע אייגענע מעשׂים און חוזק צו מאַכן פֿון זײַן פֿריערדיקן דענק- און לעבנס-אופֿן. די היינט אַזוי זייער מאָדערנע „זעלבסט-איבערגעוועלטיקער" פֿאַרדינען לחלוטין אויף אַלץ, נאָר נישט אויפֿן דאָזיקן נאָמען. דאָס זענען אַלץ מענטשן, וועלכע דער-ציילן אין אַ שפּאָטישן טאָן פֿאַר אַנדערע, ווי זיי האָבן אַמאָל אין אַלץ געגלויבט, און ווי זיי האָבן איצט דאָס אַלץ „איבער-געוועלטיקט". איינס קאָן מען זאָגן וועגן זיי: פּונקט אַזוי וויניק ערנסט ווי ס'איז געווען אין זייער אַלטן גלויבן, אַזוי וויניק געלעגן איז זיי אויך אין זייערע נייע אָנשויונגען.

*) לעטע — גריכ. מיט. דער טײַך פֿון שיכחה אין האַדעס, פֿון וועלכן יעדער געשטאָרבענער האָט געמוזט זיך אָנטרינקען, כּדי צו פֿאַרגעסן אָן ערדישן לעבן. — איב.

אזעלכע לייט גייט נאָר תּמיד אין דער אינסטרומענטאַציע. קיינמאָל נישט אין דער מעלאָדיע; קיין איינע פון די אַלע „איבערגעוועלטיקטע" סטאַדיעס איז נישט אַרויסגעפלאָסן באמת אויס דער טיפעניש פון זייער מהות. אַקעגן־זשע זעט מען, מיט סאַראַ ערפּאָרכטיקע זאָרגעוודיקייט באַשרייבן גרויסע מענער אין זייערע אויטאָביאָגראַפיעס אַפילו די אין פלוג סאַמע אומבאַדייטנדיקע פּרטים פון זייער לעבן: ווייל פאַר זיי איז פאַרגאַנגנהייט און קעגנוואַרט גלייך, פאַר יענע איז קיינע פוןביידע נישט וואָר. דער גרויסער מענטש פילט, ווי אַלץ, אַפילו דאָס קלענסטע, געבנזאַכלעכסטע האָט געוווּנען אין זיין לעבן אַ באַזונדערע וויכטיקייט, ווי עס האָט אים מיטגעהאָלפן צו זיין אַנטוויקלונג, און פונדאַנען די אויסערגעוויינלעכע פּיעטעט אין זיינע מעמוארן. אַזאַ אויטאָביאָגראַפיע ווערט נישט געבוירן אויפאַמאָל: דער געדאַנק וועגן איר אַנטשטייט נישט פּלוצלינג, נאָר ווי ער וואָלט אין אים תּמיד געטליעט. זיינע נייע איבערלעבענישן באַקומען פאַר אים אַ באַזונדערע חשיבות, מחמת פאַר זיינע גייסטיקע אויגן שטייט אוממיטלבאַר אויך זיין פאַרגאַנגען לעבן; און דערפאַר האָט ער און אייגנטלעך נאָר ער אַ ש י ק ז אַ ל. און פונדאַנען שטאַמט אויך קודם־כל דאָס, וואָס גראָד די באַדייטנדיקסטע מענטשן זענען תּמיד פיל אָ ב ע ר ג ל ו י ב י ש ע ר, איידער מיטלמעסיקע קעפּ. מ'קאָן בכן רעזומירנדיק זאָגן:

וואָס מער באַדייטונג עס האָבן פאַר עמיצן אַלע זאַכן, אַן אַלץ באַדייטנדיקער מענטש איז ער.

אין לויף פון דער ווייטערדיקער אונטערזוכונג וועט דידאַזיקע הנחה, וועלכע נעמט אַרום דעם אוניווערסאַלן זיכרון באַקומען ביסלעכווייז נאָך אַן אַנדערן, טיפערן זין.

ווי ס'זעט אויס מיט דער פרוי אין דידאָזיקע אַלע הינזיכטן, איז נישט שווער צו טרעפן. די עכטע פרוי קומט קיינמאָל נישט צום באַוווּסטזיין פון אַ שיקזאַל; די פרוי איז נישט הערויש, מחמת זי קעמפט העכסטנס פאַר איר באַזיץ, און זי איז נישט טראַגיש, מחמת איר גורל אַנטשיידט זיך מיטן גורל פון דאָזיקן באַזיץ. היות ווי די פרוי איז אָן קאָנטינויטעט, קאָן

זי אויך נישט זיין פּיעטעטפול; און אין תוך איז פּיעטעט אַ דורכויס מענטשלעכע מדה. פּיעטעטפול איז מען קודם-כל לגבי זיך, און דידאָזיקע פּיעטעט לגבי זיך איז דער תנאי פון יעדער פּיעטעט לגבי אַנדערע. אָבער דער פרוי קאָסט זייער ווייניק דאָס פולשטענדיקע שיידן זיך מיט איר עבר. און ווען דער אויסדרוק איראָניע וואָלט דאָ געווען אַנטשפּרעכנדיק, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז אַ מאַנסביל וועט קיינמאָל נישט אַזוי איראָניש און שפּאָטיש באַטראַכטן זיין פאַרגאַנגנהייט, ווי דאָס טוט אָפט די פרוי אַפילו נאָך דער חתונה-נאַכט. מיר וועלן נאָך האָבן די געלעגנהייט אָנצוווייזן דערויף, ווי די באַגערן פון די פרויען זענען אייגנטלעך דער היפּוך פון דעם אַלעם, וועמעס אויסדרוק עס איז די פּיעטעט. וואָס שייך ווידער דער פּיעטעט פון די אַלמנות — אָבער וועגן דאָזיקן ענין וויל איך ליבערשט שווייגן. און דער אָבערגלויבן פון די פרויען איז סוף-כל-סוף פּסיכאָלאָגיש אַ דורכויס אַנדערער, ווי דער אָבערגלויבן פון געניאַלע מענער.

דאָס פאַרהעלטעניש צו דעם אייגענעם עבר, ווי עס דריקט זיך אויס אין דעם יראת-הכבוד און איז געשטיצט אויף דעם קאָנטינויערלעכן זכרון, וועלכער איז ווידער פאַרבונדן מיט דער אַפּערצעפּציע, לאָזט זיך נאָך פאָרשטעלן אין זיינע ווייטערדיקע צוזאַמענהאַנגען און צוגלייך טיפער אַנאַליזירן. מחמת טאַקע דערמיט, צי אַ מענטש האָט איבערהויפּט אַ פאַרהעלטעניש צו זיין פאַרגאַנגענהייט אָדער נישט, איז זייער ענג פאַרבונדן די פראַגע, צי ער פילט אַ באַדערפעניש נאָך דער אומשטערבלעכקייט, אָדער ער בלייבט גלייכגילטיק לגבי דעם געדאַנק פון טויט.

דאָס אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש ווערט אַפילו היינט אין אַלגעמיין זייער ביטולדיק און פון אויבן אַראָפּ באַהאַנדלט. דעם פּראָבלעם, וואָס וואַקסט אַרויס אויפן סמך פון דאָזיקן באַדערפעניש, פּטרט מען אָפּ שענדלעך לייכט נישט בלויז פון דער אָנטאָלאָגישער זייט, נאָר אויך פון דער פּסיכאָלאָגישער זייט. איינער וויל עס, צוגלייך מיט דער אמונה און גלגול הנשמות,

דערקלערן דערמיט, אז ס'זענען פאראן סיטואציעס, וועלכע דער מענטש לעבט זיכער איבער צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, אבער וועלכע דערוועקן אין אים א געפיל, אז ער האט שוין דיזעלביקע אמאל דורכגעלעבט. די אנדערע היינט אלגעמיין אנגענומענע אנשויונג, וועלכע פירט ארויס די אמונה אין השארת-הנפש פון דעם נשמות-קולט (טיילאר, ספענסער, א וועגנאריוס), וואלט אין יעדן אנדערן צייטאלטער געווארן a priori אפגעווארפן; נאר די עפאכע פון עקספערימענטאלער פסיכאלאגיע קאן זי אנערקענען פאר ריכטיק. מיר שיינט, אז איטלעכן דענקנדיקן מענטש דארף פארקומען פולשטענדיק אוממעגלעך, אז די פראגע, וועלכע האט ארויסגערופן אזויפיל הייסע וויכוחים מכוח איר קארדינאלע באדייטונג פאר דער גאנצער מענטשהייט, זאל קאנען באקומען איר אנטשיידונג אין דער פארם פון אן אויספיר פון אן סילאגיזם, וועמעס הנחות זאלן זיין די באנאכטיקע טרוים-דערשיינונגען פון פארשטארבענע מענטשן. און וועלכע דערשיינונגען זענען בארופן צו דערקלערן יענעם טעלזנפעסטן גלויבן אין זייער ווייטערלעבן נאכן טויט, וועלכן ס'האט געהאט געטע און באך, צו וועלכע „פסעוודא-פראבלעמען" לאזט זיך צוריקפירן דאס אומשטערבלעכקייטס-באדערפעניש, וועלכעס רעדט צו אונז אויס בעטהאווענס לעצטע סאנאטן און קווארטעטן? דער באגער נאך דער פערזענלעכער אומשטערבלעכקייט מוז ארויספליסן פון מעכטיקערע קוואלן, איידער יענע ראציאנאליסטישע פאנטאזעס.

דערדאזיקער טיפערער אורשפרונג געפינט זיך אין א לעבהאפטיקן קשר מיט דער באציונג פון מענטש צו זיין עבר. אין דעם זיך-פילן און זיך-זען אין דער פארגאנגענהייט ליגט א מעכטיקע סיבה פון וועלן זיך-ווייטער-פילן און זיך-ווייטערזען. וועמען זיין אייגענער עבר איז טייער, ווער עס שטעלט זיין אינערלעך גייסטיק לעבן העכער פארן קערפערלעכן, דער וועט עס אויך דעם טויט נישט אזוי לייכט אוועקגעבן. דערפאר טרעט דאס אורשפרינגלעכע, אינדיווידועלע אומשטערבלעכקייטס-באדערפעניש אויף אמשטארקסטן,

אַמדויערהאַפטיקסטן אין די גרעסטע זשעניס פון דער מענטש-הייט, אין די מענטשן מיט דער רייכסטער פאַרגאַנגנהייט. אַז אַזאַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם אומשטערבלעכקייטס-דראַנג און דעם זכרון עקזיסטירט באמת, איז קלאָר דערפון, וואָס מענטשן, וועלכע זענען ניצול געוואָרן פון דער טויט-סכנה, זענען זיך דערין איינשטימיק מודה. הגם זיי האָבן פריער קיינמאָל פיל נישט געטראַכט וועגן זייער פאַרגאַנגנהייט, לעבן זיי דאָ פלוצ-לינג דורך אויפאַמאָל מיט משוגענער געשווינדקייט זייער גאַנצע לעבנס-געשיכטע נאָכאַמאָל, און דערינערן זיך אין פאַרלויף פון ווינציקע רגעס אָן אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן גאַנצע יאָר-צענדליקער נישט אויפגעטויכט אין זייער באַוווסטזיין. דאָס געפיל פון דעם, וואָס זיי דערוואַרט, ברענגט אינם באַוווסט-זיין — ווידער מיטן כּוח פון קאָנטראַסט - דאָס אַלץ, וואָס דאַרף יעצט פאַרניכטעט ווערן אויף אייביק.

מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן דעם גייסטיקן מצב פון שטאַרבנדיקע. מ׳דאַרף זיין מער ווי אַ געוויינלעכער מענטש דערצו, כּדי צו באַנעמען, וואָס עס קומט פאָר אין דער נשמה פון אַ גוסס. פון דער צווייטער זייט ווידער מיידן גראָד בע-סערע מענטשן אויס דעם אָנבליק פון שטאַרבנדיקע. אָבער ס׳איז לחלוטין נישט ריכטיק, צוריקצופירן די אויפטרעטנדיקע רעליגיעזישקייט בא אַזויפיל שטערבלעך קראַנקע צו דער באַ-קאַנטער איבערלייגונג: „אפשר פאָרט, פראָבירן שאַדט דאָך נישט״. מ׳דאַרף אויך באַטראַכטן פאַר זייער אויבערפלעכלעך די אָנשויונג, אַז די בלויזע מסורהדיקע, פריער קיינמאָל נישט אָנערקענטע לערע וועגן גיהנום געווינט פלוצלינג גראָד אין דער שעה פון טויט אַזוי פיל קראַפט, אַז דעם מענטשן ווערט ממש אוממעגלעך צו שטאַרבן מיט אַ שקר אויף דער נשמה*) מחמת דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: אַלמאי מענטשן, וועלכע האָבן גע-פירט אַ דורך און דורך שקרדיק לעבן, דערפילן פלוצלינג דעם דראַנג צו דער וואָרהייט? און פאַרוואָס מאַכט עס אויף דעם-יעניקן, וועלכער גלויבט נישט אין שכר-ועונש אויף יענער

---

*) איך האָב אויך צו דערמאָנען וועגן דעם, ווי אָפט ריינע וויסנשאַפט-לער נעמען זיך באַשעפטיקן ערשט קנאַפּ פאַרן טויט מיט רעליגיעזע און מעטאַ-פיזישע פּראָבלעמען: גיוטאָן, גאַוס, רימאַן, היל, העבער.

וועלט, אַזאַ שרעקלעכן איינדרוק, בעת ער ווערט געוווּיר, אַז אַמיצער איז געשטאָרבן מיט אַ שקר, מיט אַ שלעכטס, נישט אַרויסוויייזנדיק קיין חרטה? פאַרוואָס האָט די עקשנות ביז צום לעצטן אָטעם, ווי אויך דאָס תשובה-טון פאַרן טויט אַזוי אָפט מעכטיק געריי צט די דיכטער? די פראַגע וועגן דער עווטאַנאַזיע*) פון די אַטעיסטן, וועלכע איז אין XVIII י. ה. אַזוי אָפט אויפגעהויבן געוואָרן, איז בכן נישט קיין גאַנץ זינלאָזער, און נישט קיין בלויז היסטאָרישער קוריאָז, ווי ס'איז גענויגט צו מיינען פרידריך אַלבערט לאַנגע.

איך דערמאָן דאָס אַלץ נישט בלויז, כדי צו באַטראַכטן אַ געוויסע מעגלעכקייט, וועלכע דערגרייכט קוים דעם ראַנג פון אַ השערה. היות ווי ס'זענען פאַראַן פיל מער „געניאַלע" מענטשן, איידער „זשעניס", איז פאַר מיר גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז די-דאָזיקע קוואַנטיטאַטיווע דיפערענץ אין דער באַגאַבונג קומט קודם-כל צום אויסדרוק אין יענעם מאָמענט, ווען מענטשן ווערן „זשעניס". פאַר דער מערהייט מענטשן פאַלט דערדאָזיקער מאָ-מענט צונויף מיטן מאָמענט פון טויט. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן דערויף, אַז געניאַלע מענטשן שטעלן מיט זיך נישט פאַר קיין אָפּגעזונדערטע גרופּע, וועלכע אונטערשיידט זיך שאַרף פון אַלע איבעריקע מענטשן. און דאָ זעען מיר, ווי אונ-זערע פריערדיקע באַטראַכטונגען פאַלן זיך צונויף מיט די איצ-טיקע. און פונקט ווי די ערשטע קינדהייטס-דערינערונג איז קיינמאָל נישט פאַרבונדן מיט עפּעס אַן אויסערלעכער, דעם פריערדיקן לויף פון די זאַכן איבעררייסנדיקער געשעעניש, נאָר פּלוצלינג, אומבאַמערקט, מחמת אַן אינערלעכער אַנט-וויקלונג, קומט פאַר יעדן פריער אָדער שפּעטער אַ טאָג, אין וועלכן דאָס באַוווּסטזיין ווערט אַזוי אינטענסיוו, אַז עס בלייבט אַ דערינערונג און פון דעמאָלט אָן, לויט דער באַגאַבונג פון יעדן איינצלנעם אינדיווידֿ, פאַרייניקן זיך צו דערדאָזיקער דערינערונג אַ גאַנצע רייע נייע—דערדאָזיקער פאַקט אַליין איז בכוח אַ תל צו מאַכן פון דער גאַנצער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע — אַזוי דאַרפן אויך פאַרשידענע מענטשן אַ

*) שטאַרבן בנשיקה — מילדער טויט (איבּ.).

פאַרשידענע צאָל אָנשטויסן, כּדי צו ווערן געניאַל; לויט דער צאָל פון די דאָזיקע באַוווּסטזיינס-שטויסן, פון וועלכע דער לעצטער פאַלט צונויף מיטן מאָמענט פון טויט, קאָן מען קלאַסיפיצירן די מענטשן בנוגע זייער באַגאַבונג. באַ דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך נאָך דערויף אָנווייזן, ווי פאַלש ס'איז די אָנשויונג פון דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע (פאַר וועלכער דער מענטשלעכער אינדיווויד קומט נאָר אין באַטראַכט ווי אַ בעסערער רעגיסטריר-אַפּאַראַט, וואָס באַזיצט נישט קיין שום אינערלעכע, אַנטאַגענעטישע גייסטיקע אַנטוויקלונג), אַז אין יוגנטלעכן עלטער ווערן אויפבאַהאַלטן די גרעסטע צאָל איינדרוקן. מען דאַרף נישט צונויפמישן די איבערגעלעבטע איינדרוקן מיטן אויסערלעכן און פרעמדן זכרון-מאַטעריאַל. דאָס קינד נעמט טאַקע דערפאַר לייכט אויף דעמדאָזיקן מאַטעריאַל, ווייל עס איז נאָך אַזוי ווייניק באַשווערט פון געמיטס-איינדרוקן. אַ פּסיכאָלאָגיע, וועלכע איז זיך אין אַזעלכע קאַרדינאַלע פראַגעס סותר מיט דער דערפאַרונג, באַדאַרף אונטערנעמען באַדייטנדיקע תּקונים אָדער זיך דעפיניטיוו ענדערן. דאָס וואָס מיר האָבן דאָ געפּרווט אָנצומערקן איז קוים אַ רמז אויף יענער אָנטאָגענעטישער פּסיכאָלאָגיע אָדער טעאָרעטישער ביאָגראַפיע, וועלכע איז באַרופן פריער אָדער שפּעטער אַרויסצושטויסן די היינטיקע וויסנשאַפט וועגן דעם מענטשלעכן גייסט. — יעדער פּראָגראַם אַנטהאַלט implicite געוויסע איבערצייגונגען, יעדער ציל, צו וועלכן עס שטרעבט דער ווילן, שטיצט זיך אויף געוויסע פאָרשטעלונגען וועגן רעאַלע פאַרהעלטענישן. דער נאָמען „טעאָרעטישע ביאָגראַפיע" דאַרף גענויער ווי ביזאַהער אָפּגרעניצן דאָסדאָזיקע געביט פון דער פילאָזאָפיע און פּילאָלאָגיע; צוגלייך דערמיט איז ער באַרופן צו פאַרברייטערן די ביאָלאָגישע אָנשויונג, וועלכע איז דורך דער לעצטער ריכטונג אין דער פּסיכאָלאָגיע (דאַרווין, ספּענסער, מאַך, אַווענאַריוס) צו איינזייטיק און טיילווייז שטאַרק איבערגעטריבן געוואָרן, אַז די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער לערע וועט זיין אָפּצוגעבן אַ חשבון פון דעם געזעצמעסיקן גייסטיקן לעבנסלויף אַלס

גאַנצעס, אָנדויבנדיק פון דער געבורט ביז צום טויט פון אַ מענטש, פונקט ווי פון אַנטשטיין, פאַרגיין און אַלע איינצלנע לעבנס-פאַזעס פון עפּעס אַ פּלאַנץ. און ביאָגראַפיע, נישט קיין ביאָלאָגיע, זאָל זי אָנגערופן ווערן, ווייל איר אויפגאַבע באַשטייט אין דער דערפאָרשונג פון די באַשטענדיקע געזעצן פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אַן אינדיווידו. ביז־אַהער האָט די געשיכטלעכע באַשרייבונג פון יעטווערן מין געהאַט צו טון בלויז מיט אינדיווידואַליטעטן. דאָ אָבער ליגט דער שווערפּונקט אין אָפּזוכן אַלגעמיינע פּונקטן, טיפּן. די פּסיכאָלאָגיע מוז זיך פאַרוואַנדלען אין טעאָרעטישער ביאָגראַפיע. אַלע אויפגאַבעס פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע וואָלטן געפינען זייער לייזונג אין דערדאָזיקער לערע, און דאַן וואָלט מקוים געוואָרן דער חלום פון ווילהעלם וווּנדט, אָפּצוזוכן אַ ברייטן, פרוכטבאַרן יסוד פאַר די וויסנשאַפטן וועגן מענטשלעכן גייסט. ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו צווייפלען אין דידאָזיקע מעגלעכקייטן דערפאַר, ווייל די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע האָט נאָך טאַקע איר אייגנטלעכע אויפגאַבע און איר ציל כלל נישט באַגריפן, איז אויך נישט אימשטאַנד צו טון עפּעס פאַר דער לייזונג פון די סאַמע רעטענישפולע זייטן פון אונזער נשמה-לעבן. אָט פאַרוואָס, נישט קוקנדיק אויף די הערלעכע פאָרשונגען פון ווינדעלבאַנד און ריקערט, קאָנען מיר באַ דער נייער איינטיילונג פון די וויסנשאַפטן אין „נאָמאָטעטישע"*) און „אידיאָגראַפישע"**) דיסציפּלינעס אויפבאַהאַלטן מילס דואַליסטישע פונאַנדערטיילונג אויף נאַטור-און גייסט-וויסנשאַפטן.

פון דער דעדוקציע, וועלכע פאַרבינדט דאָס אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש מיט דער המשכותדיקייט פון זכרון און מיטן פּיעטיזם, דרינגט פולשטענדיק אַרויס, אַז די פרויען פילן לגמרי נישט אָפּ קיין באַדערפעניש נאָך אומשטערבלעכקייט. דערפון איז אויך צו זען, ווי אומגערעכט עס זענען די־יעניקע, וועלכע באַטראַכטן דעם פּאָסטולאַט פון דער פּערזענלעכער אומשטערבלעכקייט בלויז ווי־

*) די וויסנשאַפט, וואָס פאָרשט די געזעצן.

**) די וויסנשאַפט, וואָס פאָרשט די געשעענישן.

אַ רעזולטאַט פון דעם פחד פאַרן טויט און פון קערפערלעכן עגאָיזם, און דערמיט גיבן זיי אייגנטלעך אַן אויסדרוק דער פאָפולערסטער מיינונג וועגן יעטוועדן אייביקייטס-גלויבן. מחמת דער אַ נ ג ס ט פאַרן טויט געפינט זיך אויך בײַ פרויען ווי בײַ מענער, דאָס א ו מ ש ט ע ר ב ל ע כ ק יי ט ס-ב אַ ד ע ר פ ע נ י ש אָבער איז אַן אויסשליסלעך מענלעכע אייגנשאַפט.

מײַן פרווו צו דערקלערן דעם פסיכאָלאָגישן באַגער נאָך אומשטערבלעכקייט איז גיכער אַ רמז אויף דער פאַרבינדונג, וועלכער עקזיסטירט צווישן אים און דעם זכרון, איידער אַ שטרענגער אויספיר פון עפעס אַ העכערער הנחה. ס'איז זייער לײַכט זיך איבערצוצייגן, אַז אַזאַ קשר עקזיסטירט: וואָס מער אַ מענטש לעבט מיט זײַן עבר, — אָבער נישט מיטן עתיד, ווי מ'איז געוווינט צו טראַכטן — אַלץ אינטענסיווער איז אין אים דער פאַרלאַנג נאָך אומשטערבלעכקייט. פונקט אַזוי בינדט זיך בײַ די פרויען דער מאַנגל אין דעם באַדערפעניש פון אַ ווײַטערלעבן נאָכן טויט מיט זייער מאַנגל אין פיעטעט לגבי דער אייגענער פערזאָן. פונקט ווי די אָפוועזנהייט פון דידאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן בײַ דער פרוי פאָדערט אַ טיפערע באַגרינדונג דורך אַרויספירן זיי פון איין אַלגעמיינעם פרינציפ, אַזוי דאַרף מען אויך דאָס באַזאַמענזיין פון זכרון און אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש בײַ דעם מאַנסביל אָפזוכן אין איין געמיינזאַמען שורש. מחמת ביז איצט האָבן מיר נאָר אויפגעוויזן אויף סאַראַ אופן ס'פאַרייניקט זיך אין איין און דעמזעלביקן מענטש דאָס איבערלעבן די אייגענע פאַרגאַנגנהייט און איר הויכע אָפשאַצונג מיט דער האָפענונג אויף אַ יענער וועלט. די אויספאָרשונג פון דער טיפערער סיבה פון דאָזיקן צוזאַמענהאַנג איז נאָכנישט אַרײַנגעגאַנגען אין אונזער אויפגאַבע. איצט ערשט דאַרף מען אויך צו איר צוטרעטן.

*

פאַרן אויסגאַנגס-פונקט נעמען מיר די פאָרמולירונג, וועלכע מיר האָבן געגעבן דעם אוניווערסאַלן זכרון פון געניאַלן מענטש. פאַר אים איז אַלץ, אי דאָס פונלאַנג אַנטוויקלטע, ווי דאָס

נאָר-וואָס פאַרשוווּנדענע, אַלצײַנס וואָר. דערפון שטאַמט, וואָס די אײנצלנע איבערלעבעניש פאַרשווינדט נישט צוזאַמען מיט יענעם מאָמענט, אין משך פון וועלכן זי האָט געדויערט, אַז זי איז נישט פאַרבונדן מיטן צײַט-מאָמענט, נאָר זי באַפרײַט זיך פון אים טאַקע דורכן זכּרון. דער זכּרון מאַכט די איבערלעבענישן צײַטלאָז, ער איז, שוין לויט זײַן באַגריף, איבערגוועלטיקונג פון דער צײַט. אין דעם עבר קאָן זיך דער מענטש נאָר דערפאַר דערינערן, ווײַל דער זכּרון האָט אים באַפרײַט פון דעם אײַנפלוס פון דער צײַט, אַלע דערשײַנונגען פון דער נאַטור זענען פונקציעס פון דער צײַט; די דערשײַנונגען פון גײַסט דערקעגן געוועלטיקן איבער דער צײַט.

אָבער דאָ שטעלט זיך פאַר אונז אין פלוג אַוועק אַ געוויסע שוועריקײַט. ווי אַזוי קאָן דער זכּרון אין זיך אַנטהאַלטן אַ נעגאַציע פון דער צײַט, וויבאַלד פון דער אַנדער זײַט איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז מיר וואָלטן גאָרנישט געוווּסט פון קײן צײַט, ווען מיר זאָלן נישט האָבן קײן זכּרון? אַמער בלויז דורך דער דערינערונג אָן פאַרגאַנגענע געשעענישן קומען מיר צום באַוווּסטזײַן, אַז ס'איז פאַראַן אַן אָפּלויף פון צײַט. ווי-זשע שיקט זיך, אַז אײן זאַך זאָל זײַן דער היפּך און נעגאַציע פון דער צווײטער, וויבאַלד אָט-די בײדע זאַכן זענען אַזוי ענג צווישן זיך פאַרבונדן?

דידאָזיקע שוועריקײט לײזט זיך לײַכט. טאַקע דערפאַר, וואָס אַ געוויס וועזן — עס ברויך נישט צו זײַן דער מענטש — אויף וויפל עס איז באַשאָנקען מיט זכּרון, און איז מיט זײַנע איבערלעבענישן נישט פּשוט פאַרפלאָכטן אין דעם צײַט-פאַרלויף, קאָן עס זיך אים אַנטקעגנשטעלן, קאָן אים באַנעמען און מאַכן אים צום געגנשטאַנד פון זײַנע באַטראַכטונגען. וויבאַלד די אײנצלנע איבערלעבעניש וואָלט געווען פאַרשלונגען דעם ווײַטערדיקן צײַט-פאַרלויף, ווען זי וואָלט דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן און זיך נישט פון אים אַרויסגעראַטעוועט מיט דער הילף פון זכּרון, וואָלט זי זיך געמוזט מיט דער צײַט ענדערן, פּונקט ווי אַן

אָפּהענגיקער וואַריאַבל צוזאַמען מיט זיין אומאָפּהענגיקן; וויבאַלד דער מענטש וואָלט געשטאַנען אינמיטן דעם צייטלעכן לויף פון די געשעענישן, וואָלט ער אים נישט געקאָנט באַמערקן, און נישט אויפנעמען אין זיין באַוווּסטזיין — באַוווּסטזיין פאָדערט צוויי ענדיקייט — און דידאָזיקע צייט וואָלט נישט געקאָנט זיין דער אָביעקט, דער געדאַנק, די פאָרשטעלונג פון דעם מענטש. מען מוז אויף עפּעס אַן אופן גובר זיין די צייט, כדי זי צו דערקענען; מען מוז שטיין מחוץ דער צייט, כדי זי צו קאָנען באַטראַכטן. דאָסדאָזיקע גילט נישט בלויז בנוגע יעדן באַזונדערן צייט-משך — אין מאָמענט פון ליידנשאַפט קאָן מען איבער דער ליידנשאַפט נישט נאָכדענקען, מען מוז זי ערשט האָבן צייטלעך הינטער זיך — נאָר אויך בנוגע דעם אַלגעמיינעם באַגריף פון דער צייט. וויבאַלד ס'וואָלט נישט עקזיסטירט קיין צייטלאָזעס, וואָלט אויך נישט געווען קיין פאָרשטעלונג וועגן דער צייט.

כדי דאָסדאָזיקע צייטלאָזע צו דערקענען, לאָמיר זיך פאַרלויפיק דערמאָנען, וואָס דער זיכּרון רויבט באמת אַוועק פון דער צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער זכּרון פאַרבאַהאַלט אַלץ, וואָס האָט פאַרן אינדיווידואַן אינטערעס אָדער חשיבות, קורץ גערעדט, אַלץ, וואָס האָט פאַרן מענטש אַ געוויסן ווערט. מיר דערינערן זיך נאָר אַן אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אונז אַ געוויסן, ווען אַפילו אָפט לאַנג אומבאַוווּסטזיניקן ווערט: דערדאָזיקער ווערט גיט זיי די צייטלאָזיקייט. דער מענטש פאַרגעסט אָן דעם, וואָס איז דורך אים, ווען אַפילו אָפט אומבאַוווּסטזיניק, נישט אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ ווערטפולע זאַך.

דער ווערט איז בכן דאָס צייטלאָזע; און פאַרקערט: דער ווערט פון אַ זאַך איז אַלץ מער באַדייטנדיק, וואָס ווייניקער זי איז אַ פונקציע פון דער צייט, וואָס ווייניקער זי ענדערט זיך מיט דער צייט. אַלץ אויף דער וועלט באַזיצט נאָר אַזויפיל ווערט, וויפל עס שטעקט דערין צייטלאָזיקייט: נאָר צייטלאָזע זאַכן ווערן פּאָזיטיוו גע-

ווערטער. דידאָזיקע הנחה איז נאַטירלעך נאָכנישט די טיפסטע און אַלגעמיינסטע דעפיניציע פון ווערט און נישט קיין פולשטענדיקע אויסשעפּונג פון זיין מהות, נאָר זי שטעלט מיט זיך פאָר דאָס ערשטע ספּעציעלע געזעץ פון יעטוועדער ווערט-טעאָריע.

אַ לויפיקער איבערבליק וועט גענוגען, כדי אויפצווייזן אומעטום זיין גילטיקייט. מענטשן זענען תמיד נוטה גרינגצושעצן די איבערצייגונגען פון דעמיעניקן, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג צו זיי געקומען; זיי רעכענען זיך בכלל נישט מיט דער מיינונג פון אַ מענטש, וועמעס אָנשויונגען עס געפינען זיך אין פליסיקן צושטאַנד, און האַלטן זיך כסדר אין ענדערן. אַקעגן-זשע וועקט אייזערנע באַשטענדיקייט תמיד דרך-ארץ, ווען אַפילו זי זאָל זיך אַנטפּלעקן אין די אומאיידלע פאָרמען פון נקמה-דורשט און עקשנות; אַפילו דאַן, ווען זי רעדט אויס טויטע געגנשטאַנדן: מיר וועלן נאָר דערמאָנען אָן דעם „aere perennius“ באַ די פּאָעטן און אָן די „quarante siècles“ פון די עגיפּטישע פּיראַמידן. דער רום און דער גוטער אָנדענק, וואָס דער מענטש לאָזט נאָך זיך איבער, וואָלטן פאַרלוירן זייער ווערט אין אונזערע אויגן צוזאַמען מיטן געדאַנק, אַז זיי זענען פאַרגענגלעך. אַ מענטש קאָן ווייטער קיינמאָל נישט אָפּשאַצן פּאָזיטיוו דאָס, וואָס האַלט זיך אין איין ענדערן, אמת, בעת מ׳זאָגט אים, אַז איטלעכס מאָל ווייזט ער זיך אַרויס פון אַ נייער זייט, וועט ער זיין שטאָלץ און צופרידן אויך מיט דערדאָזיקער אייגנשאַפט. אָבער די סיבה פון דאָזיקן שטאָלץ ליגט אין דערדאָזיקער באַשטענדיקייט, רעגלמעסיקייט און זיכערקייט, מיט וועלכער עס דערשיינט אין זיי דידאָזיקע פאַרשידנזייטיקייט. דער לעבנס-מידער, פאַר וועמען עס עקזיסטירט נישט קיין שום ווערט, זעט אויך מער נישט קיין שום אינטערעס פאַר זיך אין דער דערמאָנטער באַשטענדיקייט. די מורא פאַר דעס אויסשטאַרבן פון אַ משפּחה און דעם פאַרשווונדן פון איר נאָמען איז אַ דערשיינונג, וועלכע געהערט אינגאַנצן דאָ אַהער.

אויך יעדע סאָציאַלע ווערטונג, ווי זי אַנטפּלעקט זיך, למשל, אין רעכטס-פאָרשריפטן און אָפּמאַכן, הגם אין טעגלעכן

לעבן קאָנען זיי ארונטערפאלן פארשידענע שנויים, פרעטענדירט פון אָנהויב אָן אויף צייטלאָזע גילטונג אפילו דאן, ווען איר רעכטס-קראפט איז אויסדריקלעך באוואָרנט נאָר ביז צו א באַשטימטן טערמין. די צייט פיגורירט דאָ אלס קאָנסטאנטע, אָבער נישט אלס ענדערלעכע גרייס, וואָס אָפּהענגיק דערפון וואָלטן די אָפּגערעדטע פארהעלטענישן זיך געקאָנט באשטענדיק אָדער אומבאשטענדיקענדערן, דערמיט דערקלערט זיך דער פאקט, אז א זאך באזיצט אן אלץ גרעסערן ווערט, וואָס לענגער עס איז איר דויערהאפטיקייט. מחמת וויבאלד צוויי קאָנטראהענטן שליסן א פאקט אויף א זייער קורצער צייט, וועט קיינער נישט גלויבן, אז זיי זענען אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין אים; זיי אליין, שליסנדיק אים, ווען אין דאָזיקן פאל אויך נישט זיין אנדערש געשטימט און וועלן זיך, לכתחילה, נישט קוקנדיק אויף אלערליי התחייבותן, באציען מיט חשד און אומצוטרוי צו איינאנדער.

אין דעם פאָרמולירטן געזעץ ליגט אויך די אמתדיקע דערקלערונג דערפון, אלמאי די מענטשלעכע מחשבות דערלאנגען איבער דעם גדר פון טויט. דאָס באדערפעניש נאָך דעם ווערט דריקט זיך אויס אין דער אלגעמיינער שטרעבונג צו באפרייען די זאכן פון דער צייט; דערדאָזיקער דראנג שפרייט זיך אויך אויס אויף אזעלכע פארהעלטענישן, וועלכע ענדערן זיך דאָך פריער אָדער שפעטער „מיט דער צייט", צ. ב. אויף רייכטום און באזיץ, אויף אלץ, וואָס מיר זענען געוווינט אָנצורופן „ערדישע גיטער". דערין ליגט דער טיפער פסיכאָלאָגישער מאָטיוו פון דער צוואה, דער פארזאָרגונג פון א ירושה. נישט די דאגה פאר די אייגענע קרובים איז דער מקור פון דערדאָזיקער דערשיינונג. אויך דער מענטש אָן משפחה און אָן קרובים לאָזט איבער א צוואה, און ער טוט עס נאָך מיט מער ערנסט און טיפערן אריינטראכטן, איידער דער פאָטער פון א משפחה, וועלכער ווייסט, אז נאָך זיין טויט וועלן זיינע שפורן נישט פולשטענדיק פארלאָשן ווערן אין דעם לעבן און געדאנקען פון די אנדערע.

דער גרויסער פאָליטיקער און הערשער, באזונדערס אָבער דער דעספאָט, וועמעס ממשלה עס ענדיקט זיך על-פי-רוב צוזאמען מיט זיין לעבן, באמיט זיך איר צוצוגעבן א געוויסן ווערט;

דאָס דערגרייכט ער נאָר דורכדעם, וואָס ער בינדט צונויף די־דאָזיקע ממשלה מיט עפּעס אויסערצייטלעכס; דורך אַ געזעץ־בוך אָדער ביאָגראַפיע (יוליוס צעזאַר), אָדער דורך אַלערליי גרויסע גייסטיקע אונטערנעמונגען און קאָלעקטיווע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, מוזעען און זאַמלונגען, דורך אויפשטעלן מאָנומענטאַלע בנינים (saxa loquuntur), און צום כאַראַקטעריסטישסטן, דורך שאַפונג אָדער רעגולירונג פון אַ קאַלענדאַר. אַחוצדעם באַמיט ער זיך אויך זיין מאַכט גופא שוין פאַר זיין לעבן צו פאַרזיכערן אַ מעגלעכסט לאַנגע דויערהאַפטיקייט, נישט בלויז זיך באַוואָרענענדיק דורך קעגנזייטיקע אָפּמאַכן און שליסנדיק דיפּלאָמאַטישע חתונות, וועלכע זאָלן באַפעסטיקן די קרובהשאַפטלעכע באַציונגען, נאָר קודם־כל דורך באַזייטיקן דאָס אַלץ, וואָס מיט זיין בלויזער מציאות וואָלט עס געקאָנט אַמאָל באַדראָען דעם אייביקן דויער פון זיין ממשלה. אַזוי פאַרוואַנדלט זיך דער פּאָליטיקער אין אַ דעראָבערער.

די פּסיכאָלאָגישע און פילאָזאָפישע וווערט־טעאָריעס האָבן לחלוטין נישט גענומען אין אַכט דאָס געזעץ פון דער צייטלאָזיקייט. זיי האָבן זיך בלי־ספק געפונען אונטער דער השפעה פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אין וועמעס געביט זיי האָבן זיך באַמיט אַריינצודרינגען. פונדעסטוועגן גלויב איך נישט, אַז דאָס דאָ נייאַנטוויקלטע געזעץ זאָל נישט קאָנען האָבן קיין אָנווענדונג אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע נאָר דערפאַר, ווייל עס ווערט דאָ נאָכמער ווי אין דער פּסיכאָלאָגיע פאַרטונקלט דורך קאָמפּליקאַציעס. אויך אין עקאָנאָמישער הינזיכט האָט יעדער געגנשטאַנד אַלץ גרעסערן ווערט, וואָס מער ער איז דויערהאַפטיק. אַ [illegible]ך, וואָס איר קאָנסערווירונגס־פעיקייט איז באַגרעניצט אויף וועלכע עטלעכע שעה, קאָן מען, למשל, תמיד קויפן ביליקער אין אַ שפּעטערער שעה, פאַרן אָנקום פון דער נאַכט; נאַטירלעך, אַז אַזאַ פאַל איז נישט דענקבאַר דאָרט, ווי די באַשטימונג פון אַ פעסטער פּרייז הויבט אויף דעם מאָראַלישן ווערט פון דער אונטערנעמונג איבער די צופעליקע, צייטלעכע וואַקלעניש. איך וועל אָקאָרשט דערמאָנען אָן די צאָלרייכע אַנשטאַלטן, וועלכע זענען געשאַפן צום פאַרהיטן דעם ווערט פון זאַכן אַנטקעגן דעם איינפלוס פון דער צייט (לאַגער־הייזער, דעפּאָס, קעלערס,

פלערליי זאַמלונגען מיט קוסטאָדן א. א. וו.). עס איז דאָ גאַנץ אומריכטיק מצד די פּסיכאָלאָגישע ווערט־טעאָריעס, צו באַצייכענען דעם ווערט אַלס אַזעלכס, וואָס איז געאייגנט צו באַפרידיקן אונזערע באַדערפעניש. אויך די קאַפּריזן פון אַ מענטש געהערן צו זיינע (מאָמענטאַנע) באַדערפעניש, און דאָך איז נישט פאַראַן קיין מער היפּכדיקער באַגריף פון ווערט, ווי טאַקע דער *קאַפּריז*. דער קאַפּריז קען נישט קיין שום ווערט, ער פאַרלאַנגט אים העכסטנס, כדי אים אין נאָענטסטן מאָמענט צו פאַרניכטן. און אַזוי לאָזט זיך בכן דער מאָמענט פון דויער נישט באַזייטיקן פון דעם ווערט־באַגריף. אפילו די־יעניקע דערשיינונגען, וועלכע מ׳גלויבט צו קאָנען דערקלערן נאָר מיט דער הילף פון דער *מענגערשער* טעאָריע פון „גרעניץ־נוצן״, געפינען זייער אַנטשיידונג אין מיין אויפפאַסונג (דערביי, בין איך ווייט פון געדאַנק אַריינצופירן וועלכע ס׳איז הנחות אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע). דאָס, וואָס לופט און וואַסער האָבן נישט קיין ווערט, דערקלערט זיך אויסשליסלעך דערמיט, וואָס נאָר *אינדיווידואַליזירטע*, *געפאָרמטע* זאַכן קאָנען באַזיצן אַ פּאָזיטיוון ווערט; מחמת אַלץ, וואָס האָט פאָרם, קאָן ווערן דעפאָרמירט, צעשטערט, און קאָן *אַלס אַזעלכס* נישט זיין דויערהאַפטיק. מ׳קאָן צוגעבן אַ באַשטימטע פאָרם אַ באַרג, אַ וואַלד, אַ פליין דורך באַאַרבעטונג אָדער אַרומגרעניצונג; דעריבער זענען זיי אפילו אין דעם וויסטסטן צושטאַנד אַן אָביעקט פון ווערט. די אַטמאָספערישע לופט און דאָס וואַסער איבער און אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד קאָן מען נישט איינשליסן אין באַשטימטע גרעניצן, מחמת זיי זענען פונאַנדערגעשפּרייט אין אַ צעפלאָסענעם צושטאַנד און אָן איינגרעניצונג. ווען עפּעס אַ מכשף וואָלט אימשטאַנד געווען צונויפצודריקן די אַטמאָספערישע לופט, וואָס רינגלט אַרום די ערדקויל, אויף עפּעס אַ פאַרהעלטענישמעסיק קליינעם שטח ערד, פונקט אַזוי ווי דאָס האָט נעטון דער גייסט אין אַן אָריענטאַליש מעשהלע, אָדער ווען עס וואָלט עמיצן געלונגען צו פאַרשפּאַרן די וואַסער־מאַסן, וואָס באַדעקן אונזער ערד אין אַ גרויסן רעזערוואַר, וואָס זאָל נישט דערלאָזן קיין אויסדאַמפונג, וואָלטן וואַסער און לופט תיכף באַקומען *פאָרם*,

און צוזאַמען דערמיט אויך ווערט. אַ ווערט שרייבט מען נאָר דעמאָלט צו אַ געוויסער זאַך, ווען ס'איז פֿאַראַן כאָטש דער ווייטסטער גרונט מורא צו האָבן, אַז זי קאָן מיט דער צייט אַרונטערפֿאַלן אַ פֿאַרענדערונג; מחמת דער ווערט אַנטשטייט אין דער באַציונג צו דער צייט, נאָר אין דעם קעגנזאַץ צו דער צייט ווערט ער באַשטימט. ווערט און צייט זענען זיך בכן קעגנזייטיק מחייב אַלס צוויי קאָרעלאַטיווע באַגריפֿן. ווי טיף אַזאַ אויפֿפֿאַסונג פּירט, אויף וויפֿל זי קאָן זיין פֿרוכטבאַר אַפֿילו פֿאַר דער באַשאַפֿונג פֿון אַ גאַנצער וועלטאָנשויונג, דאָס וואָלט איך דאָ ווייטער נישט געקאָנט אַנטוויקלען. פֿאַר אונזער צוועק איז פֿולשטענדיק גענוג צו וויסן, אַז דאָרט ווו ס'דראָט נישט קיין סכנה מצד דער צייט, פֿאַלט אָפּ יעטוועדער יסוד פֿון ווערט. דער כאַאָס, הגם ער איז אייביק, קאָן נאָר אָפּגעשאַצט ווערן נעגאַטיוו. פֿ אָ ר ם און צ ײ ט ל אָ ז י ק ײ ט אָדער אינדיווידואַליזאַציע און דויער זענען די ביידע אַנאַליטישע מאָמענטן, וועלכע שאַפֿן קודם-כל דעם ווערט און באַגרינדן אים.

מיר האָבן אויף אַזאַ אופֿן אַנאַליזירט דאָסדאָזיקע פֿונדאַמענטאַלע געזעץ און זיין אָנווענדונג אויפֿן אינדיווידועל-פּסיכאָלאָגישן, הן אויפֿן סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן געביט. און איצט קאָנען מיר זיך אומקערן צום הויפּט-געגנשטאַנד פֿון אונזער אונטערזוכונג, און זיך פֿאַרנעמען מיט דער אייגנטלעכער אויפֿגאַבע פֿון דאָזיקן קאַפּיטל, וואָס וואַרט נאָך אויף איר אַנטשיידונג.

דער ערשטער אויספֿיר, וואָס מיר קאָנען אַרויסציען פֿון דער גאַנצער פֿריערדיקער באַטראַכטונג,— איז דאָס, אַז אויף אַלע געביטן פֿון מענטשלעכער טעטיקייט איז פֿאַראַן אַ באַדערפֿעניש נאָך צייטלאָזיקייט, אַ דראַנג צום ווערט. און דערדאָזיקער דראַנג צום ווערט, וואָס לויט זיין טיפֿקייט קאָן ער זיך גאַנץ דרייסט פֿאַרמעסטן מיט דעם „דראַנג צו מאַכט", פֿעלט לחלוטין באַ דער אינדיווידועלער פֿרוי, וויינִיקסטנס אין דער פֿאָרם פֿון שטרעבונג נאָך צייטלאָזיקייט. נאָר אין זייער זעלטענע פֿאַלן גיבן פֿרויען וועלכע ס'איז אָנווייזונגען בנוגע דעם ווייטערדיקן גורל פֿון זייער פֿאַרמעג נאָך זייער טויט; דאָס באַווייזט אָן איבעריקס מאָל, אַז די

פרויען באַזיצן נישט קיין באַדערפעניש נאָך אומשטערבלעכקייט, מחמת דעם לעצטן ווילן פון אַ מענטש רינגלט אַרום דער אָרעאָל פון עפּעס העכערס, אַלגעמיינס, און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס ער ווערט דורך אַנדערע מענטשן אַזוי געאַכטעט.

האָס אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש גופא איז בלויז אַ באַזונדערער פאַל פונם אַלגעמיינעם געזעץ, אַז נאָר צייטלאָזע זאַכן שרייבט מען צו אַ פּאָזיטיוון ווערט. אין דאָזיקן געזעץ ליגט דער צוזאַמענהאַנג פון דערמאָנטן באַדערפעניש מיטן זכרון. דאָס געדעכעניש פון אַ מענטש וועגן די פאַרשידנאַרטיקע איבערלעבענישן איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באַדייטונג, וועלכע ס'האָבן פאַר אים געהאַט די דאָזיקע איבערלעבענישן. ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען: דער ווערט איז עס, וואָס שאַפט די פאַרגאַנגענהייט. נאָר דאָס, וואָס איז פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט געוואָרן, בלייבט אין שוץ פון געדעכעניש אַקעגן דעם צאָן פון דער צייט; און אַזוי אויך דאָס אינדיווידועלע פּסיכישע לעבן אַלס גאַנצעס, אויף וו'פל עס ווערט באַטראַכט פאַר אַ פּאָזיטיוון ווערט, דאַרף נישט זיין קיין פונקציע פון דער צייט, נאָר מוז זיך אויפהויבן איבער דער צייט דורך אַן אייביקן דויער, וואָס שפרייט זיך אויס ווייט איבער די גרעניצן פון קערפּערלעכן טויט. דערמיט זענען מיר שוין אומפאַרגלייכלעך נענטער צוגעקומען צו דעם אינערלעכסטן מאָטיוו פון אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש. דאָס באַוווסטזיין וועגן דעם, אַז צוזאַמען מיטן טויט פאַרלירט זיין באַדייטונג אונזער אינדיווידועלע, לעבנספול דורכגעמאַכטע לעבן, וועלכעס פאַרוואַנדלט זיך אַזויערנאָך אין אַ זינלאָזיקייט, — דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין פירט אונז צו דעם פאַרלאַנג נאָך אומשטערבלעכקייט. דעמזעלביקן געדאַנק, נאָר מיט אַנדערע ווערטער, האָט אויך גטע אויסגעדריקט פאַר עקערמאַנען (4. פעברואַר 1929).

דעם אינטענסיווסטן פאַרלאַנג נאָך אומשטערבלעכקייט האָט דער זשעני. און אויך דאָס פאַלט צונויף מיט אַלע אַנדערע

אייגנשאפטן פון זיין נאטור, וועלכע מיר האָבן שוין באוויזן אויפצודעקן. דער זכרון איז דער פולשטענדיקער נצחון איבער דער צייט נאָר אין דעם פאל, ווען ער טרעט אויף אין זיין אוניווערסאלער פאָרם, ווי בא דעם אוניווערסאלן מענטש. דער זשעני איז אזוי ארום דער אייגנטלעכער צייטלאָזער מענטש, ווייניקסטנס איז דאָס און נישט עפּעס אנדערש זיין אידעאל וועגן זיך גופא. ער איז, ווי עס באווייזט עס זיין בענקשאפט-פולער און שטארקער באגער נאָך אומשטערבלעכקייט, טאקע דער מענטש מיט דער שטארקסטער תשוקה נאָך צייטלאָזיקייט, מיט דעם מעכטיקסטן ווילן צום ווערט*)

נאָר אָט קומט פאָר פארן אויג א נאָך מער וווּנדערבארער צונויפפאל. די צייטלאָזיקייט פון דעם זשעני דריקט זיך אויס נישט בלויז אין פארהעלטעניש צו די איינצלנע מאָמענטן פון זיין לעבן; נאָר זי דריקט זיך אויך אויס אין דער באציונג צו זיין דור יענעם צייט-פעריאָד, וועלכער ווערט פאררעכנט פאר זיין און וועלכן מ'רופט אָן „זיין צייט". צו דער לעצטער האָט ער de facto קיין שום באציונג נישט. נישט די צייט שאפט דעם זשעני, ער איז נישט איר פראָדוקט; א גאנץ קנאפן כבוד טוט מען אָן דעם זשעני, בארעכטיקנדיק זיין עקזיסטענץ בלויז מיט דער צייט. קארלייל האָט מיט רעכט אָנגעוויזן דערויף, ווי פיל עפאָכעס האָבן געוואַרט אויפן זשעני, ווי שטארק זיי האָבן זיך אין אים גענויטיקט, און ווי ער האָט זיך פאָרט נישט באוויזן. דאָס דערשיינען פון זשעני בלייבט א מיסטעריום, פון וועמעס באשיידונג דער מענטש מוז ערפאָרכטיק רעזיגנירן. און פונקט ווי די סיבות פון זיין אָנקום לאָזן זיך נישט אָפגעפינען אין זיין צייט, אזוי בינדן זיך אויך נישט די רעזולטאטן פון זיין

*) מ'איז אָפט דערשטוינט איבער דעם, ווי מענטשן פון גאנץ געוויינלעכער, פשוטער נאטור פילן נישט אָפ קיין שום פחד פא"ן טויט. אָבער דאָס איז דאָך זייער קלאָר: נישט דער פחד פארן טויט שאפט דאָס אומשטערבלעכקייטס-באדערפעניש, נאָר, פארקערט, דאָס אומשטערבלעכקייטס-באדערפעניש שאפט דעם פחד פארן טויט.

לעבן מיט אַ באַשטימטער צייט. די מעשים פון זשעני לעבן אייביק, און די צייט ענדערט אין זיי גאָרנישט.

דורך זיינע ווערק דערוואַרבט זיך דער געניאַלער מענטש אומשטערבלעכקייט אויף דער ערד, און אַזויערנאָך איז ער אויף אַ דרייפאַכיקן אופן צייטלאָז: זיין אוניווערסאַלע אַפּערצעפּציע אָדער אויסנאַמסלאָזע אָפּשאַצונג פון אַלע זיינע איבערלעבענישן פאַרהיט זיי אין זיין געדעכעניש אַקעגן דער פאַרניכטנדיקער ווירקונג פון דער פאַרגענגלעכער רגע; זיין דערשיינען אין אַ באַשטימטער עפּאָכע קאָן נישט דערקלערט ווערן מיטן כאַראַקטער פון דערדאָזיקער עפּאָכע; און דאָס, וואָס ער שאַפט, ווערט נישט קיין אייגנטום פון דער צייט, אין וועלכער ער איז טעטיק, און נישט פון קיין שום אַנדערער, פריערדיקער אָדער שפּעטערדיקער עפּאָכע.

דאָ איז דאָס אייגנטלעכע אָרט אַרומצורעדן אַ געוויסע פראַגע, וועלכע מוז פאַרענטפערט ווערן, הגם זי איז — אַ געווענליך פאַרקווירדיקע זאַך — ביז היינט נאָך כמעט דורך קיינעם נישט אויפגעהויבן געוואָרן. די פראַגע באַשטייט דערין, צי עקזיסטירן אויך צווישן די חיות (אָדער פלאַנצן) אַזעלכע וועזנס, וואָס פאַרדינען אָנגערופן צו ווערן געניאַל. אין דער ווייטערדיקער באַהאַנדלונג וועלן מיר זיך באַמיִען צו באַגרינדן אַ גאַנצע ריי טעמים, וועלכע זאָגן זיך אַנטשיידנדיק אַרויס אַנטקעגן אַן ענלעכער הנחה. דערצו וואָלטן די פריער אַנטוויקלטע קריטעריעס פון באַגאַבונג אונדז גאַנץ קנאַפּ געפירט צו דער אַנטדעקונג פון אַזעלכע געניאַלע אינדיווידן צווישן די חיות. טאַלאַנטן וועלן וואָרשיינלעך פאַראַן אין דעם חיות-קיניגרייך, פונקט ווי צווישן די נאָכנישט-געניאַלע מענטשן. אָבער מיר האָבן יעטוועדן גרונט אָנצונעמען, אַז בײַ זיי פעלט יענער „געטלעכער פונק“, וועגן וועלכן מ'האָט אַזויפיל גערעדט ביז מאָראָ-דעמור, לאָמבראָזאָ און מאַקס נאָרדוי. דידאָזיקע באַגרענעצונג פליסט נישט אַרויס פון קנאה, איז נישט קיין מחדנישע באַשיצונג פון אַ פּריווילעגיע, נאָר זי לאָזט זיך באַגרינדן מיט ערנסטע אַרגומענטן.

ווייל וואָס קאָן אַלץ נישט דערקלערט ווערן דורכן פאַקט-

וואָס דער זשעני האָט זיך צוערשט באַוויזן צווישן מענטשן? אַז דער גאַנצער „אָביעקטיווער גייסט”, מיט אַנדערע ווערטער, דער מענטש אַליין צווישן אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן האָט בכלל אַ געשיכטע!

די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע (דערונטער דאַרף מען, נאַטירלעך, פאַרשטיין די געשיכטע פון גייסט, און נישט, למשל, די געשיכטע פון מלחמות), צי לאָזט זי זיך נישט אַמבעסטן דערקלערן מיטן אויפטרעטן פונם זשעני, מיט די אָנרעגונגען, וועלכע זענען פון אים אַרויסגעגאַנגען, מיט דער נאָכמאַכונג פון אַלץ, וואָס דער זשעני האָט געטון דורך מער פּיטעקאָ-ידאַלע וועזנס? די געשיכטע פון אַרכיטעקטור, אַקערבוי, און קודם-כל אָבער די שפּראַך! יעדעס וואָרט איז צוערשט דורך איין מענטש געשאַפן געוואָרן, דורך אַ מענטש, וועלכער איז געשטאַנען איבער דעם דורכשניט, ווי דאָס געשעט נאָך אויך אויסשליסלעך היינט צו טאָג (אַחוץ, נאַטירלעך, די נעמען פאַר די נייע טעכנישע דערפינדונגען). מחמת ווי דען האָט עס געקאָנט אַנדערש אַנטשטיין? די אורווערטער זענען געווען „אָנאָמאַטאָפּעיש”. אין זיי איז קעגן דעם ווילן פון רעדנדיקן אַריינגעדרונגען, דורך דער בלויזער העפטיקייט פון דער ספּעציפישער התעוררות, עפּעס ענלעכעס צום נשמה-צושטאַנד פון דעם מענטש, וואָס האָט זיי אַרויסגעזאָגט; און אַלע אַנדערע ווערטער זענען אורשפּרינגלעך געווען טראָפּען, אַזויצוזאָגן אָנאָמאַטאָפּעזיעס פון צווייטן ראַנג, מעטאַפאָרעס, גלייכענישן: יעטוועדע פּראָזע איז געווען אַמאָל פּאָעזיע. די מייסטן זשעניעס זענען בכן געבליבן אומבאַקאַנט. מ'דאַרף נאָר אַ טראַכט טון וועגן די שפּריכווערטער, אַפילו וועגן די היינט טריוויאַלסטע, ווי: „איין האַנט וואַשט די אַנדערע”. יאָ, דאָס האָט דאָך געוויס מיט פיל יאָרן צוריק איין גייסטרייכער מענטש צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט! וויפל פאַרשידענע ציטאַטן פון קלאַסישע אויטאָרן, וויפל ווערטער פון קריסטוסן קומען אונז היינט פאַר פולשטענדיק אומפּערזענלעך-שפּריכווערטלעך, ווי אָפט מוזן מיר זיך ערשט דערמאָנען, אַז דער אויטאָר איז אונז באַקאַנט! דעריבער דאַרף מען נישט רעדן וועגן דער „קלוגשאַפט פון

דער שפּראַך", וועגן די מעלות און די גליקלעכע אויסדריקן פֿון דעם „פּראָנצויזישן". פּונקט אַזוי ווי דאָס „פֿאָלקסליד", איז אויך די שפּראַך נישט געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם המון, מיט אַזעלכע פּראָזן באַשענקען מיר צו רייך דאָס פֿאָלק, אַרויסווייזנדיק אומדאַנקבאַרקייט לגבי די יחידים. דער זשעני גופֿא, וועלכער איז געווען שפּראַך-שעפּעריש, געהערט צוליב זיין אוניווערסאַלישקייט נישט בלויז צו דער נאַציע, פֿון וועלכער ער שטאַמט און אין וועמעס שפּראַך ער האָט אויסגעדריקט זיין מהות. די נאַציע אָריענטירט זיך לויט אירע זשעניעס און בילדעט לויט זיי איר אידעאַל-באַגריף וועגן זיך גופֿא. אָבער דערדאָזיקער באַגריף מוז נישט זיין דער פֿיר-שטערן פֿאַר דעם זשעני גופֿא, אָבער ער קאָן עס זיין פֿאַר אַנדערע. צוליב ענלעכע טעמים וואָלט אויך געווען אַ יושר צו זיין מער פֿאָרזיכטיק אין די אַלע פֿאַלן, ווען פּסיכאָלאָגיע פֿון דער שפּראַך און פֿעלקערפּסיכאָלאָגיע ווערן באַהאַנדלט אין ענגער שייכות אָן פֿריערדיקער קריטישער אונטערזוכונג. ווייל די שפּראַך איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון איינצלנע גרויסע מענטשן, דעריבער ליגט אין איר פֿאַרבאָרגן אַזויפֿיל דערשטוינלעכע חכמה. וויבאַלד אַזאַ טיפֿער דענקער, ווי יאַקאָב בעמע, האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם שטודיום פֿון עטימאָלאָגיע, האָט דערדאָזיקער פֿאַקט אַ פֿיל גרעסערע באַדייטונג, ווי די, וואָס עס שרייבט אים צו וועלכער ס'איז היסטאָריקער פֿון פֿילאָזאָפֿיע. פֿון באַקאָן ביז פֿריץ מאַוטנער זענען אַלע פֿלאַכע קעפּ געווען שפּראַך-קריטיקער*)

דער זשעני דערקעגן קריטיזירט נישט די שפּראַך, נאָר ער האָט זי געשאַפֿן און שאַפֿט זי כסדר אויפֿסניי, צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע גייסטיקע ווערק, וועלכע בילדן אין ענגערן זינען דעם הויפּט-יסוד פֿון דער קולטור, דעם „אָביעקטיוון גייסט". דערפֿון איז קלאָר, אַז דער צייטלאָזער מענטש איז דער ריעניקער, וועלכער שאַפֿט די געשיכטע; היסטאָרישע קאָן נאָר געשאַפֿן ווערן דורך אַזעלכע מענטשן, וועלכע שטייען

*) איבעריקנס פֿאַרזוים איך נישט צו בעטן מחילה בײַ די שאַטנס פֿון קאַנט פֿאַר אַזאַ צוזאַמענשטעלונג.

מחוץ איר קויזאלער קייט. מחמת נאָר זיי
טרעטן אַריין אין אַן אומאיבעררייסלעכן קשר מיטן אַבסאָלוטן
צייטלאָזן, מיטן ווערט, וועלכער גיט צו זייערע שאַפונגען אַן
אייביקן תוכן. יעדע געשעעניש, וועלכע גייט אַריין אַלס באַ-
שטאַנדטייל אין דער מענטשלעכער קולטור, דרינגט אַריין אין
זיי אונטער דעם קוק-ווינקל פון אייביקן ווערט.

וויבאַלד מיר וועלן זיך באַנוצן מיט דעם דורך אונז גע-
געבענעם מאָסשטאַב פון געניאַליטעט, טאָ וועלן מיר אָן באַ-
זונדערער מי אַנטשיידן די קאָמפּליצירטע פראַגע וועגן דעם,
וועמען דאַרף מען צושרייבן געניאַליטעט און וועמען מען דאַרף
עס אָפּזאָגן. צווישן דער פּאָפּולערער מיינונג, וועמעס פאָרשטייער
עס זענען למשל טיורק און לאָמבראָזאָ, וועלכע
איז גרייט אָנצווענדן דעם באַגריף פון געניאַליטעט באַ יעדן
איבער דעם דורכשניט אַריבערשטייגנדיקן אינטעלעקטועלן אָדער
מאַטעריעלן ווערק, און דער אויסשליסלעכקייט פון די אָנשוי-
ונגען פון קאַנט און שעלינג, וועלכע זעען די שליטה
פון זשעני בלויז אינם שאַפנדיקן קינסטלער, ליגט דאָסמאָל דער
אמת בלי-ספק אינמיטן. דעם טיטל פון זשעני דאַרף
מען פאַרלאַנגען נאָר פאַר דעם גרויסן
קינסטלער און גרויסן פילאָזאָף (צו וועלכע
איך פאַררעכן אויך די זעלטנסטע זשעניעס, די רעליגיע-
שעפער). אָבער אויפן דאָזיקן טיטל האָבן נישט קיין רעכט
נישט דער „גרויסער מאַן פון טאַט", נישט דער „גרויסער מאַן
פון דער וויסנשאַפט".

די „מענער פון טאַט", די באַרימטע פּאָליטיקער און חייל-
אָנפירערס, קאָנען צומאָל באַזיצן איינצלנע שטריכן, וועלכע
דערמאָנען אָן דעם זשעני (צ. ב. אַן אויסגעצייכנטע מענטשן-
קענטעניש, אַ געוואַלטיקן זכרון); זייער פּסיכאָלאָגיע וועלן מיר
נאָך האָבן די געלעגנהייט גענויער אַרומצורעדן; אָבער פאַר-
בייטן מיט דעם זשעני קאָן זיי נאָר דעריעניקער, וואָס לאָזט
זיך פולשטענדיק פאַרבלענדן שוין דורכן בלויזן אויסערלעכן
אָנבליק פון גרויסקייט. דער זשעני צייכנט זיך טאַקע אויס מיט
אַן אינערלעכער, גייסטיקער גרויסקייט; ער קען נישט קיין
גרויסקייט, וואָס דריקט זיך נאָר אויס כלפּי חוץ. דער וואָרהאַפ-

טיק גרויסער מענטש האָט דעם שטאַרקסטן זין פאַר ווערט, דער פעלדמאַרשאַל-פּאָליטיקער — אַ כמעט אויסשליסלעכן חוש פאַר דער מאַכט. דער זשעני שטרעבט צוצוגעבן מאַכט דעם ווערט, דער פּאָליטיקער — צוצוגעבן ווערט דער מאַכט (דערמאָנט זיך אָן די פאַרשידענע אונטערנעמונגען פון די אימפּעראַטאָרן, וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט). דער גרויסער חייל-אָנפירער, דער גרויסער פּאָליטיקער, זיי שטייגן אַרויס פון דעם כאַאָס פון די פאַרהעלטענישן ווי דער פויגל פעניקס, כדי ווי ער דערנאָך צו פאַרשווינדן. דער גרויסער אימפּעראַטאָר, אָדער גרויסער דעמאַגאָג — דאָס זענען די איינציקע מענטשן, וועלכע לעבן גענצלעך אין דער קעגנוואַרט. ער חלומט נישט וועגן קיין בעסערן עתיד, ער טראַכט נישט נאָך וועגן קיין פאַרלאָפענער פאַרגאַנגענהייט; ער פאַרבינדט זיין דאָזיין מיט דעם מאָמענט, און שטרעבט נישט „איבערצוהיפּערן די צייט" אויף יענע צוויי אופנים, וועלכע זענען די איינציק מעגלעכע פאַרן מענטש. דער עכטער זשעני אָבער מאַכט זיך אין זיין שאַפן נישט אָפּהענגיק פון די קאָנקרעט-צייטלעכע באַדינגונגען פון זיין לעבן, וועלכע בלייבן פאַרן פעלדמאַרשאַל-פּאָליטיקער תמיד די זאַך-אין-זיך, דאָס, וואָס גיט זיי סוף-כל-סוף ריכטונג. דער גרויסער אימפּעראַטאָר ווערט אַזויערנאָך אַ פענאָמען פון דער נאַטור, דער גרויסער דענקער און קינסטלער שטייט מחוץ איר, ער איז אַ פאַרקערפּערונג פונם גייסט. די ווערק פון דעם טאַט-מענטש גייען תמיד שפּורלאָז פאַרלוירן על-פּי-רוב צוזאַמען מיט זיין טויט, אָפט נאָך פריער, און דויערן קיינמאָל נישט פיל שפּעטער, בלויז די כראָניק פון דער צייט דערציילט וועגן דעם, וואָס ס'איז דורך אים געשאַפן געוואָרן, נאָר כדי ווידער צעשטערט צו ווערן. דער אימפּעראַטאָר שאַפט נישט קיין ווערק, אין וועלכע די איבערצייטלעכע, אייביקע ווערטן זאָלן קומען צום אויסדרוק אין אומגעהויערער קלאָרקייט פאַר אַלע יאָרטויזנטער; מחמת דאָס זענען די מעשים פון זשעני. נאָר דער, און נישט עמיץ אַנדערש, שאַפט די געשיכטע, ווייל ער איז אין איר נישט געפּענטעט, נאָר שטייט מחוץ איר. דער גרויסער מענטש האָט אַ געשיכטע, דעם אימפּעראַטאָר

האָט די געשיכטע. דער באַדײַטנדיקער מענטש געבוירט די צײַט, דער אימפּעראַטאָר ווערט פון איר געבוירן און — געטויט.

פונקט אַזוי ווײַניק ווי דער גרויסער ווילנס-מענטש האָט אויך דער גרויסער וויסנשאַפטלער, נישט זײַענדיק צוגלײַך גרויסער פילאָזאָף, קײן רעכט אויפן טיטל זשעני, מעג ער הײסן ניוטאָן אָדער גאַוס, ליבניץ אָדער דאַרווין, קאָפּערניק אָדער גאַלילײ. די מענער פון דער וויסנשאַפט זענען נישט אוניווערסאַל; מחמת ס'איז פאַראַן וויסנשאַפט נאָר פון אַ געוויסן פאַך, העכסטנס פון אַ רײ פאַכן. דאָס קאָן מען נישט אויסטײַטשן מיט דער אַלץ „פּראָגרעסירנדיקער ספּעציאַליזאַציע", וועלכע מאַכט אונז אוממעגלעך „אַלץ צו באַהערשן". אויך צווישן די געלערנטע פון XIX און XX י״ה. זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע באַזיצן פּאָליהיסטאָריע אין דערזעלביקער מדרגה ווי אריסטאָטעל אָדער ווי לײַבניץ; כ'וועל דאָ דערמאָנען די נעמען פון צוויי געלערנטע: אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט און ווילהעלם וווּנדט. דערדאָזיקער מאַנגל ליגט אַסך טיפער אין דעם מהות פון יעדער וויסנשאַפט און אין דער נאַטור פון די וויסנשאַפטלער גופא. אין אַכטן קאַפּיטל וועלן מיר ערשט פּרווון פולשטענדיק אויפצוקלערן די לעצטע אונטערשידן, וועלכע זענען נאָך דאָ פאַרבליבן. דערווײַל זענען מיר שוין דאָ נוטה אָנצונעמען, אַז צומאָל די באַדײַטנדיקסטע וויסנשאַפטס-לײַט זענען נישט געווען אַזעלכע אַלצאַרומנעמענדיקע נאַטורן, ווי אַפילו דײַעניקע פילאָזאָפן, וועלכע שטײען שוין אויף דער גרעניץ פון געניאַליטעט (פיכטע, שלײערמאַכער, קאַרלײל, ניטשע). וועלכער בלויזער וויסנשאַפטלער האָט ווען-עס-איז געפילט אין זיך אַן אוממיטלבאַר פאַרשטענדניש פאַר אַלע מענטשן און אַלע זאַכן? נאָכמער! וועלכער געלערטער האָט ווען עס איז אַרויסגעוויזן כאָטש די מעגלעכקײט צו פאַרווירקלעכן אַזאַ פאַרשטענדעניש אין זיך און אויס זיך? וואָרן וועלכן אַנדערן זין וואָלט דען געקאָנט האָבן דידאָזיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון פאָרטויזנטער, אויב נישט די באַפרידיקונג פון דאָזיקן אוממיטל-

באַרן געפֿילן? דערין שטעקט די סיבה, אַלמאַי אַלע וויסנשאַפטלער
זענען בהכרח תמיד „פאַכמענער". אַ וויסנשאַפטס-מאַן,
וועלכער איז נישט קיין פילאָזאָף, קען נישט יענץ קאָנטינויר-
לעכע, אַלץ אין זיך אויפהיטנדיקע, קיינזאַך נישט פאַרגעסנדיקע
לעבן, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס דער זשעני: טאַקע
צוליב זיין מאַנגל אין אוניווערסאַלישקייט.

לסוף זענען די פאָרשונגען פון דעם געלערנטן תמיד פאַר-
בונדן מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט
אין זיין צייט. ער נעמט די קענטעניש פון דער צייט אין אַ
באַשטימטן כמות און געשטאַלט, פאַרמערט זיי און פאַרענדערט,
און דערנאָך גיט ער די דורך אים באַקומענע רעזולטאַטן דער
צוקונפט איבער. אָדער אויך פון זיינע ווערק פאַלט שפּעטער פיל
אָפּ, אַסך מוז פאַרענדערט און דערגאַנצט ווערן, זיי דויערן
ווייטער, אַלס ביכער אין די ביבליאָטעקן, אָבער נישט אַלס
אייביקע, פון תיקונים אַפילו נאָר אין איין פונקט באַפרייטע
שאַפונגען. אַקעגן-זשע פון די באַרימטע פילאָזאָפישע ווערק,
ווי אויך פון די גרויסע קונסטווערק, רעדט צו אונז עפּעס אַן
אייביק אומפאַרלירבאַרס, אומפאַרענדערלעכס, אַ וועלטאַנשוי-
ונג, אין וועלכער דער פאָרשריט פון די צייטן איז גאָרנישט
בכוח צו ענדערן. וואָס באַדייטנדיקער עס איז די אינדיווידו-
אַליטעט פונם שעפער פון דערדאָזיקער וועלטשויונג, אַלץ מער
געפינט זי אָנהענגערס אין אַלע צייטן פון מענטשלעכן דאָזיין.
פאַראַן פלאַטאָניקער און אַריסטאָטעליאַנער,
שפּינאָזיסטן און בערקליאַנער, פאַראַן, לסוף, נאָך
היינט אָנהענגער פון ברונאָ, אָבער איר וועט אינערגיץ
נישט געפינען קיין גאַליליאַנער און קיין העלמ-
האָלציאַנער, אינערגיץ קיין פּטאָלאָמעער און
קאָפּערניקאַנער. עס איז דערפאַר אַן אומזין און
ס'פאַרדאַרבט דעם זין פון וואָרט, וויבאַלד מ'רעדט וועגן „קלאַ-
סיקער פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן", אָדער „קלאַסיקער פון פּעדאַ-
באָגיק" אויפן זעלביקן אופן, ווי מען רעדט עס מיט פולער
רעכט וועגן קלאַסישע פילאָזאָפן און קלאַסישע קינסטלער.

דער גרויסער פילאָזאָף טראָגט בכן דעם נאָמען זשעני
מיט פאַרדינסט און ערע; און ווען אַפילו דער פילאָזאָף

ווייס קט אייביק אויף דעם, וואָס ער איז נישט קיין קינסטלער — נישט אויס קיין אַנדער סיבה ווערט ער עסטעטיקער — איז זיך דער קינסטלער נישט ווייניקער מתקנא אין דער עקשנות־דיקער און דויערהאַפֿטיקער קראַפֿט פֿון אַבסטראַקטן און סיסטעמאַטישן דענקען פֿון דעם פֿילאָזאָף. ס'איז פֿולשטענדיק קלאָר, אַלמאַי זיי רוקן אַרויס אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי פּראָמעטעוס און פֿאַוסט, פּראָספּעראָ און קיפּריאַן, אַפּאָסטאָל פּוילוס און „פּענזעראָזאָ". דערפֿאַר, שיינט מיר, אַז אי דער קינסטלער, אי דער פֿילאָזאָף דאַרפֿן אין אַ גלייכער מאָס געאַכט ווערן און קיינעם פֿון זיי קומט נישט די בכורה לגבי דעם אַנדערן.

קלאָר, אַז אויך אויפֿן געביט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע דאַרף מען נישט אַזוי פֿאַרשווענדעריש אומגיין מיטן באַגריף פֿון גענייאַליטעט, ווי דאָס פֿלעגט געשען ביז איצט; אַנדערש וואָלטן מיינע אויספֿירן מיט רעכט פֿאַרדינט דעם פֿאָרוואורף פֿון פּאַרטייאישקייט לגבי דער „פּאָזיטיווער וויסנשאַפֿט". איך בין ווייט פֿון אַזאַ מין פּאַרטייאישקייט, בפֿרט ווען אַזאַ אָנגריף וואָלט איך קודם־כּל געמוזט באַטראַכטן פֿאַר געווענדט קעגן מיר גופֿא און קעגן אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון דערדאָזיקער אַרבעט. מ'קאָן בכן נישט אָנרופֿן אַנאַקסאַגאָראַס, געלינקס, באַאַדער, עמערסאָן קיין גענייאַלע מענטשן. נישט אומאָריגינעלע טיפֿקייט (אַנזשעלוס סילעזיוס, פֿילאָן, יאַקאָבי), נישט אָריגינעלע פֿלאַכקייט (קאָנט, פֿייערבאַך, יום, הערבאַרט, לאָק, קאַרנעאַד) זענען נישט בכּוח צו אַנטשיידן די פֿראַגע וועגן דער אָנווענדונג פֿון באַגריף גענייאַליטעט. די געשיכטע פֿון דער קונסט, ווי די געשיכטע פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע זענען פֿול אין היינטיקער צייט מיט די סאַמע פֿאַרקערטע ווערטן. גאַנץ אַנדערש איז די זאַך מיט דער געשיכטע פֿון אַזאַ וויסנשאַפֿט, וועלכע באַריכטיקט כּסדר די רעזולטאַט פֿון אירע פֿאָרשונגען און ברענגט אַרויס אַלץ נייע ווערטן לויטן אומפֿאַנג פֿון דידאַקטיק, אין איר אַריינגעפֿירטע פֿאַרבעסערונגען. די געשיכטע פֿון דער וויסנשאַפֿט איז מותּר אויף דער ביאָגראַפֿיע פֿון אירע טיכטיקסטע קעמפֿער, איר ציל איז אַ סיסטעם פֿון איבעראינדיווידועלער דערפֿאַרונג, פֿון וועלכן די איינצלנע פּערזענלעכקייט איז פֿולשטענדיק פֿאַרשווּנדן. אין דעם אָפּגעבן

זיך דער וויסנשאפט ליגט בכן די ג ר ע ס ט ע שטופּע פון
„זעלבסטאָפּזאָגונג״: מחמת דערמיט איז דער איינצלנער מענטש
אַלס אזעלכער מוותר אויף א יי ב י ק יי ט.

קאַפּיטל ט

זכרון, לאָגיק, עטיק

די איבערשריפט פון דאָזיקן קאַפּיטל קאָן אַרויסרופן אַ שווערע מיספאַרשטענדעניש. זי גיט די מעגלעכקייט מיך צוזורעכענען צו די אָנהענגער פון יענער אָנשויונג, לויט וועלכער די לאָגישע און עטישע ווערטונגען זענען אויסשליסלעך אָביעקטן פון דער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע, ד. ה. זיי שטעלן מיט זיך פאָר פונקט אַזעלכע פסיכישע פענאָמענען, ווי די עמפּינדונג און דאָס געפיל; לאָגיק און עטיק זענען בכן ספּעציעלע דיסציפּלינען, אונטעראָפּטיילונגען פון דער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע לאָזן זיך פון איר אַרויספירן און אין איר באַגרינדן.

כ'בין דעריבער לכתחילה מוסר מודעה, אַז איך האַלט דידאָזיקע אָנשויונג, דעם אַזויגערופענעם „פּסיכאָלאָגיזם" פאַר לגמרי פאַלש און שעדלעך. פאַלש — ווייל זיין דורכפירונג וועט זיך קיינמאָל נישט איינגעבן, ווענן וועלכן מיר וועלן זיך נאָך איבערצייגן; שעדלעך — ווייל ער מאַכט אַ תל נישט אַזוי פון די דורכדעם קוים באַרירטע לאָגיק און עטיק, וויפל פון דער פּסיכאָלאָגיע גופא. דאָס אויסשליסן די לאָגיק און עטיק פון די יסודות פון דער פּסיכאָלאָגיע, און דאָס דעגראַדירן זיי צו דער מדרגה פון איר אונטערגעאָרדנטע צוגאָבן איז אַ דערשיינונג, וואָס גייט האַנט בײַ האַנט מיט דער איבערגעטריבנקייט פון דער עמפּינדונגס-טעאָריע און טראָגט צוזאַמען מיט איר אויפן געוויסן דאָס אַלץ, וואָס ווערט היינט אָנגערופן „עמפּירישע פּסיכאָלאָגיע": יענעם הויפן פון טויטע ביינער, וועמען קיין שום פלייס, קיין שום פיינזין איז שוין נישט בכוח אין זיי אַריינצוהויכן אַ לעבעדיקן אָטעם, אין וועלכע מ'קאָן שוין איבערהויפּט נישט דערקענען דעם מינדסטן שפּור פוןווירקלעכער דערפאַרונג. וואָס שייך די האָפענונגסלאָזע פּרוּוון אַוועקצושטעלן

די לאָגיק און עטיק, דידאַקטיק צאַרטע יונגע קינדער פון נשמה-לעבן, אויף אַ באַשטימטן שטאַפּל פון דער קאָמפּליצירטער פּסיכאָלאָגישער לערע, זאָג איך זיך אָנטשיידנדיק אַרויס קעגן ב ר ע נ ט אַ נ אָ און זיין שול (ש ט ו מ פּ ף, מ יי נ אָ נ ג, ה ע פ-ל ע ר, ע ר נ פ ע ל ז), קעגן ט. ל י פּ ס און ג. ה יי מ א נ ס, און אויך קעגן די אַנאַלאָגישע אָנשויונגען פון מ אַ ך און אַ וו ע נ אַ ר י ו ס. איך פאַרייניק מיך פּרינציפּיעל צו יענער אַנדערער ריכטונג, וועמעס פּאָזיציעס עס פאַרטיידיקן היינט ווינדעלבאַנד, קאָהען, נאַטאָרפּ, פּ. י. שמידט, דערהויפּט אָבער הוסערל (וועלכער איז פריער אַליין געווען פּסיכאָלאָגיסט און דערנאָך ערשט געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג וועגן דער גרונטלאָזיקייט פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט). דאָס איז יענע ריכטונג, וועלכע רוקט אַרויס אַנטקעגן דעם פּסיכאָלאָגיש-גענעטישן מעטאָד פון יום דעם טראַנסצענדענטאַל-קריטישן געדאַנק פון קאַנט און ווייסט אים צו פאַרטיידיקן מיט כבוד.

די פאָלגנדיקע אַרבעט שטעלט זיך נישט פאַר קיין ציל דעם אַנאַליז פון אַלגעמיינע, איבעראינדיווידועלע נאָרמען פון האַנדלען און דענקען. איר אויפגאַבע באַשטייט ־גיכער דערין, פעסטצושטעלן די צווישן מענטשן פאַראַנענע אונטערשידן; דערביי פאַרנעמט זי זיך נישט אויף דער אָנווענדבאַרקייט פון אירע הנחות לגבי באַליביקע וועזנס (אַפילו לגבי די „ליבע מלאכימלעך" אין הימל), — ווי דאָס טוט קאַנטס פילאָזאָפיע לויט איר גרונטגעדאַנק. פון דעם אַלעם געזאָגטן דרינגט, אַז אונזער אַרבעט האָט געקאָנט און געמוזט זיין פּסיכאָלאָגיש (נישט פּסיכאָלאָגיסטיש), און בלייבן אויך אַזעלכע אויף ווייטער. אין דער ווייטערדיקער באַהאַנדלונג פונדעסטוועגן, דאָרט וווּ ס'וועט אַנטשטיין די נויטווענדיקייט, וועלן מיר זיך נישט אָפּזאָגן פון אַרייננבולאָזן זיך אין געוויסע פאָרמאַלע באַ-טראַכטונגען, אָדער וויניקסטנס אָנצווייזן דערויף, אַז דאָ אָדער דאָרט דינט דאָס אייניציקע הכרעה-רעכט דעם לאָגישן, קריטישן, טראַנסצענדענטאַלן מעטאָד.

דער טיטל פון דאָזיקן קאַפּיטל רעכטפאַרטיקט זיך אַנדערש. די צו לאַנגע, ווייל געגצלעך ביי צו פירנדיקע אונטערזוכונג פון

פריערדיקן קאַפּיטל האָט אויפגעוויזן, אַז דער מענטשלעכער זכרון שטייט אין אינטימע באַציִונגען מיט זאַכן; רעדן וועגן זיין קרובהשאַפט מיט זיי האָט מען משמעות געהאַלטן פאַר נישט ווירדיק. צייט, ווערט, זשעני, אומשטערבלעכקייט — דאָס אַלץ האָט זיך אונז באַוויזן אין אַ מערקווירדיקן, ביזאַהער באַשיימפערלעך כּלל נישט געאַנטן צוזאַמענהאַנג מיטן זכרון. דאָסדאָזיקע כמעט פולשטענדיקע פעלן פון וועלכע ס'איז אָנווייזונגען מוז האָבן טיפערע סיבות. זיי, שיינט מיר, ליגן אין דערדאָזיקער פאַרוואָרלאָזטקייט, מיט וועלכער די זכרון-טעאָריעס האָבן זיך ביזאַהער תמיד אויסגעצייכנט.

דאָ וואַרפט זיך קודם-כּל אין די אויגן די שוין אין דער מיט פון XVIII יאָרהונדערט דורך ש אַ ר ל ב אָ נ ע באַגרינדעטע, אין לעצטן דריטל פון XIX יאָרהונדערט דורך ע וו אַ ל ד ה ע ר י נ ג (און ע. מ א ך) באַזונדערס אויפגעלעבטע טעאָריע, וועלכע זעט מערנישט אין זכרון פון מענטש, ווי די „אַלגעמיינע פונקציע פון דער אָרגאַניזירטער מאַטעריע" צו רעאַגירן אויף נייע רייצונגען, וועלכע זענען מער אָדער ווייניקער אַנאַלאָגיש צו די פריערדיקע, אַנדערש, לייכטער און שנעלער, איידער אויף דער ערשטמאָליקער רייצונג. דידאָזיקע טעאָריע גלויבט בכן, אַז די פענאָמענען פון מענטשלעכן זכרון זענען שוין דערקלערט דורך אַנדערע דערפאַרונגען פון דער איבונגס-פעיקייט פון לעבעדיקע וועזנס; פאַר זיי איז דער זכרון אַ צופאַסונגס-דערשיינונג לויטן ל אַ מ אַ ר ק י ש ן מוסטער. בלי-ספק עקזיסטירט עפעס געמיינזאַמס צווישן דעם מענטשלעכן זכרון און די פאַקטן, צ. ב. פון געשטייגערטער רעפלעקסיע בײַ אָפטער איבערחזרונג פון די רייצונגען; דער אידענטישער עלעמענט ליגט אין יסוד פון יענער דערשיינונג, וואָס די ווירקונג פון ערשטן רושם איז דויערנדיקער ווי דער מאָמענט פון דער רייצונג, און אין XII קאַפּיטל וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל אָפּשטעלן איבערן טיפערן מהות פון דערדאָזיקער קרובהשאַפט. פאַרן אָבער דאָך אַ תהומישער אונטערשיד צווישן דער שטאַרקונג פון אַ מוסקול דורך צוגעווינונג צו איבערגעחזרטע איינקאָרטשונגען, צווישן דער צופאַסונג פון דעם אַרסעניקער אָדער מאָרפיניסט צו אַלץ גרעסערע דאָזעס פון גיפט פון איין זייט, און דער דערינערונג פון

אַ מענטש אָן זיינע פריערדיקע איבערלעבענישן פון דער צווייטער זייט. דאָרט לאָזן זיך נאָר פעסטשטעלן די אַלטע שפורן אין די נייע דערשיינונגען, דאָ טרעטן ווידער אויף אין באַווסטזיין די לאַנג דורכגעלעבטע סיטואַציעס מיט זייערע אַלע איבדיווידועלע שטריכן. דער נייער מאָמענט טרעט אויף מיט דערזעלביקער העלקייט, ווי ס'איז זיינער צייט דורכגעפלאָסן דער אַ ל ט ע ר. די פולשטענדיקע אידענטיפיקאַציע פון דידאָזיקע צוויי דערשיינונגען איז אויף אַזויפיל אומזיניק, אַז מיר קאָנען דרייסט מוותר אויף דער ווייטערדיקער באַהאַנדלונג פון דערדאָזיקער אַלגעמיין-ביאָלאָגישער אָנשויונג.

מיט דער פיזיאָלאָגישער היפּאָטעזע בינדט זיך די אַסאָציאַציע-לערע אַלס טעאָריע פון זכרון היסטאָריש דורך ה אַ ר ט ל ע י און ז אַ כ ל ע ך דורך דעם ב אַ ג ר י ף פון ר ג י ל ו ת. לויט דערדאָזיקער טעאָריע שטעלט מיט זיך דער זכרון פאָר אַ מעכאַנישן שפּיל פון פאַרשטעלונגס-פאַרבינדונגען, וועלכע זענען משועבד צו באַשטימטע געזעצן (פון איינס ביז פיר). דערביי פ אַ ר ז ע ט ז י, אַ ז ד ע ר ז כ ר ו ן (ד ע ר ה מ ש כ ו ת ד י ק ע ר ז כ ר ו ן פ ו נ ם מ אַ נ ס ב י ל) א י ז א י ן ת ו ך אַ ו ו י ל נ ס - ד ע ר ש יי נ ו נ ג. איך קאָן מיך אָן עפּעס דערמאָנען, ווייבאַלד איך וויל דאָס באמת, ווען אַפילו עס זאָל מיר אויסקומען אונטערצודריקן אין זיך דעם צושטאַנד פון שלעפערישקייט. א י ן ד ע ם ה י פּ נ אָ ז, ד ו ר ך ו ו ע ל כ ן מ'ק אָ ן אַ ר ו י ס ר ו פ ן אַ ל ע פ אַ ר ג ע ס ע נ ע ז כ ר ו נ ו ת, ט ר ע ט אַ ר יי ן ד ע ר ו ו י ל ן פ ו נ ם פ ר ע מ ד ן א ו י פ ן אָ ר ט פ ו ן ד ע ם ש ט אַ ר ק ן אָ פּ ג ע ש ו ו אַ כ ט ן א יי ג ע נ ע ם ו ו י ל ן. דאָס באַווייזט אַן איבעריקס מאָל, אַז נאָר ד ע ר ו ו י ל ן ז ו כ ט א ו י ף ד י צ ו ו ע ק מ ע ס י ק ע אַ ס אָ צ י אַ צ י ע ס, א ו ן אַ ז אַ ל ע אַ ס אָ צ י אַ צ י ע ס ו ו ע ר ן אַ ר ו י ס ג ע ר ו פ ן ד ו ר ך ט י פ ע ר ע ר אַ פּ ע ר צ ע פּ צ י ע. דאָ זענען מיר געצוווּנגען צו פאַרלויפן פאָרויס די אויספירונגען פון אַ שפּעטערדיקן אָפּשניט, אין וועלכן מיר וועלן זיך באַמיען אויפצוקלערן דאָס פאַרהעלטעניש צווישן אַסאָציאַציע- און אַפּערצעפּציע-פּסיכאָלאָגיע און אָפּצושאַצן, אויף וויפל זיי זענען ביידע באַגרינדעט.

ובכן, די אסאָציאַציע-פּסיכאָלאָגיע צעשפּאַלט דאָס פּסי-
כישע לעבן אויף באַזונדערע באַשטאַנדטיילן, פון דער צווייטער
זייט פּרוווט זי ווידער צוזאַמענצולייַמען די קרובישע ברוכ-
שטיקער. אין פאַרבינדונג מיט איר שטייט נאָך אַ דריטע
ספּותדיקע טעאָריע: נישט געקוקט אויף די פולשטענדיק באַ-
גרינדעטע איינווענדונגען, וועלכע זענען אַרויסגערוקט געוואָרן
כמעט גלייכצייטיק דורך אווענאריוס און העפדינג,
מישט זי נאָך אַלץ צונויף דעם זכרון מיט דעם ווידער-
דערקענען. דאָס דערקענען פון אַ געגנשטאַנד מוז דורכ-
אויס נישט באַשטיין אין דער אויסגעטיילטער רעפּראָדוקציע פון
דעם פריערדיקן איינדרוק, הגם אין אַ טייל פאַלן שיינט אין
דעם נייעם איינדרוק צו ליגן די טענדענץ, תיכּף אַרויסצורופן
דעם פריערדיקן. אָבער צוזאַמען דערמיט עקזיסטירט אַ נישט
ווייניקער באַדייטנדיקע צאָל פאַלן, ווען דאָס אוממיטלבאַרע
דערקענען מערקט נישט אָן קיין שום ווייטערדיקע עמפּינדונגס-
באַוועגונג, גלייך עס וואָלט צו קיין שום ווייטערדיקס נישט
געשטרעבט, נאָר דאָס געזעענע, געהערטע א. א. וו. טרעט
אויף מיט עפּעס אַ ספּעציפישער „באַפאַרבונג“ (“tinge” וואָלט
געזאָגט דזשעמס). דאָס איז יענער ספּעציעלער „כאַראַק-
טער“, וועלכן אווענאריוס באַצייכנט מיטן נאָמען „notal“
און העפדינג — „באַקאַנטהייטס-קוואַליטעט“. ווער עס קערט
זיך אום אין היימלאַנד, דעם זעען אויס וועג און שטעג
„באַקאַנט“, הגם ער קאָן זיך שוין אפילו נישט דערמאָנען דעם
טאָג, ווען ער איז אויף אים געגאַנגען, ווייסט נישט זיין נאָמען
און אָריענטירט זיך צומאָל נישט אין אים; עפּעס אַ מעלאָדיע
קאָן מיר „פאָרקומען באַקאַנט“, הגם איך ווייס נישט, ווען און
ווו כ'האָב זי געהערט. דער „כאַראַקטער“ (און אווענאַ-
ריוסישן זינען) פון דער באַקאַנטהייט, דער
פאַרטרויטקייט א. א. וו. שוועבט דאָ אַזויצוזאָגן איבער
דעם חושימדיקן איינדרוק גופא; דער אַנאַליז ווייסט דאָ גאָרנישט
פון קיין אַסאָציאַציעס, וועמעס „פאַרשמעלצונג“ מיט מיין נייער
עמפּינדונג דאַרף, לויט דער באַהויפּטונג פון דער פּרעטענציאָ-
זעלער פּסעוודאָ-פּסיכאָלאָגיע, ערשט אַרויסרופן דאָס-
דאָזיקע אוממיטלבאַרע געפיל. דער אַנאַליז קאָן זייער גענוי-

אונטערשיידן דידאָזיקע פֿאַלן פֿון דייעניקע, ווו דאָס עלטערע איבערלעבעניש ווערט שוין, הגם לייכט און קוים קענטיק (אין העגידן-פֿאָרם) באמת אסאָציאירט מיטן נייעם.

אויך פֿון אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט איז דידאָזיקע אונטערשיידונג אַ נויטווענדיקייט. דער הויכשטייענדיקער מענטש היט אין זיך אויף אַזאַ קלאָר באַוווּסטזיין פֿון אומאיבער-געריסענער פֿאַרגאַנגענהייט, אַז, למשל, באַ יעדן נייעם אָנטרעפֿן פֿון אַ באַקאַנטן אויפֿן גאַס, רעפּראָדוצירט ער אין זיך תּיכּף די פֿריערדיקע מיט אים באַגעגעניש, אַלס אַ זעלבשטענדיקע איבערלעבעניש. באַ דעם ווייניקער באַגאַבטן מענטש רופֿט יעדע באַגעגעניש געוויינלעך אַרויס אַ געפֿיל פֿון קענטיקייט, וואָס פֿאַרלייכטערט אים דאָס דערקענען; דאָס קומט פֿאָר אַפֿילו דאַן, ווען די פֿריערדיקע באַגעגעניש האָט נאָך געקאָנט ווערן אַרויסגעבערענגט מיט אַלע אירע פּרטים.

לסוף ווען מיר זיך שטעלן די פֿראַגע, צי באַזיצן אויך אַנדערע אָרגאַניזמען, אַחוץ דעם מענטש, די פֿעיקייט אויפֿצו-לעבן אין באַוווּסטזיין פֿאַרגאַנגענע מאָמענטן פֿון זייער לעבן; דערביי דאַרף מען שטרענג אָפּטיילן דידאָזיקע פֿעיקייט פֿון אַלע צו איר ענלעכע אייגנשאַפֿטן. אויף דערדאָזיקער פֿראַגע ווערט אויסקומען מיט דער גרעסטער וואָרשיינלעכקייט צו ענטפֿערן נעגאַטיוו. די חיות וואָלטן נישט געקאָנט פֿאַרבלייבן, ווי זיי זענען עס, אומבאַוועגלעך און רויק אויף איין אָרט, ווען זיי וואָלטן באַזעסן די פֿעיקייט זיך איבערצוטראָגן מיטן געדאַנק אין זייער פֿאַרגאַנגען לעבן אָדער צו פֿאָרויספֿילן אַן עתיד. די חיות האָבן באַקאַנטהייטס-קוואַליטעטן און דערוואַרטונגס-געפֿילן (למשל אַ הונט, וואָס באַגריסט נאָך צוואָנציק יאָר דעם אומקער פֿון זיין האַר; די חזירים פֿאַרן טויער פֿון קיילער, די קלאַטשע, וואָס ווערט געפֿירט צום צוגויפֿפֿאָר), אָבער זיי באַזיצן נישט קיין דערינערונג און קיין האָפֿענונג. *זיי זענען אימשטאַנד צו דערקענען* (מיט דער הילף פֿונם „נאָ-טאַל"), *אָבער זיי האָבן נישט קיין זכרון.*

אַזוי שטעלט מיט זיך בכן דער זכרון פֿאָר אַ באַשטימטע אייגנשאַפֿט פֿון די העכערע ספֿערן פֿון פּסיכישן לעבן פֿונם

מענטש; אחוצדעם שיינט ער צו זיין אַן אויסשליסלעכער באַזיץ פון דעם לעצטן. דעריבער דאַרף עס קיין חידוש נישט זיין, וואָס ער שטייט אין אַזאַ ענגער שייכות מיט יענע העכערע זאַכן, מיט דעם ווערט-און צייט-באַגריף, מיט דעם קיין שום חיה נישט אייגנטלעכן אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש, מיט דער נאָר אין מענטשן מעגלעכער גאָניאַליטעט. און ווייבאַלד עס עקזיסטירט עפעס אַן אייַנהייטלעכער באַגריף פון מענטש, אַ טיפּסטער מהות פון דער מענטשהייט, וועלכער קומט צום אויסדרוק אין אַלע באַזונדערע אייגנשאַפטן פון מענטש, מאַ דאַרף מען שוין פאָרויס דערוואַרטן, אַז אויך די לאָגישע און עטישע דערשיינונגען, וועלכע פעלן לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן באַ אַלע אַנדערע בעלי-חיים, פּונקט ווי דער זכרון, קומען אויף וועלכן ס'איז אופן אין באַרירונג מיטן זכרון. דעמדאָזיקן צוזאַמענהאַנג דאַרפן מיר איצט אויפזוכן.

צום דאָזיקן צוועק קאָנען מיר נעמען דעם אַלגעמיין באַקאַנטן פאַקט, אַז ליגנערס האָבן אַ שלעכטן זכרון. אַז „פּאַטאָלאָגישע ליגנערס" האָבן כמעט „בכלל קיין זכרון נישט", איז אַ פעסטגעשטעלטע זאַך. וועגן דעם מעגלעכן ליגנער וועל איך נאָך ווייטער האָבן די געלעגנהייט צו רעדן; ער בילדעט נישט דעם כלל צווישן די מענער. ווייבאַלד מ'האָט אָבער אין אויג דאָס, וואָס ס'איז פריער געזאָגט געוואָרן וועגן דעם זכרון פון פרויען, דאַן וועט לגבי דער דערמאָנטער דערשיינונג פון זכרון-מאַנגל באַ ליגנערישע מענער זיין אויפפאַלנדיק דאָס, וואָס אין אַזויפיל שפּריכווערטער און דערציילונגען, אין פּאָעזיע און אין פאָלקס-מעשיות ווערט אַלץ איינאיינעם געוואָרנט פאַר דער ליגנערישקייט פון דער פרוי. עס איז קלאָר: אַ מענטש, באַ וועמען עס פלימערט קוים אַ פונק פון באַוווסטזיין וועגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, געטון, איבערגעלעבט, וועט זייער אָפט משקר זיין, ווייבאַלד, פאַרשטייט זיך, ער איז נאָר באַשאָנקען מיט לשון. אַזאַ מענטשן וועט נישט לייכט זיין אונטערצוודריקן אין זיך דעם אימפּולס צום שקר דאָרטן, ווו ס'גייט וועגן דערגרייכן געוויסע פּראַקטישע צוועקן. דער נסיון משקר צו זיין דאַרף זיין באַזונדערס שטאַרק אין די פאַלן, ווען דער זכרון פון אַזאַ וועזן איז באַרויבט פון יענער המשכותדיקייט.

וועלכע עס באַזיצן די מענער, ווען ער קאָנצענטרירט זיך אויף איינצלנע, אומקאָנטינויערלעכע, איזאָלירטע מאָמענטן, אָנשטאָט זיך אויפצוהויבן איבער זיי, אָדער זיי ווייניקסטנס אָנווענדן צום אייגענעם פּראָבלעם. באַזונדערס שאַרף טרעט דאָס אויף, ווען די פּערזאָן באַזיצט נישט, פּונקט ווי מ, אַלע זיינע איבערלעבענישן אויף איין איינהייטלעכן טרעגער, וויבאַלד עס פעלט דער אַפּערצעפּציע-צענטער, וועלכער קאָנצענטרירט אין זיך די גאַנצע פאַרגאַנגנהייט אויף אַן איינהייטלעכן אופן, וויבאַלד דער מענטש פילט זיך נישט און זעט זיך נישט אַלס איין און דערזעלביקער אין אַלע זיינע לעבנס-סיטואַציעס. עס קומט אַפילו פאָר אויך בא יעדן מאַנסביל, אַז ער „פאַרשטייט זיך נישט" טיילמאָל, בא זייער פיל מענער איז דאָס אַפילו אַ באַשטענדיקע דערשיינונג, הגם מ'דערף דאָס נישט צונויפבינדן מיט די פענאָמענען פון פסיכישער פעריאָדישקייט*), אַז בעת זיי טראָגן זיך איבער מיטן געדאַנק אין דער פאַרגאַנגנהייט, זעען זיי נישט בכוח אוועקצושטעלן זייער איצטיקע פּערזענלעכקייט אויפן אָרט פון דעם טרעגער פון יענע עלטערע איבערלעבענישן, אַז זיי באַגרייפן נישט, ווי אַזוי זיי האָבן געקאָנט דאָס אָדער יענץ דעמאָלט דענקען אָדער טון; און דאָך ווייסן זיי און פילן גאַנץ גוט, אַז זיי האָבן פאָרט אַזוי געטראַכט און געטון, און צווייפלען אין מינדסטן נישט דערין. דידאָזיקע אידענטישקייט אין אַלע לעבנס-סיטואַציעס פעלט לחלוטין בא דער עכטער פרוי, מחמת איר זכרון, אַפילו ווען ער איז אויפפאַלנדיק גוט — וואָס טרעפט זיך אין איינצלנע פאַלן — איז תמיד באַרויבט פון יעטוועדער המשכותדיקייט. דאָס איינהייטס-באַוווּסטזיין פונם מאַנסביל, וועלכער פאַרשטייט זיך אָפט נישט אין זיין עבר, דריקט זיך אויס אין דעם באַדערפעניש זיך צו פאַרשטיין, און דאָסדאָזיקע באַדערפעניש אַנטהאַלט אין זיך שוין די הנחה, אַז ער איז תמיד געווען איין און דערזעלביקער, נישט געקוקט אויף זיין זיך-יעצט-נישט-פאַרשטיין. די פרוי איז קיינמאָל נישט אימשטאַנד זיך צו פאַרשטיין, בעת

*) וועלכע איז אַלצאיינס באַקאַנט דעם מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך אַביר, ווי דעם מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך קיינמאָל נישט.

זי טראַכט-נאָך וועגן איר פריערדיק לעבן ; זיי האָבן אָבער אויך נישט קיין באַדערפעניש זיך צו פאַרשטיין. דאָס קאָן מען שוין אַרויסזען פון דער קנאַפער פאַראינטערעסירונג, וואָס עס וועקן אין זיי די ווערטער פון מאַנסביל, ווען דער רעדט עפעס וועגן זיי גופא. די פרוי אינטערעסירט זיך נישט מיט זיך — און דעריבער איז נישטאָ קיין פרוי-פסיכאָלאָג און קיין פרויען-פסיכאָלאָגיע, באַאַרבעט דורך א פרוי — און לגמרי אומבאַגרייפלעך וואָלט געווען פאַר איר די קאָנוואָלסיווע, עכט מענלעכע אָנשטרענגונגען פאָרצושטעלן די גאַנצע פאַרגאַנגנהייט אַלס אַ לאָגישן פועל-יוצא פון קאָנט־נוירלעכן, בלייזלאָז קויזאַל איינגעסדרטן, נישט שפרונגהאַפטן געשעען, און פאַרבינדן מיטאיינאַנד אָנהויב, מיט און סוף פון אינדיווידועלן לעבן.

דאָ אָבער איז דער גרעניץ-פונקט, פון וועלכן מ׳קאָן זיך אַריבערוואַרפן אויפן געביט פון דער לאָגיק. אַ וועזן, ווי פ, די אַבסאָלוטע פרוי, וועלכע איז נישט אימשטאַנד צו דערקענען איר זעלביקייט אין די נאָכאַנאַנדער פאָלגנדיקע צייט-פונקטן, האָט אויך נישט קיין אויסווייז פאַר דער אידענטישקייט פון איר דענק-אָביעקט אין פאַרשידענע צייטן ; מחמת וויבאַלד ביידע טיילן, ד. ה. דער סוביעקט און אָביעקט, זענען אונטערגעוואָרפן דער פאַרענדערונג, פעלט אַזויצוזאָגן דער קאָאָרדינאַטן-סיסטעם, אויף וועלכן מען זאָל קאָנען באַציען דידאָזיקע פאַרענדערונג ; און אָן אים זענען מיר דאָך לגמרי נישט אימשטאַנד אַפילו צו באַמערקן די פאַרענדערונג. נאָכמער, אַ וועזן, וועמעס זכרון גרייכט נישט צומאָל אַזוי ווייט, אַז עס זאָל האָבן די פסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל, אַז אַ געוויסער געגנשטאַנד אָדער אַ געוויסע זאַך איז נישט קוקנדיק אויף דעם צייט-אָפלויף געבליבן מיט זיך גופא אידענטיש, אַז עס זאָל, למשל, פעיק זיין צו אָפערירן אין עפעס אַ לענגערן רעכענונג מיט מאַטעמאַטישע באַשטימטע גרייסן. אַזאַ וועזן (איך נעם דעם עקסטרעמען פאַל) וועט נישט בכוח זיין מיט דער הילף פון זיין זכרון גובר צו זיין דעם אומענדלעך קליינעם צייט-משך, וועלכער איז אַלנפאַלס פסיכאָלאָגיש נויטווענדיק דערצו, בדי אַרויסצוזאָגן אַן אורטייל, אַז אין נאָענטסטן מאָמענט האָט

זיך נאָך A נישט געענדערט, אַז זי איז געבליבן דיזעלביקע A מיט איין וואָרט, אַרויסצוטראָגן דעם אורטייל וועגן דער אידענטישקייט פון A = A, אָדער פעסטצושטעלן, אַז ס'קומט פאָר אַ סתירה, וואָס פאַרלאַנגט דאָסגלייכן, אַז A זאָל נישט תיכף נעלם ווערן פונעם קוק-פעלד פון דענקנדיקן אָביעקט, אין קעגנפאַל וואָלט עס נישט געקאָנט אונטערשיידן A פון non-A, פון דעם, וואָס איז נישט A, און וואָס וואָלט טאַקע צוליב דער באַגרעניצטקייט פון זיין באַוווסטזיין נישט אימשטאַנד געווען עס גלייכצייטיק אַרומצונעמען מיט זיין בליק.

דאָס איז נישט קיין בלויזער שפּיל פון געדאַנקען, קיין בייזוויליקער סאָפיזם פון דער מאַטעמאַטיק, קיין פאַרבליפנדיקער אויספיר פון דורכגעשמוגלטע הנחות. וואָס אַן אמת, באַציט זיך בלי-ספק דער אורטייל וועגן אידענטישקייט תמיד אויף באַגריפן, און קיינמאָל נישט אויף עמפּינדונגען אָדער זייער קאָמפּלעקס — וואָס מיר מוזן דאָ שוין פאָרויס באַצייכענען, איידער מיר וועלן זיך ווידער אומקערן צום דאָזיקן ענין, כדי אויסצומיידן עווענטועלע איינווענדונגען — און די באַגריפן זענען אַלס לאָגישע באַגריפן צייטלאָז, זיי דערהאַלטן זייער באַשטענדיקייט אַלצאיינס, צי דענקט זיי דער פּסיכאָלאָגישער סוביעקט אַלס באַשטענדיקע, אָדער נישט. אָבער דער מענטש דענקט טאַקע קיינמאָל נישט דעם באַגריף, אַלס אַ ריין-לאָגישן, ווייל ער איז נישט קיין ריין לאָגיש, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגיש וועזן, וועלכעס איז אונטערגעוואָרפן די „באַדינגונגען פון דער חושימדיקייט". ער דענקט מיט אַלגעמיינע פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אינדיווידועלער דערפאַרונג דורך כסדרדיקער פאַרווישונג פון די חילוקים און פאַרשטאַרקונג פון די ענלעכע עלעמענטן (אַ „טיפּישע", „קאָנאָטאַטיווע", „רעפּרעזענטאַטיווע" פאָרשטעלונג); די דאָזיקע פאָרשטעלונג קאָן אָבער אין זיך אַנטהאַלטן דעם אַבסטראַקטן מאָמענט פון דער באַגריפלעכקייט און אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן אין דאָזיקן זינען באַנוצט ווערן. ער מוז בכן אויך האָבן די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן, קאָנסערווירן די פאָרשטעלונג, אין וועלכער ער דענקט אָנשוילעך דעם אומאָנשוילעכן de facto באַגריף;

דידאָזיקע מעגלעכקייט ווידער קאָן אים נאָר ליפערן דער זכּרון־ און וויבאַלד עס פעלט אים דער זכּרון, האָט ער אויך נישט קיין מעגלעכקייט לאָגיש צו דענקען; דידאָזיקע מעגלעכקייט נויטיקט זיך תּמיד אַזויצוזאָגן אין אַ פּסיכאָלאָגישן מעדיום פאַר איר פאַרקערפּערונג.

עס ווייזט זיך בכן אַרויס, אַז צוזאַמען מיטן זכּרון לעשט זיך אויך אויס די פעיקייט פון אויסאיבן לאָגישע פונקציעס. די יסודות פון דער לאָגיק ווערן דורכדעם נישט באַרירט, און עס דערווייזט נאָר, אַז די מעגלעכקייט פון זייער אָנווענדונג איז אָפּהענגיק פון אַזאַ באַדינג. דער כּלל $A=A$ האָט פּסיכאָלאָגיש אַ באַציונג צו דער צייט, מחמת נאָר אין היפּך צו דער צייט קאָן ווערן אַרויסגעזאָגט $At_1=At_2$. אין לאָגישער הינזיכט האָט דערדאָזיקער כּלל קיין שום באַ־ציונג נישט צו דער צייט; אין ווייטערדיקן המשך וועלן מיר נאָך זען, אַלמאַי ער האָט ריין לאָגיש, אַלס באַזונדערער אור־טייל, קיין שום ספּעציפֿלן זין נישט, און דערפאַר נויטיקט ער זיך אַזוי שטאַרק אין דעם פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. אין פּסיכאָלאָגישער הינזיכט קאָן בכן דערדאָזיקער אורטייל אַרויס־געגעבן ווערן נאָר אין באַציונג צו דער צייט, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די אייגנטלעכע נעגאַציע פון דער לעצטער.

ב'האָב אָבער פריער אויפגעוויזן, אַז די המשכותדיקייט פון זכּרון איז אַן איבערגעוועלטיקונג פון דער צייט און שטעלט מיט זיך טאַקע אַזויערנאָך פאַר דעם פּסיכאָלאָגישן תּנאי פון דער צייט־אויפפאַסונג. אויף אַזאַ אופן דערשיינט דער פאַקט פון קאָנטינויִרלעכן זכּרון אַלס דער פּסיכאָלאָגישער אויסדרוק פון לאָגישן כּלל פון דער אידענטישקייט*). פאַר דער אַבסאָלוטער פרוי, וועלכער עס פעלט אַזאַ זכּרון, קאָן אויך דער־דאָזיקער כּלל נישט זיין קיין אַקסיאָם פון איר דענקען. פאַר דער אַבסאָלוטער פרוי איז נישט פאַראַן קיין Principium iden-titatis (contradictionis און exclusi tertii).

*) דערמיט האָף איך אויך צו באַרעכטפערטיקן די דרייסטקייט פון דאָזיקן לגבר'ס באַווערטיקן איבערגאַנג פון זכּרון צו דער לאָגיק.

ניִשט בלויז דידאָזיקע דריי פּרינציפּן, נאָר אויך דער פערטער פון די לאָגישע דענק-געזעצן, דער כּלל פונם גענוגנדיקן יסוד, וועלכער פאַרלאַנגט פון יעדן אורטייל אַ באַגרינדונג, און איז דערפאַר נויטווענדיק פאַר יעדן דענקענדיקן מענטש — אויך דערדאָזיקער פּרינציפּ איז גאָר ענג צונויפגעבונדן מיטן זכּרון.

דער כּלל פון גענוגנדיקן יסוד איז דער נערוו, דער פּרינציפּ פון דעם סילאָגיזם. די פּרעמיסן זענען אין פּסיכאָגישער הינזיכט תּמיד פריערדיקע אורטיילן, וועלכע זענען מקדים דעם אויספיר, און וועלכע מוזן דורך דעם דענקענדיקן פונקט אַזוי פעסטגעהאַלטן ווערן, ווי ס'ווערן דאָסגלייכן געשיצט אונזערע באַגריפן דורך די געזעצן פון אידענטישקייט און סתירה. די מאָטיוון פון אַ מענטש דאַרף מען תּמיד זוכן אין זיין פאַרגאַנגנהייט. און דערפאַר איז דער מאַקסימום פון המשכותדיקייט, וועלכער באַהערשט געגנזלעך דאָס דענקען פון אַ מענטש, אַזוי ענג צונויפגעבונדן מיט דער קוואַליטעט. דער תּנאַי פון פּסיכאָלאָגישן פונקציאָנירן פון דעם פּרינציפּ פון גענוגנדיקן גרונט איז אַ קאָנטינויִרלעכער, אַלע אידענטישקייטן שיצנדיקער זכּרון. היות ווי פ האָט נישט אַזאַ זכּרון, ווי בכּלל קיין באַגריף פון דער קאָנטינויִטעט אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, עקזיסטירט פאַר איר אויך נישט קיין Principium rationis sufficientis.

עס איז בכן ריכטיק, אַז די פרוי באַזיצט נישט קיין לאָגיק.

געאָרג זיממעל האָט באַצייכנט דידאָזיקע אַלטע דערקענטעניש אַלס גרונטלאָז, ווייל די פרויען ווייזן אָפט אַרויס אַ זייער שטרענגע קאָנסעקווענץ פון דענקען. דערדאָזיקער אומשטאַנד, וואָס אין אַ קאָנקרעטן פאַל, ווען דאָס איז נויטווענדיק צו דער דערגרייכונג פון עפּעס אַ צוועק, ווייזט די פרוי אַרויס אַ נטיה צו שטרענגע און קאָנסעקווענטע החלטות, באַווייזט פונקט אַזוי ווייניק איר פאַרהעלטעניש צום פּרינציפּ פון גענוגנדיקן גרונט, ווי ס'איז נישט קיין באַווייז פאַר איר פאַרהעלטעניש צום געזעץ פון דער אידענטישקייט, בשעת זי באַהויפּט אַזוי אָפט האַרטנעקיק,

איין און דאָסזעלביקע, און קומט אַלץ ווידער צוריק צו איר ערשטן, שוין לאַנג אָפּגעשפּאַרטן וואָרט: די פראַגע באַשטייט דערין, צי אָנערקענט דער מענטש די לאָגישע אַקסיאָמען אַלס קריטעריעס פון דער ריכטיקייט פון זיין דענקען, אַלס ריכטער איבער דעם, וואָס ער זאָגט, צי מאַכט ער זיי צו דער באַשטענדיקער ריכטשנור און נאָרם פון זיין אורטייל, אָדער נישט. אַ פרוי זעט טאַקע קיינמאָל נישט איין, אַז מען דאַרף אַלץ אויך באַגרינדן; היות ווי זי האָט נישט קיין קאָנטינויטעט, פילט זי אויך נישט אָפּ קיין באַדערפעניש נאָך דער לאָגישער שטיצונג פון אַלע געדאַנקען: פונדאַנען די לייכטגלויביקייט פון אַלע פרויען. אין איינצלנעם פאַל מעגן זיי בכן זיין קאָנסעקווענט, אָבער דאַן איז די לאָגיק נישט מאָסשטאַב, נאָר ווערקצייג, נישט שופט. נאָר על-פּי-רוב תלין. אַקעגן-זשע ווייבאַלד אַ פרוי זאָגט אַרויס עפּעס אַ מיינונג, און דער מאַנסביל איז גראָד אַזוי נאַריש, אַז ער נעמט עס איבערהויפּט ערנסט אָן און פאַרלאַנגט פון איר אַ באַווייז, דאַן ווערט זי אַזאַ אומבאַקוועמע און לעסטיקע פאַר זיך פאָדערונג באַטראַכטן פאַר אַן אָנגריף קעגן איר נאַטור. דער מאַנסביל פילט זיך פאַרשעמט, ער פילט זיך שולדיק, ווייבאַלד ער האָט נישט גענוג באַגרינדעט עפּעס אַ געדאַנק, אַלצ-איינס צי ער האָט אים אַרויסגעזאָגט, אָדער נישט, ווייל ער פילט זיך פאַרפּ׳כטעט צו שעצן די לאָגישע נאָרם, וועלכע ער האָט איין פאַר אַלעמאָל איבער זיך אוועקגעשטעלט. די פרוי רעגט אויף די פאָדערונג, איר דענקען אויסנאַמלאָז אָפּהענגיק צו מאַכן פון דער לאָגיק. איר פעלט דאָס אינטעלעקטועלע געוויסן. בנוגע איר קאָן מען רעדן וועגן „Logical insanity“.

דער לאָגישער פעלער, וועלכן מ׳קאָן אַמייסטן געפינען אין די אורטיילן פון דער פרוי (הגם דער מאַנסביל האָט נישט קיין ספּעציעלע נטיה צו אַנטדעקן דידאָזיקע לאָגישע דעפעקטן, דער-ווייזנדיק שוין דערמיט זיין ביטול פאַר דער ווייבערישער

לאָגיק), — דאָס איז די quaternio terminorum, די פאַר־בייטונג פון איין געדאַנק דורכן אַנדערן, וועלכע פליסט אַרויס טאַקע פון דער אומפעיקייט אויפצובאַהאַלטן ב א ש ט י מ ט ע פאָרשטעלונגען, מחמת דעם מאַנגל אין אַ פאַרהעלטעניש צום פּרינציפּ פון דער אידענטישקייט. די פרוי קאָן נישט וועלבשטענדיק קומען צום באַוווסטזיין, אַז מ׳דאַרף זיך שטרענג האַלטן אָן דאָזיקן פּרינציפּ, ער איז פאַר איר נישט דער אויבערשטער קריטעריום פון איר אורטייל. דער מאַנסביל פילט זיך פאַר־פליכטעט צו דער לאָגיק, די פרוי נישט. און וועגן דעם גייט עס, אַז נאָר דאָס געפיל פון אַזאַ התחייבות קאָן געבן דאָס ערבות, אַז דער מענטש וועט תמיד און אייביק שטרעבן צו דענקען לאָגיש. דאָס איז אפשר דער טיפסטער געדאַנק, וואָס ד ע ק אַ ר ט האָט בכלל אַרויסגעזאָגט, און איז טאַקע דער־פאַר אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען ׳געוואָרן און ווערט ס׳רוב אַלס שרעקלעך פאַלשע לערע אויפגעפאַסט: אַ ז י עֶ ט וו ע ד ע ר ט ע ו ת א י ז אַ ש ו ל ד.

אָבער מקור פון יעטוועדן טעות אין לעבן איז אויך תמיד דער מאַנגל אין זכרון. ובכן, די לאָגיק און עטיק, וועלכע באַרירן זיך טאַקע אויפן פונקט פון וואָרהייטס־פאָדערונג און טרעפן זיך צונויף אין דעם העכסטן ווערט פון אמת, בינדן זיך ווידער ביידע צוזאַמען מיטן זכרון. און אָט דעמערט אין אונז אויך די דערקענטעניש, אַז פּ ל אַ ט אָ ן איז נישט גע־ווען אַזוי אומגערעכט, ווען ער האָט די הכרה פונם מענטש צונויפגעבונדן מיט דער דערינערונג. דער זכרון איז טאַקע נישט קיין לאָגישער און עטישער אַ ק ט, אָבער ווייניקסטנס איז ער אַ לאָגישער און עטישער פּ ע נ אָ מ ע ן. אַ מענטש צ. ב., וועלכער האָט געהאַט אַן אמתדיק טיפע עמפינדונג, פילט זיך שולדיק, וויבאַלד אין אַ האַלבער שעה שפּעטער טראַכט ער שוין וועגן גאַנץ עפּעס אַנדערש, ווען אַפילו ער זאָל דערצו זיין בעצוווּנגען דורך אויסערלעכע אומשטאַנדן. דער מאַנסביל קומט זיך פאַר געוויסנלאָז און אוממאָראַליש, וויבאַלד ער באַמערקט, אַז ער האָט וועגן אַ געוויסן פונקט פון זיין לעבן אַ לענגערע צייט נישט געטראַכט. דער זכרון איז ווייטער שוין דערפאַר מאָראַליש, ווייל ער אַליין מאַכט מעגלעך די ח ר ט ה.

אקעגן-זשע איז יעטוועדעס פארגעסן שוין פאר זיך גופא אוממאראליש. דעריבער איז פיעטעט טאקע אויך מאראלישער געבאט: עס איז פליכט, קיינזאך נישט צו פארגעסן; און נאר אויף אזויפיל דארף מען באזונדערס געדענקען אן פארשטארבענע. אט פארוואס דער מאנסביל שטרעבט אויס לאגישע און עטישע מאטיוון, א אריינצוברענגען לאגיק אין זיין עבר, אלע מאמענטן פון דאזיקן עבר צונויפצוברענגען צו אן איינהייט.

ווי מיט איין קלאפ האבן מיר דא באריירט דעם טיפן צוזאמענהאנג צווישן לאגיק און עטיק, וועלכן סאקראטעס און פלאטאן האבן פארגעפילט, און וואס קאנט און פיכטע האבן געמוזט אויפסניי אנטדעקן, כדי ער זאל שפעטער ווידער פארנאכלעסיקט ווערן און אינגאנצן גיין לאיבוד פאר די שפעטערדיקע דורות.

א וועזן, וואס באגרייפט נישט אדער אנערקענט נישט, אז A און נישט-A שליסן זיך איינאנדער אויס, ווערט דורך קיינזאך נישט אפגעהאלטן פון שקר; נאכמער, פאר אזא וועזן עקזיסטירט בכלל נישט קיין באגריף פון שקר, ווייל אים פעלט זיין היפוך — דער אמת. אזא וועזן קאן ליגן, נישט וויסנדיק לגמרי וועגן דעם, נישט האבנדיק אפילו די מעגלעכקייט צו דערקענען, אז עס ליגט, מחמת בא אים פעלט דער קריטעריום פון דעם אמת. „Veritas norma sui et falsi est" נישטא עפעס מער דערשיטערנדיקס פאר א מאנסביל ווי דאס בילד, בעת ער כאפט א פרוי בא א ליגנט און ווענדט זיך צו איר מיט דער פראגע: „אלמאי ליגסטו?" דערזעט ער, ווי זי פארשטייט לגמרי נישט זיין פראגע און נישט באגרייפנדיק, וואס ער וויל פון איר גלאצט זי אויף אים אויס די אויגן, אדער באמיט זיך אים שמייכלענדיק צו בארויקן — אדער ברעכט גאר אויס אין טרערן.

מחמת מיט דעם זכרון אליין איז די זאך נישט דערליידיקט. די ליגנט איז אויך צווישן די מענער גענוג פארשפרייט. מ'קאן משקר זיין, נישט קוקנדיק אויף דער דערינערונג אן דעם

פאַקטישן זאַך־פאַרהאַלט, אויף וועמעס אָרט עס ווערט צוליב אַ געוויסן צוועק אַן אַנדערער זאַך־פאַרהאַלט אַוועקגעשטעלט. יאָ, נאָר וועגן אַזאַ מענטש, וועלכער, נישט קוקנדיק אויף זיין בעסערן וויסן און באַוווּסטזיין, פעלשט דעם פאַקטישן זאַך־צושטאַנד, קאָן אייגנטלעך מיט רעכט געזאָגט ווערן, אַז ער לייגט. און עס מוז זיין אַ פאַרהעלטעניש צו דער אידעע פון אמת, אַלס דעם העכסטן ווערט פון דער לאָגיק און עטיק, כדי עס זאָל קאָנען זיין די רייד וועגן אַן אונטערדריקונג פון דאָזיקן ווערט לטובת אַנדערע מאָטיוון. דאָרט ווו דאָס פעלט, קאָן מען אויך נישט רעדן וועגן ט ע ו ת און ש ק ר, נאָר העכסטנס וועגן טעותדיקייט און ליגנערישקייט; נישט וועגן אַנטי־מאָראַלישן, נאָר וועגן אַמאָראַלישן זיין. ד י פ ר ו י א י ז ב כ ן אַ מ אָ ר אַ ל י ש.

יענץ אַבסאָלוטע אומפאַרשטענדעניש פאַר דעם ווערט פון דעם אמת גופא מוז בכן שטעקן אַ סך טיפער. אויס דעם קאָנטינויִרלעכן זכרון קאָן מען נאָכנישט אַרויספירן די וואָרהייטס־פאָדערונג, דאָס וואָרהייטס־באַדערפעניש, דעמדאָזיקן אייגנטלעכן לאָגיש־עטישן גרונט־פענאָמען; מחמת וויבאַלד עס וואָלט אַזוי געווען, וואָלט דער מאַנסביל קיינמאָל נישט משקר געווען; אָבער אויך ער לייגט, אָדער, ריכטיקער, נאָר ער לייגט. דאָסדאָזיקע וואָרהייטס־באַדערפעניש שטייט אָבער מיט דער קאָנטינויִרלעכקייט פון זכרון אין ענגן צוזאַמענהאַנג.

דאָס, וואָס דערמעגלעכט אַ מענטשן (אַ מאַנסביל) אַן אויפריכטיק פאַרהעלטעניש צו דער אידעע פון אמת און וואָס האַלט אים אָפּ פון יעטווידן שקר, קאָן נאָר זיין עפעס אַזוינס, וואָס איז אומפאַרענדערלעך און אומאָפּהענגיק פון דער צייט. דאָסדאָזיקע באַשטייט דערין, וואָס דער פאַרגאַנגענער פאַקט לעבט אויף אין באַוווּסטזיין מיט אַזאַ קלאָרקייט, קראַפט און גענויקייט, אַז ער דערלאָזט נישט קיין שום ענדערונג אין דער שילדערונג פון דאָזיקן פאַקט. דאָס קאָן נאָר זיין דער צענטער ווו עס קומען זיך צונויף אַלע אָפּגעזונדערטע איבערלעבענישן, וואָס אַלס רעזולטאַט דערפון שאַפט זיך ערשט דאָס קאָנטינויִרלעכע דאָזיין. די ווירקונג פון דאָזיקן מאָמענט דריקט זיך אויס אין דעם פאַראַנזיין פון אַחריות־געפיל בײַ מענטשן, — און

פירט צו דער חרטה, צום שולד-באוווסטזיין. מיט אנדערע ווער־
טער, דאָסדאָזיקע „עפּעס אַזוינס” צווינגט אונז צוצורעכענען
אַלע פאַרגאַנגענע זאַכן צו איין אייביק זעלביקס, און דעריבער
אויך קעגנווערטיקס. דאָסדאָזיקע געפיל איז בכוח אַרויסצוברענ־
גען אַזעלכע גראַנדיעזע, הערלעכע רעזולטאַטן, וועלכע קאָנען
דורך די געזעלשאַפטלעכע נאָרמען און געריכטס-אורטיילן בשום
אופן נישט דערגרייכט ווערן; און דאָסדאָזיקע געפיל באַצווינגט
מיט זיך דעם לחלוטין פון סאָציאַלע תּנאים אומאָפּהענגיקן
אינדיווידי. און אָט פאַרוואָס יעדע מאָראַל-פּסיכאָלאָגיע, וועלכע
וויל באַגרינדן די מאָראַל אויף דעם סאָציאַלן צוזאַמענלעבן פון
מענטשן און פון אים אַרויספירן איר אורשפּרונג, איז אין תּוך
פאַלש און גרונטלאָז. די געזעלשאַפט קען נאָר דעם באַגריף פון
פ אַ ר ב ר עכ ן, אָבער נישט דעם באַגריף פון דער ז י נ ד;
זי לייגט אַרויף ש ט ר אָ ף, נישט אויסנזייענדיק אַרויסצורופן
קיין ח ר ט ה. דער שקר ווערט באַשטראָפט דורכן שטראָף-קאָ־
דעקס, בעת ער דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון אַ פאַלשער
שבועה, ד. ה. ווען ער איז גורם מיט זיך ע פ נ ט ל ע כ ן
ש אָ ד ן. וואָס שייך דעם טעות, איז ער נאָך קיינמאָל נישט
פאַררעכנט געוואָרן פאַר קיין עבירה אַקעגן דעם געשריבענעם
געזעץ. די סאָציאַלע עטיק געפינט זיך אין אייביקער מורא,
אַז דער עטישער אינדיווידואַליזם וועט זיך שעדלעך אָפּשלאָגן
אויף די אינטערעסן פון די נאָענטע, און דערפאַר פלאַפּלט זי
כסדר וועגן די פליכטן פונם יחיד לגבי דער געזעלשאַפט און
די 1500 מיליאָן לעבעדיקע מענטשן. אָבער אַזאַ אָנשויונג פאַר־
ברייטערט נישט, ווי זי גלויבט, דאָס געביט פון דער מאָראַל, —
פאַרקערט, זי באַגרעניצט אים אויף אַן אומדערלאָזבאַרן און
שעדלעכן אופן.

וואָס-זשע איז בכן יענער איבער צייט און פאַרענדערונג
דערהויבענער „צענטער פון אַפּערצעפּציע”? „דאָס קאָן נישט
זיין עפּעס מינדערס, ווי יענץ, וואָס דערהויבט דעם מענטש
איבער זיך גופא (אַלס אַ טייל פון דער חושים-וועלט), וואָס
פאַרבינדט אים מיטן סדר פון די זאַכן, וועלכן בלויז דער
פאַרשטאַנד איז בכוח צו באַנעמען, און וועלכער האָט צוגלייך

די גאַנצע חושים-וועלט... אונטער זיך. דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק ײ ט".

דאָס דערהויבנסטע בוך פון דער וועלט, די „קריטיק פון ריינעם שכל" — פונוואַנען עס זענען אַרויסגענומען די אויבנגעבראַכטע ווערטער — פירט אַרויס די מאָראַל פון דעם „געדאַנקלעכן" (intelligible) איך, אַלס פון זיין געזעצגעבער.

דערמיט שטייט די אונטערזוכונג באַם פּראָבלעם פון סוביעקט. און ער וועט טאַקע זיין דער געגנשטאַנד פון דער נאָענטסטער באַטראַכטונג.

קאַפּיטל VII

לאָגיק, עטיק און דער איך

כידוע האָט דאַוויד יום אונטערגעוואָרפן דעם איך־באַגריף אונטער אַ קריטיק, זעענדיק אין אים בלויז אַ „בינטל" פאַרשידענע „פּערצעפּציעס", וועלכע געפינען זיך אין אייביקער באַוועגונג, אין אומאויפהערלעכן פליסן. ער האָט דאָס, וואָס אַן אמת, באַטראַכט פאַר אַ קאָמפּראָמיטאַציע פונם איך, אָבער זיין אָנשויונג האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ פאַרהעלטנישמעסי־קער באַשיידנקייט, סאַלווירנדיק זיך מיטן וואָרט־קלאַנג אויף אַ פּאָרוואורפסלאָזן אופן. מ'דאַרף נישט, לויט זיין מיינונג, לייגן קיין אַכט אויף עטלעכע מעטאַפיזיקער, וועלכע זענען נוטה צו מיינען, אַז בא זיי איז פאַראַן עפּעס אַן אַנדערער „איך". ער גופא איז פולשטענדיק זיכער, אַז ער באַזיצט נישט קיין שום איך; און דעריבער דאַרף מען אָננעמען, אַז אויך אַלע איבעריקע מענטשן זענען נישט מער, ווי אַזעלכע „בינטלעך" (וועגן יענע פּאָר אָריגינאַלן וואַגט ער נישט, נאַטירלעך, עפּעס אַרויסצוזאָגן). אַזוי דריקט זיך אויס דער וועלטמענטש. אין נאָענטסטן קאַפּיטל וועט זיך אַרויסווייזן, ווי זיין איראָניע איז געווענדט קעגן אים גופא. דאָס, וואָס זי איז געוואָרן אַזוי באַרימט, ליגט אין דער אַלגעמיינער איבערשאַצונג פון יומען, וואָס איר שולד טראָגט קאַנט. יום איז געווען אַן אויסגעצייכנטער עמפּירישער פּסיכאָלאָג, אָבער מ'קאָן אים בשום אופן נישט אָנרופן זשעני, ווי דאָס געשעט על־פּי־רוב. כדי צו זיין דער גרעסטער ענגלישער פילאָזאָף, דאַרף מען, וואָס אַן אמת, קיין סך דערצו נישט האָבן, נאָר אויך אויפן דאָזיקן טיטל האָט ער דאָס מינדסטע רעכט נישט. און ווייבאַלד קאַנט האָט (נישט קוקנדיק אויף די „פּאַראַלאָגיזמען") אָפּגעוואָרפן a limine דעם שפּינאָציזם צוליב דעם, וואָס לויט דערדאָזיקער פילאָזאָפיע זענען די

מענטשן נישט קיין סובסטאַנצן, נאָר בלויזע אַקצידענצן, און גייט אַריבער איבער דערדאָזיקער אָנשויונג, שוין צוליב איר „אומגעלומפערטער" גרונט-אידעע, צו דער טאָג-אָרדנונג — וואָלט איך וויטגענשטיינס נישט געוואגט ערב צו זיין, אַז ער וואָלט נישט געווען פאַרקלענערט זיינע שבחים פאַרן ענגלענדער, וויבאַלד ער וואָלט געקענט אויך זיין „Treatise" און זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט דעם „Inquiry" — אַן אַרבעט, אין וועלכער די קריטיק פונם איך-באַגריף פעלט לחלוטין.

ליכטענבערג, וועלכער האָט נאָך יום דער-קלערט קריג דעם „איך" איז שוין געווען דרייסטער פאַרן לעצטן. ער איז דער פילאָזאָף פון דער אומפערזענלעכקייט און קאָריגירט אויף אַ ניכטערן אופן דעם שפּראַכלעכן אויסדרוק „איך דענק" אויף דעם זאַכלעכן — „עס דענקט"; דער איך איז בכן פאַר אים אייגנטלעך אַן ערפינדונג פון די גראַמאַטי-קער. דערין האָט אים אָגב יום אויף אַזויפיל מקדים געווען, וואָס אויך ער האָט באַם סוף פון זיינע באַטראַכטונגען דער-קלערט דעם גאַנצן וויכוח וועגן דער אידענטישקייט פון דער פערזאָן פאַר אַ בלויזן וואָרט-פּלפּול.

אין דער נייעסטער צייט האָט ע. מאַך אַרויסגערוקט אַ טעאָריע, לויט וועלכער דער וועלטאַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּאַקטע מאַסע, און די איכס זענען פונקטן, אין וועלכע דידאָזיקע צוזאַמענהענגענדיקע מאַסע האָט אַ שטאַרקערע קאָנ-סטיטוציע. דאָס איינציק רעאַלע זענען די עמפינדונגען, וועלכע זענען ענגער צווישן אַנאַנד צונויפגעבונדן אין איין אינדיוויד, איידער אין באַזונדערע צוויי אינדיווידן. דער אינהאַלט איז די הויפּטזאַך און ער דערהאַלט זיך באַשטענדיק אויך אין אנדערע אינדיווידן ביז צו די ווערטלאָזע (!) פּערזענלעכע דערינערונגען. דער איך איז נישט קיין רעאַלע, נאָר אַ פּראַקטישע איינהייט; פאַר אים איז נישט קיין רעטונג, און דערפאַר קאָן מען (גערן) מוותר זיין אויף אינדיווידועלער אומשטערבלעכקייט; פונדעסט-וועגן מאַכט נישט אויס, וויבאַלד מיר ווען דאָ און דאָרט, דערהויפּט צוליב טעמים פון דאַרוויניסטן קאַמף פאַרן קיום, זיך אַזוי באַנעמען, גלייך ווי מיר וואָלטן באַזעסן אַן איך.

עס איז מאָדנע, ווען אַ פאָרשער ווי מאַך, וועלכער

האָט אַזויפיל פאַרדינסטן נישט בלויז אַלס היסטאָריק פון זיין ספּעציעלער וויסנשאַפט און קריטיקער פון אירע באַגריפן, נאָר איז אויך קענטעגישרייך אין ביאָלאָגישע ענינים און האָט אויף דעררדאָזיקער לערע דירעקט און אומדירעקט פרוכטבאַר געווירקט. בעמט איינגאַנצן נישט אין אַכט דעם פאַקט, אַז אַלע אָרגאַנישע וועזנס זענען קודם-כּל אומטיילבאַר, ובכן פאָרט ווי-נישט-איז אַטאָמען, מאָנאַדן (פרגל. I טייל, קאַפּ. 3.) דאָס איז דאָך פאָרט דער ערשטער אונטערשיד צווישן דעם באַלעבטן און אומבאַלעבטן, וואָס יענץ איז תּמיד דיפערענצירט אויף אומגלייכאַרטיקע, אויף איינאַנדער אָנגעוויזענע טיילן, בשעת אַפילו דער געפאָרמטער קריסטאַל איז דורכויס גלייכאַרטיק. דערפאַר וואָלט מען אויך געדאַרפט אויף יעדן פאַל נעמען אין באַטראַכט, ווייניקסטנס אַלס מעגלעכקייט, אויב פון דער בלוי-זער דערשיינונג פון דער אינדיווידואַליזאַציע, פון דעם פאַקט, אַז די אָרגאַנישע וועזנס זענען אין אַלגעמיין נישט אַזוי צו-זאַמענגעבונדן ווי די סיאַמישע צווילינגער, דרינגט נישט אַרויס אויך עפּעס פאַר דעם פּסיכישן לעבן, און צי דאַרף מען דאָ נישט רעכענען אויף מער פּסיכישס, איידער עס באַזיצט עס דער מאַכישער איך. דעררדאָזיקער בלויזער וואָרטזאַל פאַר עמפּינדונגען.

זייער וואַרשיינלעך, אַז אַזאַ פּסיכישער קאָרעלאַט עק-זיסטירט שוין בײַ די חיות. אַלץ, וואָס אַ חיה פילט און עמ-פינדט, האָט בלי-ספק בײַ יעדן אינדיוויד אַ פאַרשידענע באַ-טאָנונג אָדער באַפאַרבונג, וועלכע איז נישט בלויז אייגנטימלעך זיין קלאַס, מין און אַרט, זיין ראַסע און משפּחה, נאָר אין יעדן איינצלנעם וועזן אונטערשיידט זי זיך פון דערזעלביקער אין יעדן אַנדערן אינדיוויד. די אידיאָפּלאַזמע איז דער פיזיאָלאָגישער עקוויוואַלענט פון דעררדאָזיקער ספּעציפישקייט פון אַלע עמפּינ-דונגען און געפילן פון יעדער באַזונדערער חיה. דידאָזיקע הנחה שטיצט זיך אויף דיזעלביקע יסודות, ווי די טעאָריע פון אידיאָ-פּלאַזמע (פארגל. I טייל, קאַפּ. 2 און II טייל, קאַפּ. 1) ; זיי לאָזן משער זיין, אַז אַן עמפּירישער כאַראַקטער איז פאַראַן אויך בײַ חיות. דער יעגער, וועלכער האָט צו טון מיט הינט, דער האָדעוועער, וואָס קען גוט פערד, דער וועכטער,

וואָס האָט השגחה איבער מאלפּעס. — זיי אַלע וועלן באַשטעטיקן נישט בלויז די אינדיווידועלע באַזונדערקייט, נאָר אויך די באַשטענדיקייט אין פאַרהאַלטן זיך פון יעדער איינצלנער חיה. ובכן, עקזיסטירט דאָ שוין בלי-ספק עפּעס אַזוינס, וואָס שטייגט איבער דעם בלויזן ראַנדעוווּ פון די „עלעמענטן".

נאָר ווען אַפילו אַזאַ פּסיכישער קאָרעלאַט עקזיסטירט באמת, וויבאַלד אַפילו חיות באַזיצן געוויס אַ געוויסע אייגנאַרט, האָט דאָס נאָך אָבער כלל נישט צו טון מיט דעם אינטעליגיבלען כאַראַקטער, וועגן וועלכן מיר האָבן נישט באַ קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש קיין יסוד משער צו זיין, ווי נאָר באַם מענטש. דער אינטעליגיבלער כאַראַקטער פונם מענטש, די **אינדיווידואַליטעט**, פאַרהאַלט זיך לגבי דעם עמפּירישן כאַראַקטער, דער בלויזער **אינדיווידואַליזאַציע**, ווי דער זכרון לגבי דעם פשוטן אוממיטלבאַרן דערקענען. סוף-כל-סוף איז דאָ פאַראַן אידענטישקייט; אין ביידע פאַלן ליגט אין תוך סטרוקטור, פאָרם, געזעץ, קאָסמאָס, וואָס בלייבט דאָס-זעלביקע, ווען דער אינהאַלט בייט זיך. די שקול-הדעתן אָבער, אויפן סמך פון וועלכע מען קאָן משער זיין וועגן דער מציאות פון אַזאַ נאָומענאַלן, טראַנסעמפּירישן סוביעקט באַם מענטש, מוזן מיר דאָ בקיצור אַרויסברענגען. זיי פליסן אַרויס פון דער לאָגיק און עטיק.

אין דער לאָגיק האַנדלט עס זיך וועגן דער אמתער באַדייטונג פון פּרינציפּ פון דער אידענטישקייט (און פון דער סתירה; די פילע חילוקי-דעותן מכּוח דעם יתרון איבער איינאַנדער און מכּוח דער ריכטיקסטער פאָרם פון זייער אויסדרוק קומען דאָ ווייניק אין באַטראַכט). דער **כלל A-A** איז **אוממיטלבאַר זיכער און באַשיימפּערלעך**. ער איז צוגלייך די אורמאָס פון דער וואָרהייט פאַר אַלע אַנדערע כללים. אַלץ, וואָס ס'איז סותר דעמדאָזיקן כלל, ווען, למשל, אין עפּעס אַ ספּעציעלן אורטייל זאָל דער פּרעדיקאַט אַרויסזאָגן בנוגע דעם סוביעקט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין סתירה מיטן באַגריף פון דעמדאָזיקן, וואָלטן מיר אַזאַ אורטייל באַטראַכט פאַר פאַלש. און מען דאַרף זיך נאָר טיפער אַריינטראַכטן, כּדי צו אָנערקענען, אַז אין לעצטן תוך איז דידאָזיקער הנחה דאָס

נעזעץ פון אַלע לאָגישע אויספירן. דאָס געזעץ פון דער אידענ־טישקייט איז דער פּרינציפּ פון אמת און שקר. ווער עס זעט אין דעררדאָזיקער הנחה מערנישט ווי אַ טאַוטאָלאָגיע, וועלכע זאָגט גאָרנישט און באַרייכערט נישט אונזער דענקען, ווי דאָס איז אַזוי אָפט געשען בײַ העגעלן און שפּעטער בײַ כּמעט אַלע עמפּיריסטן — דאָס איז נישט דער איינציקער באַריר־פּונקט צווישן די אין פּלוג אַזוי אומדערשיטערלעכע קעגנזאַצן — דער איז גאַנץ גערעכט, אָבער ער האָט די נאַטור פון דאָזיקן כּלל שלעכט פאַרשטאַנען. $A=A$, דער פּרינציפּ פון יעטוועדער וואָרהייט, קאָן נישט זײַן אַליין קיין ספּעציעלע וואָרהייט. ווער עס באַטראַכט דעם כּלל פון דער אידענטישקייט אָדער פון קעגנזאַץ פאַר אינהאַלטלאָז, דער האָט עס זיך גופא צוצושרײַבן. מחמת ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט געפינען אין אים באַזונדערע געדאַנקען, האָט ער געהאָפט צו באַרײַכערן זײַן אוצר פון פּאָזיטיווע קענטעניש. אָבער יענע כּללים גופא זענען נישט קיין דערקענטעניש, קיין באַזונדערע דענקאַקטן, נייערט די מאָס, וועלכע מען דאַרף אָנווענדן לגבי אַלע דענקאַקטן. די דאָזיקע מאָס קאָן אָבער אַליין נישט זײַן קיין דענקאַקט, וועלכער זאָל זיך לאָזן פאַרגלײַכן מיט אַלע איבעריקע אַקטן. די נאָרם פון דענקען קאָן זיך נישט געפינען אין דענקען גופא. דער כּלל פון דער אידענטישקייט איז גאָרנישט מוסיף צו אונזער וויסן, ער פאַרגרעסערט נישט אונזער רײַכטום, נאָר גיכער באַגרינדעט ער עס ערשט געבצלעך. דער כּלל פון דער אידענטישקייט איז אָדער גאָרנישט, אָדער ער איז אַלץ.

אויף וואָס באַציט זיך דער כּלל פון דער אידענטישקייט און דער כּלל פון דער סתּירה? מען מיינט געוויינלעך: אויף אורטיילן. זיגוואַרט, למשל, פאָרמולירט דעם כּלל פון דער סתּירה אויף אַזאַ אופן: „די ביידע אורטיילן, A איז B, און A איז נישט B, קאָנען נישט צוגלייך זײַן וואָר״; ער

באהויפט, אז דער אורטייל: „אן אומגעבילדעטער מענטש איז געבילדעט" אנטהאלט אין זיך דערפאר א סתירה, ווייל דער פרעדיקאט „געבילדעט" ווערט דא צוגעשריבן א סוביעקט, בנוגע וועלכן דער אורטייל implicite באהויפט, אז ער איז „אן אומגעבילדעטער מענטש"; דאס קאן מען ווידער צוריקפירן אויף צוויי אורטיילן: X איז „געבילדעט" און X איז נישט „געבילדעט" א. א. וו. דער פסיכאלאגיזם פון דערדאזיקער באוויזבארקייט ווארפט זיך ממש אין די אויגן. זי פאררופט זיך אויפן אורטייל, וואס עקזיסטירט פאר דער בילדונג פון באגריף פון אן „אומגעבילדעטן מענטש". דער אויבנגעבראכטער אורטייל אבער, A איז נישט non-A, מוז אנערקענט ווערן פאר ווארָ, אלציינס צי אנדערע אורטיילן עקזיסטירן בכלל, האבן עקזיסטירט אדער וועלן עקזיסטירן. ער באציט זיך אויפן ב א ג ר י ף פון אומגעבילדעטן מענטש. ער זיכערט אונז דעמדאזיקן באגריף דורך דעם אויסשלוס פון אלע אים סותרדיקע סימנים.

דערין ליגט די אמתדיקע פונקציע פון די פרינציפן פון דער אידענטישקייט און פון דעם קעגנזאץ. זיי זענען קאנסטיטוטיוו פאר דער באגריפלעכקייט.

קלאר, אז דידאזיקע פונקציע באציט זיך בלויז אויפן לאגישן באגריף, אבער נישט אויף דעם, וואס מ'האט אנגערופן „פסיכאלאגישן באגריף". דער באגריף איז, וואס אן אמת, תמיד פסיכאלאגיש פארטרעטן דורך אן אנשווילעכע אלגעמיין-פארשטעלונג; נאר דידאזיקע פארשטעלונג אנטהאלט אין זיך אין א געוויסער מאס דעם מאמענט פון דער באגריפלעכקייט. דידאזיקע אלגעמיין-פארשטעלונג, וואס דינט פסיכאלאגיש אלס פארטרעטונג פון באגריף, איז נישט דאסזעלביקע, וואס דער באגריף. די פארשטעלונג קאן זיין רייכער (בעת איך טראכט וועגן א דרייעק) אדער ארימער (אין באגריף פון דעם לייב איז מער אנטהאלטן, איידער אין מיין פארשטעלונג וועגן אים, בשעת באם דרייעק איז די זאך פארקערט). דער לאגישער באגריף איז די ריכטשנור, וועלכער עס פאלגט די אויפמערקזאמקייט, בעת זי ציט ארויס פון דער פארשטעלונג, וואס רעפרעזענטירט דעם באגריף, נאר געוויסע מאמענטן, וועלכע זענען אנגעוויזן טאקע דורכן דאזיקן באגריף; ער איז דער ציל און די שטרעבונג

פון פסיכאָלאָגישן באַגריף, דער פאָלאַרשטערן, צו וועלכן ס'איז געווענדט די אויפמערקזאַמקייט, בעת זי שאַפט זיין קאָנקרעטן סוראָגאַט: *איז דאָס געזעץ פון איר אויסוואַל.*

געוויס איז נישט פאַראַן קיין דענקען, וואָס זאָל צוגלייך מיט די לאָגישע מאָמענטן נישט אַנטהאַלטן אין זיך קיין פסיכאָלאָגישע מאָמענטן. די אָנוועזנהייט פון בלויזן לאָגישן מאָמענט וואָלט געווען אַ וווּנדער. נאָר די גאָטהייט דענקט ריין-לאָגיש. דער מענטש אָבער מוז תמיד גלייכצייטיק דענקען פסיכאָלאָגיש, מחמת אַחוץ שכל, באַזיצט ער אויך חושלעכקייט. אמת, זיין דענקען איז געווענדט אויף לאָגישע דערשיינונגען, וועלכע געפינען זיך מחוץ דער צייט; פסיכאָלאָגיש אָבער קומט עס פאָר אין גדר פון אַ באַשטימטן צייט-משך. די לאָגישקייט שפּילט די ראָליע פון אַ העכערן קריטעריום, מיט וועלכן עס באַנוצט זיך דער מענטש אין די אַקטן פון פסיכאָלאָגישן דענקען. בעת צוויי מענטשן זענען זיך מתווכח וועגן עפּעס, רעדן זיי וועגן דעם באַגריף, און נישט וועגן די פולשטענדיק פאַרשידענע אינדיווידועלע פאָרשטעלונגען, דורך וועלכע דערדאָזיקער באַגריף איז רעפּרעזענטירט באַ איטלעכן פון זיי. דער באַגריף איז יענער ווערט, מיט וועמעס הילף עס ווערן אויסגעמאָסטן די פאַרשידנאַרטיקע אינדיווידועלע פאָרשטעלונגען. די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי עס אַנטשטייט פסיכאָלאָגיש די אַלגעמיין-פאָרשטעלונג, האָט לחלוטין נישט צו טון מיט דער נאַטור פון דעם באַגריף גופא, און האָט פאַר איר קיין שום באַדייטונג נישט. דעם כאַראַקטער פון דער לאָגישקייט, וועלכע גיט אים צו די אייגנטלעכע ווירדע און האַרבקייט, באַקומט דער באַגריף פון דער דערפאַרונג, וועלכע ליפערט נאָר תּמיד וואַקלדיקע געשטאַלטן און וואָלט געקאָנט העכסטנס בילדן אומקלאָרע קאָלעקטיוו-פאָרשטעלונגען. *אַבסאָלוטע באַשטענדיקייט און אַבסאָלוטע איינדייטיקייט*, וועלכע *קאָנען נישט* אַרויסשטאַמען פון דער דערפאַרונג, זענען דער מהות פון דער באַגריפלעכקייט, יענע „אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה פאַרבאָרגענע קונסט, וועמעס רעטעניש עס וועט אונז אוודאי קיינמאָל נישט געלינגען צו באַשיידן און אַרויסצושטעלן אומפאַרהילט פאַר די אויגן", ווי די „קריטיק

פון ריינעם שכל" דריקט זיך אויס. יענע אַבסאָלוטע קאָנסטאַנץ און איינדייטיקייט באַציט זיך נישט אויף מעטאַפיזישע מהותן: די זאַכן זענען נישט אַזוי ווייט רעאַל, ווי דאָס שטעלט זיך אונז פאָר אין באַגריף; נאָר זייערע קוואַליטעטן זענען לאָגיש אויף אַזויפיל זייערע, אויף וויפל זיי ליגן אין אינהאַלט פון דעם באַגריף. *דער באַגריף איז די נאָרם פון דער עסענץ, נישט פון דער עקזיסטענץ.*

כּדי כ'זאָל קאָנען זאָגן וועגן אַ געוויסער קרייזפאָרמיקער זאַך, אַז זי איז אויסגעקרומט, ליגט דערצו מיין לאָגישע באַרעכטיקונג אין באַגריף פון קרייז, וועלכער אַנטהאַלט די סימנים פון דער קרומקייט. ס'איז אָבער אַ טעות צו באַצייכענען דעם באַגריף אַלס דעם מהות גופא, אַלס דאָס „וועזן": „וועזן איז דאָ אָדער אַ געוויסע פסיכאָלאָגישע פאַרבולטונג אָדער אַ מעטאַפישע זאַך. דער באַגריף און די דעפיניציע פון באַגריף זענען צוויי פולשטענדיק פאַרשידענע זאַכן; און זיך זיי פאָרצושטעלן ווי עפּעס איינזייטיקס פאַרביט די נאַטור פון דער דעפיניציע, וועלכע באַציט זיך תּמיד אויפן אינהאַלט, נישט אויפן אומפאַנג פון באַגריף, ד. ה. זי גיט נאָר אָן דעם *וואָרטקלאַנג*, אָבער נישט דעם *קאָמפּעטענץ-קרייז* פון יענער *נאָרם*, וועלכע מאַכט אויס דעם מהות פון דער באַגריפלעכקייט. דער באַגריף אַלס נאָרם, אַלס נאָרם פון דער עסענץ קאָן אויך נישט זיין אַליין עסענץ; די נאָרם מוז זיין עפּעס אַנדערש, און היות ווי זי איז נישט עסענץ, קאָן זי זיין — מחמת קיין דריטס איז נישט פאַראַן — נאָר עקזיסטענץ; דערביי אַנטהילט דידאָזיקע עקזיסטענץ נישט דאָס זיין פון אָביעקטן, נייערט דאָס *זיין* פון דער *פונקציע*.

אין יעדן געדאַנקלעכן חלוקי־דעות צווישן מענטשן שטעלט מיט זיך די נאָרם פון עסענץ פאָר נישט עפּעס אַנדערש ווי די הנחה A=A אָדער A=non-A; דאָס קומט פאָר אין די פאַלן, ווען מענטשן אַפּעלירן בעת דער אַנטשיידונג פון אַ וויכּוח צו דער לעצטער אינסטאַנץ, צו דער דעפיניציע. דעם כאַראַקטער פון דער באַגריפלעכקייט, באַשטענדיקייט און איינדייטיקייט, גיט צו דעם באַגריף נישט עפּעס אַנדערש ווי דער כּלל A=A. און די ראָלן פון די לאָגישע אַקסיאָמען פאַרטיילן זיך אויף אַזאַ אופן,

אַז דער־principium identitatis פֿאַרזיכערט די דויערנדיקע אומפֿאַרענדערלעכקייט און געשלאָסנקייט פֿון באַגריף, אינדערצייט ווען דער principium contradictionis גרעניצט אים אײַנזײַטיק אָפּ פֿון אַלע אַנדערע מעגלעכע באַגריפֿן. מיר האָבן דערמיט צום ערשטן מאָל דערוויזן, אַז די באַגריפֿלעכע פֿונקציע קאָן ווערן אויסגעדריקט דורך די ביידע אויבערשטע לאָגישע אַקסיאָמען און אַז זי איז אַליין נישט עפּעס אַנדערש ווי טאַקע דידאָזיקע אַקסיאָמען גופֿא. דער כּלל A-A (און A=non A) דערמעגלעכט ערשט בכן יעטווערן באַגריף; ער איז דער נערוו פֿון דער באַגריפֿלעכער נאַטור אָדער באַגריפֿלעכקייט פֿון באַגריף.

ווײַבאַלד איך רעד לסוף אַרויס דעם כּלל גופֿא A-A, הייסט דאָס נישט, אַז עפּעס אַ ספּעציעלע אָדער אַפֿילו איטלעכע A, גענומען פֿון דער ווירקלעכער דערפֿאַרונג און ווירקלעכן דענקן, איז מיט זיך אידענטיש. דער אורטייל פֿון דער אידענטישקייט איז אומאָפּהענגיק דערפֿון, צי עס עקזיסטירט איבערהויפּט עפּעס אַן A. דערמיט וויל איך, נאַטירלעך, נישט זאָגן, אַז דערדאָזיקער כּלל זאָל קאָנען געטראַכט ווערן דורך אַן אומעקזיסטירנדיקן עמיץ; אָבער ער איז אומאָפּהענגיק דערפֿון געטראַכט, צי עפּעס, אָדער עמיץ עקזיסטירט. ער באַטייט: ווײַבאַלד ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַן A (אַלציינס, צי עס עקזיסטירט עפּעס אַן A, אָדער נישט), דאַן גילט יעדנפֿאַלס A-A. דערמיט ווערט אומאָפּרופֿלעך געגעבן אַ געוויסע פּאָזיציע, עפּעס אַ זײַן, נעמלעך A=A, הגם די פֿראַגע וועגן דער מציאות גופֿא פֿון A בלײַבט זייער פּראָבלעמאַטיש. דער כּלל A=A באַשטעטיקט בכן, אַז עפּעס עקזיסטירט, און דידאָזיקע עקזיסטענץ איז טאַקע יענע געזוכטע נאָרם פֿון דער עסענץ. מיר זעמיר נישט איינשטימיק מיט מיללן, וועלכער זאָגט. אַז דערדאָזיקער כּלל איז גענומען פֿון דער עמפּירישער וועלט, אַז ער איז גענומען פֿון ווינציק אָדער גאָר, לאָמיר אָננעמען, פֿון נאָך אַזויפֿיל איבערלעבענישן. עס גייט דערין, וואָס ער איז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון דער עמפּיריע; ער מוז אָנגיין פֿאַר זיכער, אַלציינס, צי עס האָט

ערגיץ ווי פיגורירט אין דער דערפארונג דידאָזיקע A, אָדער נישט. קיינער האָט נאָכנישט געפרווט אָפצולייקענען דעמדאָזיקן כלל און וואָלט אויך נישט געקאָנט אָפלייקענען, מחמת דער תנאי פון דער אָפלייקענונג וואָלט ער אליין ווידער געמוזט זיין, ווען מ׳זאָל עפעס באשטימטס וועלן אָפלייקענען. היות ווי דערדאָזיקער כלל דריקט אויס מיט זיך א זיין, נישט מאכנדיק זיך אָפהענגיק פון דער עקזיסטענץ פון אָביעקטן און גאָרנישט ארויסזאָגנדיק וועגן זייער עקזיסטענץ, קאָן ער אויסדריקן נאָר א זיין, וואָס איז פארשידן פון אלע ווירקלעכע און מעגלעכע אָביעקטן, מיט אנדערע ווערטער — ער קאָן אויסדריקן מיט זיך דאָס זיין פון עפעס אזוינס, וואָס קאָן לויט זיין באגריף גופא קיינמאָל נישט ווערן קיין אָביעקט. אזוי־ערנאָך אנטפלעקט ער דורך זיין באשיימפערלעכקייט די עקזיסטענץ פון דעם סוביעקט; און דידאָזיקע עקזיסטענץ טאקע, וועלכע איז אויסגעדריקט אין דעם פרינציפ פון דער אידענטישקייט, ליגט נישט אין ערשטן און נישט אין צווייטן A, נאָר אין אידענטישן גלייכהייטס־צייכן A–A. דערדאָזיקער כלל בכן איז אידענטיש מיטן כלל: איך בין.

פסיכאָלאָגיש לאָזט זיך דידאָזיקע קאָמפליצירטע דעדוקציע לייכטער אויפקלערן, אָבער באגיין זיך אָן איר קאָן מען נישט. ס׳איז קלאָר, אז כדי צו זאָגן A–A, כדי צו קענען נאָרמאטיוו פעסטשטעלן די אומפארענדערלעכקייט פון באגריף און דערהאלטן זי לגבי די כסדר זיך אומבייטנדיקע איינצלזאכן פון דער דערפארונג, מוז עקזיסטירן עפעס אומפארענדערלעכס, און דאָס קאָן זיין נאָר דער סוביעקט; וויבאלד כ׳וואָלט געווען אליין אריינגעצויגן אין קרייז פון פארענדערונג, וואָלט איך בשום אופן נישט געקאָנט דערקענען, צי A איז געבליבן גלייך צו זיך; וויבאלד איך זאָל זיך אומאויפהערלעך פארענדערן און נישט אויפבאהאלטן די אידענטישקייט, וויבאלד מיין איך זאָל בלייבן אין א פונקציאָנעלן קשר מיט דער פארענדערונג, וואָלט איך נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט זיך איר אקעגנצושטעלן און זי צו דערקענען; מחמת עס וואָלט געפעלט דער אבסאָלוטער גייסטיקער קאָאָרדינאטן־סיסטעם, וואָס איינציק און אליין אין באציונג אויף אים קאָנען מיר באשטימען עפעס אידענטישס און פארפיקסירן עס אלס אזעלכס.

די עקזיסטענץ פון דעם סוביעקט לאָזט זיך נישט פון עפּעס אַרויספירן; אין דאָזיקער הינזיכט האָט די קאַנטישע קריטיק פון ראַציאָנעלער פּסיכאָלאָגיע פולקאָם רעכט. אָבער מ׳קאָן אויפוויזן, ווי דידאַקטיק עקזיסטענץ קומט שטרענג און אומצווייזייטיק צום אויסדרוק אויך אין דער לאָגיק; און מען דאַרף נישט דאָס אינטעליגיבלע זיין פאַרצוּשטעלן זיך אין געשטאַלט פון אַ בלויזער לאָגישער דענקמעגלעכקייט, וועמעס פולשטענדיקע זיכערקייט ס׳וואָרט שפּעטער דערוואָרבן נאָר מיט דער הילף פון מאָראַלישן געזעץ, ווי דאָס האָט געטון ק א נ ט. פ י כ ט ע האָט נעהאַט רעכט, געפינענדיק פאַרבאָרגן אין דער ריינער לאָגיק אויך די עקזיסטענץ פון „איך״, אויף וויפל דער איך פאַלט צונויף מיט דעם אינטעליגיבלען ז יי ן.

דער פּרינציפּ פון יעטוועדן אמת זענען די לאָגישע אַקסיאָמען, זיי שטעלן פעסט אַ ז יי ן, און לויט דעם ריכטעט זיך, לויט אים אַנטוויקלט זיך דאָס דערקענען. די לאָגיק איז אַ געזעץ, וועלכן מען דאַרף פאָלגן, און דער מענטש איז ערשט דעמאָלט אינגאַנצן ער גופא, ווען ער איז גענצלעך לאָגיש; יאָ, ער איז גאָרנישט, כל-זמן ער איז נישט אומעטום און דורכאויס נאָר לאָגיק. אין דער דערקענטניש געפינט ער זיך גופא.

יעדער טעות ווערט אָפּגעפילט אַלס שולד. דערפון דרינגט, אַז דער מענטש דאַרף נישט קיין טעות האָבן, ער מוז געפינען דעם אמת; דערפאַר קאָן ער אים געפינען. אויס דער פליכט פון דער הכּרה דרינגט אַרויס איר מעגלעכקייט, דרינגט אַרויס די פרייהייט פון דענקען און די נצחון-האָפענונג פון דערקענען. אין דער נאָרמאַטיוויטעט פון דער לאָגיק ליגט דער באַוויז, אַז דאָס מ ע נ ט ש ל ע כ ע ד ע נ ק ע ן א י ז פ ר יי און אַז עס איז בכּוח צו דערגרייכן זיין ציל.

*

אַנדערש און קירצער קאָן איך זיך אַרויסזאָגן בנוגע דער עטיק, מחמת דידאַקטיקע אונטערזוכונג שטעלט זיך דורכויס אויפן באָדן פון דער ק א נ ט י ש ע ר מ אָ ר אַ ל - פ י ל אָ - ז אָ פ י ע; אין אַ געוויסער אַנאַלאָגיע צו איר, ווי מיר האָבן דאָס געזען, זענען דורכגעפירט געוואָרן די לעצטע לאָגישע

דעדוקציעס און פּאָסטולאַטן. דער טיפּסטער, דער אינטעליגיבלער מהות פונם מענטש איז טאַקע דאָס, וואָס פאַלט נישט אַרונטער דער קויזאַליטאַט און ווײַלט פרײַ אויס צווישן גוטן און שלעכטן. ער דריקט זיך אויס אין דעם באַוווסטזײַן פון דער שולד, אין דער חרטה. קיינער איז נאָך ביזאַהער נישט בכוח געווען אַנדערש צו דערקלערן דידאָזיקע פאַקטן; און קיינער וועט זיך נישט לאָזן אײַנרעדן, אַז ער האָט געמוזט באַגיין דעם אָדער יענעם טאַט. אין דער מחויבדיקייט — ליגט אויך דאָ די צייגעניש פאַרן קאַנען. דער מענטש קאָן אויסגעצייכנט פאַרשטיין אַלע קויזאַלע פאַקטאָרן, אַלע מאָטיוון, וועלכע האָבן אים באַוויגן צו עפּעס אַ נידריקן טאַט; און דאָך וועט ער באַהויפּטן, און אין געגעבענעם פאַל באַזונדערס זיכער, אַז זײַן אינטעליגיבלער „איך" איז פולשטענדיק פרײַ, אַז ער האָט געקאָנט אַנדערש האַנדלען, און דעריבער פאַלט די גאַנצע שולד פאַרן דאָזיקן טאַט אויפן דערמאָנטן „איך".

וואָרהײַט, ריינקייט, טרײַקייט, אויפריכטיקייט לגבי זיך גופא: דאָס איז די איינציקע דענקבאַרע עטיק. פאַראַן נאָר פליכטן לגבי זיך, פליכטן פון עמפּירישן לגבי דעם אינטעליגיבלען „איך". דידאָזיקע פליכטן טרעטן אויף אין דער פאָרם פון יענע צוויי אימפּעראַטיוון, וועלכע זענען עלול צו ברענגען די שענדלעכסטע מפּלה יעטוועדן פּסיכאָלאָגיזם: אין דער פאָרם פון דער לאָגישער און מאָראַלישער געזעצלעכקייט. די נאָרמאַטיווע דיסציפּלינעס, דער פּסיכישער פאַקט פון דעם אינערלעכן געבאָט, וועלכעס פאַרלאַנגט פיל מערער, איידער די גאַנצע בירגערלעכע זיטלעכקייט וויל עס האָבן — דאָס איז עס, וואָס קיין שום עמפּיריזם איז נישט בכוח באַפרידיקנדיק צו דערקלערן. זײַן אמתדיקן קעגנזאַץ געפינט ער אין אַ קריטיש־טראַנסצענדענטאַלן, און נישט אין קיין מעטאַפיזיש־טראַנסצענדענטאַלן מעטאָד, מחמת יעטוועדע מעטאַפיזיק איז נאָר היפּאָסטאַזירנדיקע פּסיכאָלאָגיע, די טראַנסצענדענטאַלע פילאָזאָפיע אָבער איז די לאָגיק פון די ווערטונגען. יעטוועדער עמפּיריזם און סקעפּטיציזם, פּאָזיטיוויזם און רעלאַטיוויזם, פּסיכאָלאָגיזם און אַלע אַנדערע אימאַנענטע באַטראַכטונגס־מעטאָדן פילן אינסטינקטיוו זייער גוט, אַז די עטיק און

לאָגיק פאַרשאַפט זיי די הויפּט-שוועריקייט. פונדאַנען שטאַמען די אומאויפהערלעך באַנייטע און תּמיד אומפּרוכטבאַרע אָנשטרענגונגען פון אַן עמפּירישער און פּסיכאָלאָגישער באַגרינדונג פון דיראַזיקע דיסציפּלינעס, און עס פעלט כּמעט נאָר איין פּרוו נאָך — די עקספּערימענטאַלע אויספאָרשונג און באַגרינדונג פון דעם Principium contradictionis·

לאָגיק און עטיק זענען אָבער אין תּוך נאָר איינס און דאָסזעלבע — פּליכט לגבי זיך גופא. זיי פייערן זייער פאַרייניקונג אין העכסטן ווערט פון אמת, ווען עס היפּוך ס'איז דאָרט דער טעות, דאָ דער שקר: דער אמת גופא אָבער איז נאָר איינער. יעטוועדע עטיק איז נאָר מעגלעך לפי די געזעצן פון דער לאָגיק, יעטוועדע לאָגיק איז צוגלייך עטיש געזעץ. נישט בלויז טוגנט, נאָר אויך וויסן, נישט בלויז הייליקייט, נאָר אויך חכמה איז פּליכט און אויפגאַבע פונם מענטש: ערשט ביידע צוזאַמען שאַפן די פולקאָמענהייט.

קלאָר אָבער, אַז פון דער עטיק, ווען עס כּללים עס זענען פּאָסטולאַטן, קאָן מען נישט אַרויספירן קיין שטרענג לאָגישן באַווייז פאַר עקזיסטענץ, ווי פון דער לאָגיק. די עטיק איז נישט אין זעלביקן זינען לאָגיש ווי די לאָגיק עטיש געבאָט. די לאָגיק שטעלט אַוועק פאַר די אויגן פונם „איך" זיין פולשטענדיקע פאַרווירקלעכונג אַלס אַבסאָלוט זיין; די עטיק דערקענען פאַרלאַנגט ערשט דידאָזיקע פאַרווירקלעכונג. די עטיק נעמט אין זיך אויף די לאָגיק אַלס איר אייגנטלעכן אינהאַלט, אַלס איר עיקר-פאָדערונג.

אין יענער באַרימטער שטעל פון דער „קריטיק פון פּראַקטישן שכל", ווו קאַנט פירט אַריין דעם מענטש אַלס גליד פון דער אינטעליגיבלער וועלט („פּליכט! דו דערהויבענער, גרויסער נאָמען..."), קאָן מען זיך בכן מיט רעכט פרעגן, פונוואַנען ווייסט קאַנט אייגנטלעך, אַז דאָס מאָראַלישע געזעץ פליסט אַרויס פון דער פערזענלעכקייט? דערויף ענטפערט קאַנט, אַז ער קאָן פאַר אים נישט געפינען קיין אַנדערן, מער ווירדיקן אורשפּרונג. ער באַגרינדעט נישט ווייטער, אַז דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו איז דאָס פונם נאָומענאָן געגעבענע געזעץ,

זיי זענען פאַר אים באַשיינפּערלעך מתחילת אָן אומשיידבאַר צונויפגעבונדן. דאָס אָבער ליגט אין דער נאַטור פון דער עטיק. זי פאָדערט, אַז דער אינטעליגיבלער איך זאָל ווערן פריי פון אַלע צוימען פון עמפּירישן איך. נאָר דאַן איז די עטיק בכוח גענצלעך צו פאַרווירקלעכן דאָס זיין אין זיין ריינסטן געשטאַלט, דאָס דאָזיקע זיין, וועגן וועלכן ס'איז אונדז מודיע די לאָגיק אין דער פאָרם פון עפּעס דאָך ערגיצוווּ שוין עקזיסטירנדיקס.

אָבער פון יענער אויסמיידונג פון ווייטערדיקע באַגרינדונגען דורך קאַנטן ווייזט זיך דייטלעך אַרויס, סאַראַ באַטייט ס'האָט געהאַט פאַרן געמיט זיינעם די מאָנאַדן, די נשמה-לערע, ווי פעסט ער האָט זיך אָן איר געהאַלטן אַלס אָן איינציקן גוטס, און מיט זיין טעאָריע וועגן „אינטעליגיבלען כאַראַקטער", וועלכע מ'האָט אַזוי אָפט פאַלש פאַרשטאַנען, אַלס עפּעס אַ נייע אַנטדעקונג אָדער דערפינדונג, אַלס אַן אויסגאַנגס-מיטל פון דער קאַנטישער פילאָזאָפיע, האָט ער נאָר געוואָלט אַרויסרוקן אירע וויסנשאַפטלעכע ווערטן.

פאַראַן פליכט בלויז לגבי זיך גופא; צו דערדאָזיקער זיכערקייט האָט קאַנט געמוזט קומען שוין אין פריסטער יוגנט (אפשר נאָכדעם, ווי ער האָט איינמאָל דערשפּירט דעם אימפּולס צום שקר).

דער מיטאָס וועגן העראַקלעסן, אייניקע שטעלן בײַ ניטשע און באַזונדערס בײַ שטירנערן אַנטהאַלטן אין זיך עפּעס קרובישס מיט דער קאַנטישער טעאָריע. אָבער, לאָזנדיק דאָס אַלץ אָן אַ זייט, זעען מיר נאָר איין איבסען, וועמען ס'איז גאַנץ זעלבשטענדיק געלונגען צוצוקומען צום פּרינציפּ פון דער קאַנטישער עטיק (אין „בראַנד" און „פּער גינט"). פון אַזאַ כאַראַקטער איז העבעלס עפּיגראַם „שקר און אמת":

„וואָס קויפסטו טייערער אָפּ, דעם שקר אָדער דעם אמת?
יענער קאָסט דיין איך, דער אָבער העכסטנס דיין גליק".

אָדער סולייקאַס באַרימטע ווערטער פון „Westöstlichen Diwan“:

„Volk und Knecht und Überwinder,
Sie gesteh'n zu jeder Zeit:
Höchstes Glück der Erdenkinder
Sei nur die Persönlichkeit.

Jedes Leben sei zu führen,
Wenn man sich nicht selbst vermisst,
Alles könne man verlieren,
Wenn man bleibe, was man ist“.

ס'איז זיכער אמת, אַז די מייסטן מענטשן נויטיקן זיך אין עפּעס אַ יעהאָוואַ. נאָר אַ קליינער מיעוט — דאָס זענען די געניאַלע מענטשן — לעבט כלל נישט ה ע ט ע ר אָ נ אָ ם. אַנדערע רעכטפאַרטיקן זייערע מעשים און פאַרוואָרלאָזונגען, זייער דענקען און זייער זיין, ווייניקסטנס אין דער מחשבה, פאַר עמיצן אַנדערש, צי דאָס איז אַ פּערזענלעכער, יידישער גאָט, אָדער צי איז דאָס אַ מענטש, וועלכן מען ליבט, מען אַכפּערט אָדער מ'האָט פאַר אים מורא. נאָר דאַן האַנדלען זיי אין פאָרמעלן, אויסערלעכן הסכם מיט דעם מאָראַלישן געזעץ.

ווי דאָס ווייזט זיך אַרויס פון זיין גאַנצן זעלבשטענדיקן און ביז צו די קלענסטע פּרטים אומאָפּהענגיקן לעבנס-שטייגער, איז ק אַ נ ט געווען דורכגעדרונגען פון זיין איבערצייגונג, אַז דער מענטש איז נאָר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך גופא, אַז ער האָט דעמדאָזיקן פּונקט באַטראַכט אַלס דעם אַמייסטן זעלבסטפאַרשטענדלעכן פון זיין לערע אויף אַזויפיל, אַז ער האָט נישט פאָרגעזען קיין שום מעגלעכקייט פון וועלכע ס'איז איינווענדונגען אַקעגן אים. און דאָך האָט טאַקע דאָ קאַנטס שוויגן גורם געווען דערצו, וואָס זיין עטיק, די איינציקע גראָד אינטראָספּעקטיוו-פּסיכאָלאָגיש אויפנעפּאַסטע, די איינציקע, וועלכע האָט געשטרעבט דערצו, אַז די שטרענגע און האַרבע אינערלעכע שטים זאָל נישט פאַרטויבט ווערן דורך דעם ליאַרם פון דעם המון, וואָס די דאָזיקע עטיק איז אַזוי ווייניק פ אַ ר ש ט אַ נ ע ן געוואָרן.

אָבער אויך קאַנט אין זיין ערדישן לעבן, ווי דאָס דרינגט אַרויס פון אַ געוויסער שטעל אין זיין „אַנטראָפּאָלאָגיע״, האָט דורכגעמאַכט אַזאַ צושטאַנד, וועלכער האָט מקדים געווען זיין „באַגרינדונג פון כאַראַקטער״. אָבער דער אויגנבליק, אין וועלכן דאָס האָט אין אים אויפגעבליצט מיט מוראדיק-שטראַלנדיקער קלאָרקייט: איך האָב נאָר מיר גופא אָפּצוגעבן אַ חשבון, כ׳מוז נישט דינען קיין שום אנדערן. כ׳קאָן וועגן זיך אין דער אַרבעט נישט פאַרגעסן; איך שטיי אַליין, בין פריי, בין מיין האַר! — דערדאָזיקער מאָמענט באַצייכנט די געבורט פון דער קאַנטישער עטיק, דעם העראָישסטן אַקט פון דער וועלט-געשיכטע.

„צוויי זאַכן פילן אָן דאָס געמיט מיט אַלץ פרישער און שטייגנדיקער באַוווּנדערונג און ערפאָרכט, וואָס אָפטער און דויערנדיקער דער געדאַנק באַשעפטיקט זיך דערמיט: דער באַשטערנטער הימל איבער מיר און דאָס מאָראַלישע געזעץ אין מיר. ביידע דאַרף איך נישט צו זוכן אָדער משער זיין בלויז אַלס עפּעס אַזוינס, וואָס איז איינגעהילט אין נעפּל, אָדער וואָס ליגט אין דער אָנסופיקייט, מחוץ מיין קוק-קרייז; איך זע פאַר מיר און פאַרבינד זיי אוממיטלבאַר מיטן באַוווּסטזיין פון מיין עקזיסטענץ. דאָס ערשטע הויבט זיך אָן פון יענעם אָרט, וועלכעס איך פאַרנעם אין דער אויסערלעכער חושים-וועלט; עס פאַרברייטערט דעמדאָזיקן קשר אין אומגעהויער-גרויסן מיט וועלטן איבער וועלטן און סיסטעמען פון סיסטעמען, אין גרעניצלאָזע צייטן פון זייער פעריאָדישער באַוועגונג, זייער אָנהויב און דויער. דאָס צווייטע הויבט זיך אָן פון מיין אומזעבאַרן זעלבסט, פון מיין פערזענלעכקייט; עס טראָגט מיך איבער אין אַ וועלט, וועלכע באַזיצט די אמתע אומענדלעכקייט, אַ וועלט, וועלכע ווערט נאָר אָפּגעפילט דורכן פאַרשטאַנד; מיט דערדאָזיקער וועלט (און דורכדעם אָבער אויך צוגלייך מיט אַלע יענע זעבאַרע וועלטן) דערקען איך מיך, נישט ווי דאָרט, אין בלויז צופעליקן, נייערט אַלגעמיינעם און נויטווענדיקן קשר. דער ערשטער אָנבליק פון אַן אומצאָליקער וועלטן-מענגע פאַרניכטעט כמעט מיין חשיבות אַלס אַ חיהשע באַשעפעניש, וואָס מוז אומקערן דעם

פלאנעט (אַ בלויז פונקט אין וועלטאל) די מאַטעריע, פון וועלכער עס איז אַנטשטאַנען, נאָכדעם ווי דידאָזיקע מאַטעריע איז געווען אַ קורצע צייט (מ'ווייסט נישט ווי אַזוי) פאַרזען מיט לעבנסקראַפט, דער צווייטער, דערקענן, דערהויבט או-מענדלעך מיין ווערט, אַלס אַן א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ, דורך מיין פּערזענלעכקייט, אין וועלכער דאָס מאָראַלישע געזעץ אַנט-פּלעקט מיר אַ לעבן, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון מיין חיהשן מהות און אַפילו פון דער גאַנצער חושימדיקער וועלט; ער דערהויבט מיין ווערט, וויי‌ניקסטנס אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס לאָזט זיך אַרויספירן פון דער צוועקמעסיקער באַשטימונג פון מיין דאָזיין דורכן דאָזיקן געזעץ, אַ באַשטימונג, וועלכע איז נישט באַשרענקט אויף די תנאים און גרעניצן פון דאָזיקן לעבן, נאָר גרייכט אין דער אומענדלעכקייט"

אַזוי פאַרשטיין מיר די „קריטיק פון פּראַקטישן שכל". דער מענטש איז אַ ל יין אין וועלטאַל. אין אייביקער אומגע-הויערער א יי נ ז אַ מ ק יי ט.

ער האָט נישט קיין שום צוועק אַחוץ זיך, נישטאָ קיין שום אַנדערע זאַך, פאַר וועלכער ער לעבט — ער האָט זיך ווייט אויפגעהויבן איבער דעם שקלאַוו-זיין-וועלן, שקלאַוו-זיין-קאָנען, שקלאַוו-זיין-מוזן: טיף אונטער אים פאַרשווינדט די גאַנצע מענטשלעכע געזעלשאַפט, פאַרזינקט די ס אָ צ י אַ ל ע עטיק; ער איז אַליין, אַ ל יי ן.

אָבער ער איז איצט ערשט טאַקע א יי נ ע ר און אַ ל ץ; און דעריבער האָט ער אויך אַ ג ע ז ע ץ אין זיך, און דעריבער איז ער אַליין יעטוועדעס געזעץ, און נישט קיין צופעליקער ווילקיר. און ער פאַרלאַנגט פ ו ן ז י ך צו פאָלגן דאָסדאָזיקע געזעץ אין זיך, דאָס געזעץ פון זיין איך, וועלנדיק זיין נאָר געזעץ, נישט אומקוקנדיק זיך הינטער זיך, נישט קוקנדיק פאַר זיך, נישט האָבנדיק קיין שום זייטיקע איינזעעניש. דאָס איז דאָס גרויספּול-גרויסע: ווייטער איז שוין נישט פאַראַן קיין זין, צוליב וועלכן ער זאָל פאָלגן דער פליכט. נישטאָ קיין העכערע אינסטאַנץ איבער אים, דעם אַליינעם, אַ ל - א יי נ ע ם. אָבער דעם אומדערבעטלעכן, קיין פאַרהאַנדלונג מיט זיך נישט דולדנדיקן, ד. ה. דעם קאַטעגאָרישן געבאָט א י ן ז י ך,

מוז ער האָרכן. ד ע ר ל יי ז ו נ ג! רופט ער*), מנוחה, אָבער אָבער שוין מנוחה פאַר דעם שונא, שלום, נישט דאָס אומאויפ-הערלעכע ראַנגלעניש — און אַ פחד נעמט אים אַרום: אַפילו אין דער תשוקה נאָך דערלייזונג איז נאָך געווען פחדנות, אין דעם שמאַכטנדיקן „ש ו י ן ג ע נ ו ג!" — דעזערציע פון אַ מענטש, וואָס פילט זיך צו קליין פאַרן דאָזיקן קאַמף. צ ו ו אָ ס? פרעגט ער, שרייט ער אַרויס אין וועלטאַ, — און פ אַ ר ר ו י ט י ק ט ז י ך! מחמת ער האָט שוין טאַקע ווידער געוואָלט דאָס ג ל י ק, די אָנערקענונג פון קאַמף מצד דעם אַנדערן, וועלכער האָט אים געזאָלט דערפאַר באַלוינען.

ק אַ נ ט ס איינזאַמסטער מענטש לאַכט נישט און טאַנצט נישט, ער ברילט נישט און יובלט נישט: ער האָט נישט קיין באַדערפעניש אָנצומאַכן ליאַרם, ווייל דער וועלטרום שווייגט צו טיף. נישט די זינלאָזיקייט פון אַ וועלט איז פאַר אים פליכט, נאָר זיין פליכט איז פאַר אים דער ז י ן פ ו ן ד ע ם וו ע ל-ט אַ ל, זאָגן „יאָ" צו דערדאָזיקער איינזאַמקייט — אָט איז דאָס „דיאָניזישע" אין ק אַ נ ט ן; אָטאָ-דאָס ערשט איז זיטלעכקייט.

---

*) רופט ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר, רופט װ אַ ג נ ע ר.

קאַפּיטל VIII

איך־פּראָבלעם און געניאַליטעט

„אין אָנהויב איז דידאָזיקע וועלט געווען
אַליין דער אַטמאַן, אין געשטאַלט פון אַ מענטש.
דער האָט זיך אָנגעהויבן ארומצוקוקן און נישט
געזען גאָרנישט, אחוץ זיך גופא. דאַן האָט ער
אויסגעשריגן: „דאָס בין איך!" דערפון איז
אַנטשטאַנען דער נאָמען „איך" — דערפאַר אויך
היינט צוטאָג, ווען עמיצער ווערט אָנגערופן,
זאָגט ער צוערשט: „דאָס בין איך" און דערנאָך
ערשט רופט ער אָן דעם אַנדערן נאָמען, וועלכן
ער טראָגט".

(בריהאַדאַראַניאַקאַ-אופּאַנישאַד.)

די סיבה פון פיל פּרינציפּיעלע חילוקי-דעותן אין דער פּסיכאָלאָגיע שטעקט אין די אינדיווידועלע כאַראַקטעראָלאָגישע דיפערענצן צווישן די דיספּוטאַנטן. דער כאַראַקטעראָלאָגיע קאָן דערכדעם, ווי מיר האָבן עס שוין דערמאָנט, אַ וויכטיקע ראָליע צופאַלן. אינדערצייט ווען פאַרשידענע מענטשן קומען אין זייער דענקען צו די פאַרשידנאַרטיקסטע רעזולטאַטן, וואָלט דידאָזיקע לערע געדאַרפט אויפקלערן, פאַרוואָס די אויטאָאָבסערוואַציע באַ איינעם פאַלט אויס אַנדערש ווי באַם צווייטן, אָדער לכל-הפחות אויפצווייזן, מיט וואָס נאָך אונטערשיידן זיך די פּערזאָנען, וועגן וועלכע ס'איז דאָ די רייד. און אינדעראמתן, זע איך נישט קיין אַנדערן וועג צו דער אויפקלערונג פון די אַמייסטן חלוקי-דעותדיקע פּסיכאָלאָגישע פראַגעס. די פּסיכאָלאָגיע איז אַ דער-פאַרונגס-וויסנשאַפט און דערפאַר איז באַ איר דאָס אַלגעמיינע נישט מקדים דעם יחיד — ווי דאָס געשעט אין די איבעראינ-דיווידועלע נאָרמאַטיווע וויסנשאַפטן פון לאָגיק און עטיק; פאַרקערט, פאַר דער פּסיכאָלאָגיע דאַרף דער אויסגאַנגס-פונקט

וויין טאַקע דער אינדיווידועלער איינצלמענטש. נישט פאַראַן קיין אַלגעמיינע עמפּירישע פּסיכאָלאָגיע; און ס'וואָלט געווען אַ פעלער צו באַשאַפן אַזעלכע אָן גלייכצייטיקער באַריקזיכטיקונג פון דיפערענציעלער פּסיכאָלאָגיע.

שולדיק אין דערדאָזיקער צרה איז די צווייענדיקע שטעלונג פון דער פּסיכאָלאָגיע צווישן פילאָזאָפיע און עמפּינדונגס-אַנאַליז. וואָסער געביט עס זאָל נישט אויסקלייבן דער פּסיכאָלאָג פאַר זיין אויסגאַנגס-פּונקט, פּרעטענדירט ער תּמיד אויף דער אַלגעמיינער גילטיקייט פון זיינע אויספירן. אָבער ס'קאָן זיין, אַז אַזעלכע פונדאַמענטאַלע פּראָצעס, ווי דאָס, צי עקזיסטירט שוין אין דער עמפּינדונג גופא אַ טעטיקער אַ ק ט פון דער געוואָרנעמונג (פּערצעפּציע), אַ ס פּ אָ נ ט אַ נ י ש ק י י ט פון באַוווסטזיין — אָדער נישט, וועלן זיך נישט לאָזן פולשטענדיק דערקלערן אָן באַריקזיכטיקונג פון כאַראַקטעראָלאָגישע דיפערענצן.

אויפצולייזן אַ קליינעם טייל פון אַזעלכע אמביבאַליעס מיט דער הילף פון כאַראַקטעראָלאָגיע, בנוגע דער פּסיכאָלאָגיע פון די געשלעכטער, איז אַ הויפּטאויפגאַבע פון דערדאָזיקער אַרבעט. די פאַרשידענע באַהאַנדלונגען פונם איך-פּראָבלעם דערקענען פליסן נישט אַרויס אַזויפיל פון די פּסיכאָלאָגישע חלוקים פון די געשלעכטער, וויפל גיכער, וויבאַלד נישט אויסשליסלעך*), פון די אינדיווידועלע אונטערשידן אין דער באַגאַבונג.

גראַד די אַנטשיידונג צווישן י ו ם און ק אַ נ ט איז אויך כ אַ ר אַ ק ט ע ר אָ ל אָ ג י ש מעגלעך, אויף אַזויפיל, אויף וויפל כ'קאָן בכלל אַנטשיידן צווישן זיי מענטשן, פון וועלכע איינער האָלט פאַר די העכסטע שאַפונג די ווערק פון מ אַ ק אַ ר ט און ג ו נ אָ, דער צווייטער — די ווערק פון ר ע מ ב ר אַ נ ד ט און ב ע ט ה אָ ו ע ן. איך וועל טאַקע אַזעלכע מענטשן קודם כל אונטערשיידן לויט זייער באַגאַבונג. און אַזוי איז עס אויך אין דאָזיקן פאַל דערלאַזבאַר, יאָ, אפילו נויטווענדיק, צוצוגעבן אַ פאַרשידענעם ווערט די אורטיילן איבער דעם

*) זע הענגן די זיך-פאַרשטייענדיקע און זיך-נישט-פאַרשטייענדיקע מענטשן (קאַפּ. VI).

„איך“, ווען זיי גייען ארויס פון צוויי פארשידן באגאבטע מענטשן. *נישט פאראן קיין באמת באדייטנדיקער מענטש, וועלכער זאָל נישט זיין איבערגעצייגט אין דער עקזיסטענץ פונם „איך“; א מענטש, וועלכער פארלייקנט דעם „איך“, קאָן* קיינמאָל נישט זיין קיין באדייטנדיקער מענטש.*)

דערדאָזיקער טעזיס וועט אין ווייטערדיקן המשך פון דערדאָזיקער ארבעט אננעמען דעם כאראקטער פון אן אומדערשיטערלעכער, נויטווענדיקער באהויפטונג. אין אים וועלן מיר אויך געפינען די באגרינדונג פון דער העכערער אָפּשאצונג פון די אורטיילן פון זשעני.

מחמת ס׳איז נישטאָ און עס קאָן נישט זיין קיין באדייטנדיקער מענטש, וועלכער זאָל אין משך פון זיין לעבן נישט האָבן דורכגעלעבט א מאָמענט, אין וועלכן ער געווינט די פולשטענדיקע זיכערקייט, אז ער באזיצט אן „איך“ אין העכערן זין פון וואָרט. אין אלגעמיין טרעט דערדאָזיקער מאָמענט אויף אלץ פריער, וואָס גייסטיק רייכער עס איז דער מענטש (זע קאפּ. V). ס׳איז גענוג צו פארגלייכן פאָלגנדיקע הודיות פון דריי זייער פארשידענע מענטשן, און דורכויס געניאלע נאטורן.

זשאן פאָל דערציילט אין זיינע אויטאָביאָגראפישע סקיצן „אמת פון מיין לעבן“:

כ׳וועל קיינמאָל נישט פארגעסן די נאָך קיין שום מענטשן נישט דערציילטע דערשיינונג אין מיר, בעת כ׳בין געשטאנען פּנים אל פּנים מיט דער געבורט פון מיין זעלבסטבאוווסטזיין, פון וועלכער איך ווייס אָנצוגעבן אָרט און צייט. נאָך אלס א זייער יונג קינד, בין איך געשטאנען אמאָל אין א פארמיטאָג אויף דער שוועל פון אונזער הויז און געקוקט לינקס אויף דער האָלץ-קאמער, ווי מיטאמאָל האָט עפּעס אן אינערלעך ליכט: איך בין אן איך! דורכגעשטראלט פאר מיר ווי א בליץ פון הימל און איז זינט דעמאָלט געבליבן שטיין לייכטנדיק — דאן האָט מיין איך געזען זיך גופא צום ערשטן מאָל און אויף אייביק. טעותים פון זכרון זענען דאָ שווערלעך דענקבאר, מחמת קיין

*) דערמיט איז אָבער נישט געזאָגט, אז יעדער מענטש, וואָס אנערקענט דעם איך, זאָל שוין זיין א זשעני.

שום פרעמדע דערציילונג וואָלט זיך נישט געקאָנט אריינמישן אין א דערשיינונג, וועלכע איז פאָרגעקומען בלויז אין די אלהייליקסטע פארבאָרגענישן פונם מענטש, וועמעס נייקייט אליין האָט געשטעמפּלט אין זכרון די אזוי אלטעגלעכע און זייטיקע אומבאדייטנדע אומשטאנדן".

און באשיימפערלעך מיינט גאנץ דאָסזעלביקע איבערלעניש נאָוואַליס, וועלכער באמערקט אין זיינע „פראגמענטן פון געמישטן אינהאלט":

„מ'קאָן נישט שילדערן דעמדאָזיקן פאקט, יעדער מוז אים אליין איבערלעבן. דאָס איז א פאקט פון א העכערן מין, וואָס האָט נאָר אן אָרט אין לעבן פון העכערן מענטש; אָבער די מענטשן דארפן שטרעבן ארויסצורופן אים אין זיך. פילאָזאָפירן — הייסט דורכפירן איבער זיך א העכערן אנאליז, דאָס איז אן אייגנטלעכע זעלבסטאנטפלעקונג, א דערוועקונג פוןווירקלעכן איך דורך דעם אידעאלן איך. פילאָזאָפירן איז דער יסוד פון אלע אנדערע אנטפלעקונגען; די החלטה צו פילאָזאָפירן איז אן אויפפאָדערונג צו דעם ווירקלעכן איך, אז ער זאָל זיך באדענקען, דערוואכן און ווערן גייסט".

שעלינג רעדט ארום אין זיין אכטן „פילאָזאָפישן בריוו איבער דאָגמאטיזם און קריטיציזם", אין א ווייניק באקאנט יוגנטווערק, דעמזעלביקן פענאָמען אין פאָלגנדיקע טיפע און שיינע ווערטער: „עס וווינט אין אונז אלע... א געהיימע און וווּנדערבארע קראפט, א קראפט פון אָפּקערן זיך פון דעם צייט-אומבייט אין אונזער טיפסטן איך, וועלכער איז אויסגעטון פון אלע דרויסנדיקע אומגעבונגען, א קראפט פון זען אין זיך די אייביקייט אונטער דער פאָרם פון אומפארענדערלעכקייט. דידאָזיקע זעונג איז די אינערלעכסטע, אייגנסטע דערפארונג, פון וועלכער ס'הענגט אָפּ אלץ, אלץ וואָס מיר גלויבן און ווייסן וועגן אן איבערחושימדיקער וועלט. דידאָזיקע זעונג איבערציינגט אונז קודם-כל, אז עפּעס אזוינס איז איבערהויפּט אין אייגנטלעכן זינען פאראן, אינדערצייט ווען אלדאָס איבעריקע, אויף וועלכן

מיר טראָגן דאָס דאָזיקע וואָרט אי־בער, עקזיסטירט נאָר אַלס דערשײַנונג. זי אונטערשיידט זיך פון יעדער חושימדיקער זצונג דערמיט, וואָס זי ווערט נאָר דורך פרייהייט אַרויסגעבּרענגט, וואָס זי ווערט נאָר דורך פּרייהייט אַרויסגעבּרענגט, וואָס זי איז פרעמד און אומבּאַקאַנט יעדן אַנדערן, וועמעס פרייהייט ס'איז אויף אַזויפיל איבערגעוועלטיקט דירך דער דערדריקנדיקער מאַכט פון די אָביעקטן, אַז זי איז נישט אימשטאַנד אַרויסצורופן אין מענטש דאָס בּאַוווּסטזיין. אָבער אַפילו בּאַ דייעניקע מענטשן, וועלכע בּאַזיצן נישט דידאָזיקע פרייהייט פון זעלבּסטזצונג, איז פאַראַן ווייניקסטנס אַ מעגלעכקייט פון אַ דערנענטערונג צו איר, אַ געוויסע מיטלבּאַרע דערפאַרונג, וואָס לאָזט זיי אַנען זייער דאָזיין. פאַראַן אַ טיפער, אומבּאַוווּסטזיניקער חוש, וועלכן מיר שטרעבּן בּחינם אין זיך צו אַנטוויקלען. יאַקאָבּי האָט אים בּאַשריבּן... דידאָזיקע אינטעלעקטועלע זצונג טרעט איין דע־מאָלט, ווען מיר הערן אויף צו זיין פאַר זיך גופא אָבּיעקט, ווען מיר דרינגען אַריין אין זיך, ווען דער זעענדיקער איך ווערט אידענטיש מיט דעם געזעענעם. אין אַזאַ מאָ־מענט פון זען פאַרשווינדט פאַר אונז צייט און דויער: נישט מיר זעמיר אין דער צייט, נייערט די צייט — אָדער ריכער נישט זי, נאָר די ריינע אַבּסאָלוטע אײי־בּיקייט איז אין אונז. נישט מיר זענען אין דער אָנשויונג פון דער אָביעקטיווער וועלט, נייערט זי גייט פאַר־לוירן אין אונזער אָנשויונג״.

דער פאָזיטיוויסט, דער אָנהענגער פון דער אימאַנענטער פילאָזאָפיע, וועט אפשר שמייכלען איבּער דעם אָפגענאַרטן אָפּנאַרער, איבּער דעם פילאָזאָף, וועלכער איז מוסר מודעה צו האָבּן אַזעלכע איבּערלעבּענישן. נו, קעגן דעם קאָן מען גאָרנישט אויפטון! און ס'איז אויך איבּעריק. דאָך בּין איך בשום אופן נישט אין דער מיינונג, אַז יעדער „פאַקט פון העכערן מין" שפּילט זיך אָפּ בּאַ אַלע געניאַלע מענטשן אין יענער מיס־טישער פאָרם פון פולשטענדיקער צונויפגיסונג פון סוביעקט און אָביעקט, פון אַן איינהייטלעכן איבּערלעבּעניש, ווי שעלינג

האָט עס באַשריבן. מיר װעלן אװעקשטעלן אין אַ זײט די פראַגע, צי עקזיסטירן אומטײלבאַרע איבערלעבענישן, װעמעס אורשפּרינגלעכער אידעאַליזם װערט איבערגװעלטיקט אין משך פון אונזער לעבן, װי עס האַלט פּלאַטאָן און די אינדישע מאַהאַטמאַס, אָדער דאָס איז נאָר הצכטע אינטענסיפיקאַציע פון די איבערלעבענישן, װעלכע זענען אָבער פּרינציפּיעל גלײכאַרטיק מיט אַלע אַנדערע. עס גײט אונז אױך נישט אָן די פראַגע, צי ס'איז מעגלעך אָדער אוממעגלעך דאָס פולשטענדיקע צונױפפאַלן פון אָביעקט און סוביעקט, פון צײט און אײביקײט, — דאָס זעען גאָט דורכן לעבעדיקן מענטש. דערקענטעניש-טעאָרעטיש לאָזט זיך מיט אַן איבערלעבעניש פון אײגענעם איך גאָרנישט אױפטון, און קײנער האָט נאָכנישט געפּרוּװט צו פאַרװערטן עס אין דער סיסטעמאַטישער פילאָזאָפיע. דעריבער װיל איך דעמדאָזיקן פאַקט פון „העכערן מין", װעלכער טרעט אױף בײַ פאַרשידענע מענטשן גאַנץ אַנדערש, נישט אָנרופן איבערלעבעניש פון אײגענעם איך נאָר באַצײכענען עס אַלס דאָס איך-געשעעניש.

דאָס איך-געשעעניש קען יעדער באַדײטנדיקער מענטש. צי ער געפינט ערשט אָפּ זײן איך און דערקענט זײן אײגענעם מהות אין דער ליבע צו אַ פרוי*) — מחמת דער באַדײטנדיקער מענטש ליבט אינטענסיװער, אײדער דער אומבאַדײטנדיקער — אָדער דורך שולד-באַװוסטזײן, װידער אַדאַנק אַ קאָנטראַסט, דערגרײכט ער צום געפיל פון זײן העכערן עכטן מהות, װעלכן ער האָט פּוגע געװען אין דער חרטה-דערװעקנדיקער האַנדלונג — מחמת אױך דאָס שולד-באַװוסטזײן איז אין באַדײטנדיקן מענטש העפטיקער און דיפערענצירטער, אײדער אין דעם אומבאַדײטנדיקן; צי דאָס איך-געשעעניש פירט אים צום צונױפגיסן זיך מיט אַלעם, צו זען אַלע זאַכן אין גאָט, אָדער עס אַנטפּלעקט אים גיכער דעם מוראדיקן דואַליזם צװישן נאַטור און גײסט אין װעלטאַל, און דערװעקט אין אים דאָס דערלײזונגס-באַדערפעניש, דאָס באַדערפעניש נאָך דעם אינערלעכן װוּנדער: תּמיד און אײביק שטעקט שױן אין דעם איך-געשעעניש צוגלײך דער קערן פון אַ װעלטאַנשױונג, גאַנץ פון זיך גופא, אָן

*) דערדאָזיקער פאַל פאַרלאַנגט נאָך שפּעטער אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

דער מיטווירקונג פון דעם דענקענדיקן מענטש. וועלטאַנשויונג איז נישט דער גרויסער סינטעז, וועלכן ס׳וועט ערגיץ אין יונגסטן טאָג פון דער וויסנשאַפט עפּעס אַ באַזונדערס פּלייסי-קער מאַן, נאָכן נאָכאַנאַנדערדיקן דורכאַרבעטן אַלע פאַכן, אויס-קוועטשן באַם שרייבטיש אינמיטן פון אַ גרויסער ביבליאָטעק. וועלטאַנשויונג איז אַ רעזולטאַט פון איבערלעבענישן; זי איז אַלס גאַנצעס קלאָר און אומצווייפלדיק פאַר איר טרעגער, הגם געוויסע פּרטים אירע זענען נאָך אומקלאָר און סתירהדיק. דאָס איך-געשעעניש אָבער איז דער שורש פון יעטוועדער וועלט-אַנשויונג, ד. ה. פון יעדער אָנשויונג פון דער וועלט אַלס גאַנצע; אין דאָזיקן זינען איז זי אַלציינס באַם קינסטלער, ווי באַם פילאָזאָף. און ווי ראַדיקאַל ס׳זאָלן זיך נישט אונטערשיידן צווישן זיך די מעגלעכסטע וועלטאַנשויונגען, האָבן זיי פונ-דעסטוועגן אַלע — אויף וויפל זיי פאַרדינען דעם נאָמען פון אַ וועלטאַנשויונג*) — איין בשותּפותדיקס אין זיך, ס׳איז טאַקע דאָס, וואָס דרינגט אַרויס פון דעם איך-געשעעניש, דער גלויבן, וועלכן עס באַזיצט יעדער באַדייטנדיקער מענטש: די איבער-צייגונג אין דער מציאות פון אַן איך אָדער אַ נשמה, וועלכע איז איינזאַם אין דעם וועלטאַל, וועלכע שטייט קעגנאיבער דעם גאַנצן וועלטאַל, און וועלכע קוקט אויף דערדאָזיקער גאַנצער וועלט.

דאָס נשמה-לעבן פון דעם באַדייטנדיקן מענטש הויבט זיך אָן פון מאָמענט פון דעם איך-געשעעניש, — און מ... אַפילו זייער אָפּט פאַרקומען הפסקות. וועלכע זענען אויסגעפּי... מיטן אימהדיקסטן געפיל, מיטן געפיל פון געשטאָרבנזיין.

כ׳וויל דאָ באַמערקן, אַז טאַקע צוליבן דאָזיקן טעם, און נישט צוליבן הויכגעשטימטן אָנבליק פון זייערע געשאַפענע ווערק, שטאַמט עס, וואָס באַדייטנדיקע מענטשן וועלן תמיד, אין יעדער הינזיכט, באַזיצן אויך דאָס גרעסטע זעלבסטבאַוווסטזיין. נישט

*) דאָ אַהער געהערט בכן נישט דער דאַרוויניזם און די מאַניסטישע סיסטעמען, אין וועמעס צענטער עס שטייט „די אַנטוויקלונגס-אידעע". די מין-און באַפרוכפּערונגס-הערלעכקייט פון אונזער צייט האָט זיך נישט געקאָנט בולטער אַנטפּלעקן ווי דורכדעם, וואָס מ׳האָט פאַרבונדן די דעסצענדענץ-טעאָריע מיטן וואָרט וועלטאַנשויונג און זי אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּעסימיזם.

פֿאַראַן קיין מער טעותדיקע זאַך, ווי צו רעדן וועגן דער „באַשיידנקייט" פֿון גרויסע מענער, וועלכע וואָלטן כלומרשט נישט געוווּסט, סאַראַ אוצר עס שטעקט אין זיי. נישט פֿאַראַן קיין באַדייטנדיקער מאַן, וועלכער זאָל נישט וויסן, ווי זייער ער אונטערשיידט זיך פֿון די אַנדערע מענטשן (מיט אויסנאַמען פֿון די דעפּרעסיע־פּעריאָדן, ווען די גוטע וועגן זיך מיינונג, וועלכע ער האָט אָנגענומען אין מאָמענט פֿון גייסטיקער עליה, גייט אויך לאיבוד). נישט פֿאַראַן קיין איינער, וועלכער זאָל זיך נישט האַלטן פֿאַר קיין באַדייטנדיקן מענטש, וויבאַלד ער האָט אַמאָל עפּעס געשאַפֿן. ס'איז אויך נישט פֿאַראַן קיינער, וועמעס אייטלקייט און אַמביציע זאָל זיין אַזוי קליין, אַז ער זאָל זיך נישט כסדר איבערשאַצן. ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר האָט זיך געהאַלטן פֿאַר פֿיל גרעסער ווי ק אַ נ ט. ווען נ י ט ש ע האָט דערקלערט זיין „זאַראַטוסטראַ" פֿאַרן טיפֿסטן בוך פֿון דער וועלט, האָט דערין געשפּילט נישט די קלענסטע ראָליע זיין אַנטוישונג צוליב די אים פֿאַרשווייגנדיקע צייטונגסשרייבער און דאָס באַדערפֿעניש זיי צו רייצן — אַלנפֿאַלס אויך נישט קיין איבעריק פֿאָרנעמע מאָטיוון.

איינס אָבער איז ריכטיק אין דערדאָזיקער מיינונג מכוח דער באַשיידנקייט פֿון באַדייטנדיקע מענטשן: באַדייטנדיקע מענטשן זענען נישט חוצפּהדיק. חוצפּה און זעלבסטבאַוווּסטזיין זענען בלי־ספֿק די צוויי קעגנזעצלעכסטע זאַכן, וואָס קאָנען נאָר פֿאַראַן זיין, און מ'דאַרף זיי נישט — ווי דאָס געשעט על־פּי־רוב — צונויפֿמישן מיט אייננאַנדער. אַ מענטש באַזיצט תּמיד אַזויפֿיל עזות, וויפֿל עס פֿעלט אים זעלבסטבאַוווּסטזיין. חוצפּה איז זיכער נאָר אַ מיטל צו שטייגערן געוואַלטיק דאָס אייגענע זעלבסטבאַוווּסטזיין דורך קינסטלעכע דערינדריקונג פֿון די אַרומיקע מענטשן; זי פֿירט טיילמאָל ערשט אַזוי־אַרום צום באַוווּסטזיין פֿון אַן אייגענעם איך. נאַטירלעך, איז דאָס נאָר נוגע דער אומבאַוווּסטזיניקער, אַזויצוזאָגן פֿיזיאָלאָגישער אָרגאַנאַנק. וואָס שייך אומיסטנדיקער גראָבקייט לגבי נידריקע ברואים, קאָנען זי אַרויסווייזן אין אַ גלייכער מאָס אויך הויכשטייענדיקע מענטשן מיטן צוועק צו פֿאַרטיידיקן די אייגענע ווירדע.

און אַזוי איז בכן אַלע געניאַלע מענטשן געמיינזאַם אַ

פעסטע, אומדערשיטערלעכע איבערצייגונג אין דעם, אַז זיי באַזיצן אַ נשמה. דידאָזיקע איבערצייגונג בוויטיקט זיך נישט אין באַזונדערע באַווייזן, אויף וויפל עס גייט וועגן איר טרעגער גופא. שוין צייט סוף-כל-סוף אויפהערן צו זען אַ טעאָלאָגפּראָפּאַגאַנדיסט אין יעדן מענטשן, וועלכער רעדט וועגן דער נשמה, ווי וועגן אַן איבערעמפּירישער רעאַליטעט. דער גלויבן אין דער נשמה איז ווייט נישט קיין אָבערגלויבן, און קיין בלויז פאַרפירונגס-מיטל פון דער גייסטלעכקייט. אויך די קינסטלער רעדן וועגן זייער נשמה, נישט האָבנדיק געשטודירט קיין פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע, אַפילו די אַטעיכטישסטע, ווי שעללי, רעדן וועגן זייער נשמה, ווי וועגן עפּעס אַ באַוווּסטער זאַך. אָדער מיינט מען אפשר, אַז „נשמה" איז פאַר זיי אַ בלויז אַ פּוסט, שיין וואָרט, וועלכעס זיי זאָגן נאָך אַנדערע, נישט פילנדיק עס? אַז דער גרויסער קינסטלער באַנוצט פאַרשידענע באַצייכענונגען, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דער באַצייכנטער זאַך, ווי אין דאָזיקן פאַל, פון דער דענקבאַר העכסטער רעאַליטעט? אָבער דער אימאַנענטער עמפּיריק, דער ריינער פיזיאָלאָג מוז דאָס אַלץ האַלטן פאַר פּוסטע פלוידעריי, אָדער גאָר באַטראַכטן לוקרעצן פאַרן איינציקן גרויסן דיכטער. בלי-ספק האָט מען מיטן דאָזיקן וואָרט גאָר שטאַרק מיסגעברויכט, אָבער ווען באַדייטנדיקע קינסטלער רעדן וועגן זייער נשמה, ווייסן זיי גוט, וואָס זיי טוען. פאַראַן פאַר זיי. פּונקט ווי פאַר די גרויסע פילאָזאָפן, אַ געוויס גרעניץ-געפיל פון דער העכסטער ווירקלעכקייט; יום האָט דאָסדאָזיקע געפיל זיכער נישט געקענט.

דער וויסנשאַפטלער, ווי דאָס איז שוין געווען באַמערקט, און וואָס וועט אויך באַלד דערוויזן ווערן, שטייט נידריקער פאַרן פילאָזאָף און קינסטלער. נאָר זיי פאַרדינען דעם עפּיטעט פון זשעני, דער בלויזער וויסנשאַפטלער — קיינמאָל נישט. אָבער צו געבן מער געוויכט דער אָנשויונג פון זשעני בנוגע אַ באַשטימטן פּראָבלעם בלויז דערפאַר, ווייל דאָס איז זיין אָנשויונג — הייסט גלייכצייטיק אָפּגעבן דער געניאַליטעט דעם נאָך ביזאַהער אַלץ אומבאַגרינדעטן יתרון לגבי דער וויסנשאַפט. צי איז ריכטיק דאָסדאָזיקע נושא-פּנים זיין? צי קאָן דער זשעני אַנטדעקן

אַזעלכע זאַכן, וועלכע זענען נישט צוטריטלעך פאַרן וויסנ־שאַפטסמאַן ? צי קאָן ער אַריינבליקן אין אַזעלכע טיפענישן, וועלכע זענען פאַרהוילן פאַר דעם געלערנטן ?

ווי ס׳האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן, שליסט די גזעניאַליטעט איין אין זיך אוניווערסאַלקייט. פאַר דעם דורכויס גזעניאַלן מענטשן, וועלכער איז דאָ אַ נויטווענדיקע פיקציע, איז נישט פאַראַן קיין שום זאַך, לגבי וועלכער ער זאָל נישט שטיין אין קיין לעבהאַפטיקן, טיפן און גורלפולן פאַרהעלטעניש. גזעניאַלי־טעט איז אוניווערסאַלע אַפּערצעפּציע, און דערמיט פולקאָמער זכרון, אַבסאָלוטע צייטלאָזיקייט. כּדי אָבער צו קאָנען עפּעס אַפּערציפּירן, מוז מען אין זיך שוין האָבן אַ קרובישן עלעמענט מיט דער אויפגענומענער זאַך. מען באַמערקט, פאַרשטייט און דערגרייכט נאָר דאָס, מיט וועלכן מ׳האָט אַ געוויסע ענלעכקייט. דער זשעני איז לסוף, ווי להכעיס יעטוועדער קאָמפּליצירטקייט, דער מענטש מיט דעם אינטענסיווסטן, לעבהאַפטיקסטן, באַוווסט־זיניקסטן, קאָנטינוּירלעכסטן, איינהייטלעכסטן איך.

דער איך פונדעסטוועגן איז דער צענטראַל־פונקט, די איינהייט פון דער אַפּערצעפּציע, דער „סינטעז״ פון אַלעם פאַר־שידנאַרטיקן אין מענטשן.

דער איך פון זשעני מוז בכן לויט דעם גופא זיין די אוניווערסאַלע אַפּערצעפּציע ; דערדאָזיקער צענטראַלער פונקט מוז שוין אין זיך איינשליסן דעם אומענדלעכן רוים : דער באַדייטנדיקער מענטש האָט די גאַנצע וועלט אין זיך, דער זשעני איז דער לעבעדיקער מיקראָקאָסמאָס. ער איז נישט קיין פאַרביקע מאָזאַיק, קיין קינסטלעכע פאַרבינדונג פון אַן ענדלעכער צאָל כעמישע עלעמענטן, און נישט דאָס איז געווען דער זין פון די באַ־טראַכטונגען פון פערטן קאַפּיטל וועגן דער אינערלעכער קרובה־שאַפט פון זשעני מיט אַ גרעסערער צאָל מענטשן און זאַכן, באָר ער איז אַלץ. און פונקט ווי אין איך און דורכן איך קומען אין פאַרבינדונג אַלע פסיכישע דערשיינונגען, פונקט ווי דידאָזיקע פאַרבינדונג ווערט אוממיטלבאַר דורכגעלעבט, און נישט ערשט מיט מי אַריינגעטראָגן אין גייסטיקן לעבן מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט (וועלכע מוז דאָס בלי־ספק טון באַ

אַלע אויסערלעכע זאַכן), פּונקט ווי דאָ עקזיסטירט דאָס גאַנצע דורכאויס פריער פאַר די טיילן, אַזוי קוקט אויך דער זשעני, אין וועלכן דער איך לעבט ווי די אַלוועלט און אַ ל ס די אַלוועלט, אויף דער נאַטור און אויפן לעבן פון אַלע וועזנס אַלס אויף אַ גאַנצעס, ער זעט דאָ די פאַרבינדונגען און קאָנסטרוירט נישט ערשט קיין בנין פון איינצלנע ברוכשטיקער. דערפאַר קאָן אַ באַדייטנדיקער מענטש נישט זיין בלויזער עמפּירישער פּסי־כאָלאָג, פאַר וועלכן עס עקזיסטירן נאָר איינצלהייטן און וועל־כער באַמיט זיך זיי צונויפצוקלעבן אין שווייס פון זיין שטערן מיט דער הילף פון אַסאָציאַציע, דורכפיר־ליניעס א. א. וו., און נישט קיין אויסשליסלעכער פיזיקער, פאַר וועמען די וועלט איז צ ו נ ו י פ ג ע ז ע צ ט פון אַטאָמען און מאָלעקולן.

אויס דער אידעע פון דער גאַנצקייט, אין וועלכער דער זשעני לעבט כּסדר, דערקענט ער דעם זינען פון די באַזונדע־רע טיילן. אין הסכּם מיט דערדאָזיקער אידעע שאַצט ער אָפּ אַלצדינג, וואָס ליגט אין אים און מחוץ אים; און נאָר דעריבער איז דאָס נישט פאַר אים קיין פונקציע פון דער צ יי ט, נאָר רעפּרעזענטירט אים תּמיד אַ גרויסן און אייביקן געדאַנק. אַזוי־נאָך איז דער געניאַלער מענטש צוגלייך דער ט י פ ע ר מענטש, און נאָר ער איז טיף, און נאָר דער טיפער געניאַל. און דער־פאַר האָט אויך זיין מיינונג אַ באמת גרעסערן ווערט, איידער די מיינונג פון אַנדערע, מחמת ער שאַפט פון זיין גאַנצן, דעם אוניווערס אַנטהאַלטנדיקן איך, אינדערצייט ווען אַנדערע מענטשן דערגייען קיינמאָל נישט צום פולקאָמען באַוווּסטזיין פון זייער אמתדיקן זעלבסט. דערפאַר איז פאַר אים יעדע זאַך אויסגעפולט מיט טיפן זינען; זי האָט פאַר אים אַ באַשטימטן באַטייט, ער זעט אין איר תּמיד ס י מ ב אָ ל. פאַר אים איז דער אָטעם עפּעס מער ווי אַ בלויזער גאַזן־אויסטויש דורך די דינסטע ווענטלעך פון די בלוט־ק אַ פּ י ל אַ ר ן, דאָס בלויקייט פון הימל עפּעס מער ווי טיילווייז פּאָלאַריזירטע, דורך אַטמאָספע־רישע פאַרנעפּלטקייטן צעזייט זיך אָפּשלאָגנדיקע זונליכט, די שלאַנגען עפּעס מער ווי פּיסלאָזע שרצים אָן פלייצע־גאַרטל און ענדגלידער. וויבאַלד מ'זאָל אַפילו צונויפנעמען אַלע ווען עס איז אַמאָל געמאַכטע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און זיי צו־

שרייבן דער אַרבעט פון איין איינציקן מענטש; ווען אַלץ, וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט דורך אַזעלכע מענטשן, ווי אַרכימעדעס און לאַגראַנזש, יאָהאַן מילער און קאַרל ערנסט פאָן באַער, ניוטאָן און לאַפלאַס, קאָנראַד שפרענגעל און קיוויע, טוקידידעס און ניבור, פרידריך אויגוסט וואָלף און פראַנץ באָב, אַפילו ווען דאָס אַלץ וואָלט אויסגעפירט געוואָרן דורך איין איינציקן מענטש אין משך פון איין קורצן מענטשנלעבן, וואָלט ער נאָך פונדעסטוועגן נישט פאַרדינט דעם נאָמען זשעני.

מחמת דערמיט איז מען נאָך אינערגיץ נישט אריינגעדרונגען אין די טיפענישן. דער וויסנשאַפטלער נעמט די דערשיינונגען אַזוי, ווי זיי פאַלן אַרונטער אונזערע חושים. דערקעגן דער באַדייטנדיקער מענטש, אָדער זשעני, נעמט זיי אויף אַזוי, ווי זיי באַדייטן. פאַר אים זענען ים און בערג, ליכט און פינצטערניש, פרילינג און האַרבסט, ציפרעס און פאַלמע, טויב און שוואַן סימבאָלן; ער אַנט נישט בלויז, ער דערקענט אין זיי עפעס טיפערס. נישט אין די שנויים פון דעם לופטדרוק באַשטייט דער וואַלקיריען-שווונג, און נישט אויף בלויזע אָקסידאַציע-פראָצעסן שטיצט זיך דער פייער-כישוף. און דאָס אַלץ איז פאַר אים מעגלעך נאָר דערפאַר, ווייל די דרויסנדיקע וועלט פלעכט זיך אין אים צונויף אַזוי שטאַרק און רייך ווי די אינערלעכע, — נאָכמער, דאָס אויסערלעכע לעבן ווייזט זיך אים נאָר אויס ווי אַ ספעציעלער פאַל פון זיין אינערלעכן לעבן, וועלט און איך זענען אין אים איינס געוואָרן, און ער מוז נישט ערשט צונויפבאַהעפטן שטיק באַ שטיק פון זיין דערפאַרונג לויט באַשטימטע געזעצן און כללים. אַפילו די גרעסטע פאָליהיסטאָריע איז נאָר מצרף געביט צו געביט און בילדעט נאָכנישט קיין שום גאַנצקייט. דערפאַר שטייט בכן דער גרויסער וויסנשאַפטלער נידריקער פאַרן גרויסן קינסטלער, פאַרן גרויסן פילאָזאָף.

דער אומענדלעכקייט פונם וועלטאַל אַנטשפרעכט באַם זשעני אַן אמתע אומענדלעכקייט אין דער אייגענער ברוסט.

ער אַנטהאַלט אין זיין אינערלעכקייט כאַאָס און קאָסמאָס, אַלע באַזונדערהייטן און אַלע אַלגעמיינהייטן, אַלע פילהייטן און אַלע איינהייטן. און הגם דידאָזיקע באַצייכענונגען זאָגן מער וועגן דער געניאַליטעט, איידער וועגן מהות פון געניאַלן שאַפן, הגם דער צושטאַנד פון קינסטלערישן עקסטאז, פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע, רעליגיעזער אַנטפּלעקונג, בלייבט פונקט אַזוי רעטענישפול ווי פריער און ס'זענען אונז דורכדעם נאָר קלאָר געוואָרן די תנאים, אָבער נישט דער פּראָצעס גופא פון אַ באמת באַדייטנדיקן שאַפן — קאָנען מיר דאָ פונדעסטוועגן ענדגילטיק אַוועקשטעלן פאָלגנדיקע דעפיניציע פון זשעני:

געניאַל דאַרף מען אָנרופן אַזאַ מענטש, וואָס לעבט אין באַוווסטזיניקן קשר מיט דעם וועלטגאַנצן. ערשט דאָס געניאַלע איז אַזוינאָך דאָס אייגנטלעך געטלעכע אין מענטש.

די גרויסע אידעע, וועלכע באַטראַכט די נשמה פון מענטש אַלס מיקראָקאָסמאָס, דידאָזיקע טיפסטע שאַפונג פון די פילאָזאָפן פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע — הגם אירע שפּורן געפינען זיך שוין באַ פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל — איז כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן זינט לייבניצעס טויט. דידאָזיקע אידעע, וואָס יענע דענקער האָבן געוואָלט אין איר זען דעם אייגנטלעכן מהות פון מענטש בכלל, האָבן מיר דאָ אָנערקענט פאַר גילטיק בלויז בנוגע דעם זשעני.

דאָך איז דער חלוק צווישן זיי נאָר אַ לפנימדיקער. אַלע מענטשן זענען געניאַל, און קיין שום מענטש איז נישט געניאַל. געניאַליטעט איז אַן אידעע, צו וועלכער איינער דערנענטערט זיך, אינדערצייט ווען דער אַנדערער געפינט זיך אין אַ גרויסן מרחק פון איר; איינער קומט צו איר אונטער ראַש, דער אַנדערער אפשר ערשט באַם סוף פון זיין לעבן.

דער מענטש, וועמען מיר שרייבן צו געניאַלישקייט, קאָן נאָר זיין דער, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן צו זען, און עפנט די אַנדערע מענטשן די אויגן אויף. און וויבאַלד זיי זענען בכוח צו קוקן מיט זיינע אויגן באַווייזט דאָס, אַז זיי זענען

שוין געשטאַנען האַרט פאַר דעם טויער. דער מיטלמעסיקער מענטש, אַפילו אַלס אַזעלכער, קאָן שטיין אין מיטלבאַרער באַציונג צו אַלעם; זיין אידעע וועגן גאַנצן איז אָבער נאָר אַנונגספול און ער איז נישט בכוח זיך מיט איר צו אידענטיפיצירן. אָבער ער איז נישט דורכדעם אָן מעגלעכקייט דורכצולעבן די־דאָזיקע אידענטיפיקאַציע מיט דער הילף פון אַנדערע און אַזוינאָך צו דערוועררבן אַ בילד פון גאַנצן. דורך וועלטאָנשויונג קאָן ער זיך פאַרבינדן מיט דעם אוניווערס, דורך בילדונג מיט די איינצלסטע טיילן; קיינזאַך איז אים נישט גענצלעך פרעמד, און מיט אַלע זאַכן פון דער וועלט בינדט אויך אים אַ קשר פון סימפּאַטיע.

נישט אַזוי אָבער די חיה אָדער די פלאַנץ. זיי זענען באַגרעניצט, זיי קענען נישט אַלע עלעמענטן, נאָר בלויז איינעם, זיי באַוווינען נישט די גאַנצע ערד און דאָרט ווו זיי האָבן געפונען אַן אַלגעמיינע פאַרשפּרייטונג איז עס נאָר אין דינסט באַם מענטש, וועלכער האָט זיי אומעטום אָנגעוויזן אַ גלייכמעסיקע פונקציע. זיי קאָנען האָבן אַ באַציונג צו דער זון אָדער לבנה, אָבער בלי־ספק פעלט זיי „דער אויסגעשטערנטער הימל" און „דאָס מאָראַלישע געזעץ". דאָסדאָזיקע געזעץ אָבער שטאַמט פון דער נשמה פון מענטש, וועלכע פאַרבאָרגט אין זיך יעטוועדע אוניווערסאַלישקייט, *וועלכע קאָן אַלץ באַטראַכטן, ווייל זי גופא איז אַלץ*: דער אויסגעשטערנטער הימל און דאָס מאָראַלישע געזעץ, אויך זיי זענען אין תוך איינס און דאָסזעלביקע. דער אוניווערסאַליזם פון קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו איז דער אוניווערסאַליזם פון דעם וועלטאַל, דער אין־סוף פון וועלטאַל איז נאָר דער סימבאָל פון דער אומענדלעכקייט פון עטישן ווילן.

וועגן מיקראָקאָסמאָס פון מענטש האָט נאָך געלערנט *פלאַטאָן*, וועמען געטע האָט נאָכגעדיכטעט אין די באַרימטע פערזן:

„Wär' nicht das Auge sonnenhaft,
Die Sonne könnt' es nie erblicken;
Läg' nicht in uns Gottes eig'ne Kraft
Wie könnt' uns Göttliches entzücken?"

דער מענטש איז דאָס איינציקע וועזן אין דער נאַטור, וועלכער שטייט אין באַשטימטע פאַרהעלטענישן צו אַלע זאַכן אין איר.

דער מענטש, אין וועלכן דאָסדאָזיקע פאַרהעלטעניש האָט נישט בלויז בנוגע איינצלנע זאַכן דערגרייכט קלאָרקייט און אינטענסיווע באַוווּסטזיניקייט, וועלכער האָט וועגן אַלצדינג זעלבשטענדיק געטראַכט, דעם רופן מיר אָן אַ זשעני; אין וועמען עס זענען בלויז פאַראַן אַזעלכע מעגלעכקייטן, אין וועמען מ'קאָן אויפוועקן אַ געוויסן אינטערעס צו אַלעם, אָבער פון זיך גופא געפינט ער זיך נאָר מיט גאַנץ ווייניק זאַכן אין אַ לעבהאַפטיקן קשר, אַזעלכער קאָן אָנגערופן ווערן פשוט אַ מענטש. די לייבניצשע, אַגב גאַנץ זעלטן רעכט פאַרשטאַנענע טעאָריע, אַז אויך די נידריקערע מאָנאַדע — אין וועלכער דידאָזיקע טעטיקייט איז נאָך אָבער אומבאַוווּסטזיניק — איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער וועלט, דריקט נאָר אויס דעמזעלביקן געדאַנק.

דער געניאַלער לעבט אין צושטאַנד פון אַלגעמיינער באַוווּסטזיניקייט, וועלכע איז די באַוווּסטזיניקייט פון דעם אַלגעמיינעם; אויך אין דעם פשוטן מענטש לעבט דאָס וועלטגאַנצע, אָבער עס דערגייט נישט באַ אים צו שעפערישן באַוווּסטזיין. איינער לעבט אין אַקטיוו-באַוווּסטזיניקן קשר מיט דער גאַנצער הויה, דער אַנדערער אין אומבאַוווּסטזיניקן, פּאַסיוון; דער געניאַלער מענטש איז דער אַקטועלער מיקראָקאָסמאָס, דער אומגעניאַלער — דער פּאָטענציעלער. ערשט דער געניאַלער מענטש איז שלמותדיקער מענטש. דאָס, וואָס ס'איז, לויט מעגלעכקייט, פאַראַן אין יעדן מענטש מענטשלעכס, אַלס מענטשהייט (אין קאַנטישן זינען), לעבט אין געניאַלן מענטש אין פולן אויפבלי.

דער מענטש איז די אַלוועלט און דערפאַר איז ער נישט, אַלס אַ בלויזע טייל פון איר, אָפּהענגיק פון אַנדערע טיילן, ער איז אויך נישט אַריינגעזעצט אין אַ באַשטימטן פונקט, אַלס רינגעלע אין דער קייט פון די נאַטורגעזעצן, נאָר פאַרקערט, ער אַליין שטעלט מיט זיך פאַר דעם מהות

פון אַלע געזעצן, און איז דערפאַר טאַקע פריי, פונקט ווי דאָס וועלטגאַנצע, וועלכעס איז דורך גאָרנישט באַדינגט און קאָן פון קיינזאַך נישט זיין אָפּהענגיק. דער באַדייטנדיקער מענטש איז בכן דעריעניקער, וועלכער פאַרגעסט קיינזאַך נישט, פאַרגעסן זיך — הייסט געפינען זיך אונטער דעם פונקציאָנעלן איינפלוס פון דער צייט, און ממילא זיין אומפריי און אומעטיש, דער געניאַלער מענטש, דאָס איז נישט דעריעניקער, וועלכער ווערט אַרויסגעוואָרפן דורך דער כוואַליע פון אַ געשיכטלעכער באַוועגונג, אַלס איר קינד, און וועלכער ווערט דורך די אַנדערע כוואַליעס ווידער פאַרשלינגען, ווייל אַלץ, דער גאַנצער עבר און דער גאַנצער עתיד פאַרבאָרגט זיך שוין אין דער אייביקייט פון זיין גייסטיקן בליק; אין ווען דאָס שטערבלעכקייטס-באַוווסטזיין איז אַמשטאַרקסטן, מחמת אויך דער געדאַנק וועגן טויט שרעקט אים נישט אָפּ; ער טרעט אַריין אין ליידנשאַפטלעכסטן פאַרהעלטעניש צו די סימבאָלן אָדער ווערטן, מחמת ער שאַצט אָפּ נישט בלויז אַלצדינג, וואָס איז אין אים גופא, נאָר אויך דאָס אַלץ, וואָס ליגט מחוץ אים, צוגעבנדיק דעם אַלעם באַטייט. ער איז צוגלייך דער פרייסטער און דער קליגסטער, ער איז דער מאָראַלישסטער מענטש און נאָר דערפאַר ליידט ער אַמשווערסטן אונטער אַלעם, וואָס איז אויך אין אים נאָך אומבאַוווסטזיניק, כאַאָטיש, און וואָס איז נאָך פאַטום. —

ווי-זשע זעט עס אויס מיט דער זיטלעכקייט פון גרויסע מענטשן לגבי אַלע אַנדערע מענטשן? איז דאָך דאָס די איינציקע פאָרם, אין וועלכער, — לויט דער פּאָפּולערער מיינונג, וואָס ווייסט נישט וועגן דער אומזיטלעכקייט צו דענקען אַנדערש ווי נאָר אין פאַרבינדונג מיטן שטראָף-קאָדעקס — די מאָראַלישקייט קאָן זיך אַנטפּלעקן! און צי האָבן נישט גראָד די באַרימטע מענער אַרויסגעוויזן די פאַטאַלסטע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן? שוין-זשע איז נישט אויסגעקומען זייער אָפּט זיי מוחל צו זיין די שענדלעכסטע מעשים: האַרטע אומדאַנקבאַרקייט, אכזריותדיקע אוממענטשלעכקייט, אויסגעלאַסענע פאַרפירונג?

ווייל קינסטלער און דענקער, וואָס גרעסער זיי זענען,

אַלץ ריקזיכטסלאָזער בלייבן זיי געטריי זיך גופא, אַנטווישנדיק דערביי די דערוואַרטונגען פון די מענטשן, מיט וועלכע עס בינדן זיי פאָריבערגייענדיקע באַציונגען פון בשותפישע גייי־סטיקע ענינים, און וועלכע, נישט מער אימשטאַנד זייענדיק באַכצופאָלגן זיי אין זייער העכערן פלי, ווילן זיי דעם אָדלער גופא צו דער ערד צובינדן (ל אַ פ אַ ט ע ר און ג ע ט ע) — דערפאַר האָט מען זיי פאַרשריגן אַלס אוממאָראַליש. דער גורל פון פ ר י ד ע ר י ק ע פון ס ע ז ע נ ה יי ם איז ג ע ט ע ן, הגם דאָס איז אים כלל נישט מכפר, נעענטער אָנגעגאַנגען, איידער איר גופא; נאָר גליקלעכערווייז האָט ער אומענדלעך פיל פאַרשוויגן וועגן זיינע באַציונגען צו דערדאָזיי־קער פרוי. די מאָדערנע לייט, וועלכע מיינען אים צו האָבן פולשטענדיק באַנומען אַלס עפעס אַ לייכטלעביקן אָלימפּיער, האַלטן פאַקטיש אין די הענט בלויז די פליטערלעך, וועלכע הילן אַרום די אומשטערבלעכע טייל פון זיין „פאַוסט" — מ'קאָן זיין זיכער, אַז ער האָט אַמגעניסטן געוווסט די גרייס פון זיין שולד און אויף איר אין דער פולער מאָס חרטה געהאַט. און וויבאַלד רכילותדיקע בעל-מקנאניקעס, וועלכע זענען קיינ־מאָל נישט אימשטאַנד געווען צו באַנעמען שאָפּענהויערס דערלייזונגס־לערע און דעם זינען פון דער נירוואַנא, מאַכן אים צום פאָרוואורף דאָס, וואָס דערדאָזיקער פילאָזאָף האָט זיין רעכט אויף זיין אייגנטום פאַרטיידיקט ביז די לעצטע גרעניצ,ן טאָ פאַרדינט נישט דערדאָזיקער פאָרוואורף, פונקט ווי אַ הינטיש געביל, קיין שום ענטפער.

ס'איז בכן אַ זיכערע זאַך, אַז דער באַדייטנדיקער מענטש איז לגבי זיך גופא אמזיטלעכסטן: ער וועט זיך נישט לאָזן אויפצווינגען קיין פרעמדע אָנשויונג און דורכדעם אונטערדריקן זיין אייגענעם איך; קיין פרעמדע מיינונגען קאָן ער נישט פאַסיוו אקצעפטירן — דעם פרעמדן איך און זיינע אָנשויונגען וועט ער תמיד שאַרף אונטערשיידן פון זיין אייגענעם איך, פון זיינע אייגענע אָנשויונגען — און וויבאַלד ער האָט אַמאָל גע־שפילט אַן אויפנעמערישע ראָליע, וועט פאַר אים דידאָזיקע דערי־ערונג זיין שמערצפול און שרעקלעך. אַ באַוווסטזיניקן שקר, וועלכן ער איז אַמאָל באַגאַנגען, וועט ער זיין גאַנץ לעבן לאַנג

מיטשלעפּן מיט זיך און וועט זיך נישט לייכט פון אים אָפּ־טרייסלען אויף אַ „דיאַגניזישן" אופן. צום שטאַרקסטן אָבער וועלן געניאַלע מענטשןליידן, ווען זיי וועלן אין זיך ערשט לאחר־מעשה אַנטדעקן עפּעס אַ שקר, וועגן וועלכן זיי האָבן לגמרי נישט געוווּסט, באַנוצנדיק זיך מיט אים לגבי אַנדערע, אָדער אַ שקר, אַדאַנק וועלכן זיי האָבן זיך גופא אַריינגעפּירט אין אַ טעות. די אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן נישט דאָס־דאָזיקע באַדערפעניש נאָך אמת ווי ער, בלייבן טאַקע דערפאַר תמיד פיל טיפער פאַרזונקען אין שקר און טעות. און דאָס איז די סיבה, אַלמאַי זיי פאַרשטייען אַזוי ווייניק דעם אייגנטלעכן זין און העפטיקייט פון קאַמף פון גרויסע פּערזענלעכקייטן אַנט־קעגן די „ל ע ב נ ס ־ ש ק ר י ם".

דער הויכשטייענדיקער מענטש, דאָס איז דער, אין וועמען דער צייטלאָזער איך האָט געוווּנען די מאַכט, וועלכער שטרעבט אויפצוהויבן זיין ווערט לגבי זיין אינטעליגיבלען איך, לגבי זיין מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן געוויסן. אויך זיין אייטלקייט איז קודם־כל אַן אייטלקייט לגבי זיך גופא: ע ס אַ נ ט ש ט ײ ט א י ן א י ם ד אָ ס ב אַ ד ע ר פ ע נ י ש, ז י ך ג ו פ א צ ו א י מ פּ אָ נ י ר ן (מיט זיין דענקען, האַנדלען און שאַפן). די־דאָזיקע אייטלקייט איז די אייגנטלעכע אייטלקייט פון זשעני, וועלכער האָט זיין ווערט און זיין שכר אין זיך גופא, און וועמען עס איז נישט דערפאַר געלעגן אין דער מיינונג פון אַנדערע וועגן אים, כדי ער אַליין זאָל אויפן דאָזיקן אומוועג געווינען וועגן זיך אַ בעסערע פאָרשטעלונג. אָבער זי איז בשום אופן נישט קיין לויבווערדיקע זאַך, און אַסקעטיש־געשטימטע נאַטורן (פּ אַ ס ־ ק אַ ל) ליידן זייער שטאַרק אונטער דער לאַסט פון דערדאָזיקער אייטלקייט, נישט קאָנענדיק זי דאָך גובר זיין. דער אינערלעכער אייטלקייט וועט תמיד באַגלייטן אַן אייטלקייט לגבי אַנדערע: אָ ב ע ר ז י י ב ײ ד ע ג ע פ י נ ע ן ז י ך ת מ י ד א י ן א ו מ א ו י פ ה ע ר ל ע כ ן ק אַ מ ף.

אָבער צי ווערט נישט דורך דידאָזיקע שטאַרקע באַטאָנונג פון דער פליכט לגבי זיך גופא אָנגעגריפן די פליכט־דערפילונג לגבי אַנדערע מענטשן? צי שטייען נישט די ביידע אין אַזאַ קעגנזייטיק פאַרהעלטעניש, אַז ווער עס היט־אָפּ די־

טרייקייט לגבי זיך גופא, מוז זי על-פי-הכרח ברעכן לגבי אַנדערע אויף
בשום אופן נישט. פונקט ווי דער אמת איז נאָר איינער,
אַזוי עקזיסטירט אויך נאָר איין ב אַ ד ע ר פ ע נ י ש נאָכן
אמת – ק אַ ר ל יי ל ס "Sincerity" „דאָסדאָזיקע באַדערפעניש
האָט מען אַזוי לגבי זיך גופא ווי אויך לגבי דער וועלט,
אָדער מ'האָט עס בכלל נישט; קיינמאָל אָבער לאָזט עס זיך
נישט פונאַנדערטיילן און ס'איז נישט פאַראַן קיין וועלטבאַאָ-
באַכטונג אָן זעלבסטבאַאָבאַכטונג, און קיין זעלבסטבאַאָבאַכטונג,
אָן וועלטבאַאָבאַכטונג: אַזויערנאָך עקזיסטירט נאָר איין איינציקע
פליכט און נאָר איין זיטלעכקייט. מען האַנדלט מאָראַליש אָדער
אוממאָראַליש ב כ ל ל, און ווער ס'איז זיטלעך לגבי זיך
גופא, דער איז עס אויך לגבי די אַנדערע.

דערווייל אָבער זענען וועגן קיין שום אַנדער זאַך נישט
פאַרשפרייט אַזעלכע פאַלשע פאָרשטעלונגען ווי וועגן דעם, וואָס
ס'איז אַזוינס מאָראַלישע פליכט לגבי דעם נאָענטן און אויף
וואָסער אופן זי ווערט באמת באַפרידיקט.

מיר װעלן לעת-עתה לאָזן אָן אַ זייט יענע טעאָרעטישע
סיסטעמען פון עטיק, וועלכע באַטראַכטן דעם ווילשטאַנד פון
דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַלס גרונט-פּרינציפּ פון יעדער
עטישער האַנדלונג. דידאָזיקע סיסטעמען פירן צו די גאַנצע
עטיק צו דער ממשלה פון עפּעס אַן אַלגעמיינעם זיטלעכן
שטאַנדפּונקט (און אין דערדאָזיקער הינזיכט שטייען זיי פיל
העכער פון יעטוועדער עטיק, וואָס שטיצט זיך אויף סימפּאַטיע),
לחלוטין נישט אַריינגייענדיק אין די קאָנקרעטע געפילן בעת
דער האַנדלונג און אין דער עמפּירישער זייט פונם אימפּולס.
אויף אַזאַ אופן בלייבט נאָר די פּאָפּולערע מיינונג, וועלכע
באַצייכנט די זיטלעכקייט פון אַ מענטשן על-פּי-רוב לויט דעם
גראַד פון זיין רחמנותפולקייט, זיין „גוטסקייט". פון פילאָזאָפישן
שטאַנדפּונקט האָבן ה ע ט ש ע ס אָ ן, י ו ם און ש מ י ט
געזען אין מיטגעפיל דעם מהות און מקור פון יעדן עטישן
פאַרהאַלטן זיך; אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרטיפונג האָט דערנאָך
באַקומען דידאָזיקע טעאָריע אין ש אָ פּ נ ה ו י ע ר ס מיט-
ליידס-עטיק. ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר ס „קאָנקורס-אָפּהאַנדלונג
איבער די יסודות פון מאָראַל" פאַרראַט שוין אין איר מאָטאָ

„מאָראַל פרעדיקן איז לייכט, מאָראַל באַגרינדן שווער" דעם ברונט־פּעלער פון יעטוועדער סימפּאַטיע־עטיק: מחמת זי פאַרזעט טאַקע תמיד, אַז די עטיק איז נישט קיין זאַכלעך־באַשרייבנדיקע וויסנשאַפט, נאָר אַ נאָרמאַטיווע פאַר דער האַנדלונג פונם מענטש. ווער עס איז נוטה אָפּצולאָכן פון די פּרוּוון געַנוי צו דערהערן, וואָס די אינערלעכע שטים אין מענטש רעדט ווירקלעך און צו דערקענען אויף זיכער זיינע פליכטן, דער איז מותּר אויף יעטוועדער עטיק, וועלכע איז לויט איר באַגריף, טאַקע אַ לערע וועגן די פאָדערונגען, וועלכע דער מענטש שטעלט אַרויס צו זיך און צו אַלע אַנדערע; איר אינטערעסירט נישט די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט פּאַקטיש געהאַנדלט, צי האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן די השפּעות פון דער אינערלעכער שטים אָדער נישט. נישט דאָס, וואָס עס געשעט, נאָר דאָס, וואָס ד אַ ר ף געשען, איז אָביעקט פון דער מאָראַל־וויסנשאַפט. אַלדאָס אַנדערע געהערט צום געביט פון דער פּסיכאָלאָגיע.

אַלע פּרוּוון, וואָס שטרעבן אויפצולייזן די עטיק אין פּסיכאָלאָגיע, פאַרזען, אַז יעדע פּסיכישע רעגונג אין מענטש ווערט אָפּגעשאַצט דורכן מענטש גופא, און אַז די מאָס צו דער אָפּשאַצונג פון עפּעס אַ דערשיינונג קאָן נישט זיין די דערשיינונג גופא. דערדאָזיקער מאָסשטאַב קאָן נאָר זיין אַ א י ד ע ע אָדער אַ ו ו ע ר ט, וואָס פאַרווירקלעכט זיך קיינמאָל נישט פולשטענדיק און לאָזט זיך נישט אַרויספירן פון קיין שום דערפאַרונג, מחמת ער וואָלט געבליבן אומפאַרענדערלעך, ווען אַפילו די גאַנצע דערפאַרונג זאָל זיך אים אַנטקעגנשטעלן.

מ אָ ר אַ ל י ש ה אַ נ ד ל ע ן ה ײ ס ט ב כ ן ה אַ נ ד ל ע ן א י ן ה ס כ ם מ י ט אַ ב אַ ש ט י מ ־ ט ע ר א י ד ע ע.

דערפאַר טאַקע קומט אויס אויסצווויילן נאָר צווישן אַזעלכע מאָראַל־טעאָריעס, וועלכע רוקן־אַרויס אידעען, מאַקסימען פון האַנדלען, און דאָ קומען אין באַטראַכט נאָר צווייערליי ריכטונגען: דער עטישער סאָציאַליזם אָדער די „סאָציאַל־עטיק", וועלכע איז באַגרינדעט געוואָרן דורך ב ע נ ט אַ ם און מ י ל ל, און איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן שפּעטער דורך הייסע אימפּאָרטערן אויך אויף דעם קאָנטינענט און אַפילו קיין

דייטשלאַנד און נאָרוועגיע, און דער עטישער אינדיווידואַליזם, ווי עס לערנט אים ד אָ ס ק ר י ס ט נ ט ו ם און דער ד יי ט ש ע ר א י ד ע אַ ל י ז ם.

דער צווייטער פעלער פון יעטוועדער עטיק פון מיטגעפיל באַשטייט טאַקע דערין, וואָס זי זוכט די יסודות פון דער מאָ־ראַל, פון וועלכע זי וואָלט זי וועלן אַרויסדרינגען, אינדערצייט ווען די מאָראַל דאַרף לויט איר באַגריף גופא בילדן דעם לעצטן יסוד פון דעם מענטשלעכן האַנדלען און לאָזט זיך שוין דערפאַר אַליין נישט דורך עפּעס אַנדערש דערקלערן און נישט פון עפּעס אַנדערש אַרויסדרינגען, און זייענדיק צוועק אין זיך גופא, קאָן זי נישט געבראַכט ווערן אין פאַרבינדונג, אַלס מיטל און צוועק, מיט עפּעס אַנדערש מחוץ איר. אויף וויפל דער דערמאָנטער פּרווו פון דער סימפּאַטיע־מאָראַל פּאַלט זיך פולשטענדיק צונויף מיטן פּרינציפּ פון יעטוועדער באַשרייבנדי־קער און דורכדעם על־פּי־הכרה רעלאַטיוויסטישער עטיק, אויף אַזויפיל זענען ביידע פעלערן אין תוך דיזעלביקע. קעמפן מיט זיי וואָלט מען געקאָנט נאָר דעמאָלט, ווען דער מענטש, אויס־מעסטנדיק דאָס גאַנצע געביט פון אַלע סיבות און ווירקונגען, וואָלט אינערגעץ נישט געפונען די אידעע פון אַ העכערן צ וו ע ק, וועלכער איז אַליין ווערטלעך פאַר אַלע מאָראַלישע האַנדלונגען. דער צוועק־געדאַנק קאָן נישט דערקלערט ווערן דורכן פאַרהעלטעניש צווישן סיבה און פועל־יוצא, פאַרקערט, דאָסדאָזיקע פאַרהעלטעניש שליסט אים גיכער אויס. דער ציל טרעט־אויף צוזאַמען מיטן פּרווו אונטערצונעמען עפּעס אַ האַנ־דלונג, לויט אים מעסט מען דעם דערפאָלג און אויסגאַנג פון יעטוועדער טאַט. דערדאָזיקער דערפאָלג קאָן זיך אַרויסווייזן אומגעווענדיק אַפילו דאַן, ווען אַלע פאַקטאָרן, וועלכע באַשטי־מען דידאָזיקע טאַט, זענען גוט באַקאַנט און שלאָגן זיך אָפּ גאַנץ קלאָר אין באַוווסטזיין.

לעבן דעם קיניגרייך פון סיבות איז פאַראַן אַ קיניגרייך פון צוועקן, און דאָסדאָזיקע קיניגרייך איז דאָס קיניגרייך פונם מענטש. שלמותדיקע וויסנשאַפט פון דער הויה איז אַ זאַמלונג פון סיבות, וועלכע שטרעבט אויפצושטייגן ביז צו דער אויבער־שטער סיבה; שלמותדיקע וויסנשאַפט וועגן דעם, וואָס דאַרף

זיין, איז אַ סכום פון די צוועקן, וועלכער קולמינירט אין אַ לעצטן העכסטן צוועק.

ווער עס קוקט בכן פון עטישן שטאַנדפונקט אויף דעם מיטלייד, ווי אויף אַ פּאָזיטיוון ווערט, דער שאַצט אָפּ מאָראַליש נישט האַנדלונג, נאָר געפיל, נישט קיין טאַט, נאָר אַן עפעקט (וועלכער פאַלט לויט זיין נאַטור נישט אַרונטער די צוועק־שטאַנדפונקטן). דאָס מיטלייד קאָן זיין אַן עטישע דערשיינונג, אַן אויסדרוקס־פאָרם פון עפּעס עטישן, עס איז אָבער פונקט אַזוי ווייניק אַן עטישער אַקט ווי דאָס בושה־געפיל אָדער דער שטאָלץ. מ׳דאַרף שטרענג אונטערשיידן צווישן עטישן אַקט און עטישער דערשיינונג. אונטער דעם ערשטן דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן עפּעס אַנדערש, ווי באַוווּסטזיניקע באַשטעטיקונג פון דער אידעע דורך דער האַנדלונג: עטישע דערשיינונגען זענען אומפאָרויסגעטראַכטע, אומווילקירלעכע סימנים פון אַ דויערנדיקער שטרעבונג פון געמיט צו דער אידעע. נאָר אין דעם מאָטיוון־קאַמף רייסט זיך אַריין דידאָזיקע אידעע, זי באַמיט זיך אויף אים משפיע צו זיין און צו אַנטשיידן דעם אויסגאַנג פון דאָזיקן קאַמף. אין די עמפּירישע מישונגען פון עטישע מיט אומעטישע געפילן, פון מיטלייד מיט שאָדנפרייד, פון זעלבסטגעפיל מיט עזות איז נאָך נישטאָ קיין שפּור פון אַן החלטה. דאָס מיטלייד איז אפשר דער זיכערסטער סימן פון געמיט, אָבער נישט קיין צוועק פון וועלכער ס׳איז האַנדלונג. נאָר באַטייט פון צוועק, באַוווּסטזיין פון ווערט שאַפט די זיטלעכקייט; אין דער דאָזיקער הינזיכט איז גערעכט סאָקראַטעס, להיפך צו אַלע נאָכפאָלגנדיקע פילאָזאָפן, אַחוץ פּלאַטאָ און קאַנט, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו זיין אָנשויונג. אַן אַלאָגיש געפיל, ווי ס׳איז דאָס מיטלייד, קאָן נישט פּרעטענדירן אויף אַכטונג, נאָר דערוועקט העכסטנס סימפּאַטיע.

מ׳דאַרף בכן ערשט געבן דעם ענטפער אויף דער פראַגע,

אויף ווי ווייט אַ מענטש קאָן זיך עטיש פאַרהאַלטן לגבי אַנדערע מענטשן.

נישט דורך אומגעבעטענע הילף, וועלכע דרינגט־אַריין אין די פרעמדע איינזאַמקייט און ברעכט־דורך די גרעניצן, מיט וועלכע דער אַנדערער מענטש האָט זיך אַרומ־געצוינגלט, נאָר דורכן יראת־הכבוד, מיט וועלכן מ׳היט־אָפּ דידאָזיקע גרעניצן; נישט דורך מיטלייד, נאָר דורך אַכטונג. אַכטונג, דאָס האָט קאַנט צום ערשטן אַרויסגעזאָגט, ווייזן מיר נישט אַרויס לגבי קיין שום וועזן אויף דער וועלט אַחוץ דעם מענטש. דאָס איז זיין אומגעהויערע אַנטדעקונג, אַז קיין שום מענטש קאָן נישט באַנוצן זיך גופא, זיין אינטעליגיבלען איך, די מענטשהייט (דאָס איז נישט די מענטשלעכע געזעלשאַפט פון 1500 מיליאָן, נאָר די אידעע פון דער מענטשן־נשמה) אין זיין פּערזאָן און אין דער פּערזאָן פון אַנדערע אַלס מיטל צום צוועק. „אין דער גאַנצער בריאה קאָן אַלץ, וואָס מ׳וויל און איבער וועלכן מ׳האָט אַ געוויסע מאַכט, אויך בלויז אַלס מיטל באַנוצט ווערן; נאָר דער מענטש, און מיט אים יעדעס שכלדי־קע באַשעפעניש, איז צוועק אין זיך גופא“.

מיט וואָס אָבער דריקט זיך אויס אַ מענטשן פּראַקטישע אַכטונג און וויאַזוי ווייזט מען אַרויס אַכטונג? דאָס ערשטע דערמיט, וואָס איך איגנאָריר אים, דאָס צווייטע דערמיט, וואָס כ׳באַשעפטיק זיך מיט אים. ווי אַזוי באַנוץ איך אים אַלס מיטל צום צוועק, און ווי פאַרער איך אין אים עפּעס, וואָס איז זעלבסטצוועק? דאָס איינע דערמיט, וואָס איך באַטראַכט אים נאָר אַלס גליד אין דער קייט פון די אומשטאַנדן, מיט וועלכע מיינע האַנדלונגען האָבן זיך צו רעכענען, דאָס אַנדערע דורכ־דעם, וואָס כ׳באַמי זיך אים צו דערקענען. ערשט דאַן ווען מיר אינטערעסירן זיך מיט עמיצן, נישט גראָד אים דאָס אַרויסווייזנדיק, ווען מיר דענקען וועגן אים, ווען מיר באַמיען זיך צו באַגרייפן זיין האַנדלען, מיטצופילן זיין גורל, פאַרשטיין אים גופא, ערשט דורכדעם, נאָר דורכדעם, קאָן מען זיין מיטמענטש ערן. נאָר דעריעניקער, וואָס איז דורכן איינענעם אומגליק נישט געוואָרן קיין עגאָיסט, און

אונטערדריקנדיק אין זיך דעם צאָרן צוליב די אַלע קליינע מחלוקתן, וועלכע זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די האַנדלונגען פונם מיטמענטש, באַמיט ער זיך אים צו פאַרשטיין, דער איז באמת אַן אומאייגנוציקער מענטש; און ער האַנדלט זיטלעך, מחמת ער איז מנצח גראָד דאַן דעם שטאַרקסטן שונא, וועלכער באַשוועדט אַמלענגסטן דאָס פאַרשטענדעניש פונם מיטמענטש: די אייגנליבע.

ווי-זשע פאַרהאַלט זיך אין דערדאָזיקער הינזיכט דער געניאַלער מענטש?

ער, וועלכער פאַרשטייט די מייסטן מענטשן, מחמת ער איז לויט זיין נאַטור אוניווערסאַלער פון אַלעמען, וועלכער לעבט אין די נאָענטסטע באַציונגען מיטן וועלטגאַנצן און באַמיט זיך אַמלייידנשאַפטלעכסטן עס אָביעקטיוו צו דערקענען, ער וועט אויך ווי קיין צווייטער האַנדלען זיטלעך לגבי זיינע מיטמענטשן. און אינדעראמתן, קיינער דענקט נישט אַזויפיל און אַזוי אינטענסיוו ווי ער וועגן די אַנדערע מענטשן (אַפילו אין דעם פאַל, ווען ער האָט זיי געזען איין איינציק מאָל נאָר), און קיינער גיט זיך נישט אַזויפיל מי זיי זיך פאָרצושטעלן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, וויבאַלד ער האָט זיי נאָכנישט אין זיך מיט גענוגנדיקער דייטלעכקייט און אינטענסיווקייט. האָבנדיק הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז אויסגעפילט אין אומאיבעררייסלעכער המשכותדיקייט מיטן לעבן פון זיין אייגענעם איך, וועט ער זיך אויך פאַרטראַכטן וועגן דעם, ווי עס איז געווען דער גורל פון אַנדערע מענטשן אין דער צייט, איידער ער האָט זיי נאָך קענענגעלערנט. דענקענדיק וועגן זיי, פאָלגט ער נאָך דער שטאַרקסטער שטים פון זיין אינערלעכן מהות, מחמת ער באַמיט זיך צו קומען דורך זיי צו קלאָרקייט, צום אמת וועגן זיך. דאָ ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז אַלע מענטשן זענען גלידער פון אַן אינטעליגיבלער וועלט, אין וועלכער ס'איז נישטאָ קיין באַגרעניצטער עגאָאיזם אָדער אַלטרויזם.

נאָר אַזויאַרום קאָן מען דערקלערן, וואָס גרויסע מענער טרעטן אַריין אין אַ לעבהאַפטיקן און פאַרשטענדנישפולן פאַרהעלטעניש נישט בלויז מיט זייערע נאָענטע מענטשן, נאָר אויך מיט אַלע פערזענלעכקייטן פון דער געשיכטע, וועלכע האָבן

געלעבט לאַנג פאַר זיי. אָט פאַרוואָס דער גרויסער קינסטלער פאַסט
קלאָרער און אינטענסיווער אויף די געשיכטלעכע אינדי-
ווידואַליטעט, איידער בלויז ווייסנשאַפטלעכער היסטאָריקער. נישט
פאַראַן קיין גרויסער מאַן, וואָס זאָל נישט שטיין אין אַ פער-
זענלעכן פאַרהעלטעניש צו נאַפאָלעאָנען, צו
פלאַטאָנען, צו מאַהאָמעטן. אַזוי פ-
ערנאָך טאַקע ווייזט ער אַרויס
זיין אַכטונג און אמתדיקע פיע-
טעט די פערזענלעכקייטן, וועלכע
האָבן געלעבט ביז אים. און אויב עס
טרעפט זיך טיילמאָל, אַז עמיצער, וועלכער האָט פאַרקערט מיט
קינסטלער, פילט זיך פיינלעך באַרירט, אָפגעפינענדיק זיך שפע-
טער אין איינע פון זייערע שאַפונגען; אויב צוליב דעם הויבן
זיך אָפט אויף באַשולדיקונגען קעגן דיכטער, אַז אַלץ דינט אים
פאַר אַ מאָדעל, איז דאָס אומאָנגענעמע געפיל אין אַזאַ סיטו-
אַציע זייער באַגרייפלעך; אָבער דער קינסטלער, וועלכער
רעכנט זיך נישט מיט דער קליינלעכקייט פון מענטשן, איז
דורכדעם קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען. מיט זיין אופן
פון אומרעפלעקטירטער פאָרשטעלונג, מיטן איבערשאַפן פון דער
וועלט דורך קונסט, האָט ער אויסגעפירט אויף
אים דעם שעפערישן אַקט פון פאַר-
שטענדעניש; און נישט פאַראַן קיין
פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן
וואָס זאָל זיין ריינער ווי דאָס דאָ-
זיקע.

דערמיט וועלן מיר בעסער פאַרשטיין די טיף געדעכטע
ווערטער פון פאַסקאַלן:

A mesure qu'on a plus d'esprit, on trouve, qu'il y a plus d' hommes originaux. Les gens du commun ne troouvent pas de différence entre les hommes"*). —

מיט דעם אַלעם בינדט זיך ווייטער, אַז וואָס העכער אַ-

*) וואָס מער גייסט איינער באַזיצט, אַלץ מער געפינט ער אָריגינעלע מענטשן. דער המון זעט נישט קיין שום אונטערשיד צווישן די מענטשן.

מענטש שטייט, אַלץ גרעסערע פּאָדערונגען וועט ער זיך שטעלן בנוגע דעם פּאַרשטיין פרעמדע געדאַנקען.

דעם אומבאַגאַבטן ווייזט זיך אַלץ אויס קלאָר; ער פילט צומאָל נישט, אַז אין געגעבענעם געדאַנק איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך ווייט נישט פאַרשטאַנען, אַז אים בלייבט פרעמד דער גייסט גופא פון עפּעס אַ קונסטווערק אָדער פילאָזאָפישן סיסטעם; און אַזוינאָך געווינט ער העכסטנס אַ באַשטימטע פאַרהעלטעניש צו די זאַכן, אָבער ער הויבט זיך נישט אויף צום נאָכדענקען איבערן שעפער גופא.

דער באַדייטנדיקער מענטש, וועלכער פאַרנעמט די העכסטע שטופע פון באַוווּסטזיין, וועט נישט גיך אידענטיפיצירן עפּעס, וואָס ער לייענט, מיט זיך און זיין מיינונג; בשעת באַ קלענערער קלאָרקייט פון גייסס גיסן זיך די פאַרשידנסטע זאַכן צונויף מיטאַנאַנד און קאָנען זיך אַלצאיינס אויסווייזן.

דער געניאַלער מענטש איז דעריעניקער, וועלכער האָט דערגרייכט דאָס קלאָרע באַוווּסטזיין פון זיין איך, און דערפאַר באַמערקט ער אַמגעלונגנסטן אַלע דינסטע אונטערשידן צווישן זיך און די אַנדערע מענטשן. דערפאַר פילט ער אָפּ אין אַנדערן מענטש אויך דאָן יענעמס איך, ווען דער אָזיקער איז נאָך כלל נישט גענוג שטאַרק, אַז ער זאָל יענעם גופא קומען צום באַוווּסטזיין. אָבער נאָר דער, וואָס פילט, אַז דער אַנדערער מענטש איז אויך אַן איך, אַ מאָנאַדע, אַן אייגענער צענטער פון דער וועלט, מיט באַזונדערן געפילס-אופן און דענקאַרט, מיט באַזונדערער פאַרגאַנגענהייט, דער וועט פון זיך גופא נישט עלול זיין צו באַנוצן דעם מיטמענטש בלויז אַלס מיטל צום צוועק, ער וועט, אין הסכם מיט דער קאַנטישער עטיק, אויך אינם מיטמענטש (אַלס טייל פון דער אינטעליגיבלער וועלט) שפּירן, אַנען און דעריבער

ערן די פּערזענלעכקייט, און נישט בלויז אויף אים זיך מתרעם זיין. פּסיכאָלאָגישער עיקר־תּנאי פון יעטוועדן פּראקטישן אַלטרויזם איז דערפאַר טעאָרעטישער אינדיווידואַליזם.

דאָ ליגט בכן די בריק, וועלכע פירט פון מאָראַלישן פאַרהאַלטן לגבי זיך גופא צום מאָראַלישן פאַרהאַלטן זיך לגבי די אַנדערע, יענע פאַרמיטלונג, וואָס איר מאַנגל אין דער קאַנטישער פילאָזאָפיע איז דורך שאָפּענהויערן מיט אומרעכט באַטראַכט געוואָרן אַלס אירס אַ פעלער, וועלכער דרינגט על־פּי־הכרח אַרויס פון אירע וועזנטלעכע פּרינציפּן.

די פּראָבע דערפון איז לייכט צו מאַכן. נאָר דער פאַר־חיהשטער פאַרברעכער און דער חסר־דעהניק אינטערעסירן זיך לגמרי נישט מיט קיינעם, צומאָל מיט איינעם נישט פון צווישן זיינע מיטמענטשן, זיי לעבן, גלייך זיי וואָלטן געווען אַליין אויף דער וועלט, זיי פילן לחלוטין נישט די אָנוועזנהייט פון פרעמדן. נישט פאַראַן בכן קיין פּראַקטישער סאָליפּסיזם*): ווער עס באַזיצט אַן אייגענעם איך, דער זעט אויך אַן איך אינם מיטמענטש, און נאָר ווען אַ מענטש פאַרלירט דעם (לאָגישן אָדער עטישן) קערן פון זיין מהות, רעאַגירט ער שוין נישט אויך אויפן צווייטן מענטש אַזוי, גלייך ווי דער וואָלט נעוועזן אַ מענטש, אַ וועזן מיט דורכויס אייגענער פּערזענלעכקייט. איך און דו זענען פּשוט קעגנזייטיקע באַגריפן.

צום שטאַרקסטן גרייכט דער מענטש צום באַוווסטזיין פון זיין זעלבסט, בעת ער איז באַזאַמען מיט אַנדערע מענטשן. דערפאַר איז דער מענטש אין קעגנוואַרט פון אַנדערע מענטשן

*) פילאָזאָפישע אָנשויונג, וואָס אָנערקענט בלויז דאָס באַוווסטזיין פון אייגענעם איך פאַר ממשותדיק, די גאַנצע אויסערלעכע וועלט אָבער פאַר הוילע הוריות; עקסטרעמער סוביעקטיוויזם. (איב.)

שטאָלצער, ווי ווען ער איז אַליין; נאָר אין די שעהן פון איינזאַמקייט קאָן ער ערשט מעסיקן זיין איבערמוט.

לסוף: ווער עס טויט זיך, טויט גלייכצייטיק די גאַנצע וועלט; און ווער עס דערהרגעט דעם אַנדערן, באַגייט טאַקע דערפאַר דאָס שווערסטע פאַרברעכן, ווייל ער האָט אין יענעם זיך גופא דערהרגעט. אַזויערנאָך איז בכן יענער סאָליפּסיזם אין דער פּראַקטיק אַן אומזין, און מ'וואָלט אים גיכער געדאַרפט אָנרופן *ניהיליזם*; וויבאַלד ס'איז נישט פאַראַן קיין דו, דאַן איז זיכער אויך קיין איך נישט פאַראַן, און עס בלייבט אַזויערנאָך איבערהויפּט — גאָרנישט.

די אוממעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען דעם אַנדערן מענטש אין אַ פּשוט מיטל צום צוועק ליגט אין מהות גופא פון אונזער פּסיכאָלאָגיש לעבן. נאָר מיר האָבן שוין געזען, אַז *דער מענטש, וועלכער פילט זיין אייגענע פּערזענלעכקייט, דערפילט זי אויך אין אַנדערע.* פאַר אים איז דאָס „Tat-twam-asi” נישט נאָר אַ שיינע היפּאָטעזע, נאָר *ווירקלעכקייט. דער העכסטער אינדיווידואַליזם איז דער העכסטער אוניווערסאַליזם.*

אַ שווערן טעות באַגייט בכן דער פאַרלייקענער פון סוביעקט, ערנסט *מאַך*, ווען ער גלויבט, אַז נאָכן מוותר זיין אויף דעם אייגענעם איך קאָן מען ערשט דערוואַרטן אַן עטיש פאַרהאַלטן זיך, „וואָס שליסט אויס דעם בטול צום פרעמדן איך און די איבערשאַצונג פון אייגענעם”. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, וווּהין דער מאַנגל פון אַן אייגענעם איך פירט אין פאַרהעלטעניש צום מיטמענטש. *דער איך איז עיקר-תנאי אויך פון יעטוועדער סאָציאַלער מאָראַל.* לגבי אַ בלויזער *פאַרקניפּונגס-שטעל* פון עלעמענטן, וועל איך מיך, *ריין פּסיכאָלאָגיש,* קיינמאָל נישט קאָנען עטיש פאַרהאַלטן. אַלס אידעאַל קאָן מען דאָס *אַרויסזאָגן*; מיטן פּראַקטישן פאַרהאַלטן זיך אָבער האָט עס לגמרי נישט צו טון, עס קאָן אים אויך נישט דינען פאַר קיין נאָרם.

סאַנסקריט: דאָס ביסט דו

ווייל עס עלימינירט דעם פסיכאָלאָגישן תנאי פון יעטוועדער פאַרווירקלעכונג פון דער זיטלעכער אידעע, בשעת דער מאָראַלישער געבאָט איז טאַקע פסיכאָלאָגיש פאַראַן.

גראָד, פאַרקערט, האַנדלט עס זיך וועגן דעם, באַוווּסטזיניק צו מאַכן יעדן מענטש, אַז ער באַזיצט אַ העכערן זעלבסט, אַ נשמה, און אַז אויך די אַנדערע מענטשן באַזיצן אַ נשמה. (דערצו וועט אָבער די גרעסטע טייל פון דער מענטשהייט זיך תמיד נויטיקן אין אַ נשמה־פּאַסטוך.) ערשט דאַן אַנטשטייט אַ ווירקלעך עטיש פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן.

דאָסדאָזיקע פאַרהעלטעניש אָבער איז אין גענייאַלן מענטש אויפן אייַנציקסטן אופן פאַרווירקלעכט. קיינער וועט נישט, אַזוי ווי ער, ליידן צוזאַמען מיט די מענטשן, און דורכדעם — אויך צוליב די מענטשן, מיט וועלכע ער לעבט. מחמת אין באַשטימטן זינען ווערט דער מענטש בלי־ספק נאָר „דורך מיטלייד ווייסנדיק”. הגם מיטלייד גופא איז נישט קיין קלאָר, אבסטראַקט־באַגריפלעך אָדער אָנשוילעך־סימבאָליש וויסן, איז עס פאָרט דער שטאַרקסטער אימפּולס, כדי צו דערלאַנגען צו יעטוועדן וויסן. און נאָר דורכן ליידן אונטער דער משא פון די זאַכן באַגרייפט זיי דער זשעני, נאָר דורך ליידן צוזאַמען מיט די מענטשן, פאַרשטייט ער זיי. און דער זשעני ליידט אַמייסטן, ווייל ער ליידט מיט אַלע און אין אַלע; אָבער אַמשטאַרקסטן ליידט ער פון זיין מיטלייד.

אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלעך האָבן מיר זיך באַמיט פאָרצושטעלן די גענייאַליטעט אַלס יענעם פאַקטאָר, וואָס דערהויבט ערשט דעם מענטש איבער דער חיה, און אין שייכות דערמיט האָבן מיר צוגלייך געבראַכט דעם פאַקט, אַז נאָר דער מענטש האָט אַ געשיכטע (דאָס דערקלערט זיך מיט דער אין אַלע מענטשן שטענדיקער און נאָר גראַדועל פאַרשידענער

געניאַליטעט). דאָ מוזן מיר זיך נאָכאַמאָל אומקערן צו דערדאָזיקער פראַגע. געניאַליטעט פאַלט זיך צונויף מיט לעבהאַפטיקער טעטיקייט פון אינטעליגיבלען סוביעקט. און געשיכטע אַנטפּלעקט זיך נאָר אין סאָציאַלן געביט, אין „אָביעקטיוון גייסט"; די אינדיווידוען אָבער פאַרבלייבן אייביק אַלצאיינע און פּראָגרעסירן נישט ווי דערדאָזיקער „אָביעקטיווער גייסט" (זיי זענען *דאָס אַהיסטאָרישע*). אַזויערנאָך זעען מיר דאָ, ווי אונזערע פעדים לויפן זיך צונויף, כדי צו ברענגען איבעראַשנדיקע רעזולטאַטן. וויבאַלד-זשע — און כ'גלויב, אַז כ'בין מיך נישט טועה — די צייטלאָזע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז אויך באַדינג פון אמתדיקן עטישן פאַרהאַלטן זיך אויך לגבי די מיטמענטשן, *אינדיווידואַליטעט* — *געבאָט* פון *סאָציאַלן* געפיל, טאָ ווערט דערמיט אויך קלאָר, אַלמאי דאָס „Animal methafisicum" און דאָס „ζῷον πολῖτιχόν" דאָס געניאַלע באַשעפעניש און דער טרעגער פון אַ געשיכטע שטעלן מיט זיך פאָר איין און דאָסזעלביקע וועזן; דאָסדאָזיקע וועזן איז *דער מענטש*. און אַזוינאָך איז דערליידיקט די אַלטע שטרייטפראַגע וועגן דעם, וואָס ס'איז געוועזן פריער, *אינדיווידואום* אָדער *געמיינשאַפט*: *מחמת ביידע עקזיסטירן זיי צוזאַמען און גלייכצייטיק*.

דערמיט באַטראַכט איך פאַר פולשטענדיק דערוויזן, אַז די געניאַליטעט איז אַ *העכערע זיטלעכקייט בכלל*. דער באַדייטנדיקער מענטש איז נישט בלויז דער זיך זעלבסט געטרייעסטער, דער גאָרנישט וועגן זיך פאַרגעסנדיקער, דער, וועמען טעות און שקר זענען צום פאַרהאַסטטן, צום אומדערטרעגלעכסטן; ער איז אויך דער סאָציאַלסטער, דער איינזאַמסטער און צוגלייך צווייזאַמסטער מענטש. *דאָס זשעני איז אַ העכערע דאָזיין-פאָרם בכלל, נישט בלויז אינטעלעקטועל, נאָר אויך מאָראַליש. דער זשעני אַנטפּלעקט איינגנטלעך די פולקאָמע אידעע פונם מענטש. ער מאַכט באַקאַנט, וואָס דער מענטש איז*:

דער סוביעקט, וועמעס אָביעקט ס'איז דער גאַנצער אוניווערס, און שטעלט דאָס פּעסט אויף אייביקע צייטן.

מ'דאַרף זיך נישט לאָזן אַריינפירן אין אַ טעות. באַוווּסטזיין, און נאָר באַוווּסטזיין, איז אין זיך גופא מאָראַליש, אַלדאָס אומבאַוווּסטזיניקע איז אוממאָראַליש און אַלדאָס אוממאָראַלישע אומבאַוווּסטזיניק. „דער אוממאָראַלישער זשעני", דער „גרויסער שלעכטער מענטש" איז דערפאַר אַ פּאַבּל־חיה, וואָס איז אויסגעטראַכט געוואָרן, אַלס מעגלעכקייט, דורך גרויסע מענטשן אין באַשטימטע מאָמענטן פון זייער לעבן, כּדי זי זאָל, קעגן דעם ווילן פון אירע שעפערס, זיך שפּעטער פאַרוואַנדלען אין אַ שרעקבילד פאַר שוואַכע, שרעקעוודיקע נאַטורן; נישט פאַראַן קיין פאַרברעכער, וועלכער זאָל זיין דערוואַקסן צו זיין טאַט, וועלכער זאָל דענקען און רעדן ווי האַגען אין דער „געטער־דעמערונג" פאַר דעם טויטן קערפּער פון זיג־פרידן: „יאָ, איך האָב אים דערהרגעט, איך, האַגען, האָב אים דערהרגעט צום טויט!". נאַפּאָלעאָן און בעקאָן פון ווערולאַן, וועלכע מ'ברענגט אַלס איינווענדונגען קעגן דערדאָזיקער אָנשויונג, ווערן אינטעלעקטועל ווייט איבערגעשאַצט אָדער פאַלש פאַרשטאַנען. און צו ניטשען דאַרף מען אין דידאָזיקע זאַכן — ווען ער נעמט רעדן וועגן באָרדזשיא — אַמווייניקסטן האָבן צוטרוי. די קאָנצעפּציע פון דעם דיאַבּאָלישן, פון אַנטיקריסט, פון אַרימאַן, פון „ראַדיקאַלן שלעכטס אין דער מענטשלעכער נאַטור" איז גאָר מעכטיק. מיט דעם זשעני אָבער האָט זי אויף אַזויפיל אַ שייכות, וואָס זי איז גראָד זיין היפּוך. זי איז אַ פיקציע, געבוירן אין די שעהן, ווען גרויסע מענטשן האָבן געפירט דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף מיט דעם פאַרברעכער אין זיך.

אוניווערסאַלע אַפּערצעפּציע, אַלגעמיין־באַוווּסטזיין, פולקאָמע צייטלאָזיקייט איז אַן אידעאַל אויך פאַר די „געניאַלע" מענטשן; געניאַליטעט איז אַן אינערלעכער אימפּעראַטיוו, אַ באַ איין מענטש קיינמאָל נישט גענצלעך דערגרייכטער פאַקט. דערפאַר וועט אַ „געניאַלער" מענטש

דווייניקער ווי עמיץ אַנדערש אימשטאַנד זיין פּשוט צו זאָגן: „איך *בין* אַ זשעני". מחמת געניאַליטעט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פולע פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע פון מענטש, ד. ה. דאָס, וואָס דער מענטש *דאַרף* זיין און וואָס ער איז *פּרינציפּיעל בכוח צו ווערן*. געניאַליטעט איז העכסטע זיטלעכקייט, און דערפאַר פליכט פון יעדן איינעם. דער מענטש ווערט צום זשעני דורך אַ העכסטן *ווילנס-אַקט*, באַשטעטיקנדיק אין זיך דעם גאַנצן וועלטאַל. געניאַליטעט איז עפּעס אַזוינס, וואָס די געניאַלע מענטשן *האָבן אויף זיך גענומען*: דאָס איז די גרעסטע אויפגאַבע און דער גרעסטער שטאָלץ, דאָס גרעסטע אומגליק און דאָס גרעסטע און דערהויבנסטע געפיל, וואָס איז נאָר מעגלעך בײַ אַ מענטשן. ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען: געניאַל איז דער מענטש, ווען ער *וויל* עס זיין.

דערויף וועט מען, פאַרשטייט זיך, זאָגן: זייער פיל מענטשן וואָלטן זייער גערן געוואָלט זיין „אָריגינעלע זשעניס", און דאָך העלפט זייער וועלן גאַנץ ווייניק דערצו. אָבער ווען דידאָזיקע לייט, „וועלכע וואָלטן עס זייער גערן געוואָלט", זאָלן האָבן אַ לעבהאַפטיקערע השגה וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך עס באַטייט דאָס, וואָס זיי באַגערן, ווען זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז געניאַליטעט איז אידענטיש מיט *אוניווערסאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט* — און איידער עפּעס איז עמיצן גאַנץ קלאָר, קאָן ער עס נאָר *באַגערן*, אָבער נישט *וועלן* — איז זייער וואַרשיינלעך, אַז די ווייט גרעסטע טייל פון דידאָזיקע מענטשן וואָלט זיך *אָפּגעזאָגט* פון דער געניאַליטעט.

נישט צוליב קיין אַנדערע טעמים — נאַראָנים גלויבן דאַן אין די נאָכווירקונגען פון וועגוס-קולט אָדער אין דער רוקנמאַרך-דעגענעראַציע פון נויראַסטעניקער — פאַלן אַזויפיל געניאַלע מענטשן אַריין אין *משוגעת*. דאָס זענען די-יעניקע, וועמען ס'איז געוואָרן צו שווער די משא, צו טראָגן אויף זייערע פּלייצעס, ווי אַטלאַנט, די גאַנצע וועלט; און דערפאַר זענען זיי תמיד די קלענערע, די ווייניקער באַדייטנדיקע, נישט די גרעסטע, נישט די שטאַרקסטע גייסטער. וואָס העכער אָבער

אַ מענטש שטייט, אַלץ טיפער קאָן ער זינקען. יעטוועדעס זשעני איז איבערגעוועלטיקונג פון אַבסאָלוטן אפס, פון דער טונקלקייט, פון דער פינצטערניש, און ווען עס דעגענערירט און פאַרשווינדט, דאַן איז די נאַכט אַלץ שוואַרצער, וואָס שטראַלנדיקער ס'איז פריער געווען דאָס ליכט. ובכן, דער זשעני, וועלכער גייט אַראָפּ פון זינען, ו י ל מ ע ר נ י ש ט ז יי ן ז ש ע נ י; ער וויל אָנשטאָט דער זיטלעכקייט — דאָס ג ל י ק. מחמת יעטוועדעס משוגעת אַנטשטייט נאָר אויס דער אומדערטרעגלעכקייט פון דעם שמערץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן באַוווסטזיין. ס אָ פ אָ ק ל ע ס האָט אַמטיפסטן אָנגעטייט דעם מאָטיוו, פאַרוואָס אַ מענטש קאָן אויך וועלן זיין אייגן משוגעת, אַריינלייגנדיק אין מויל פון אַיאַסן, וועמעס גייסט עס פאַרזינקט לסוף אין דער נאַכט, דידאָזיקע ווערטער:

ἐν τῷ φρονεῖν γάρ μηδὲν ἥδιστος βίος.

איך שליס דאָסדאָזיקע קאַפּיטל מיט די טיפע ווערטער פון י אָ ה אַ ן פ י ק אָ ד ע מ י ר אַ נ ד אָ ל אַ, וועלכע דערמאָנען אונז אָן די דערהויבנסטע מאָמענטן פון ק אַ נ ט י ש ן סטיל. ס'קאָן זייער מעגלעך זיין, אַז כ'האָב דאָ עטוואָס מיטגעהאָלפן צו זייער פאַרשטענדעניש. אין זיין רעדע „איבער דער ווירדע פון מענטש" לאָזט ער די גאָטהייט זאָגן אום מענטש אַזוי:

*),,Nec certam sedem, nec propiram faciem, nec munus ullum peculiare tibi dedimus, o Adam: ut quam sedem, quam faciem, quae munera tute optaveris, ea pro voto, pro tua sententia, habeas et possideas. Definita caeteris natura intra praescriptas a nobis leges coerectur; tu nullis angustiis

---

*)„מיר האָבן דיר נישט געגעבן, א אדם, נישט קיין באַשטימטן מקלט, נישט קיין אייגנטימלעכע צורה, נישט קיין באַזונדערע התחייבות: דו וועסט באַקומען און באַזיצן יענעם מקלט, יענע צורה און התחייבות, וועלכע דו וועסט אַליין אויסקלויבן לויטן אייגענעם ווונטש. די גענוי אָנגעצייכנטע

בעת מ'דענקט איבער גאָרנישט, איז דאָס לעבן צום זיסטן!

coercitus, pro tuo arbitrio, in cuius manu te posui, tibi illam praefinies. Medium te mundi posui, ut circumspiceres inde commodius quicquid est in mundo. Nec te caelestem, neque terrenum, neque mortalem, neque immortalem fecimus, ut tui ipsius quasi arbitrarius honorariusque plastes et fictor in quam malueris tute formam effingas. Poteris in inferiora quae sunt bruta degenerare, poteris in superiora quae sunt divina, ex tui animi sententia regenerari.

O summam Dei Patris liberalitatem, summam et admirandam hominis felicitatem: cui datem id habere quod optat, id esse quod velit. Bruta simul atque nascuntur id secum afferunt e bulga matris, quod possessura sunt. Supremi spiritus aut ab initio aut paulo mox id fuerunt, quod sunt futuri in perpetuas aeternitates. Nascenti homini omniferaria semina et

---

נאַטור האָט דיך געצוווּנגען צו פאַרבלייבן אין די ראַמען פון די דורך אונז פאָרגעשריבענע געזעצן ; אָבער, נישט געדריקט דורך קיין שום קלעם, וועסטו אַליין, לויט אייגענעם אורטייל, זיך פאָרשרייבן אַן אייגן געזעץ, אין וועמעס מאַכט דו וועסט זיך געפינען. כ'האָב דיך אַוועקגעשטעלט אין מיטלפונקט פון דער וועלט, כדי זאָלסט זיך קאָנען בעסער צוקוקן צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דערדאָזיקער וועלט. מיר האָבן דיך נישט באַשאַפן נישט הימליש, נישט ערדיש, נישט שטערבלעך, נישט אומשטערבלעך, כדי דו אַליין זאָלסט, אַלס פרייער און באַרימטער סקולפּטור און שניצער, זיך קאָנען אָנקליידן אין אַזאַ פאָרם, אין וועלכער דו וואָלסט צום בעסטן אויסגעזען. דו וועסט קאָנען דעגענערירן אין דעם נידריקסטן וועזן, ווי ס'איז די חיה, אָבער דו קאָנסט אויך לויט דיין אייגענעם ווילן אויסוואַקסן צו די העכסטע געטלעכע שפּיצן.

אָ, גרויסע לייטזעליקייט פון פאָטער גאָט, אָ גרויס און וווּנדערבאַר גליק פון דעם מענטש ! וועמען ס'איז געגעבן צו

omnigenae vitae germina indidit Pater; quae quisque excoluerit, illa adolescent et fructus suos ferent in illo: si vegetalia, planta fiet, si sensualia, obbrutescet, si rationalia, caeleste evadet animal, si intellektualia, angelus erit et Dei filius. Et si nulla creaturarum sorte contentus in unitatis centrum suae se receperit, unus cum Deo spiritus factus, in solitaria Patris caligine qui est super omnia constitutus omnibus antestabit".

האָבן אַלץ, וואָס ער וועט וועלן! די אומשכלדיקע חיות, קוים ווערן זיי נאָר געבוירן, ברענגען זיי באַלד פון דער מוטערס לייב אַלץ, וואָס ס'איז זיי באַשערט צו זיין. אָקעגן־זשע די העכערע גייסטער זענען שוין כמעט מתחילת אָן געווען די, וועלכע זיי וועלן פאַרבלייבן אין אַלע אייביקייטן. דער פאָטער האָט אָנגעוויזן דעם מענטש באַ זיין געבורט אויף אַלע זאָמען און שפּראָצלעך פון לעבן. די־יעניקע, וועלכע ער וועט באַאַרבעטן, וועלן אויך בליען אין אים און ברענגען פּירות: אויב זיי זענען פון דער פלאַנצן־וועלט — וועט אַנטשטיין אַ פלאַנץ, אויב פון דער חושים־וועלט — אַ חיה, אויב פון דער שכלדיקער — וועט עס ווערן אַ הימליש וועזן, אויב פון דער גייסטיקער וועלט — וועט עס ווערן אַ מלאך און גאָטס־זון. און וויבאַלד דער מענטש וועט, אַן אומצופרידענער מיט קיין שום גורל פון דער בריאה, זיך באַטראַכטן פאַרן צענטער פונם וועלטאַל — דאַן וועט ער, וועדנדיק איין גייסט מיט גאָט, דערשיינען אין דער איינזאַמער וווינונג פון גאָט, וועלכער איז דערהויבן איבער אַלעם, און אויף וועלכן אַלץ איז געגרינדעט".

קאַפּיטל IX

מענלעכע און ווייבלעכע פּסיכאָלאָגיע

ס'איז צייט זיך אומצוקערן צו דער אייגנטלעכער אויפגאַבע פון אונזער אונטערזוכונג, כדי צו זען, ווי ווייט ס'איז פאַרלייכטערט געוואָרן איר לייזונג דורך די לענגערע דיגרעסיעס, וועלכע האָבן אָפּט געשיינט אונז געגוג ווייט אוועקצופירן פון דער עיקרדיקער טעמע.

די קאָנסעקווענצן פון די דאָ אַנטוויקלטע גרונט-כּללים זענען פּאַר אַ פּסיכאָלאָגיע פון די געשלעכטער אַזוי ראַדיקאַל, אַז זיי קאָנען אָפּשרעקן פון זיך אַפילו אַ מענטשן, וועלכער האָט ביזאַהער מסכּים געווען מיט אונזערע אויספירן. ס'איז נאָך דאָ נישט דאָס אָרט צו אַנאַליזירן די סיבות פון דערדאָזיקער שרעקעוודיקייט. אין דאָזיקן קאַפּיטל וויל איך אַרויסרוקן די וואָגיקסטע אַרגומענטן, וועלכע וועלן אונז דאַרפן ענדגילטיק איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דעם דורך מיר אויפגעשטעלטן טעזיס און אים פולשטענדיק באַשיצן קעגן אַלע איינוואַנדן, וועלכע קאָנען פון אים אַרויספליסן.

אין וואָס עס האַנדלט זיך אייגנטלעך, לאָזט זיך בקיצור אַזוי אויסדריקן. מיר האָבן אויפגעוויזן, אַז די לאָגישע און עטישע דערשיינונג, צונויפשליסנדיק זיך צום העכסטן ווערט אין באַגריף פון אמת, צווינגט צו דער הנחה פון אַן אינטעליגיבלען איך אָדער אַ נשמה, אַלס אַ יש פון העכסטער, איבערעמפּירישער רעאַליטעט. ב אַ ווען, וועלכן, פּונקט ווי ס'פעלט די לאָגישע און עטישע דערשיינונג, פאַלט אויך אָפּ דער גרונט, אָנצונעמען יענע הנחה. דאָס פולקאָמע ווייבלעכע וועזן קען נישט נישט דעם לאָגישן, נישט דעם מאָראַלישן אימפּעראַטיוו,

און דאָס וואָרט געזעץ, דאָס וואָרט פליכט, פליכט לגבי זיך גופא, איז דאָס וואָרט, וואָס קלינגט פאַר אים צום פרעמדסטן. איז בכן דער אויספיר פולקאָם באַרעכטיקט, אַז אים פעלט אויך די איבערחושימדיקע פערזענלעכקייט.

די אַבסאָלוטע פרוי האָט נישט קיין איך.

דאָס איז אין געוויסער הינזיכט, אַ לעצטער סך-הכל פון אונזער באַטראַכטונג, צו וועלכן עס פירט יעטוועדער אַנאַליז פון דער פרוי. דידאָזיקע דערקענטעניש, אין אַזאַ קורצער און בינדיקער פאָרם אַרויסגעזאָגט, ווייזט זיך אויס עטוואָס שאַרף, פּאַראַדאָקסאַל און אַפילו היפש ביי. מען קאָן אָבער לכתחילה זיכער זיין, אַז אין דערדאָזיקער פראַגע איז דער מחבר ווייט נישט דער ערשטער מענטש, וואָס איז געקומען צו דערדאָזיקער איבערצייגונג, הגם ס'איז אים אויסגעקומען זעלבשטענדיק צו איר דעם וועג צו געפינען, כדי צו באַגרייפן די ריכטיקייט פון די פריערדיקע ענלעכע אָנשויונגען.

די כינעזער האָבן שוין זינט עלטסטער צייט אָפּגעזאָגט דער פרוי אַן אייגענע נשמה. פרעגט מען אַ כינעזער וועגן דער צאָל פון זיינע קינדער, דאַן ציילט ער נאָר די יינגלעך, און האָט ער בלויז טעכטער, דאַן דערקלערט ער, אַז ער איז קינדערלאָז*). צוליב אַן ענלעכן טעם האָט מאַהאָמעד אויסגעשלאָסן די פרויען פון גן-עדן, ווערנדיק דורכדעם מיטשולדיקער אין דער אומווערדיקער שטעלונג, וואָס דאָס ווייבלעכע מין פאַרנעמט אין די לענדער פון דער איסלאַמיטישער רעליגיע.

פון די פילאָזאָפן דאַרף מען דאָ קודם כל אָנרופן אַריסטאָטעלן. פאַר אים איז דער מענלעכער עלעמענט בעת דער באַפרוכפערונג דער פאָרמירנדיקער, אַקטיווער, דער לאָגאָס, בשעת דער ווייבלעכער פאַרטרעט די פאַסיווע מאַטעריע. נעמענדיק בכן אין באַטראַכט, אַז בעת אַריסטאָטעלן איז די נשמה אידענטיש מיט פאָרם, ענטעלעכיע, אורבאַוועגונג, דאַן איז קלאָר, ווי זייער ער דערנענט זיך צו דער דאָ אַרויס-

*) פאַרגל. אויך „קהלת" 7, 28: „צווישן טויזנטער האָב איך איין מענטש געפונען, אָבער קיין פרוי האָב איך צווישן די אַלע נישט געפונען".

געזאָגטער אָנשויונג. אמת, זיין אויפפאַסונג פון דער פרוי טרעט נאָר דאָרט בולט אַרויס, ווו ער רעדט וועגן דעם אַקט פון באַפרוכפערונג; אָבער מיר וועלן אומזיסט זוכן באַ אים, ווי באַ אַלע גריכן, אַחוץ עריפידעסן, אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפונקט בנוגע דעם כאַראַקטער פון דער פרוי (נישט בלויז בנוגע איר ראָליע אין דעם באַפרוכפערונגס-אַקט); זי האָט משמעות גאַנץ ווייניק פאַרנומען זייערע מוחות.

צווישן די קירכן-פאָטערס שיינען באַזונדערס טערטוליאַן און אָריגינעס צו האָבן אַ זייער נידריקע פאָרשטעלונג וועגן דער פרוי, בשעת אויגוסטינען האָט שוין די האַרציקע באַציונג צו ד״ר מוטער זיינער געמוזט אָפּהאַלטן פון צו טיילן דידאָזיקע אָנשויונגען. און דער רענעסאַנס-עפּאָכע איז די אַריסטאָטלשע אָנשויונג ווידער פילפאַכיק אויפגענומען געוואָרן, צ. ב. פון זשאַן וויר (1588 — 1518). אין יענער צייט האָט מען בכלל בעסער פאַרשטאַנען דידאָזיקע אָנשויונג; מ׳האָט זי אויפגענומען געפילסמעסיק, אינטויטיוו; מ׳האָט אין איר נישט געזען אַ בלויזן קוריאָז, ווי דאָס געשעט אין דער היינטיקער וויסנשאַפט, וועלכע ס׳וועט נאָך אַמאָל אין פיל הינזיכטן אויסקומען צו פאַרבויגן זיך פאַר דער אַריסטאָטעלישער אַנטראָפּאָלאָגיע.

אין די לעצטע יאָרצענטליקן האָבן אַרויסגעזאָגט דיזעלביקע איבערצייגונג העגריק איבסען (אין די געשטאַלטן אַנטיראַ, ריטאַ. אירענע) און אויגוסט סטרינדבערג („גלויביקער”). אַמייסטן פּאָפּולער אָבער איז געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער נשמהלאָזיקייט פון דער פרוי דורך דעם ווונדערפולן מעשהלע פון פוקע. דערדאָזיקער ראָמאַנטיקער האָט געשעפּט דעם שטאָף דערצו פון דעם דורך אים פלייסיק געשטודירטן פּאַראַצעלזוס; דאָסדאָזיקע מעשהלע האָבן איבערגעטראָגן אין מוזיק ט. א. האָפמאַן, גירשנער און אַלבערט לאָרצינג. אונדינע, די נשמהלאָזע אונדינע איז די פּלאַטאָנישע אידעע פון דער פרוי. נישט קוקנדיק אויף דער ביסעקסואַליטעט, אַנטשפּרעכט דידאָזיקע אידעע שטאַרק דער ווירקלעכקייט. די זייער פאַרשפּרייטע

רעדנסאָרט: „די פּרוי האָט נישט קיין כאַראַקטער" מיינט אין תּוך אויך נישט עפּעס אַנדערש. פּערזענלעכקייט און אינדיווידו־אַליטעט, (אינטעליגיבלער) איך און נשמה, ווילן און (אינטעלי־גיבלער) כאַראַקטער — דאָס אַלץ באַצייכנט איינס און דאָס־זעלביקע, וואָס איז אין מענטשלעכן מין פאַראַן בײַ M און וואָס פעלט אָבער בײַ F.

היות אָבער די נשמה פון מענטש איז דער מיקראָקאָסמאָס, און באַדייטנדיקע מענטשן זענען אַזעלכע, וועלכע לעבן דורכויס מיט נשמה, ד. ה. אין וועלכע די גאַנצע וועלט איז לעבעדיק, טאָ דאַרף מען דרינגען, אַז F מוז לויט איר נאַטור זײַן אַבסאָלוט אומגעניאַל. דער מאַנסביל האָט אַלץ אין זיך, און ער קאָן נאָר, לויט די ווערטער פון פּיקאָ מיראַנדאָלאַ, דאָס אָדער יענץ אין זיך באַזונדערס באַגינציקן. ער קאָן זיך דערהויבן ביז צו דער העכסטער הויך און אויך אַראָפּזינקען צום טיפסטן, ער קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ חיה, אין אַ פלאַנץ, ער קאָן אויך ווערן אַ פרוי, און דערפאַר זענען פאַראַן ווײַבלעכע, ווײַבערישע מאַנסלײַט.

אָבער די פרוי קאָן קיינמאָל נישט ווערן קיין מאַנסביל. דאָ דאַרף מען בכן דורכפירן די וויכ־טיקסטע אָפּגרעניצונגען אין די הנחות פון דער ערשטער טייל פון דאָזיקן ווערק. אינדערצײַט ווען מיר איז באַ־קאַנט אַ גרויסע צאָל מאַנסבילן, וועלכע זענען פסיכיש כּמעט פולשטענדיק, און נישט בלויז טיילווײַז פרויען, האָב איך, וואָס אַן אמת, געזען שוין זייער פיל פרויען מיט מענלעכע שטריכן, אָבער נאָך קיינמאָל קיין איין אײַנציקע פרוי אַפילו, וועלכע זאָל נישט אין תּוך פאַרט זיין פרוי, הגם דידאָזיקע ווייבלעכ־קייט האָט זיך געענוג אָפּט פאַרבאָרגן אונטער אַ מענגע פאַר־קליידנדיקע הילעס נישט בלויז פאַר דעם בליק פון אַנדערע מענטשן, נאָר אויך פאַר איר גופא. מען איז (פגל. קאַפּ. I פון דער צווייטער טייל) אָדער מאַנסביל אָדער פרוי, וויפל מ'זאָל נישט האָבן אין זיך אייגנטימלעכקייטן פון ביידע גע־

שלעכטער, און דאָסדאָזיקע זיין, יענער צענטראַלער פּראָבלעם פון דער אונטערזוכונג פון אָנהויב אָן, באַשטימט זיך איצט לויט דעם פאַרהעלטעניש פון אַ מענטש צו דער לאָגיק און עטיק; אָבער אינדערצייט ווען ס'זענען פאַראַן אַנאַטאָמישע מענער, וועלכע זענען פּסיכאָלאָגיש פרויען, זענען נישט פאַראַן קיין פערזאָנען, וועלכע זאָלן קערפּערלעך זיין פרויען און דאָך פּסיכיש מענער; ווען זיי זאָלן אַפילו אין נאָך אַזויפיל אויסער־לעכע הינזיכטן זיך אַרויסווייזן מענלעך און אַרויסרופן אַן אומווייבלעכן איינדרוק.

יעצט קאָנען מיר בכן מיט זיכערקייט געבן אַן ענדגילטיקע תשובה אויף דער פראַגע מכוח דער באַגאַבונג פון די געשלעכטער: פאַראַן טאַקע פרויען מיט געניאַלע שטריכן, אָבער ס'איז נישט פאַראַן קיין ווייבלעכער זשעני, קיינמאָל איז אַזעלכער נישט געווען (אַפילו נישט צווישן די מאַנסבילשע פרויען, וועלכע זענען דערמאָנט אין דער געשיכטע, און וועגן וועלכע עס רעדט די ערשטע טייל) און ס'קאָן קיינמאָל אַזעלכער נישט זיין. ווער ס'וועט אין אַזעלכע ענינים אַרויסווייזן אומאַנטשיידנקייט און אויף אַזויפיל פאַרברייטערן דעם באַגריף פון געניאַליטעט, אַז אויך פאַר די פרויען זאָל זיך אונטער אים געפינען אַ ברעקל אָרט, דער וואָלט דורכדעם גופא צע־שטערט דעמדאָזיקן באַגריף. וויבאַלד מ'וויל איבערהויפּט אָפּ־געפינען אַ באַגריף פון געניאַליטעט און אים אויפהיטן אין זיין גאַנצער שטרענגקייט און איינהייטלעכקייט, דאַן זענען, ווי איך גלויב, קיין שום אַנדערע ווי די דאָ טאַקע אַנטוויקלטע דעפיניציעס נישט מעגלעך. ווי אַזוי וואָלט געקאָנט לויט זיי אַ בשמהלאָז ווען זיין זשעני? געניאַליטעט איז אידענטיש מיט טיפקייט; און זאָל מען נאָר פּרובירן צו פאַרבינדן מיט איי־נאַנדער דעם אַטריבוט טיף מיטן סובסטאַנטיוו פרוי: יעדער וועט באַמערקן די סתירה. אַ ווייבלעכער זשעני איז בכן אַ contrdictio in adjecto*); מחוּמת גע־ניאַליטעט איז דאָך אַ געשטייגערטע, פול אַנטוויקלטע, העכערע, אַלגעמיין באַוווּסטזיניקע מענלעכקייט. דער געניאַלער מענטש

*) סתירה אינם אדיעקטיוו (לאָגישער טעות).

אַנטהאַלט אין זיך אַליין, און דעריבער אויף די פרוי; אָבער
די פרוי גופא איז נאָר אַ טייל אין וועלטאַל, און דערפאַר
אַלס אַ טייל, קאָן זי נישט אַנטהאַלטן אין זיך דאָס גאַנצע;
ווייבלעכקייט קאָן בכן נישט איינשליסן אין זיך קיין געניאַ-
ליטעט. די זשענילאָזיקייט פון דער פרוי דרינגט
אומאָפּוועבדבאַר אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס די פרוי איז נישט
קיין מאָנאַדע און במילא אויך נישט קיין שפּיל פונם אוניווערס*)

צום באַווייז פון דער נשמהלאָזיקייט פון דער
פרוי פאַרייניקט זיך די גרעסטע טייל פון דעם אַלעם, וואָס
ס'האָט זיך אונז אין די פאָריקע קאַפּיטלעך מער ווייניקער
איינגעגעבן אויפצוקלערן. דאָס דריטע קאַפּיטל קודם-כל האָט
אויפגעוויזן, אַז די פרוי לעבט אין העניִדן, דער מאַנסביל אין
געגלידערטע אינהאַלטן. אַז דאָס ווייבלעכע געשלעכט פירט אַ
ווייניקער באַוווּסטזיניק לעבן, איידער דאָס מענלעכע.
באַוווּסטזיין איז אָבער אַ דערקענטעניש-טעאָרעטישער און צוגלייך
פּסיכאָלאָגישער יסוד-באַגריף. דערקענטעניש-טעאָרעטיש באַוווּסטזיין
און באַזיץ פון אַ קאָנטינויִרלעכן איך, טראַנסצענדענטאַלער
סוביעקט און נשמה זענען קעגנזייטיק פאַרטוישבאַרע באַגריפן.
יעדער איך עקזיסטירט נאָר אויף אַזאַ אופן, וואָס ער
פילט זיך גופא, וואָס איז וועגן זיך באַוווּסטזיניק אין זיינע
דענק-אינהאַלטן; יעטוועדעס זיין איז באַוווּסטזיין. אָבער דאָ
דאַרף מען צוגעבן צו יענער העניִדן-טעאָריע אַ זייער וויכטיקע
דערקלערונג. די אַרטיקולירטע דענק-אינהאַלטן פון דעם מאַנסביל
זענען נישט פּשוט די אַנטוויקלטע און געפורימטע ווייבלעכע,
זיי זענען נישט בלויז אַקטועל, וואָס יענע זענען געווען
פּאָטענציעל; נייערט עס שטעקט אין זיי שוין פון אָנהויב אָן
עפּעס קוואַליטאַטיוו אַנדערס. די פּסיכישע אינ-
האַלטן פונם מאַנסביל זענען שוין אַפילו אין ערשטן העניִדן-

*) ס'וואָלט געווען אַ גאַנץ לייכטע זאַך צו נעמען אַלס ביישפּיל די
שאַפונגען פון די באַרימטסטע פרויען און צו דערווייזן, ווי ווייניק ס'קאָן
אין געגעבענעם פאַל זיין די רייד וועגן געניאַליטעט. כ'האָב מיך אָבער נישט
געקאָנט אַנטשליסן אויף אַזאַ לאַנגווייליקער היסטאָריש-פילאָלאָגישער, מקורות-
מעסיקער אַרבעט, וועלכע וואָלט אָן פעדאַנטעריע שווער געווען דורכצופירן, און
וועלכע קאָן דורך יעדן, וועמען ס'וואָלט פאַרשאַפט פאַרגעניגן, אַליין לייכט
געמאַכט ווערן.

סטאַדיום, ויעלכן זיי באַמיען זיך תמיד גובר צו זיין, בענויגט צו באַגריפלעכקייט; זייער מענלעך, אַז אַפילו י ע ט ו ע ד ע ע מ פ י נ ד ו נ ג פונם מאַנסביל באַזיצט פון פריסטן סטאַדיום אָן אַ טענדענץ צום ב אַ ג ר י ף. די פרוי איז דורכויס נישט גענויגט צו באַגריפלעכקייט, הן אין איר אויפנעמען, הן אין איר דענקען.

דער פרינציפ פון יעטוועדער באַגריפלעכקייט זענען די לאָגישע אקסיאָמען, און אָטא-די פעלן בא די פרויען; דער פרינציפ פון אידענטישקייט, וואָס גיט-צו דעם באַגריף זיין איינזייטיקע באַשטימטקייט, איז פאַר זיי נישט קיין ריכטשנור. זיי מאַכן זיך אויך נישט פאַר קיין נאָרם דעם principium contradictionis, וועלכער גרעניצט אָפּ דעמדאָזיקן באַגריף, אַלס עפּעס זעלבשטענדיקס, פון אַלע אַנדערע מעגלעכע און ווירקלעכע זאַכן. דערדאָזיקער דוחק אין באַגריפלעכער באַשטימטקייט פון יעטווערן ווייבלעכן דענקען דערמעגלעכט יענע „סענסיוויטעט" פון די פרויען, וועלכע איז גורם צום גרעניצלאָזן פונאַנדערוווקס פון מטושטשע אַסאָציאַציעס און פאַרגלייכן פון זאַכן, וועלכע האָבן נישט צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס. אויך די פרויען מיט דעם בעסטן און אַמווייניקסטן באַגרעניצטן זכרון קאָנען קיינמאָל נישט אַרויס פון דערדאָזיקע ס י נ ע ס ט ע ז י אַ ל ע ר מדה. לאָמיר אָננעמען למשל, אַז דורך עפּעס אַ וואָרט דערמאָנען זיי זיך אָן אַ באַשטימטער פאַרב, און דורך אַ געוויסן מענטש דערינערן זיי זיך אָן אַ באַשטימטער שפייז — ווי דאָס קומט באמת באַ פרויען גענוג אָפט פאָר: איז אין אַזעלכע פאַלן פילן זיי זיך פולשטענדיק צופרידן מיט זייער סוביעקטיווער אַסאָציאַציע, נישט זיי באַמיען זיך צו פאַרטיפן, אַלמאי ס'איז זיי גראָד דערדאָזיקער פאַרגלייך איינגעפאַלן און אויף וויפל ער איז באמת דורך די פאַקטישע פאַרהעלטענישן באַגרינדעט, און נישט זיי זוכן אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון וועגן דעם אייגענעם איינדרוק פון געגעבענעם וואָרט אָדער מענטש. דידאָזיקע גענוגזאַמקייט און זעלבסטצופרידנקייט געפינט זיך אין ענגן קשר מיט דעם, וואָס ס'איז פריער באַצייכנט געוואָרן אַלס אינטעלעקטועלע געוויסנלאָזיקייט פון דער פרוי. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דערדאָזיקער פראַגע און זיך באַמיען

אויפצוקלערן איר שייכות מיטן מאַנגל פון באַגריפלעכקייט.

דאָסדאָזיקע אייביקע פאַרבערענגען אין ריין געפילסמעסיקע אָפּקלאַנגען, דאָסדאָזיקע מוותּר זיין אויף באַגריף און באַגריפֿלעכקייט, דאָסדאָזיקע וויגן זיך אָן דער שטרעבונג צו וועלכער ס'איז טיפקייט כאַראַקטעריזירט דעם שימערירנדיקן, עכט ווייבעריש ן סטיל פון אַזויפיל מאָדערנע שריפטשטעלער און מאָלער. מענלעך דענקען אונטערשיידט זיך אויף אַ גרינטלעכן אופן פון ווייבלעכן דורך דעם באַדערפעניש נאָך זיכערע פאָרמען, און אַזוי איז אויך יעדע „שטימונגס-קונסט" בהכרח אַ פ אָ ר מ ל אָ ז ע „קונסט".

צוליב דידאָזיקע טעמים קאָן דער פסיכישער אינהאַלט פונם מאַנסביל נישט פאַרגליכן ווערן צו דער מער אַנטוויקלטער פאָרם פון די הענידן פון דער פרוי. דאָס דענקען פון דער פרוי איז אַ גליטשן זיך, אַ דורכשוועבן צווישן די זאַכן, אַ נעפּן פון זייער דרויסנדיקער אויבערפלאַך, וואָס עס טוט נישט דער מאַנסביל, וועלכער איז געוווינט צו טראַכטן וועגן „שורש פון אַלע זאַכן"; די פרוי פאַרזוכט, נאַשט, באַטאַפּט, אָבער זי כאַפּט קיינמאָל נישט אָן דעם ריכטיקן מהות פון די זאַכן. מחמת דאָס דענקען פון דער פרוי איז קודם-כל עפּעס אַ מין שנאַפּן, בלייבט אויך דאָס שנאַפּן אין ברייטסטן זינען די באַדייטנדיקסטע ווייבלעכע אייגנשאַפט, דאָס העכסטע, וואָס אַ פרוי קאָן זעלבשטענדיק דערגרייכן און וועלכעס זי איז בכּוח צו דערפירן צו אַ געוויסער שלמות. און געשמאַק פאָדערט די קאָנצענטרירונג פון דער אויפמערקזאַמקייט אויף דער בלויזער אויבערפלאַך פון די זאַכן, ער איז געווענדט אויף דעם צוזאַמענקלאַנג פון גאַנצן און שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ אויף די שאַרף זיך אָנצייכנדיקע טיילן. וויבאַלד אַ פרוי „פאַרשטייט" אַ מאַנסביל — וועגן דער מעגלעכקייט און אוממעגלעכקייט פון אַזאַ פאַרשטיין וועלן מיר נאָך רעדן — דאַן ש מ ע ק ט זי אַזויצוזאָגן — ווי געשמאַקלאָז ס'זאָל גראָד נישט זיין דערדאָזיקער אויסדרוק—נאָך, וואָס ער האָט פאַר אירעטוועגן געטראַכט. היות ווי אויף איר זייט קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אַ גענוי באַשטימטן באַגריף, באַפרידיקט זי זיך פולשטענדיק מיט דעם, וואָס דאָס אַרויס-

בעזאָגטע רופט אין איר אַרויס אַ ריי מטושטשע אַנאַלאָגיעס און זי איז זיכער, אַז זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. דעמדאָזיקן אונטערשיד אין דענקען פון מאַנסביל און פרוי דאַרף מען זיך נישט דערקלערן דערמיט, וואָס די ביידע מיני דענק-אינהאַלטן ליגן אויף פאַרשידענע ליניעס, און אַז דער דענק-אינהאַלט פונם מאַנסביל פאַרנעמט אַ ליניע, וועלכע איז אַביסל ווייטער אַרויסגערוקט, איידער דער דענק-אינהאַלט פון אַ פרוי. דאָס זענען צוויי לחלוטין פאַרשידענע רייען, וועלכע שפרייטן זיך אויס אויף איין און דעמזעלביקן אָביעקט; איינע — אַ באַגריפלעכע מענלעכע, די צווייטע — אַן אומבאַגריפלעכע ווייבלעכע. ובכן, וויבאַלד מען רעדט וועגן פאַרשטיין, קאָן פאָרקומען אַן אידענטיפיקאַציע נישט בלויז פון אַן אַנטוויקלטן, דיפערענצירטן, שפּעטערדיקן אינהאַלט מיט אַ נאָך כאַאָטישן, אומגעגלידערטן, פריערדיקן אינהאַלט פון דערזעלביקער רייע, נאָר אַז אין באַגריף פון פאַרשטיין צווישן מאַנסביל און פרוי אינדענטיפיצירט מען פשוט אַ באַגריפלעכן געדאַנק פון איין ריי מיט אַן אומבאַגריפלעכן „געפיל", מיט עפּעס אַ „הענידע" אין דער אַנדערער ריי.

די אומבאַגריפלעכע נאַטור פון דער פרוי איז אָבער, נישט ווינציקער ווי איר שוואַכערע באַוווסטזיניקייט, אַ באַווייז דערויף, אַז זי באַזיצט נישט קיין איך. מחמת ערשט דער באַגריף געשטאַלטיקט דעם בלויזן עמפינדונגס-קאָמפלעקס צום אָ ב י ע ק ט אום, ער מאַכט אים אומאָפהענגיק דערפון, צי איך פיל אים אָפּ אָדער נישט. די מציאות פון עמפינדונגס-קאָמפלעקס איז תמיד אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון מענטש: דער פאַרמאַכט די אויגן, פאַרשטאָפּט די אויערן און דעמאָלט זעט ער שוין גאָרנישט און הערט שוין גאָרנישט, ער פאַרשיכורט זיך, אָדער זוכט דעם שלאָף און פאַרגעסט. ערשט דער באַגריף עמאַנציפּירט דעם קאָמפּלעקס פון דעם אייביק סוביעקטיוון, אייביק פסיכאָלאָגיש-רעלאַטיוון פאַקט פון ע מ פ י נ ד ן, ער שאַפט די ז אַ כ ן. דורך זיין באַגריפלעכע פונקציע שטעלט דער אינטעלעקט זיך זעלבסטעטיק אַקעגן אַ סוביעקט; און פאַרקערט דאָרט נאָר, ווו ס'איז פאַראַן אַ באַגריפלעכע פונקציע, קאָן זיין אַ רייד וועגן סוביעקט און אָביעקט און נאָר דאָרט

זענען ביידע עלעמענטן אונטערשיידבאַר ; אין יעדן אַנדערן
פאַל איז נאָר פאַראַן אַ הויפן פון ענלעכע און אומענלעכע
בילדער, וועלכע גיסן זיך צונויף און גייען איבער אין איינאַנ-
דער אָן שום פּלאַן און סדר. דער באַגריף געשטאַלטיקט בכן
אום די פריי אין דער לופט שוועבנדיקע אימפּרעסיעס
צו געגנשטאַנדן, ער באַשאַפט פון דער עמפּינדונג אַן
אָביעקט, וועמען דער סוביעקט שטעלט זיך אַקעגן, פּרווונדיק
אויף אים זיינע כוחות, ווי אויף אַ שונא. דער באַגריף שפּילט
בכן אַ קאָנסטיטוטיווע ראָלע לגבי יעטוועדער רעאַליטעט. די-
דאָזיקע הנחה דאַרף מען נישט פאַרשטיין אין דעם זינען, אַז
דער געגנשטאַנד באַזיצט רעאַליטאַט אויף אַזויפיל, אויף וויפל
ער איז פאַרבונדן מיט דער אידעע, וואָס ליגט אויף יענער זייט
פון דערפאַרונג, אין אַ געוויסן τόπος νοητός און שטעלט
מיט זיך פאָר בלויז אַן אומפולקאָמע פּראָיעקציע, אַ קיינמאָל
נישט געלונגען אָפּבילד פון איר. נאָר פאַרקערט. אויף וויפל
די באַגריפלעכע פונקציע פון אונזער
אינטעלעקט שפּרייט זיך אויס אויף
עפּעס אַ געגנשטאַנד, אויף אַזויפיל
באַקומט ער רעאַליטעט. דער באַגריף איז
דער „טראַנסצענדענטאַלער אָביעקט” פון דער
קאַנטישער שכל-קריטיק, וואָס אַנטשפּרעכט תמיד אַלס
אַזעלכער דעם טראַנסצענדענטאַלן סוביעקט.
מחמת נאָר פון דעם סוביעקט שטאַמט יענע רעטענישפולע
אָביעקטיווירנדיקע פונקציע, וועלכע בילדעט דעם קאַנטישן
„געגנשטאַנד X” — די ריכטונג פון יעטוועדער דערקענטעניש ;
די דאָזיקע פונקציע איז פולקאָם אידענטיש מיט די לאָגישע
אַקסיאָמען, אין וועלכע עס קומט ווידער צום אויסדרוק דאָס
דאָזיין פון סוביעקט. דער principium contradictionis
גרעניצט אָפּ דעם באַגריף פון דעם אַלעם, וואָס איז נישט ער
גופא ; דער principium identitatis דערמעגלעכט דאָס באַ-
טראַכטן אים, גלייך ווי ער אַליין וואָלט עקזיסטירט אויף דער
וועלט. וועגן עפּעס אַ רויען עמפּינדונגס-קאָמפּלעקס קאָן איך
קיינמאָל נישט זאָגן, אַז ער איז לגבי זיך אידענטיש ; אין
דעם מאָמענט, ווען איך ווענד אויף אים אָן דעם אורטייל פון

אַן ערט, וואָס איז דורך די מחשבה דערגרייכבאַר

אידענטיטעט, איז ער שוין געוואָרן באַגריפלעך. אַזוי גיט ערשט צו דער באַגריף יעטוועדן פּערצעפּציע-קאָמפּלעקס און יעטוועדן געדאַנקען־געוועב זיין חשיבות און זיין געגויקייט: דער באַגריף באַפרייט יעדן אינהאַלט דערמיט, וואָס ער בינדט אים צונויף. פאַראַן אַ פרייהייט פון אָביעקט נישט ווייניקער ווי אַ פרייהייט פון סוביעקט;ביידע אַנטשפּרעכן אייבאַנדער. און דאָ ווייזט זיך נאָכאַמאָל אַרויס ווי יעטוועדע פרייהייט איז זעלבסטבינדונג, פּונקט אַזוי אין דער לאָגיק ווי אין דער עטיק. דער מענטש איז נאָר דעמאָלט פריי, ווען ער אַליין ווערט דאָס געזעץ. נאָר אויף אַזאַ אופן גיט זיך אים איין אויסצוווייכן די העטערענאָמיע, זיך אַוועקצושטעלן מחוץ דער אָפּהענגיקייט פון פרעמדן ווילן, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך אומפאַרמיידלעך יעטוועדן ווילקיר. דערפאַר איז אויך די באַגריפלעכע פונקציע אַ זעלבסטפאַרערונג פונם מענטש; ער פאַרערט זיך דערמיט, וואָס ער גיט זיין סוביעקט די פרייהייט און פאַרזעלבשטענדיקט אים אַלס דעם אַלגעמיין גילטיקן געגנשטאַנד פון דער הכּרה, וועלכער דאַרף מיט זיך תמיד פאָרשטעלן די הכרעה-אינסטאַנץ, דאָרט ווו צוויי מענער זענען זיך מתווכּח איבער עפּעס אַן ענין. — נאָר די פרוי שטייט נישט קעגנאיבער די זאַכן, זי שפּרינגט אַרום מיט זיי און אין זיי מיט זיך, לויט ווי איר גלוסט זיך; זי קאָן דעם אָביעקט קיין פרייהייט נישט שענקען, מחמת זי גופא באַזיצט זי נישט.

די פאַרזעלבשטענדיקונג פון דער עמפּינדונג אין באַגריף איז אָבער נישט אַזויפיל אַ באַפרייונג פון סוביעקט, ווי אַ באַפרייונג פון דער סוביעקטיוויטעט. דער באַגריף איז גיכער דאָס טאַקע, וועגן וועלכן איך טראַכט, שרייב און רעד. דערין ליגט דער גלויבן, אַז איך בלייב נאָך פאָרט אין אַ געוויסער באַציונג צום באַגריף, און דערדאָזיקער גלויבן איז דער מהות פונם אורטייל. אויב די אימאַנענטע פּסיכאָלאָגיסטן, יום, האָקסליי, מאַך, אַווענאַריוס, האָבן זיך נאָך באַמיט אַן עצה צו געבן מיטן באַגריף, אידענטיפיצירנדיק אים מיט דער אַלגעמיינער פאָרשטעלונג און נישט זעענדיק קיין שום נפקא-מינא צווישן לאָגישן און פּסיכאָלאָגישן באַגריף; איז עס

פון דער צווייטער זייט זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיי מוזן
דעם אורטייל פּשוט איגנאָרירן, גלייך ווי ער וואָלט לגמרי
נישט עקזיסטירט. פון זייער שטאַנדפּונקט זענען זיי בשום אופן
נישט בכוח צו פאַרשטיין די אין אורטיילס-אַקט אַנטהאַלטענע
עלעמענטן, וועלכע זענען פרעמד יעטוועדן עמפּינ-
דונגס-מאָניזם. אין אורטייל ליגט אָנערקענונג אָדער
נעגאַציע, הסכּמה אָדער אומבאַוויליקונג פון באַשטימטע זאַכן,
און דער מאָסשטאַב פון דערדאָזיקער אָנערקענונג — די אידעע
פון אמת — קאָן נישט ליגן אין דעם עמפּינדונגס-קאָמפּלעקס
גופא, וועלכער ווערט באַאורטיילט. פאַר וועמען ס'איז מער
נישט פאַראַן ווי עמפּינדונגען, פאַר דעם זענען על-פּי-הכרח אַלע
עמפּינדונגען גלייכוועַרטיק, און קיינע פון זיי האָבן נישט מער
אויסזיכטן פון די אַנדערע צו ווערן דער בוי-שטיין פון אַ רע-
אַלער וועלט. אַזוינאָך פאַרניכטעט גראָד דער עמפּיריזם
די ווירקלעכקייט פון דער דערפאַרונג, און דער פּאָזיטי-
וויזם, נישט קוקנדיק אויף דעם „סאָליד“ און „רעאַל“ קלינגג-
דיקן טיטל פון זיין פירמע, פאַרוואַנדלט זיך אין אמתדיקן
ניהיליזם — ווי עס געשעט אָפט מיט פיל בכּבודיקע
געשעפטס-אונטערנעמונגען, וועלכע ווייזן זיך דערנאָך אַרויס אַלס
שווינדלערישע לופט-בנינים. דער געדאַנק פון אַ מאָס פון דער
דערפאַרונג, דער וואָרהייטס-געדאַנק, קאָן נישט ליגן
שוין אין דער דערפאַרונג גופא. אין יעדן אורטייל אָבער ליגט גראָד
דידאָזיקע טענה אויף וואָרהייט; ער דערהויבט implicite, ווען
ער זאָל אַפילו זיין פאַרזען מיט נאָך אַזויפיל סוביעקטיווע באַ-
וואָרענישן, די פאָדערונג פון זיין אָביעקטיווער גילטיקייט טאַקע
אין יענער אַנטשיידנדיקער פאָרם, וועלכע ס'האָט אים צוגעגעבן
זיין שעפער. ווער עס זאָגט עפּעס אַרויס אין דער פאָרם פון
אַן אורטייל, ווערט אַזוי באַהאַנדלט, גלייך ווי ער וואָלט פאַר-
לאַנגט די אַלגעמיינע אָנערקענונג פאַר דעם, וואָס ער זאָגט;
און וויבאַלד ער דערקלערט, אַז ער איז דאָס כּלל נישט אויסן
געווען, דאַן וועט ער באַקומען אַ גערעכטן ענטפער, אַז ער איז
באַגאַנגען אַ מיסברויך מיט דער אורטיילס-פאָרם. ס'איז בכן
ריכטיק, אַז אין דער אורטיילנדיקער פונקציע ליגט די פּרע-
טענסיע אויף דערקענטניש, דאָס הייסט, אוי

דער וואָרהייט פון דעם געאורטיילטן.

דידאָזיקע טענה אויף דערקענטעניש באַטייט נישט מער און נישט ווייניקער ווי דאָס, אַז דער סוביעקט איז בכּוח צו *אורטיילן* איבער דעם אָביעקט, אַרויסצוזאָגן וועגן אים עפּעס *ריכטיקס*. די אָביעקטן, איבער וועלכע עס ווערט געאורטיילט, זענען *באַגריפן*: דער באַגריף איז דער געגנשטאַנד פון דער דערקענטעניש. דער באַגריף שטעלט אַוועק אַן אָביעקט אַקעגנאיבער דעם סוביעקט: *דורך דעם אורטייל ווערט ווידער איינגעשטעלט אַ קשר און קרובהשאַפט צווישן זיי.* מחמת די וואָרהייטס-פאָדערונג הייסט אַזויפיל, אַז דער סוביעקט *קאָן* אויך ריכטיק אורטיילן איבער דעם אָביעקט. *און אַזוינאָך ליגט אין דער אורטיילס-פונקציע דער באַווייז פון אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם איך און דעם אַל*, נאָכמער, דער באַווייז פון דער מעגלעכקייט פון זייער פולער איינהייט. נאָר אַזאַ איינהייט — נישט די *איינערלייקייט*, נאָר די *אידענטיטעט* פון זיין און דענקען, איז דער אמת; זי איז אַן אייביקע *פאָדערונג*, אַ פּאָסטולאַט, אָבער נישט קיין פאַקט*), וועלכן דער מענטש איז אימשטאַנד צו דערגרייכן. די פרייהייט פון סוביעקט און די פרייהייט פון אָביעקט זענען דאָך סוף-כּל-סוף איין און דיזעלביקע *פרייהייט*. די אורטיילס-מעגלעכקייט אין איר אַלגעמיינסטער הנחה — דער מענטש קאָן אורטיילן איבער אַלעם — איז נאָר דער טרוקענער *לאָגישער אויסדרוק פון דער טעאָריע פון דער מענטשלעכער נשמה אַלס מיקראָקאָסמאָס.* און די אַזוי אָפּט באַווירטע פראַגע, וואָס איז פריער, באַגריף אָדער אורטייל, וועט מען מוזן אַנטשיידן אויף אַזאַ אופן, אַז קיינעם פון זיי קומט נישט די בכורה איבערן אַנדערן, גיכער זענען זיי זיך איינאַנדער מחייב. מחמת יעטוועדע דערקענטעניש נעמט אַרום אַ געגנ-

*) אַזאַ מין פאַקט קאָן נישט זיין קיין אויסגאַנגס-פונקט פון אַ פילאָזאָפיע; ער איז גיכער דער לעצטער גרעניץ-פונקט, צו וועלכן זי דאַרף דערדערגרייכן.

שטאַנד, דערקענען אָבער קומט פאַר אין דער פאָרם פון אורטיילן, און זיין געגנשטאַנד איז דער באַגריף. די באַגריפלעכע פונקציע האָט געשפּאָלטן סוביעקט און אָביעקט, איבערלאָזנדיק אין איינזאַמקייט דעם סוביעקט: ווי יעטוועדע ליבע, שטרעבט אויך די בענקשאַפט פון דעם דערקענטניש-דראַנג ווידער צו פאַרייניקן דאָס אַנטצווייטע.

פעלט באַ אַ וועזן, ווי באַ דער עכטער פרוי, די באַגריפלעכע טעטיקייט, מוז עס בהכרח באַרויבט זיין אויך פון דער אורטיילנדיקער טעטיקייט. דידאָזיקע באַהויפּטונג וועט זיך אפשר אויסווייזן ווי אַ לעכערלעכער פּאַראַדאָקס, מחמת אויך די פרויען ר ע ד ן דאָך גענוג (וויינינגער האָט זיך קיינער נאָך נישט באַקלאָגט אויף קיין מאַנגל אין דערדאָזיקער הינזיכט), און יעטוועדעס רעדן איז אויסדרוק פון אורטיילן. אָבער טאַקע אָט-דאָס לעצטע איז נישט ריכטיק. דער ל י ג נ ע ר צ. ב., וועלכן מען שטעלט תמיד אַרויס אַלס איבערצייגנדיקן באַווייז קעגן דער טיפערער באַדייטונג פון דער אורטייל-דערשיינונג, א ו ר ט י י ל ט ל ג מ ר י נ י ש ט (פאַראַן אַן אינערלעכע „אורטיילס-פאָרם"*) פונקט ווי אַן „אינערלעכע שפּראַך-פאָרם"), ליגנט זאָגנדיק, לאָזט ער איגנאַנצן אָן אַ זייט דעם מאָסשטאַב פון אמת. און הגם ער וויל פאַר זיין שקר אויפצווינגען די אַלגעמיינע אָנערקענונג, שליסט ער טאַקע דערפון אויס זיין אייגענע פערזאָן, און דערמיט פאַרשווינדט בכן די אָביעקטיווע גילטיקייט. וויבאַלד אַ מענטש נאַרט אָפּ זיך גופא, הייסט דאָס, אַז ער וואַרפט נישט אונטער זיינע געדאַנקען דעם אורטייל פון דער אינערלעכער שטים, ער וועט זיך אָבער פונדעסטוועגן נישט איינשטעלן צו פאַרטיידיקן זיי פאַר וועלכן ס'איז אויסערלעכן פאָרום. אויף אַזאַ אופן קאָן עמיצער גאַנץ גוט אָפּהיטן די אויסערלעכע שפּראַכלעכע פאָרם פון אורטייל, נישט אָפּהיטנדיק דעם אינערלעכן תנאי זיינעם. דערדאָזיקער אינערלעכער תנאי איז אויפריכטיקע אָנערקענונג פון דער אידעע פון אמת אַלס אויבערשטן שופט איבער אַלע אורטיילן, און הערצלעכער באַגער צו קאָנען ביישטיין פאַרן דאָזיקן שופט מיט יעדן אורטייל, וואָס דער מענטש גיט אַרויס. אין דעם מענטש

*) דער אויסדרוק שטאַמט פון דר. ה״ל. י ע ר ו ז א ל ע ם.

איז אָבער איין פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלט אַ באַשטימטע פאַר־העלטעניש צו דער אידעע פון אמת, און נאָר פון אַזאַ פאַר־העלטעניש קאָן אַרויספליסן וואָרהאַפטיקייט פונקט אַזוי לגבי די מענטשן, ווי לגבי די זאַכן, ווי אויך לגבי זיך גופא. דערפאַר איז יענע דורכגעפירטע איינטיילונג אויף ליגנט לגבי זיך און ליגנט לגבי אַנדערע אין תוך פאַלש, און ווער עס איז ס ו ־ ב י ע ק ט י ו ו ל י ג נ ע ר י ש, ווי מיר האָבן שוין דאָס באַמערקט בנוגע דער פרוי און איבער וועלכן מיר וועלן זיך נאָך אויספירלעכער אָפּשטעלן, דער קאָן אויך נישט האָבן קיין שום אינטערעס צו דעם אָ ב י ע ק ט י ו ו ן אמת. די פרוי קימערט זיך כּלל נישט וועגן אמת — דערפאַר איז זי נישט ע ר נ ס ט — דערפאַר נעמט זי אויך נישט קיין אָנ־טייל אין ג ע ד אַ נ ק ע ן. פאַראַן אַ מענגע ווייבלעכע שריפטשטעלערינס, אָבער געדאַנקען ווערט מען קנאַפּ וואָס געפינען אין דעם אַלעם, וואָס ווייבלעכע קינסטלערינס האָבן ווען עס איז געשאַפן; און אַזוי שוואַך איז זייער ליבע צום (אָביעקטיוון) אמת, אַז אַפילו צו ב אָ ר ג ן זיך געדאַנקען באַ אַנדערע האַלטן זיי על־פּי־רוב פאַר אַן איבריקע טירחא.

קיין שום פרוי האָט נישט קיין ווירקלעכן אינטערעס פאַר דער וויסנשאַפט, און מעג זי אין דערדאָזיקער הינזיכט אָפּנאַרן זיך גופא און נאָך אַזויפיל טיכטיקע מענער, אָבער שלעכטע פּסיכאָלאָגן. אין די־יעניקע פאַלן, ווען די פרוי האָט באַוויזן אין איר וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט צו שאַפן עפּעס מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקס, (ס אָ פ י ע ז ש ע ר מ ע ן, מ ע ר י ז אָ מ ע ר ו ו י ל א. א. וו.) קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז הינטער דעם אַלעם פאַרבאָרגט זיך אַ מאַנסביל, צו וועלכן זי האָט זיך אויף אַזאַ אופן באַמיט צו דערנענטערן; און פיל אַלגעמיינער גילט פאַר די פרויען דער „Cherchez l' homme" אײדער פאַרן מאַנסביל דער „Cherchez la femme".

די פרוי האָט קיינמאָל נישט געשאַפן עפּעס באַדייטנדיקס אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט. מחמת די פעיקייט צום אמת שטאַמט נאָר פונם ווילן צום אמת און ווערט תמיד לויט אים געמאָסטן.

דערפאַר איז אויך דער ווירקלעכקייט-חוש פון די פרויען אַ פיל קלענערער ווי בײַ די מענער, הגם מ׳האַלט אָפּט פונקט פאַרקערט. די דערקענטעניש בײַ זיי איז זיך תּמיד משעבד צו אַ פרעמדן צוועק, און וויבאַלד די שטרעבונג צום דאָזיקן צוועק איז גענוג אינטענסיוו, דאַן איז די פרוי אימ־שטאַנד ריכטיק און אומטעותדיק צו קוקן. סאַראַ ווערט אָבער דער אמת דאַרף האָבן אַלס אַזעלכער און פאַר זיך גופא, וועט אַ פרוי קיינמאָל נישט אימשטאַנד זײַן אײַנצוזעען. דאָרט בכן ווו אילוזיע קומט־אַנטקעגן אירע (אָפּט אומבאַוווסטזיניקע) ווונטשן, דאָרט ווערט די פרוי לגמרי אומקריטיש, און פאַרלירט יעדע קאָנטראָל איבער דער רעאַליטעט. דערפון שטאַמט דער פעסטער גלויבן פון געוויסע פרויען, אַז זיי זענען אומעטום באַדראָט פון סעקסועלע אָנפאַלן, דערפון יענע אומגעווייגלעך אָפטע האַלוצינאַציעס פונם טאַפּ-חוש, וועלכע נעמען-אָן אַזאַ אינטענסיוון ממשותדיקן כאַראַקטער, וועגן וועלכן דער מאַנסביל וועט זיך נישט לײַכט קאָנען מאַכן קיין פאָרשטעלונג ; מחמת די פאַנטאַזיע פון דער פרוי איז טעות און שקר, אַקעגן-זשע די פאַנטאַזיע פון מאַנסביל, אַלס קינסטלער אָדער פילאָזאָף, איז ערשט העכערער אמת.

אָבער דער וואָרהייטס-געדאַנק ליגט אָבער אין יסוד פון אַלעם, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען אורטייל. אורטיילן איז די פאָרם פון יעטוועדן דערקענען, און דענקען גופא באַטײַט נישט עפּעס אַנדערש ווי אורטיילן. די נאָרם פון אורטייל איז דער כּלל פון גענוגנדיקן גרונט, פונקט ווי די כּללים פון סתירההדיקייט און אידענטישקייט קאָנסטיטוירן דעם באַגריף (אַלס נאָרם פון דער עסענץ). אַז די פרוי אָנערקענט נישט דעם כּלל פון גענוגנדיקן גרונט, דערויף האָבן מיר שוין אָנגעוויזן.

יעטוועדעס דענקען איז צוריקפירונג פונם פילערלייאיקן צו דער איינהייט. אין דעם כּלל פון גענוגנדיקן גרונט, וועלכער מאַכט אָפּהענגיק די באַרעכטיקונג פון יעדן אורטייל פון אַ לאָגישן דערקענטעניש-גרונט, ליגט דער געדאַנק פון דער אײנ־הייטס-פונקציע פון אונזער דענקען אין באַציונג צו דער פילערלייקייט און טראַץ איר ; אינדערצײַט ווען די דרײַ אַנדערע לאָגישע אַקסיאָמען זענען נאָר אַן אויסדרוק פון דעם

ע״ן פון דער איינהייט גופא אָן באַציונג צו דער גאַנצער פילערלייקייט.

דערפאַר לאָזן זיך די ביידע פרינציפּן נישט צוריקפירן צו איינאַנדער, גיכער דאַרף מען אין זייער צווייערלייקייט זען דעם פאָרמעל־לאָגישן אויסדרוק פון דואַליזם אין דער וועלט, דעם אויסדרוק פון דער עקזיסטענץ פון אַ פילהייט לעבן דער איינהייט. יעדנפאַלס האָט לייבניץ רעכט געהאַט, אונטערשיידנדיק די ביידע; און יעדע טעאָריע, וואָס זאָגט דער פרוי אָפּ די לאָגיק, דאַרף דערווייזן, אַז די פרוי קאָן נישט באַגרייפן און נישט אונטערגעבן זיך נישט בלויז דעם כלל פון דער סתירה (און דער אידענטישקייט), וועלכע באַציט זיך אויף דעם באַגריף, נאָר דעם פרינציפּ פון גרונט, אונטער וועמעס שליטה עס שטייט דער אורטייל. דערדאָזיקער באַווייז ליגט אין דער אינטעלעקטועלער געוויסנלאָזיקייט פון דער פרוי. האָט אַמאָל אַ פרוי עפּעס אַ טעאָרעטישן איינפאַל, פאַרטיפט זי אים נישט ווייטער, זי באַמיט זיך נישט אים צונויפצובינדן מיט אַנדערע, זי דענקט איבער אים נישט נאָך. דערפאַר איז אויך ווייניקער פאַר אַלץ מעגלעך די מציאות פון אַ ווייבלעכן פילאָזאָף: עס פעלט דער אויסדויער, די שאַרפקייט, די התמדה פון דענקען און אַלע מאָטיוון דערצו, און אַז אַ פרוי זאָל ליידן צוליב פראָבלעמען, דערפון קאָן בכלל קיין רייד נישט זיין. און גלייכער צו שווייגן וועגן די פרויען, וועלכע מ׳קאָן גאָרנישט העלפן. דער פראָבלעמאַטישער מאַנסביל וויל דערקענען, די פראָבלעמאַטישע פרוי וויל נאָר ווערן דערקענט.

אַ פסיכאָלאָגישער באַווייז פאַר דער מענלעכקייט פון דער אורטיילס־פונקציע איז דערדאָזיקער פאַקט, וואָס דאָס אורטיילן ווערט אָפּגעפילט דורך דער פרוי אַלס עפּעס מענלעכס, און וואָס ווירקט אויף איר צוציעוודיק אַלס אַ (טערציערער) סעקסואַל־שטריך. די פרוי פאַרלאַנגט פון מאַנסביל תמיד באַשטימטע איבערצייגונגען, וועלכע זי זאָל קאָנען איבערנעמען; פאַר דעם

צ װ י י פ ל ע ר אינם מאַנסביל האָט זי נישט די מינדסטע פֿאַרשטענדעניש. אויך דערוואָרט זי תּמיד, אַז דער מאַנסביל זאָל רעדן, און די רייד פֿונם מאַנסביל זענען פֿאַר איר אַ סימן פֿון מענלעכקייט. די פֿרויען זענען טאַקע באַשאַנקען מיטן גאָב פֿון דער שפּראַך, אָבער זיי באַזיצן נישט די פֿעיקייט פֿון רעדן, אַ פֿרוי קאָנווערסירט (קאָקעטירט) אָדער פּלאַפּלט, אָבער זי רעדט נישט. צום געפֿערלעכסטן אָבער איז זי דאַן, ווען זי איז שטום, מחמת דער מאַנסביל איז זייער אָפּט גענויגט אָנצונעמען איר שטומקייט פֿאַר שטילשווייגן.

אַזוינאָך האָבן מיר אויפֿגעוויזן, אַז פ איז באַרויבט נישט בלויז פֿון די לאָגישע נאָרמען, נאָר אויך פֿון יענע פֿונקציעס, וועלכע ווערן רעגולירט דורך דידאַזיקע נאָרמען; מיט אַנדערע ווערטער — זי איז באַרויבט פֿון דער באַגריפֿלעכער און אורטיילנדיקער טעטיקייט. היות אָבער ווי די באַגריפֿלעכקייט באַשטייט לויט איר מהות דערין, וואָס זי שטעלט אַוועק דעם סוביעקט פּנים-אל-פּנים מיט זיין אָביעקט, און היות ווי און אורטיילן קומט צום אויסדרוק די אורקרובהשאַפֿט און טיפֿסטע מהות-איינהייט פֿון סוביעקט מיט זיין אָביעקט, דערפֿאַר מוזן מיר ווידעראַמאָל אָפּזאָגן דער פֿרוי דעם באַזיץ פֿון אַ סוביעקט.

צו דעם באַוויז פֿון דער אַלאָגישקייט פֿון דער אַבסאָלוטער פֿרוי לאָזט זיך אָנשליסן דער באַוויז פֿון איר אַמאָראַלישקייט אין די איינצלנע פֿאַלן. די טיפֿע ליגנערישקייט פֿון דער פֿרוי, וועלכע דרינגט שוין דאָ באַשיימפּערלעך אַרויס פֿון דעם מאַנגל אין אַ פֿאַרהעלטעניש צו דער אידעע פֿון אמת, ווי צו די ווערטן בכלל, מוז נאָך ווערן אַזוי אויספֿירלעך אַרומגערעדט, כּדי עס זאָל דאָ קודם-כּל בולט ווערן עטלעכע אַנדערע מאָמענטן. דאָס פֿאַרלאַנגט אַ באַזונדערן שאַרפֿזין און גרויס פֿאָרזיכטיקייט, מחמת ס'זענען פֿאַראַן אַזויפֿיל אימיטאַציעס פֿון עטישקייט, אַזויפֿיל פֿאַלשע קאָפּיעס פֿון דער מאָראַל, אַז פֿיל מענער שטעלן די ווייבלעכע זיטלעכקייט העכער פֿאַר דער מענלעכער. איך האָב שוין באַטאָנט די נויטווענדיקייט פֿון אונטערשיידן צווישן אמאָראַלישן און אַנטימאָראַלישן פֿאַרהאַלטן זיך, און איך חזר איבער, אַז בײַ דער עכטער פֿרוי קאָן זיין

אַ רייד נאָר וועגן ערשטן, וואָס האָט נישט קיין שום חוש פאַר דער מאָראַל. ס'איז אַ באַקאַנטער פאַקט פון דער קרימי־נאַל־סטאַטיסטיק, ווי פון טעגלעכן לעבן, אַז פרויען באַגייען אומפאַרגלייכלעך ווייניקער פאַרברעכנס, איידער מאַנסבילן. אויפן דאָזיקן פאַקט פאַררופן זיך אויך תּמיד די פלייסיקע אַפּאָלאָגעטן פון דער זיטן־ריינקייט פון דער פרוי.

אָבער באַ דער אַנטשיידונג פון דער פראַגע מכּוח דער ווייבלעכער זיטלעכקייט גייט נישט וועגן דעם, צי עמיץ האָט אָביעקטיוו געזינדיקט אַקעגן דער אידעע, נאָר וועגן דעם, צי באַזיצט דער מענטש אַן אָביעקטיוון מהות־קערן, וועלכער שטייט אין אַ באַשטימטן פאַרהעלטעניש צו דער אידעע, און ווענמעס ווערט ער איז מטיל בספק, וויבאַלד ער איז באַגאַנגען אַ חטא. אַוודאי ווערט דער פאַרברעכער געבוירן מיט זיינע פאַרברעכע־רישע אינסטינקטן, אָבער דאָך פילט ער אַליין, נישט קוקנדיק אויף אַלע טעאָריעס פון "Moral insanity„, אַז דורך זיין טאַט פאַרלירט ער זיין ווערט און זיין רעכט אויפן לעבן; מחמת ס'זענען פאַראַן בלויז פחדנישע פאַרברעכער, און נישטאָ קיין איינער, ווענמעס שטאָלץ און זעלבסטבאַוווסטזיין זאָלן דורך דער שלעכטער טאַט געשטייגערט און נישט פאַרמינערט ווערן, קיין איינער, וועלכער זאָל זיך אונטערנעמען אים צו גערעכט־פערטיקן.

דער מאַנסבילשער פאַרברעכער האָט שוין פון געבורט אָן אַ באַשטימטע פאַרהעלטעניש צו דער אידעע פון ווערט, פונקט ווי יעדער אַנדער מאַנסביל, באַ וועלכן עס פעלן די פאַרברע־כערישע אינסטינקטן, וואָס באַהערשן דעם ערשטן. די פרוי־דערקעגן פילט נישט קיין שום שולד אין זיך, אַפילו ווען זי איז באַגאַנגען די מעגלעכסט גרעסטע געמיינקייט; אינדערצייט ווען דער עכטער פאַרברעכער שווייגט טעמפּ אויף אַלע פאָרווורפן, איז די פרוי עלול אויסצודריקן אַ באַליידיקטע איר פאַרוווּנדערונג און פאַרדראָס, באשר מען שטעלט אין ספק איר רעכט צו האַנדלען אַזוי אָדער אַנדערש. פרויען זענען תּמיד איבערצייגט אין זייער „רעכט”, נישט אונטערוואַרפנדיק זיך קיינמאָל דעם אורטייל פון געוויסן. דער פאַרברעכער הערט זיך, וואָס אַן אמת, אויך ווייניק איין אין זיין אינערלעכער שטים,

אָבער ער באַהויפּט אויך קיינמאָל נישט זיין רעכט; ער באַמיט זיך גיכער אויסצוווייכן דעם געדאַנק וועגן רעכט, ווייל דאָס קאָן אים דערמאָנען אָן זיין שולד: און דאָ ליגט אויך דער באַוויז, אַז ער איז געשטאַנען אין אַ געוויסן פאַרהעלטעניש צו דער אידעע, נאָר ער וויל זיך נישט דערמאָנען זיין אומ־טרייקייט לגבי זיין בעסערן איך. קיין שום פאַרברע־כער האָט נאָך באמת נישט געטראַכט, אַז אים איז דורך דער שטראָף געשען אַן אומרעכט*).

די פרוי דערקענן איז איבערצייגט אין דער בייזוויליקייט פון אירע אָנקלאָגערס; און וויבאַלד זי וויל נישט, קאָן איר קיינער נישט דערוויזן, אַז זי איז באַגאַנגען אַן אומרעכט. ווען ווען עמיצער נעמט איר רעדן צום האַרצן, טרעפט זיך אָפט, אַז זי ברעכט אויס אין אַ געוויין, בעט פאַרגעבונג און „זעט־איין איר אומרעכט", און גלויבט אַפילו באמת, אַז זי פילט אויפריכטיק אָפּ דאָסדאָזיקע אומרעכט: אָבער תמיד נאָר, ווען זי האָט חשק דערצו; מחמת דאָסדאָזיקע פונאַנדערגיסן זיך אין טרערן איז איר תמיד גורם אַ געוויסן עראָטישן פאַרגעניגן. דער פאַרברעכער איז פאַרעקשנט, ער לאָזט זיך נישט אין הרף־עין איבערדרייען, ווי דאָס לפנימדיקע עקשנות פון דער פרוי לאָזט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נישט וויניקער לפנימדיק שולד־געפיל. די איינזאַמע פיין פון דער שולד, וועלכע זיצט ווי־בענדיק אויפן בעט און פאַרגייט שיר פאַר בושה איבערן חטא, מיט וועלכן זי האָט זיך באַלאָדן, די קען קיין שום פרוי נישט, און אַ לפנימדיקער אויסנאַם (די בעל־תשובהניצע, די דעם לייב בייטשנדיקע קלויסטער־שוועסטער) וועט אויך שפּעטער ווייזן, אַז אַ פרוי פילט זיך זינדיק תמיד נאָר אין צוווייען.

איך באַהויפּט בכן נישט, אַז די פרוי איז שלעכט,

---

*) דער פאַרברעכער פילט זיך אַפילו דאַן אויף זיין אופן שולדיק, ווען ער האָט אַפילו קיין שום שלעכטס נישט געטאָן. ער איז תמיד צוגעגרייט אויפן פאַרוואורף פון שווינדל, גנבה א. א. וו., אַפילו ווען ער איז די טאַט לגמרי נישט באַגאַנגען: מחמת ער ווייסט, אַז ער איז עלול דערצו. ער פילט זיך אויך דערפאַר שטענדיק דערטאַפּט, ווען עפּעס אַן אַנדער פאַרברעכער ווערט אַרעסטירט.

אַנטימאָראַליש, גיכער בּאַהויפּט איך, אַז זי קאָן לגמרי נישט זיין שלעכט; זי איז נאָר אַמאָראַליש, בּידרייק.

דאָס ווייבּלעכע מיטלייד און די ווייבּלעכע שעמעוודיקייט זענען די בּיידע ווייטערדיקע פענאָמענען, אויף וועלכע די שעצערס פון דער ווייבּלעכער טוגנט פאַררופן זיך על-פי-רוב. ספּעציעל די ווייבּלעכע גוטסקייט, דאָס ווייבּלעכע מיטגעפיל האָבּן אַמייסטן גורם געווען צו דער שיינער לעגענדע מכּות דער פּסיכע פון דער פרוי, און דער לעצטער אַרגומענט פון יעטוועדן גלויבּן אין דער העכערער זיטלעכקייט פון דער פרוי איז די פרוי אַלס קראַנקן-פּלעגערין, אַלס בּאַרמהאַרציקע שוועסטער. איך דערמאָן נישט גערן אָן דאָזיקן פונקט און וואָלט אים נישט בּאַרירט, כ׳בּין אָבּער דערצו געצוווּנגען צוליבּ אַ פאָרוורף, וועלכער איז מיר מינדלעך געמאַכט געוואָרן, און וועלכן ס׳וועלן וואַרשיינלעך אויך אַנדערע איבּערחזרן.

דאָס איז אַ קורצזיכטיקייט, ווען מ׳האַלט די קראַנקן-פלעגע פון די פרויען פאַר אַ בּאַווייז פון זייער מיטלייד, אינדערצייט ווען דערפון דרינגט גיכער אַרויס גראָד דער היפּך. מחמת דער מאַנסבּיל קאָן קיינמאָל נישט צוזען די שמערצן פון קראַנקן, ער וואָלט געמוזט צוזאַמען מיט אים אַזויליידן, אַז ער וואָלט אַליין פולשטענדיק צעריבּן געוואָרן, און דויערנדיקע פלעגע פון פּאַציענט וואָלט פאַר אים געווען גאַנץ אוממעגלעך. ווער עס בּאַאָבּאַכט קראַנקן-שוועסטערן, בּאַמערקט מיט דערשטוינונג, אַז זיי בּלייבּן גלייכמוטיק און „זאַנפט" אַפילו בּעת די מוראדיקסטע קראַמפן פון דעם גוסס; און אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. מחמת דער מאַנסבּיל, וועלכער קאָן נישט מיטמאַכן קיין יסורים און טויט, וואָלט געווען פאַרן חולה אַ שלעכטער פלעגער. דער מאַנסבּיל וואָלט געוואָלט לינדערן די יסורים, אויפהאַלטן דעם טויט, מיט איין וואָרט, ער וואָלט וועלן העלפן; דאָרט ווו ס׳איז נישט צו העלפן, דאָרט איז פאַר אים קיין אָרט נישטאָ, דאָרט קאָן נאָר די פלעגע אַליין אַריינטרעטן אין איר רעכט, און דערצו אייגנט זיך נאָר די פרוי. מען איז אָבּער לגמרי אין טעות, וויבּאַלד מען גלויבּט צו קאָנען שעצן די טעטיקייט פון די פרויען אויפן דאָזיקן געבּיט אַנדערש פון אוטיליטאַריסטישן שטאַנדפּונקט.

אַקעגן-זשע עקזיסטירט לגמרי נישט פאַר דער פרוי דער פּראָבלעם פון איינזאַמקייט און געזעלשאַפט. זי שיקט זיך גראָד דערפאַר באַזונדערס גוט אַלס געזעלשאַפטערין (פאָרלייענערין, קראַנקען-פלעגערין), ווייל זי גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון איינזאַמקייט צו מערזאַמקייט. *פאַרן מאַנסביל* ווערט *איינזאַמקייט און מערזאַמקייט תמיד אַ פּראָבלעם*, הגם אָפט ווערט *פאַר אים נאָר איינס פוןביידן מעגלעך*. די פרוי פאַרלאָזט נישט קיין שום איינזאַמקייט, כדי צו פלעגן דעם קראַנקן, ווי זי וואָלט עס געמוזט טון, כדי איר טעטיקייט זאָל קאָנען מיט רעכט אָנגערופן ווערן זיטלעך; *מחמת אַ פרוי איז קיינמאָל נישט איינזאַם*, זי קען נישט די ליבע צו איינזאַמקייט און נישט די מורא פאַר איר. *די פרוי לעבט תמיד, אַפילו ווען זי איז אַליין, אין אַ צושטאַנד פון צונויפגעגאָסנקייט מיט אַלע מענטשן, וועלכע זי קען.* דאָס איז אַ באַווייז, אַז זי איז נישט קיין מאָנאַדע; מחמת אַלע מאָנאַדעס האָבן *גרעניצן*. די פרויען זענען לויט זייער עצם אומבאַגרעניצט, אָבער נישט אומבאַגרעניצט ווי דער זשעני, וועמעס גרעניצן פאַלן זיך צונויף מיט די גרעניצן פון דער וועלט; נאָר אַזוי, אַז קיין שום ממשותדיקס *טיילט* זי קיינמאָל נישט אָפּ פון דער נאַטור אָדער פון די מענטשן*).

דאָסדאָזיקע צונויפגעגאָסנזיין איז עפּעס דורכויס *סעקסועלס*, און אין הסכם דערמיט דריקט זיך אויס יעטוועדעס ווייבלעכע מיטלייד אין קערפּערלעכער דערנענטערונג צו דעם באַמיטליידיקטן וועזן, דאָס איז חיהשע צערטלעכקייט, וואָס מוז גלעטן און טרייסטן. ווידער נאָר אַ באַווייז פאַרן פעלן פון יענער שאַרפער גרעניץ, וועלכע איז תמיד אָנגעצייכנט צווישן פּערזענלעכקייט און פּערזענלעכקייט! די פרוי ערט נישט דעם שמערץ פון דעם מיטמענטש דורך שווייגן, גלויבנדיק, אַז זי וועט אים קאָנען לינדערן דורך אויסרעדן דאָס האַרץ: אַזוי

*) מחמת די פרוי זעט קיינמאָל נישט אין צווייטן מענטש אַ באַזונדער וועזן, דערפאַר לײַדט זי קיינמאָל נישט צווישן אידע נאָענטע, און דערפאַר קען זי אויך תמיד פילן איר יתרון איבער אלע אנדערע מענטשן.

וויט פילט זי זיך מיט אים פאַרבונדן, אַלס נאַטירלעך, נישט אַלס גייסטיק וועזן.

דאָס צוגויפגעגאָסענע לעבן, איינס פון די וויכטיקסטע און אַמטיפסטן פירנדיקע פאַקטן פון ווייבלעכן דאָ-זיין, איז אויך די סיבה פון דער גערירטקייט פון אַלע פרויען, די סיבה פון יענער געמיינער גרייטקייט און אומפאַרשעמטקייט צו גיסן טרערן בײַ יעדער קלייניקייט. נישט בחינם קענען מיר באַר קלאַגווייבער; אַקעגן-זשע אַ מאַנסביל, וועלכער וויינט אין אַ געזעלשאַפט, קאָן ווייניק רעכענען אויף אַכטונג צו זיך. ווען עמיצער וויינט, דאַן וויינט די פרוי מיט, פונקט ווי זי לאַכט תמיד מיט, ווען עמיץ אַנדערש לאַכט, ווײַבאַלד נאָר נישט פון איר, פאַרשטייט זיך: און דערמיט איז שוין אויך אויסגעשעפּט אַ היפּשער טייל פון דעם ווייבלעכן מיטלייד.

נאָר די פרוי יאָמערט פאַר אַנדערע מענטשן, וויינט זיי אָן אַ פולן קאָפּ און פּאַרלאַנגט זייער מיטלייד. דערין ליגט איינס פון די שטאַרקסטע באַווייזן פון דער פּסיכישער אומפאַרשעמטקייט פון דער פרוי. די פרוי פּראָוואָצירט דאָס רחמנות פון די פרעמדע, כדי צוזאַמען מיט זיי צו וויינען און אַזויערנאָך צו קאָנען נאָכמער, ווי ביז איצט, זיך גופא באַדויערן. יאָ, מ'קאָן אָן שום גוזמא זאָגן, אַז די פרוי, אַפילו ווען זי וויינט אַליין, וויינט זי תמיד מיט אַנדערע מיט, פאַר וועמען זי באַקלאָגט זיך אין די געדאַנקען אויף אירע ליידן, דורך וועלכן זי ווערט אַליין זייער העפטיק גערירט. „מיטלייד מיט זיך גופא" איז אַן אויסשליסלעך ווייבלעכע אייגנשאַפט: די פרוי שטעלט זיך צורעשט אין איין ריי מיט די אַנדערע מענטשן, מאַכט זיך צום אָביעקט פון זייער רחמנות-געפיל און ערשט דאַן הויבט זי אָן, אַ טיף גערירטע, צוזאַמען מיט זיי איבער זיך „די אָרעמע" מיטצוּוויינען. צוליבן דאָזיקן טעם שעמט זיך דער מאַנסביל אפשר פאַר קיין שום אַנדער רעגונג נישט אַזוי שטאַרק, ווי בעת ער דערטאַפּט זיך אויפן אימפּולס צום דאָזיקן אַזויגערופענעם „מיטלייד מיט זיך גופא", אין וועלכן דער סוביעקט ווערט פאַקטיש אַביעקט.

דאָס ווייבלעכע מיטלייד, אין וועלכן אַפילו שאָפּענהויער

האָט געגלויבט, איז אַ שלאָכצן און אַ יאָמערן איבערהויפּט, באַ
איטלעכן מינדעסטן שעת־הכושר, אָן דער שוואַכסטער באַמיונג,
אויס בושה אונטערצודריקן אין זיך דאָסדאָזיקע געפיל. אמתדיקע
מיטלייד, פּונקט ווי יעדעס ליידן, אויף וויפל עס איז ווירקלעך
ערנסט, מוז זיין שעמעוודיק; יאָ, קיין שום לייד קאָן נישט
זיין אַזוי שעמעווידיק ווי דאָס מיטלייד און די ליבע, מחמת
אין דידאָזיקע ביידע געפילן קומען מיר אַמשטאַרקסטן צום
באַוווּסטזיין פון יענע אומאיבערשטייגבאַרע גרעניצן
פון יעדער אינדיווידואַליטעט. וועגן דער ליבע און איר שע־
מעוודיקייט וועלן מיר ערשט רעדן שפּעטער. אין מיטלייד,
אין עכטן מענלעכן מיטלייד, ליגט תמיד פאַרשעמטקייט, שולד־
באַוווּסטזיין, ווייל דאָס גייט נישט מיר אַזוי שלעכט, ווי דעם
אַנדערן, ווייל איך בין נישט ער, נאָר אַ וועזן, וואָס איז
אָפּגעטיילט פון אים אויך דורך אויסערלעכע אומשטאַנדן.
דאָס מענלעכע מיטלייד איז דאָס איבער זיך
Principium in-
גופא רויטלענדיקע
"dividuationis; דערפאַר איז יעטוועדעס
ווייבלעכע מיטלייד צודרינגלעך, בשעת דאָס
מענלעכע באַהאַלט זיך.

סאַראַ שייכות עס האָט דאָס מיטלייד צו דער שעמעוו־
דיקייט פון דער פרוי, דאָס איז שוין דאָ טיילווייז אויפגע־
קלערט געוואָרן, טיילווייז וועט עס ערשט קאָנען באַהאַנדלט
ווערן שפּעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע פון היסטעריע.
שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי מענטשן קאָנען רעדן וועגן עפּעס
אַן איינגעבוירענער שעמעוודיקייט פון די פרויען, אַלס אַ ספּע־
ציפיש ווייבלעכע טוגנט, באַ דעמדאָזיקן נאַיוון פלייס, מיט וועלכן
זיי טרייבן זייער דעקאָלטאַזש, נאַטירלעך דאָרט, וו די גע־
זעלשאַפטלעכע קאָנווענץ דערלויבט עס נאָר: אָדער מען איז
שעמעוודיק אָדער מען איז עס נישט, און דאָס איז בשום
אופן נישט קיין שעמעוודיקייט, וויבאַלד מ׳קאָן זי אין געוויסע
מאָמענטן רעגלמעסיק שיקן אין גאַס אַריין.

דער אַבסאָלוטער באַווייז פאַר די בושהלאָזיקייט פון די
פרויען (וועלכער ווייזט אויך אָן דערויף, פונוואַנען עס שטאַמט
אייגנטלעך די פאָדערונג פון דער שעמעוודיקייט, וועלכער די

פרויען קומען אויסערלעך אָפט אַזוי פיינלעך נאָך) ליגט אָבער
דערין, וואָס די פרויען צווישן זיך אַנטפּלויזן תמיד אָן שום
צערעמאָניעס זייער נאַקעטן קערפּער, אינדערצייט ווען מאַנסבילן
באַמיען זיך תמיד זייער נאַקעטקייט צו פאַרדעקן פאַר איינאַנ-
דער. בעת פרויען זענען אַליין, קומט פאָר אַ לעבהאַפטיקער
אויסטויש פון פאַרגלייכן צווישן די קערפּערלעכע מעלות פון
איטלעכער פון זיי, און אָפט וואַרפן זיך אַלע אָנוועזנדיקע
אונטער אַ גענויער און בפּרטותדיקער רעוויזיע, וועלכע קומט
פאָר נישט אָן גלוסטיקייט, מחמת דער ווערט, וועלכן דער מאַנ-
סביל גיט-צו דעם אָדער יענעם יתרון בלייבט תמיד אומבאַ-
וווּסטזיניק דאָס עיקרדיקע קוק-פּינטל. דער איינצלנער מאַנסביל
האָט נישט קיין אינטערעס פאַר דער נאַקעטקייט פון צווייטן
מאַנסביל, אינדערצייט ווען יעדע פרוי אַנטקליידט תמיד אויף
די אַנדערע פרוי אין געדאַנק, און טאַקע דורכדעם באַווייזט זי
די אַלגעמיינע אינטעראינדיווידועלע אומפאַרשעמטקייט פון איר
געשלעכט. דעם מאַנסביל איז פיינלעך און דערווידער צו קענען
דאָס סעקסועלע לעבן פון אַנדערן מאַנסביל; די פרוי אָבער
זוכט תיכף אויף אין געדאַנק די געשלעכטלעכע באַציונגען פון
דער אַנדערער פרוי, וויבאַלד זי האָט זיך נאָר מיט איר באַקענט;
זי שאַצט אַפילו תמיד אָפּ די אַנדערע אויסשליסלעך לויט אָט-דעם
„פאַרהעלטעניש".

מיט דערדאָזיקער פראַגע וועל איך זיך נאָך פאַרנעמען
גאַנץ אויספירלעך; דערווייל האָבן זיך אונזערע הנחות אָנ-
געשטויסן צום ערשטן מאָל אויף יענעם פונקט, וועגן וועלכן
כ'האָב גערעדט אין צווייטן קאַפּיטל פון דערדאָזיקער טייל.
דאָס, פאַר וועלכן דער מענטש שעמט זיך, מוז ער זיך באַ-
וווּסטזיניק מאַכן, און פונקט ווי צו באַוווּסטזיניקייט, אַזוי איז
אויך צו שעמעוודיקייט תמיד נויטיק דיפערענצירונג. די פרוי,
וועלכע איז נאָר סעקסועל, קאָן זיך אויסווייזן אַסעק-
סועל, ווייל זי איז די סעקסואַליטעט גופא;
און דאָ טיילט זיך נישט אויס די געשלעכטלעכקייט פיזיש און
פסיכיש, שטחדיק און צייטלעך ווי באַם מאַנסביל; די פרוי,
וועלכע איז תמיד בּושהלאָז, קאָן מאַכן דעם איינדרוק פון
שעמעוודיקייט, ווייל באַ איר איז נישט פאַראַן

ק יי ן ב ו ש ה, ו ע ל כ ע ז אָ ל ק אָ נ ע ן אָ נ ג ע ג ר י פ ן ו ע ר ן. און אַזוינאָך איז די פרוי אויך קיינמאָל נישט נאַקעט אָדער תּמיד נאַקעט, ווי מ׳וויל עס פאַרשטיין: קיינמאָל נישט נאַקעט, ווייל פאַקטיש דערגרייכט זי קיינמאָל נישט צום עכטן געפיל פון נאַקעטקייט; תּמיד נאַקעט, ווייל עס פעלט איר טאַקע דאָס אַנדערע, וועלכעס מוז פאַראַן זיין, כּדי זי צו ברענגען צום ב אַ וו ו ס ט ז יי ן, אַז זי איז (אָביעקטיוו) נאַקעט און אַזוינאָך דינען אַלס אינערלעכער אימפּולס צו דער באַדעקונג. אַז אויך אין קלייד קאָן מען זיין נאַקעט, דאָס ווערט, פאַרשטייט זיך, דער טעמפּער בליק נישט בכּוח זיין צו באַנעמען, אָבער אַ פּסיכאָלאָג וואָלט זיך אויסגעשטעלט אַ זייער שלעכטע צייגניש, ווען אויך אים זאָלן די מלבושים אַזוי איבערצייגנדיקווירקן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן צו רעדן וועגן דער נאַקעטקייט. און אַ פרוי איז אָביעקטיוו תּמיד נאַקעט, אפילו אונטער דער קרינאָלינע און דעם גאָרסעט*).

דאָס אַלץ געפינט זיך אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער באַדייטונג, וואָס ס׳האָט פאַר דער פרוי דאָס וואָרט איך. וויבאַלד מען פרעגט אַ פרוי, וואָס זי פאַרשטייט אונטער איר איך, איז זי נישט בכּוח זיך עפּעס אַנדערש דערונטער פאָרצושטעלן ווי איר קערפּער. זייער א ו י ס ע ר ל ע כ ק יי ט, דאָס איז דער איך פון די פרויען. מ אַ כ ס „צייכענונג פון איך" אין זיינע „אַנטימעטאַפיזישע פאָרבאַמערקונגען" שטעלט בכן גאַנץ ריכטיק פאַר דעם איך פון דער פולקאָמער פרוי. ווען ע. ק ר אַ ו ז ע זאָגט, אַז די זעלבסטזעונג פון איך לאָזט זיך אָן שווערקייט פאַרווירקלעכן, איז דאָס נישט אַזוי אינגאַנצן לעכערלעך, ווי דאָס מיינט מ אַ ך, און נאָך אים פיל אַנדערע, וועמען ס׳איז געפעלן געוואָרן אין מ אַ כ ס ווערק גראָד דידאַקטישע „שפּאַסהאַפטיקע אילוסטראַציע" פון דעם פילאָזאָפישן „פיל ליאַרם איבער גאָרנישט".

דער איך פון די פרויען איז אויך דער יסוד פון זייער ספּעציפישער אייטלקייט. מענלעכע אייטלקייט איז אַן עמאַנאַציע

*) אין דערדאַזיקער אונטערזוכונג זענען פאַרגעזען אַלע איינוואַנדן אַקעגן אונזער אָנשויונג און אַלע באַווייזן לטובת דער שעמעוודיקייט פון דער פרוי. צו זיי וועלן מיר צוקומען אין XII קאַפּיטל.

פון *ווילן* *צום* *ווערט*, און איר *אָביעקטיווע* אויסדרוקס-פאָרם, די *עמפינדלעכקייט*, באַשטייט אין דעם באַדערפעניש צו באַזייטיקן יעדן ספק מצד אַנדערע מענטשן אין דער דערגרייכבאַרקייט פון דאָזיקן ווערט. דאָס, וואָס גיט-צו דעם מאַנסביל ווערט און צייטלאָזיקייט, איז איינציק און אַליין *פערזענלעכקייט*. דערדאָזיקער העכסטער ווערט, וועלכער איז נישט קיין פרייז, מחמת אויף זיין אָרט, לויט *קאַנטס* ווערטער, קאָן נישט „אויך עפּעס אַנדערש אוועק-געשטעלט ווערן אַלס עקוויוואַלענט", נאָר וועלכער „שטייט העכער פאַר יעדן פרייז, נישט צולאָזנדיק דערמיט קיין שום עקוויוואַלענט", איז די מענלעכע *ווירדע*. די פרויען האָבן, נישט קוקנדיק אויף *שילערס* מיינונג, קיין שום ווירדע נישט — דאָס וואָרט „דאַמע" איז דאָך נאָר דערויף דערפינדן געוואָרן, כּדי אויסצופילן דעמדאָזיקן מאַנגל — און זייער אייטלקייט וועט זיך ריכטן לויט דעם, וואָס ס'איז פאַר זיי זייער העכסטער ווערט; דאָס הייסט, זי וועט שטרעבן צו דער אונטערהאַלטונג, שטייגערונג און אָנערקענונג פון קערפּערלעכער שיינקייט. די אייטלקייט פון פ איז בכן פון איין זייט אַ געוויסע, נאָר איר אייגנטימלעכע, אַפילו דעם (מענלעך) שענסטן מאַנסביל*) *פרעמדע* זעלבסטגעפעלונג אין אייגענעם לייב; אַ מין פרייד, וועלכע ווייזט זיך אַרויס אַפילו בּאַ דעם מיאוסטן מיידל, אַזוי גוט בּאַ דער זעלבסטבאַטאַפּונג, ווי בּאַ דער זעלבסטבאַטראַכטונג אין שפּיגל, ווי אויך בּאַ פיל אָרגאַן-עמפינדונגען; אָבער שוין דאָ בּליצט-אויף מיט העלער קראַפט און מיט דעם אויפרירנדיקסטן פּאָרגעפיל דער געדאַנק וועגן מאַן, וועמען די דאָזיקע רייצן וועלן אַמאָל געהערן. דאָס אַלין באַווייזט ווידעראַמאָל, אַז די פרוי קאָן זיך געפינען אַליין, אָבער זי קאָן קיינמאָל נישט זיין איינזאַם. פון דער אַנדער זייט דריקט זיך די ווייבלעכע אייטלקייט אויס אין דעם באַדערפעניש צו פילן, אַז איר קערפּער איז באַוואונדערט, אָדער גיכער *באַגערט*, *באַגערט דורך דעם סעקסועל אויפגערייצטן מאַנסביל*.

---

*) נאָטאַ בענע: פיל אַזויגערופענע „שיינע מאַנסבילן" זענען האַלבע-
ווייבער.

דאָסדאָזיקע באַדערפעניש איז אַזוי שטאַרק, אַז ס׳זענען באמת פאַראַן פיל פרויען, וועמען עס באַפרידיקט פולשטענדיק דידאָזיקע באַוווּנדערונג, וועלכע איז באַגלייט מיט באַגער באַם מאַן, מיט קנאה — באַ פרויען; זיי קומען דערמיט אויס, קיין אַנדערע באַדערפענישן האָבן זיי כמעט נישט.

די ווייבלעכע אייטלקייט איז בכן אַ כסדרדיק אַרומקוקן זיך אויף אַנדערע, די פרויען לעבן נאָר מיטן געדאַנק וועגן די אַנדערע. און אויך די עמפינדלעכקייט פון דער פרוי באַציט זיך אויפן זעלביקן פונקט. אַ פרוי וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז עמיץ אַנדערש האָט זי געפונען פאַר העסלעך; מחמת אַ פרוי אַליין האַלט זיך קיינמאָל נישט פאַר העסלעך, נאָר תמיד בלויז פאַר מינדערווערטיק, און אויך דאָס נאָר, בעת זי דענקט אָן די נצחונות, וועלכע אַנדערע פרויען האָבן אָפּגעהאַלטן איבער איר באַ די מענער. נישט פאַראַן קיין פרוי, וועלכע זאָל זיך נישט האַלטן נאָך פאַר שיין און באַגערנסווערט, ווען זי באַטראַכט זיך אין שפיגל; פאַר דער פרוי ווערט די אייגענע העסלעכקייט קיינמאָל נישט ווי פאַר׳ן מאַנסביל אַ שמערצלעכע רעאַליטעט, נאָר זי באַמיט זיך ביזן סוף זיך גופא און די אַנדערע צו דערהאַלטן דערין אין אילוזיע.

פונוואַנען-זשע קאָן שטאַמען אַזאַ מין אייטלקייט פון דער פרוי? זי פאַלט פולשטענדיק צונויף מיטן מאַנגל פון אינטעליגיבלען איך, פון דעם שטענדיק און אַבסאָלוט פּאָזיטיוו געשאַצטן, זי דערקלערט זיך דורכן פילן פון אַן אייגנווערט. נישט האָבנדיק קיין אייגנווערט פאַר זיך גופא און לגבי זיך גופא באַמיען זיי זיך צו ווערן אָביעקט פון ווערט פאַר אַנדערע, זיי ווילן דורך באַגערונג און באַוווּנדערונג מצד אַנדערע געווינען אַ ווערט פאַר פרעמדע און לגבי פרעמדע. דאָס איינציקע, וואָס האָט אַן אַבסאָלוטן, אומענדלעכן ווערט אויף דער וועלט, איז נשמה. „איר זענט בעסער פון פיל פייגל״, האָט קריסטוס געלערנט די מענטשן. די פרוי דערקענט שאַצט זיך נישט אָפּ לויט דעם. ווי ווייט זי איז טריי געווען איר פערזענלעכקייט, ווי ווייט זי איז פריי געוועןֹ; יעדעס ווען אָבער, וואָס באַזיצט אַן איך, קאָן זיך

נאָר אזוי און נישט אנדערש אָפּשאַצן. ווײַבאַלד בכן די עכטע פרוי, ווי דאָס געשעט בלי־ספק פאַקטיש, שטעלט זיך תמיד און אויסנאַמסלאָז נאָר אזוי הויך ווי דעם מאַן, וועלכן זי האָט אויסגעוויילט; ווײַבאַלד זי באַקומט נאָר דורך דעם מאַן אָדער געליבטן איר ווערט, און איז דורכדעם נישט בלויז אין סאָציאַלער און מאַטעריעלער הינזיכט, נאָר איז אויך אין איר טיפסטן מהות ענג פאַרבונדן מיט דער חתונה: אזוי נאָך קאָן זי טאַקע נישט באַזיצן קיין ווערט אין זיך גופא, עס פעלט איר דער אייגנווערט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

די פרויען פירן אַרויס זייער ווערט תמיד פון אנדערע זאַכן, פון זייער געלט און פאַרמעג, פון דער צאָל און פראַכט פון זייערע קליידער, פון דעם ראַנג פון זייער לאָזשע אין טעאַטער, פון זייערע קינדער, קודם־כל אָבער פון זייערע באַוווּנדערער, פון זייער מאַן. דאָס טרייעסטע געווער פון א פרוי אין שטרייט מיט אן אנדער פרוי איז דאָס פאַררופן זיך אויף דער העכערער סאָציאַלער שטעלונג פון איר מאַן, אויפן רייכטום, כבוד און טיטל זײַנעם, און אפילו אויף דער גרעסערער יוגנטפרישקייט און צאָלרייכערע פארערערינס פון איר מאַן, און דאָס איז אימשטאַנד אמטיפסטן צו טרעפן די קעגנערין און זי אמזיכערסטן מכניע צו זײַן. באַם מאַנסביל אָבער, און דאָס קודם־כל אין זײַנע אייגענע אויגן, גייט עס אָן פאַר א גרויסן בזיון, ווײַבאַלד ער פאַררופט זיך אויף עפּעס פרעמדס און פאַרטיידיקט נישט זײַן אייגענעם ווערט אלס אזעלכן אנטקעגן אלע אָנגריפן אויף דעמזעלביקן.

א ווייטערדיקער באַווייז דערויף, אז פ באַזיצט נישט קיין נשמה, איז פאָלגנדיקער. די פרוי פילט־אָפּ (לויט געטעס באַקאַנטן רעצעפּט) א שטאַרקן באַגער צו מאַכן אן איינדרוק אויף א מאַנסביל, בעת יענער לייגט נישט אויף איר קיין שום אכט; און אין דערדאָזיקער פעיקייט ליגט דאָך דער גאַנצער ז"ן און ווערט פון איר לעבן. מ דערקעגן פילט אן אנטיפּאַטיע צו דעריעניקער פרוי, וועלכע האָט אים אומפרײַנטלעך און אומהעפלעך באַהאַנדלט. קיינזאַך קאָן נישט מאַכן מ אזוי גליקלעך, ווי די ליבע פון א מיידל; אפילו ווען זי האָט אים

נישט מתחילת פאַרכאַפּט, עקזיסטירט פאַר אים אין אַ גרויסער מאָס די געפאַר, אַז ער וועט זיך אָנצינדן מיט אַ פייער. פאַר פּ איז די ליבע פון אַ מאַנסביל, וועלכער געפעלט איר נישט, נאָר אַ באַפרידיקונג פון איר אייטלקייט, אָדער אַ באַאומרויקונג און אויפרודערונג פון דרעמלענדיקע באַגערן. די פרוי האָט תמיד גלייכצייטיקע פּרעטענזיעס אויף אַלע מענער, וועלכע זעען נאָר פאַראַן אויף דער וועלט. ענלעכס ליגט אויך אין יסוד פון אירע פריינטשאַפטלעכע געפילן לגבי פּערזאָנען פון זעלביקן געשלעכט, אין וועלכע עס שטעקט דאָך תמיד אַ געוויסע סעקסואַליטעט.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען, וועלכע עקזיסטירן בלויז עמפּיריש, דאַרף מען אין אַזאַ פאַל באַשטימען לויט ווייער שטעלונג צווישן מ און פּ. ובכן, כדי אויך אויפן דאָזיקן געביט צו געבן אַ ביישפּיל פון אַזאַ אָנווענדונג: אינדערצייט ווען דעם מאַנסביל מ אַנטציקט און צעפלאַמט יעדער שמייכל אויף די ליפּן פון אַ מיידל, לייגן ווייבלעכע מענער אַכט באמת אָפּט נאָר אויף אַזעלכע ווייבער און מענער, וועלכע קימערן זיך לגמרי נישט וועגן זיי, פּונקט ווי פּ לאָזט שטיין אַ באַווונדערער, בנוגע וועלכן זי גלויבט זיכער צו זיין, און וועלכער איז בכן שוין מער נישט בכוח צו שטייגערן איר אייגנווערט. צוליב דעם טעם גאַרן אויך די פרויען נאָר נאָך יענעם מאַנסביל און בלייבן אויך נאָר אַזאַ מאַן געטריי, וועלכער האָט גליק אויך בײַ אַנדערע פרויען, אַחוץ זיי: מחמת זיי קאָנען אים נישט צוגעבן קיין שום נייעם ווערט און אַ נ ט ק ע ג נ ש ט ע ל ן זייער אורטייל דעם אורטייל פון אַלע אַנדערע, בײַ דעם עכטן מאַנסביל איז די זאַך פּונקט פאַרקערט.

די אומפאַרשעמטקייט און די האַרצלאָזיקייט פון דער פרוי קומט צום אויסדרוק דערין, וואָס זי קאָן בכלל און ווי זי קאָן רעדן וועגן דעם, אַז זי ווערט געליבט. דער מאַנסביל פילט זיך פאַרשעמט, בעת ער איז געליבט, ווייל ער איז דורכדעם באַשאָנקען, פּאַסיוו, געפּענטעט, אָנשטאָט צו זיין געבער, אַקטיוו, פריי; ווייטער ווייסט דער מאַנסביל גאַנץ גוט, אַז ער, אַלס גאַנצעס, פאַרדינט נישט די ליבע אין דער פולער

מאָס; און דערפאַר וועט אַ מאַנסביל קיינמאָל אַזוי עקשנותדיק נישט שווייגן, ווי אין דערדאָזיקער הינזיכט, אַפילו ווען ער איז מיט איר נישט אַריינגעטרעטן אין אַזאַ אינטימען פאַר־העלטעניש, אַז ער זאָל מורא האָבן זי נישט מיט עפּעס צו קאָמפּראָמיטירן. די פרוי רימט זיך דערמיט, אַז זי ווערט געליבט, זי שטאָלצירט דערמיט פאַר אַנדערע פרויען, כּדי צו וועקן אין זיי קנאה. די פרוי פילט נישט אָפּ עמיצנס סימפּאַטיע צו איר, ווי דער מאַנסביל, אַלס אַ שעצונג פון איר ווירקלעכן ווערט, אַלס אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר איר מהות; נאָר זי פילט־אָפּ דידאָזיקע סימפּאַטיע אַלס דאָס באַשענקען זי מיט אַ ווערט, וועלכן זי האָט פריער נישט געהאַט, אַלס דעם גאָב פון אַן עקזיסטענץ און אַן עסענץ, וואָס לעגיטימירט זי אין די אויגן פון אַנדערע מענטשן. דערמיט דערקלערט זיך די אומגלויבלעכע פעיקייט פון דער פרוי צו פאַרגעדענקען די אַלע קאָמפּלימענטן, וועלכע זענען איר געמאַכט געוואָרן אַפילו אין דער פריסטער יוגנט. דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער זכרון פון דער פרוי איז שוין געוועזן אַרומגערעדט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען. דורך קאָמפּלימענטן טאַקע באַקומען זיי ערשט ווערט, און דערפאַר פאַרלאַנגען די פרויען פונם מאַנסביל, אַז ער זאָל זיין „גאַלאַנט“. די גאַלאַנטעריע איז די בילִיקסטע פאָרם פון צוגעבן ווערט דער פרוי, און ווי ווייניק זי זאָל דעם מאַן קאָסטן, איז זי זייער וואָגיק פאַר דער פרוי, וועלכע פאַרגעסט קיינמאָל נישט דעם איר צוגעטיילטן כּבוד, און נערט זיך ביז גראָער עלטער מיט די זכרונות פון די אָפּגעשמאַקטסטע חניפות. דער מענטש געדענקט נאָר דאָס, וואָס האָט פאַר אים אַ ווערט, און וויבאַלד אַזוי, טאָ זאָל מען אָקאָרשט אַ טראַכט טון, וואָס באַטייט דאָס, וואָס די פרויען באַזיצן גראָד דעם אויסגעצייכנטסטן זכרון פאַר קאָמפּלימענטן. זיי קאָנען דערפאַר צוגעבן די פרויען אַ ווערט, ווייל די פרויען קענען נישט קיין שום איינגעבוירענעם מאָסשטאַב פון ווערט, זיי פילן נישט אין זיך קיין אַבסאָלוטן ווערט, וואָס איז אַלץ מבטל אַחוץ זיך גופא. און אַזוי זעען מיר, אַז די דערשיינונג פון דער קורטואַזיע, פון דער „ריטערלעכקייט“ ליפערט ווידער דעם באַוויז, אַז די פרויען באַזיצן נישט קיין נשמה.

נאָכמער, אַז דער מאַנסביל, פאַרהאַלטנדיק זיך לגבי דער פרוי מיט גאַלאַנטעריע, איז גראָד דאַן אַמווייניקסטן געניגט איר צוצושרייבן נשמה, אייגנווערט; און ער פאַראַכטעט און דערנידריקט זי באַזונדערס טיף גראָד דאַן, ווען זי פילט זיך אַמייסטן דערהויבן.

ווי אַמאָראַליש די פרוי איז קאָן מען זען דערפון, וואָס זי פאַרגעסט תיכּף אָן איר באַגאַנגענער אומזיטלעכקייט, און אַז דער מאַנסביל, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די דערציונג פון דער פרוי, מוז איר דאָס כסדר דערמאָנען. אַדאַנק דער אייגנטימלעכער ליגנערישקייט פון דער ווייבלעכער נאַטור איז זי בכּוח זיך איינצושמועסן, אַז זי האָט באמת איינגעזען דעם אומרעכט, וועלכן זי איז באַגאַנגען, און אויף אַזאַ אופן אַריינפירן אין טעות אי זיך, אי דעם מאַנסביל. דער מאַנסביל דערקעגן האָט פאַר קיין זאַך נישט אַזאַ טיפן זכּרון ווי פאַר די מאָמענטן, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרשולדיקט. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער זכּרון ווידער אַלס עמינענט מאָראַלישע דערשיינונג. מוחל זיין און פאַרגעסן, נישט מוחל זיין און פאַרשטיין זענען איינס און דאָסזעלביקע. ווער עס געדענקט זיין ליגנט, דער וואַרפט זי זיך אויף פאַר. דאָס, וואָס די פרוי באַשולדיקט זיך נישט אין איר געמיינהייט, דערקלערט זיך פולשטענדיק דערמיט, וואָס זי איז קיינמאָל נישט בכּוח זיך באַוווסטזיניק צו מאַכן דידאָזיקע געמיינהייט — האָט זי דאָך נישט קיין פאַרהעלטעניש צו דער זיטלעכער אידעע- און זי פאַרגעסט אָן איר. דערפאַר איז עס גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַלמאַי זי לייקנט אָפּ דידאָזיקע געמיינהייט. דערפאַר, וואָס בײַ די פרויען איז דאָס עטישע לגמרי נישט פּראָבלעמאַטיש, האַלט מען די פרויען נאַרישערווייז פאַר אומשולדיק, יאָ, מ׳האַלט זי אַפילו פאַר זיטלעכער פונם מאַנסביל: דאָס שטאַמט אָבער אַרויס נאָר דערפון, וואָס זיי ווייסן נאָך לגמרי נישט, וואָס אומזיטלעך איז. מחמת אויך די אומשולד פונם קינד קאָן קיין פאַרדינסט נישט זיין; אַ פאַרדינסט וואָלט נאָר געווען די אומשולד פון אַ זקן — אָבער אַזעלכע עקזיסטירט נישט.

אָבער אויך די זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז אַ דורכויס מענטלעכע זאַך, פונקט ווי דאָס שולדבאַוווסטזיין און די חרטה זענען מענטלעכע מדות — אויף דעם לפּנימדיקן אויסנאַם, דער היסטערישער זעלבסטבאַאָבאַכטונג פון געוויסע פרויען, קאָנען מיר זיך באָך דאָ נישט אָפּשטעלן — די סיגופים, וואָס פרויען נעמען אויף זיך, דידאָזיקע מערקווירדיקע אימיטאַציעס פון אַן עכטן שולדגעפיל, וועלן זיין אָביעקט פון אונזערע ווייטערדיקע באַטראַכטונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווייבלעכער פאָרם פון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג. *דער סוביעקט פון דער זעלבסטבאַאָבאַכטונג איז אידענטיש מיט דעם מאָראַליזירנדיקן סוביעקט: אָפּשאַצנדיק די פסיכישע דערשיינונגען, פאַסט ער זיי נאָר אַזוינאָך אויף.*

דאָס איז גאַנץ אין אָרדענונג און אין פולן הסכם מיטן פּאָזיטיוויזם, ווען *אויגוסט קאָנט* דערקלערט די זעלבסטבאַאָבאַכטונג אַלס סתירהפול אין זיך גופא און רופט זי אָן „תהומישער אַבסורד". דאָס איז דאָך אַ קלאָרע זאַך, וועלכע דרינגט אַרויס פון די ענגע גרעניצן פון באַוווסטזיין און פאַרלאַנגט נישט קיין ספּעציעלע אויפווייזונג, אַז צו גלייכער צייט קאָן נישט האָבן קיין אָרט אַ געוויסער פסיכישער פּראָצעס און נאָך אַ באַזונדערע אָבסערוואַציע פון דעמזעלביקן: ערשט מיט דעם „ערשטן" דערינערונגס־בילד (*יאָדל*) פאַרבינדט זיך די אָבסערוואַציע און די אָפּשאַצונג; ס'ווערט דאָ אַרויסגעגעבן אַן אורטייל איבער אַ מין קאָפּיע פון בילד. אָבער צווישן צוויי לויטער גלייכווערטיקע דערשיינונגען איז אוממעגלעך צו פאַרוואַנדלען נאָר איינע פון זיי אין אַן אָביעקט, נאָר אים אָנערקענען אָדער נעגירן, ווי דאָס געשעט באַ יעטוועדער זעלבסטבאַאָבאַכטונג. דאָס, וואָס באַטראַכט, באַאורטיילט און שאַצט אָפּ דעם אינהאַלט, קאָן נישט זיין דער אינהאַלט גופא. דאָס איז דער צייטלאָזער איך, וועלכער ברענגט צוגלייך אין חשבון דעם עבר ווי די קעגנוואַרט, וועלכער שאַפט ערשט יענע „איינהייט פון זעלבסטבאַוווסטזיין", יענעם קאָנטינוירלעכן זכרון, וואָס פעלט דער פרוי. מחמת נישט דער זכרון, ווי *מיל* מיינט, אָדער די קאָנטינויטעט, ווי *מאַך* האַלט, רופן אַרויס

דעם גלויבן אין אַן איך, וועלכער האָט נישט קיין קיום מחוץ זיי, נאָר גראָד פאַרקערט, זכרון און קאָנטינויטעט, פונקט ווי פיעטעט און אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש, פליסן אַרויס פונם ווערט פון דעם איך; זייער אינהאַלט דאַרף זיך אין קיין שום הינזיכט נישט פאַרוואַנדלען אין אַ פשוטער פונקציע פון דער צייט און אַרונטערפאַלן דער פולער פאַרניכטונג*).

ווען די פרוי זאָל באַזיצן אייגנווערט און דעם ווילן אים צו פאַרטיידיקן קעגן יעטוועדן אָנגריף, ווען זי זאָל נאָר אַפילו אָפּפילן דאָס באַדערפעניש נאָך זעלבסטאַכטונג, וואָלט זי נישט געקאָנט זיין קיין קנאהניצע. וואַרשיינלעך זענען אַלע פרויען מקנאניצעס; די קנאה אָבער איז אַן אייגנשאַפט, וועלכע קאָן נאָר זיין דאָרטן, ווו עס פעלן די אויבנדערמאָנטע תנאים. אויך די קנאה פון דער מוטער, ווען די טעכטער פון אַנדערע פרויען האָבן פריער חתונה ווי זייערע אייגענע, איז אַ סימפּטאָם פון עכטער געמיינהייט און פאָדערט, ווי אגב איטלעכע קנאה, אַ פולשטענדיקן מאַנגל פון גערעכטיקייטס-געפיל. אין דער אידעע פון גערעכטיקייט, וועלכע באַשטייט אין דער אָנווענדונג פון דער וואָרהייטס-אידעע אויפן פראַקטישן לעבן, באַרירן זיך לאָגיק און עטיק פונקט אַזוי ענג, ווי אין טעאָרעטישן וואָרהייטס-ווערט גופא.

אָן גערעכטיקייט איז נישטאָ קיין געזעלשאַפט; די קנאה דערקעגן איז די אַבסאָלוט אומסאָציאַלע אייגנשאַפט. די פרוי איז באמת אויך פולקאָם אומסאָציאַל; און וויבאַלד ס'איז פריער מיט רעכט יעטוועדע געזעלשאַפטס-אידעע פאַרבונדן געוואָרן מיטן באַזיץ פון אַן אינדיווידואַליטעט, טאָ זעען מיר עס דאָ גאַנץ באַשיימפערלעך. די פרוי האָט נישט קיין זין פאַר מלוכה, פאַר פּאָליטיק, פאַר געזעלשאַפטלעכער צונויפלעבונג, און פרויען-פאַריינען, צו וועלכע מענער האָבן נישט קיין צוטריט, לייזן זיך געוויינלעך נאָך אַ קורצער צייט אויף. די פאַמיליע לסוף איז טאַקע אַן אומסאָציאַלע, און בשום-אופן נישט קיין סאָציאַלע אינסטיטוציע. מענער, ווען זיי האָבן חתונה,

---

*) ערשט דורכדעם איז אויך גאַנץ קלאָר געוואָרן, אַז די נשמה איז יענער באַזונדערער ווערט, וועלכער, שאַפנדיק די פאַרגאַנגענהייט, נעגירט ער די צייט. אַזאַ איז געווען דער זין פון פינפטן קאַפּיטל.

ציִען זיך שוין דערמיט אַליין צוריק פון די געזעלשאַפטן, צו וועלכע זיי האָבן ביז דאַן אָנגעהערט אַלס מיטגלידער און אָנטייל־נעמער. די דאָזיקע מיינונג האָב איך אַרויסגעזאָגט, נאָך דעם ווי עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ווערטפולע עטנאָלאָגישע פאָרשונגען פון הייגריך שורטץ, וועלכער ווייזט דאָרט אויף מיט רייכן מאַטעריאַל אין די הענט, אַז נישט אין דער פאַמיליע, נאָר אין די מענער־פאַרבאַנדן דאַרף מען זוכן די התחלות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

פּאַסקאַל האָט וווּנדערבאַר אויפגעוויזן, ווי דער מענטש זוכט געזעלשאַפט נישט דערפאַר, ווייל ער קאָן די איינזאַמקייט נישט פאַרטראָגן, נאָר אויסשליסלעך דערפאַר, וואָס ער וויל זיך פאַרגעסן: אויך דאָ זעט מען דעם פולשטענדיקן הסכם צווישן דער פריערדיקער פּאָזיציע, וועלכע האָט אָפּגעזאָגט דער פרוי די פעיִקייט צו איינזאַמקייט, און דער איצטיקער, וועלכע באַהויפּט איר אומגעזעלשאַפטלעכקייט.

ווען די פרוי זאָל האָבן אַן איך, וואָלט זי געהאַט אַ זין פאַר דעם אייגנטום, בײַ זיך ווי בײַ אַנדערע. דער גנבה־אינסטינקט איז אָבער בײַ די פרויען פיל מער אַנטוויקלט, איידער בײַ די מענער: די אַזוי־גערופענע קלעפּטאָמאַנען (גנבים אָן נויט) זענען כמעט אויסשליסלעך פרויען. מחמת די פרוי האָט טאַקע פאַרשטענדעניש פאַר מאַכט און פאַר עשירות, אָבער נישט פאַר דעם אייגנטום. אויך פלעגן די קלעפּטאָמאַנישע פרויען, ווען ס'איז זיי דערוויזן געוואָרן זייער גנבה, זיך פאַרענפערן דערמיט, אַז ס'איז זיי פאָרגעקומען, ווי אַלץ וואָלט געהערט צו זיי. אין די לייַ־ביבליאָטעקן זעט מען על־פּי־רוב פרויען אַריין־און־אַרויסגיין, און אפילו אויך אַזעלכע, וועלכע זענען אויף אַזויפיל פאַרמעגלעך, אַז זיי וואָלטן אימשטאַנד געווען אָפּצוקויפן עטלעכע ביבליאָטעקן; אָבער עס פעלט זיי אַ טיפער פאַרהעלטעניש צו אַלעם, וואָס געהערט צו זיי, איידער צו אַלעם, וואָס זיי באָרגן נאָר אויס. אויך דאָ זעען מיר בולט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אינדיווידואַליטעט און סאָציאַליטעט: פונקט ווי מען מוז אַליין האָבן פערזענלעכקייט, כדי אויפצופאַסן פרעמדע פערזענלעכקייט, אַזוי מוז אונזער זין געווענדט זיין אויף דערווערבונג פון אייגענעם באַזיץ.

די פּרעמד האָב און גוסס זאָל נישט אָנגערירט ווערן.

אָבער נאָך טיפער, איידער דאָס אייגנטום, בינדט זיך מיט יעדער פּערזענלעכקייט דער נאָמען און אַ הארציק פאַרהעל-טעניש צום דאָזיקן נאָמען. און דאָ רעדן די פאַקטן אַזוי הויך, אַז ס׳איז ממש אַ חידוש, ווי ווייניק דידאָזיקע שפּראַך ווערט אין אַלגעמיין פאַרנומען. מחמת די פּרויען זענען דורך קיין שום קשר נישט פאַרבונדן מיט זייער נאָמען. אַלס באַווייז קאָן דינען דער פאַקט, וואָס זיי גיבן-אויף זייער נאָמען און נעמען-אָן דעם נאָמען פון מאַן, מיט וועלכן זיי האָבן חתונה, נישט אָפּפילנדיק קיינמאָל דעמדאָזיקן שריט פון נאָמען-ענדערונג אַלס עפּעס באַדייטנדיקס; און זיי טוען דאָס מיט אַ לייכט געמיט, קיין רגע נישט באַדויערנדיק דעם פריערדיקן נאָמען. אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג זעען מיר אויך אין דעם פאַקט, וואָס דאָס גאַנצע אייגנטום פון דער פרוי פלעגט איבערגיין (וויי-ניקסטנס ביז גאַנץ נישט לאַנג) צו דעם מאַן, אַ פאַקט, וועמעס דערקלערונג מען דאַרף זוכן טיף אין דער נאַטור פון דער פרוי. ס׳איז אויך נישט קענטיק, אַז ס׳זאָל דער פרוי קאָסטן אַ ספּעציעלער קאַמף די שיידונג מיט איר אייגנס; להיפך, שוין דורכן פאַרערער און ליבהאָבער לאָזן זיי זיך געבן דעם נאָמען, וואָס אים געפעלט. אפילו אין דעם פאַל, ווען זי האָט קענען איר ווילן חתונה מיט אַן איר פאַרהאַסטן מענטש, אויך דאַן האָט זיך נאָך קיין פרוי גראָד דערויף נישט באַקלאָגט, וואָס זי מוז זיך אָפּצעזעגענען מיט איר נאָמען, זי פאַרלאָזט לייכט איר נאָמען, נישט פאַרראַטנדיק צומאָל די מינדסטע פּיעטעט בנוגע דעם, וואָס זי האָט אַמאָל געהייסן. אין אַלגעמיין פאַרלאַנגט גיכער אַ פרוי פון איר געליבטן, אַז ער זאָל איר געבן אויפסניי אַן אייגענעם נאָמען, פונקט ווי מיט אומגעדולד, שוין צוליב דער נייקייט אַליין, דערוואַרט די פרוי אויפן נייעם פאַמיליען-נאָמען פון איר מאַן. אונטערן נאָמען אָבער דאַרף מען פאַרשטיין דעם סימבאָל פון דער אינ-דיווידואַליטעט; נאָר באַ די צום נידריקסטן שטייענדיקע ראַסן פון דער ערד, ווי באַ די בושמענער פון דרום-אפריקע, איז נישט פאַראַן קיין פּערזאָנען-נעמען, ווייל זייער נאַטירלעך

אונטערשיידן צווישן די מענטשן גרייכט נאָכנישט אַזוי־וויט. די פרוי, וועלכע איז אין תוך נאָמענלאָזי*), איז עס דערפאַר, ווייל זי, לויט איר אידעע, באַזיצט נישט קיין פערזענלעכקייט.

דערמיט איז לסוף פאַרבונדן נאָך אַ וויכטיקע דערשיינונג, וואָס באַ אַ געוויסער אויפמערקזאַמקייט וואַרפט זי זיך גלייך אין די אויגן. וויבאַלד אין אַ שטוב, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ פרוי, קומט אַריין אַ מאַנסביל, און זי זעט אים, דעהערט זיינע טריט, אָדער שפירט נאָר אַפילו זיין אָנוועזנהייט, דאַן ווערט זי תיכף אַ גאַנץ אַנדערע. אירע מינעס, אירע באַוועגונגען ענדערן זיך מיט אומגלויבלעכער פלוצימדיקייט. זי „מאַכט זיך צורעכט די פריזור", זי גלייכט אויס אָדער ציטצונויף איר קלייד, פאַרנעמט זיך מיט איר טואַלעט, איר גאַנץ וועזן נעמט אַרום עפּעס אַ האַלב אומפאַרשעמטע, האַלב שרעקעוודיקע דערוואַרטונג. אין איינצלנע פאַלן קאָן מען גאַנץ אָפט זיין בנוגע דעם אין ספק, צי פאַררויטלט זי זיך מער צוליב איר אומפאַרשעמטן שמייכלען, אָדער צי שמייכלט זי גיכער אומפאַרשעמט צוליב איר פאַררויטלען זיך.

נשמה, פערזענלעכקייט, כאַראַקטער זענען אָבער — און דערין ליגט די אומענדלעך טיפע, אומדערשיטערלעכע אָנשויונג פון שאָפּענהויערן — אידענטיש מיטן פרייען ווילן, אָדער ווייניקסטנס דעקט זיך דער ווילן מיט דעם איך אויף אַזויפיל, אויף וויפל מיר פאַסן־אויף דעם איך אין פאַרהעלטעניש צום אַבסאָלוטן. און פעלט די פרויען דער איך, טאָ קאָנען זיי־

*) פגל. קלינגסאָרס ווערטער צו קונדרי אין וואַגנערס פאַרסיפאַל, צווייטער אַקט, אין אָנהויב:

„Herauf! Herauf zu mir!
Dein Meister ruft dich namenlose:
Ur-Teufelin! Höllenrose!
Herodias warst Du, und was noch?
Gundriggia dort, Kundry hier:
Hieher! Hieher denn, Kundry!
Zu deinem Meister, herauf!"

אויך קיין ווילן נישט באַזיצן. ווער עס האָט נישט קיין אייגענעם ווילן, קיין כאַראַקטער אין העכערן זינען, דער ווערט לייכט באַיינפלוסט, ווי דאָס געשעט מיט דער פרוי, און בלייבט, שוין צוליב דער בלויזער אָנוועזנקייט פון אַ צווייטער פּערזאָן, אין פונקציאָנעלער אָפּהענגיקייט פון דערדאָזיקער, אָנשטאָט זי פריי אויפצופאַסן. זי איז דער בעסטער מעדיום, דער בעסטער היפּנאָטיזאָר. שוין צוליב דעמדאָזיקן טעם אַליין איז שווער צו באַגרייפן, אַלמאַי די פרויען זאָלן גראָד אַלס דאָקטאָרינס באַזונדערס פיל טויגן; ווי-באַלד ערנסטע מעדיצינער זענען אַליין מודה, אַז די גרעסטע טייל, וואָס זיי זענען ביז היינט — און אַזוי וועט עס אַוודאַי אויך ווייטער בלייבן — אימשטאַנד אויפצוטון, באַשטייט אין דער סוגעסטיווער ווירקונג אויפן חולה.

שוין אין דעם גאַנצן חיות-קיניגרייך איז די תמיד לייכטער היפּנאָטיזירבאַר, איידער מ. און אין סאַראַ נאָענטער קרובהשאַפט עס געפינען זיך די היפּנאָטישע דערשיינונגען מיט די דערשיינונגען פון דעם אַלטעגלעכן לעבן, איז קענטיק דערפון, ווי לייכט די ווערט „אָנגעשטעקט" דורך לאַכן אָדער וויינען (כ'האָב שוין דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט אין שייכות מיט דער פראַגע פון ווייבלעכן מיטלייד), ווי אימפּאָנירט איר אַלץ, וואָס אין דער צייטונג שטייט, ווי לייכט זי פאַלט אַ קרבן פון נאַרישסטן אָבערגלויבן, ווי גיך זי זי וואַרפט זיך אויף יעדן וווּנדערמיטל, וואָס אַ שכנטע האָט איר רעקאָמענדירט!

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר פולשטענדיק און אויסשעפנדיק דערוויזן, אַז די איז נשמהלאָז, אַז זי האָט נישט קיין איך און קיין אינדיווידואַליטעט, קיין פּערזענלעכקייט און קיין פרייהייט, קיין כאַראַקטער און קיין ווילן. דערדאָזיקער רעזולטאַט איז אָבער פאַר יעטוועדער פּסיכאָלאָגיע אַזוי וויכטיק, אַז מ'קאָן אים כמעט נישט איבערשאַצן. מחמת ער שטעלט פעסט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון מ און די פּסיכאָלאָגיע פון די דאַרפן פולשטענדיק באַזונדער באַהאַנדלט ווערן. בנוגע די שיינט צו זיין

מעגלעך אַ ריין עמפּירישע פאָרשטעלונג פון איר פּסיכישן לעבן, בנוגע מ מוז יעטוועדע פּסיכאָלאָגיע נעמען אין באַטראַכט דעם איך אַלס דעם העכסטן שפּיץ פון זיין בנין, אויף דעם אופן, ווי קאַנט האָט דאָס פאַר נויטווענדיק איינגעזען.

די יומישע און מאַכישע אָנשויונג, לויט וועלכער עס עקזיסטירן נאָר „impressions" און „thoughts" (α β γ...) און (A B C...) און וועלכע האָט היינט אין אַלגעמיין דערפירט צו דער פאַרטרייבונג פון דער פּסיכע אויס דער פּסיכאָלאָגיע, דערקלערט נישט בלויז אַז די גאַנצע וועלט דאַרף מען פאַרשטיין אויסשליסלעך אונטער דעם בילד פון אַ ווינקל־שפּיגל, אַלס אַ קאַליידעסקאָפּ; נישט בלויז פאַרוואַנדלט זי אַלץ אין אַ טאַנץ פון די „עלעמענטן", זינלאָז, גרונטלאָז; נישט בלויז פאַרניכט זי די מעגלעכקייט אָפּצוגעפינען אַ פעסטן שטאַנדפּונקט פאַרן דענקען; נישט בלויז צעשטערט זי דעם וואָרהייטס־באַגריף און דערמיט טאַקע אויך די ווירקלעכקייט, וועמעס פילאָזאָפיע זי האַלט פאַר איר אויסשליסלעכן באַרוף: נאָר זי טראָגט אויך די הויפּטשולד פון דעם עלנטן מצב פון דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע.

די דאָזיקע היינטיקע פילאָזאָפיע רופט זיך מיט שטאָלץ אָן די „פּסיכאָלאָגיע אָן נשמה", נאָך דעם ערשטן, וועלכער האָט דאָס דאָזיקע וואָרט אַרויסגעזאָגט, נאָך דעם פיל איבערגעשאַצטן פרידריך אַלבערט לאַנגע. די־דאָזיקע אונטערזוכונג גלויבט צו האָבן אויפגעוויזן, אַז מ'קאָן נישט אויסקומען אָן דער הנחה פון אַ נשמה בײַ דער אויסטייטשונג פון די פּסיכישע דערשיינונגען; פּונקט אַזוי לגבי די פּסיכישע דערשיינונגען פון מ, וועמען עס מוז אָנערקענט ווערן אַ נשמה, ווי אויך לגבי די דערשיינונגען פון פ, וועלכע איז נשמהלאָז. אונזער היינטיקע פּסיכאָלאָגיע איז אַ בולט ווייבלעכע פּסיכאָלאָגיע און גראָד דערפאַר איז פאַרגלייכנדיקע אונטערזוכונג פון די געשלעכטער אַזוי באַזונדערס באַלערעוודיק, און נישט צולעצט דערפאַר האָב איך זי דורכגעפירט מיט דערדאָזיקער גרינטלעכקייט; מחמת דאָ קאָן זיך צמגיכסטן

אַנטפּלעקן, וואָס עס צווינגט צו דער הנחה פון דעם איך, און אַלמאַי די צונויפמישונג פון מענטלעכן און ווייבלעכן נשמה-לעבן (אין ברייטסטן און טיפסטן זינען) האָט געפירט צו אַזעלכע אומגעהויערע טעותים בײַ דער שאַפונג פון אַן אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע.

עס אַנשטייט בכן די פראַגע, צי איז בכלל די פּסיכאָלאָגיע פון מ, אַלס וויסנשאַפט, מעגלעך? און דערויף דאַרף מען לעת-עתה ענטפערן מיט ניין. איך זע שוין פאָר, אַז מ'וועט מיך אָפּשיקן צו די פאָרשונגען פון די עקספּערימענטאַטאָרן, און אויב עמיצער איז אַפילו אין דעם אַלגעמיינעם עקספּערימענטאַל-שיכּרות ניכטערן געבליבן און וועט אפשר פאַר־חידושט פרעגן, שוין-זשע זאָלן דידאָזיקע פאָרשונגען לגמרי נישט קומען אין באַטראַכט. אָבער די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע האָט נישט בלויז אונז נישט אַנטפּלעקט די טיפערע יסודות פון דעם מענלעכן נשמה-לעבן; נישט בלויז קאָן קיינער צומאָל נישט טראַכטן וועגן אַ מער ווי ספּאָראַדישער אָנדייטונג, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ סיסטעמאַטישער באַאַרבעטונג פון דעראָזיקער אומגעהויערער צאָל פון וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונגען: נאָר קודם-כּל איז איר מעטאָד, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דורך און דורך — פון דער אויבערשטער שיכט אָן ביז צו איר אינעווייניקסטן קערן — פאַלש; און דערפאַר האָט די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע נישט געגעבן און נישט געקאָנט געבן קיין אויפקלערונג וועגן דעם טיפערן אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון די פּסיכישע דערשיינונגען. די לערע פון פּסיכאָ-פיזישע אויסמעסטונגען האָט גראָד אויפגעוויזן, אַז דער אייגנטלעכער מהות פון די פּסיכישע דערשיינונגען אין קעגנזאַץ צו די פיזישע באַשטייט דערין, וואָס די פונקציעס, דורך וועלכע זייער צוזאַמענהאַנג און זייער איבערגאַנג אין אייננאַנדער לאָזן זיך סוף-כּל-סוף פאָרשטעלן, וואָלטן אויך אין בעסטן פאַל געמוזט אויספאַלן אין דער פאָרם פון אומבאַשטענדיקע גרייסן, און וואָלטן אויך במילא געווען אומדיפערענצירבאַר. צוזאַמען מיט דער באַשטענדיקייט פאַרשווינדט אָבער אויך די פּרינציפּיעלע מעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם אומבאַדינגט מאַטעמאַטישן

אידעאַל פון יעטוועדער וויסנשאַפט. ווען מען איבעריקנס ס'איז ק'אָר, אַז רוים און צייט ווערן נאָר געשאַפן דורך די פסיכע, דער וועט נישט דערוואַרטן פון דער געאָמעטריע און אַרטימעטיק, אַז זי זאָל אַמאָל קאָנען אויסשעפן איר שעפער.

נישט פאַראַן קיין וויסנשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע וועגן דעם מאַנסביל; מחמת אין תוך פון יעטוועדער פסיכאָלאָגיע ליגט דער ווילן אַרויסצופירן דאָס, וואָס איז אומאַרויספירבאַר, דייט־לעכער געזעגט, איר ענדלעכער ציל וואָלט געדאַרפט זיין צו דערוויזן דעם מענטשן זיין עקזיסטענץ און עסענץ. דאַן וואָלט אָבער יעדער מענטש אַפילו אין זיין טיפסטן מהות נאָר געווען אַ פועל־יוצא פון אַ באַשטימטער סיבה, ער וואָלט געווען דע־טערמינירט, און קיין שום מענטש וואָלט נישט באַדאַרפט אַכטן דעם צווייטן, אַלס מיטגליד פון דעם קיניגרייך פון פרייהייט און אומענדלעכן ווערט. אין דעמזעלביקן מאָמענט, ווען איך וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויספיר פון באַשטימטע הנחות, און זיך אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק סובסומירט, וואָלט איך פאַרלוירן יעטווערן ווערט און וואָלט געווען פשוט נשמהלאָז. מיט דער פרייהייט פון ווילן און דענקען (מחמת דאָס מוז מען מיט יענעם פאַרייניקן) פאַרט זיך נישט די הנחה פון אומבאַ־דינגטער דעטערמינאַציע, וועלכע איז דער אויסגאַנגס־פונקט פון יעטוועדער פסיכאָלאָגישער פאָרשונג. ווער עס גלויבט בכן אין דער פרייהייט פון סוביעקט, ווי ק אַ נ ט און ש אָ פ ע נ ה וי ע ר, דער מוז פאַרלייקענען די פסיכאָלאָגיע אַלס וויסנשאַפט; ווער עס גלויבט אין דער פסיכאָלאָגיע, פאַר דעם איז די פרייהייט פון סוביעקט לגמרי נישט דענקבאַר, אַפילו אַלס טעאָרעטישע מעגלעכקייט; ווי י ו ם און ה ע ר ב אַ ר ט (די צוויי באַגרינ־דער פון דעם מאָדערנער פסיכאָלאָגיע).

דידאָזיקע דילעמע דערקלערט דעם טרויעריקן מצב פון דער היינטיקער פסיכאָלאָגיע אין אַלע אירע פרינציפיעלע פראַגעס. יענע באַמיונגען, אַרויסצוטרייבן דעם ווילן פון דער פסיכאָלאָגיע, יענע כסדר באַנייטע פרווון אַרויסצופירן אים פון עמפינדונג און געפיל, האָבן אייגנטלעך גאַנץ רעכט דערין, אַז דער ווילן איז נישט קיין ע מ פ י ר י ש ע ר פאַקט. אין דער דערפאַרונג קאָן מען דעם ווילן אינערגעץ נישט אָפּגעפינען און

אויפוויזן, ווייל ער אַליין איז דער תּנאי פון יעטוועדער עמפּיריש-פּסיכאָלאָגישער דערשיינונג. זאָל פּרווון עמיצער, וואָס האָט ליב צו שלאָפן לאַנג אינדערפרי, צו באַאָבאַכטן זיך אין מאָמענט, ווען ער האָט ענדגילטיק באַשלאָסן אויפצושטיין פון בעט. אין דעם באַשלוס ליגט (ווי אין דער אויפמערקזאַמקייט) דער גאַנצער אומטײלבאַרער איך, און דערפאַר פעלט אין אים די צווייהייט, וועלכע איז נויטווענדיק כּדי אויפצונעמען דעם ווילן. פּונקט ווי דער ווילן, אַזוי איז אויך דאָס דענקען נישט קיין פאַקט, וועלכן מ׳זאָל קאָנען האַלטן אין די הענט, בעת מען פּראַוועט וויסנשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע. דענקען הייסט אורטיילן, אָבער וואָס איז דער אורטייל פאַר דער אינעווייניקסטער אויפנעמונג? גאָרנישט, דאָס איז עפּעס פרעמדס, וואָס פאַרייניקט זיך צו יעדער רעצעפּטיוויטעט און לאָזט זיך נישט אַרויספירן פון די בוי-שטיינער, וועלכע זענען צונויפגעשלעפּט געוואָרן דורך די פּסיכאָלאָגישע פּאַסאָלטן און פּאַפּנערס: יעדער נייער אורטיילס-אַקט פאַרניכט די זשמודנע אַרבעט פון די עמפּינדונגס-אַטאָמיסטן. פּונקט אַזוי איז מיטן באַגריף. קיין מענטש דענקט נישט מיט קיין באַגריפן, און דאָך זענען פאַראַן באַגריפן, פּונקט ווי ס׳זענען פאַראַן אורטיילן.

און סוף-כּל-סוף זענען אויך וווּנדטס קעגנער פולשטענדיק גערעכט דערין, אַז די אַפּערצעפּציע איז נישט קיין עמפּיריש-פּסיכאָלאָגישער פאַקט, אַז זי איז נישט קיין אַקט, וועלכן מ׳זאָל קאָנען אויפנעמען. בלי-ספק איז וווּנדט טיפער פאַר זיינע באַקעמפער — נאָר די פלאַכסטע קעפּ קאָנען זיין אַסאָציאַציע-פּסיכאָלאָגן — און נישט אָן יסוד בינדט ער צונויף די אַפּערצעפּציע מיטן ווילן און אויפמערקזאַמקייט. אָבער די אַפּערצעפּציע איז פּונקט אַזוי ווייניק אַ פאַקט פון דערפאַרונג, ווי די אויפמערקזאַמקייט, ווי באַגריף און אורטייל. יבכן, וויבאַלד די אַלע זאַכן, ווי דענקען און ווערן, עקזיסטירן, לאָזן זיך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט און לאַכן זיך אויס פון יעטוועדער באַמיונג פונם אַנאַליז, טאָ האַנדלט עס זיך נאָר וועגן דעם אויסוואַל, צי זאָל מען אָננעמען עפּעס אַזוינס,

וואָס איז ערשט מחייב די מעגלעכקייט גופא פון יעטוועדן פּסיכישן לעבן, אָדער נישט.

דערפאַר וואָלט מען געדאַרפט אַ סוף מאַכן צו די אומזיניקע רייד וועגן אַן עמפּירישער אַפּערצעפּציע און איינזען, ווי זייער *קאַנט* איז גערעכט געווען, אָנערקענענדיק נאָר אַ *טראַנסצענדענטאַלע אַפּערצעפּציע*. ווייל מען זיך אָבער נישט שיידן מיט דער דערפאַרונג אַלס פאָרשונגס-מיטל, טאָ בלייבט דאַן נאָר די אומענדלעך צעשוומענע, האָפנונגסלאָזע פּוסטע אַטאָמיסטיק מיט אירע אַסאָציאַציע-געזעצן; אָדער די פּסיכאָלאָגיע ווערט אין דערדאָזיקער הינזיכט אַ *מעטאָדישער* צוגאָב צו דער פיזיאָלאָגיע און ביאָלאָגיע, ווי בײַ *אַווענאַריוסן*. דער לעצטער האָט זייער פיין באַאַרבעט נאָר איין, אגב גענוג באַגרעניצטן פראַגמענט פון דעם גאַנצן נשמה-לעבן; אָבער זיין אַרבעט האָט נישט דערפירט צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געדאַנקען, וועלכן זענען געלעגן אין איר יסוד, אַחוץ ווינציקע, אַגב גאַנץ אומגעלונגענע פּרוּוון.

אַזויערנאָך האָט זיך די אומפילאָזאָפישע נשמה-קענטעניש אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק נישט מסוגל צו דערגרייכן אַ ווירקלעכע פאַרשטענדעניש פונם מענטש, און קיין שום טרייסט אויף דער צוקונפט איז נישט בכוח צו געבן קיין זיכערע ערבות, אז דאָס וועט זיך איר אַמאָל קאָנען איינגעבן. וואָס אַ בעסערער פּסיכאָלאָג איינער איז, אַלץ לאַנגווייליקער ווערן אים די דאָזיקע היינטיקע פּסיכאָלאָגיעס. זיי איגנאָרירן אַלע עקשנותדיק די איינהייט, וועלכע באַגרינדעט ערשט יעטוועדעס פּסיכישע געשעען, און זיי טוען דאָס קאָנסעקווענט, ביז ערשט גאָר צום סוף גרייטן זיי אונז צו אַן אומאָנגענעמע איבעראַשונג אין לעצטן קאַפּיטל, וועלכעס באַהאַנדלט די אַנטוויקלונג פון אַ האַרמאָנישער פּערזענלעכקייט. יענע *איינהייט*, וועלכע איז איינציק און אַליין די אמתע *אומענדלעכקייט*, וואָלטן זיי געוואָלט אויפבויען פון אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָל דעטערמינירטע עלעמענטן; די „פּסיכאָלאָגיע אַלס דערפאַרונגס-וויסנשאַפט” האָט געוואָלט אָפּגעפינען דעם תּנאַי פון יעטוועדער דערפאַרונג גופא! דידאָזיקע פּרוּוון וועלן אייביק

דורכפאַלן און אייביק באַנייט ווערן, ווייל די גייסטיקע ריכטונג פון פּאָזיטיוויזם און פּסיכאָלאָגיזם וועט מוזן אַזוי לאַנג עקזי- סטירן, כּל-זמן ס'וועלן זיין מיטלמעסיקע קעפּ און באַקוועמע, נישט ביז צום סוף דענקנדיקע נאַטורן. ווער, ווי דער אידעאַ- ליזם, וויל נישט מקריב זיין די פּסיכע, דער מוז זיך אָפּזאָגן פון דער פּסיכאָלאָגיע; ווער עס בויט-אויף די פּסיכאָלאָגיע, דער טויט די פּסיכע. יעטוועדע פּסיכאָלאָגיע וויל אַרויספירן דאָס גאַנצע פון זיינע באַזונדערע טיילן, עס פאַרצושטעלן אין געשטאַלט פון עפּעס באַדינגטס. אָבער יעטוועדעס טיפערע נאָכדענקען אָנערקענט, אַז די טייל-דערשיינונגען פליסן דאָ אַרויס פון דעם גאַנצן אַלס לעצטן מקור. אַזוי נעגירט די פּסיכאָלאָגיע די פּסיכע, און די נשמה, לויט איר באַגריף, נעגירט יעדע לערע וועגן זיך: די פּסיכע נעגירט די פּסי- כאָלאָגיע.

אין דערדאַזיקער אונטערזוכונג האָבן מיר זיך אַנטשיידנ- דיק אַרויסגעזאָגט לטובת דער נשמה און קעגן דער לעכער- לעכער און יעמערלעכער נשמהלאָזער פּסיכאָלאָגיע. פאַר אונז בלייבט נאָך אַ פראַגע, צי פּסיכאָלאָגיע לאָזט זיך איבערהויפּט פאַרייניקן מיט נשמה, צי קאָן מען בכלל אַ וויסנשאַפט, וועלכע וויל אויפזוכן די קויזאַל-געזעצן און פעסט- שטעלן די נאָרמען פון דענקען און וועלן, אַוועקשטעלן אין איין ריי מיט דער פרייהייט פון דענקען און וועלן. אַפילו די הנחה פון אַ באַזונדערער „פּסיכישער קויזאַליטעט"*) וועט דאָ קנאַפּ וואָס קאָנען ענדערן; מחמת די פּסיכאָלאָגיע, אַרויסווייזנ- דיק לסוף איר אייגענע אָנמעכטיקייט, גיט דערמיט גופא דעם גלענצנדיקסטן באַווייז לטובת דעם איצט אַלגעמיין אויסגעלאַכטן און פאַרלעסטערטן רעכט פונם פרייהייטס-באַגריף.

דערמיט אָבער רופן מיר בשום-אופן נישט אויס קיין נייע

*) ס'איז גאַנץ באַגרייפלעך, אַז מ'קאָן לייכט פאַרפירט ווערן צו אַזאַ הנחה. ווער, למשל, האָט באַם איבערגאַנג פון איין טײל פון מיין אַרבעט צו דער צווייטער נישט געפילט, אַז אין ביידע טיילן רעדט זיך וועגן גאַנץ פאַרשידענע זאַכן. דאָרט האָבן מיר גערעדט וועגן אויסערלעכן צוזאַמענהאַנג, דאָ — וועגן אינערלעכן.

ערע פון ראַציאָנאַלער פסיכאָלאָגיע. להיפוך, וויבאַלד מיר וועלן מסכּים זיין מיט ק אַ נ ט ן , דאַרף די טראַנסצענדענטאַלע א י ד ע ע פון דער פסיכע פון אָנהויב אָן דינען פאַר אַ פירער באַם אויפשטייגן אין דער ריי פון די באַדינגונגען ביז צום אומבאַדינגטן, און דורכויס נישט פאַרקערט, ד. ה. באַם „אַראָפּגיין צו די באַדינגטע דערשיינונגען". מ'דאַרף נאָר אָפּשטויסן אַלע פּרוּוון צו לאָזן אַרויסדרינגען יענץ אומבאַדינגטע פון דעם באַדינגטן (באַם סוף פון אַ בוך פון 500 ביז 1.500 זייטן). נשמה איז דער רעגולאַטיווער פּרינציפּ, וועלכער דאַרף ליגן אין יסוד און אָנפירן מיט אונז באַ יעטוועדער וואָרהאַפטיק פסיכאָלאָגישער, און נישט עמפּינדונגס-אַנאַליטישער איינצל-פאָרשונג; מחמת אַנדערש וואָלט יעטוועדעס בילד פון פסיכישן לעבן, אַפילו ווען ס'זאָל זיין נאָך אַזוי בפּרטותדיק מיט ליבע און פאַרשטענדעניש געצייכנט, אויפגעוויזן אינמיטן אַ גרויס שוואַרץ לאָך.

ס'איז אומבאַגרייפלעך, ווי אַזוי פאָרשער, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געפּרוּווט צו אַנאַליזירן אַזעלכע דערשיינונגען, ווי בושה און שולד, גלויבן און האָפענונג, פחד און חרטה, ליבע און שנאה, בענקשאַפט און איינזאַמקייט, אייטלקייט און עמפּינדלעכקייט, רום-דאָרשט און אומשטערבלעכקייטס-באַדערפעניש, זאָלן האָבן דעם מוט צו אורטיילן כלאחר-יד איבערן איך, בלויז אויף דעם סמך, וואָס זיי געפינען אים נישט אַזוי, ווי די פאַרב פון פּאָמעראַנץ אָדער דעם טעם פון לויג. אָדער ווי ווילן מ אַ ך און י ו ם דערקלערן אַפילו נאָר דעם ס ט י ל, ווען נישט מיט דער אינדיווידואַליטעט? יאָ, ווייטער, די חיות דערשרעקן זיך קיינמאָל נישט, בעת זיי דערזעען זיך אין שפּיגל, אָבער קיין שום מענטש וואָלט נישט בכּוח געווען צו פאַרברענגען זיין לעבן אין אַ שפּיגל-צימער. אָדער לאָזט זיך אפשר דידאָזיקע מורא, די מורא פאַרן ט אָ פּ ל ג יי ע ר (וועלכער איז אגב, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, באַ דער פרוי נישט פאַראַן*) „ביאָלאָגיש" „דאַרוויניסטיש" דערקלערן? ס'איז גענוג

*) קיינער האָט נאָכנישט געהערט וועגן טאָפּלגייערינס. מען האַלט די פרויען פאַרן פחדנישן געשלעכט, מחמת מען אונטערשיידט ווייניק צווישן שרעקעודיקייט און פחד. פאַראַן אַ טיפער פחד, וועלכן נאָר דער מאַנסביל קען.

בלויז צו דערמאָנען דאָס וואָרט טאָפּלגייער, כדי באַ ס'רוב מענער אַרויסצורופן אַ העפטיק האַרצקלאַפּן. דאָ הערט זיך גלייך אויף יעטוועדע ריין עמפּירישע פּסיכאָלאָגיע, דאָ פאָדערט זיך טיפקייט. מחמת ווי קאָן מען די דאָזיקע זאַכן צוריקפירן צו אַ פריערדיקן סטאַדיום פון דער ווילדקייט אָדער חיהשקייט און צום מאַנגל אין זיכערקייטס־מיטלען דורך דער ציוויליזאַציע, ווי דאָס טוט מאַך, וועלכער גלויבט צו דערקלערן דעם פּחד פון קליינע קינדער אַלס אַנטאָגענעטישע רעמיניסצענץ! איך האָב דאָס נאָר איבעריקנס אָנגעוויזן אַלס רמז, כדי צו דערמאָנען די „אימאַנענטע" און נאַיווע „ר עאַליסטן", אַז אויך און זיי גופא זענען פאַראַן זאַכן, וועגן וועלכע...

פאַרוואָס איז דאָס קיינעם נישט אָנגענעם און קיינער וועט נישט זיין פולשטענדיק איינפאַרשטענדיק דערמיט, ווען מ'וועט אים אַריינשטעלן אין דער ריי פון ניטשעאַנער, הערבאַרטיאַנער, וואַגנעריאַנער א. א. וו.? ווען מ'וועט אים, מיט איין וואָרט, אונטעראָרדענען? אויך ערנסט מאַכן האָט עס דאָך שוין געוויס פּאַסירט, אַז דער אָדער יענער פון זיינע ליבע פריינט האָט אים פאַררעכנט צווישן די פּאָזיטיוויסטן, אידעאַליסטן אָדער ערגיץ אַנדערשוו. שוין־זשע מיינט ער ערנסט, אַז דאָס געפיל, וואָס עס רופן אין אונז אַרויס אַזעלכע באַשטימינגען מצד אַנדערע מענטשן, קאָן מען אויסשעפּנדיק דערקלערן דורך די פולע זיכערקייט אין דער איינציקאַרטיקייט פון די צונויפגעטראָפענע „עלעמענטן" אין איין מענטש, אַז דאָסדאָזיקע געפיל איז מער נישט ווי באַליידיקטער וואַרשיינלעכקייטס־חשבון? און דאָך האָט דאָסדאָזיקע געפיל, גענוי גענומען, קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט יענער דערשיינונג, ווען מיר, למשל, זעמיר נישט איינפאַרשטענדיק מיט וועלכער ס'איז וויסנשאַפטלעכער טעזע. מ'דאַרף עס אויך נישט צונויפמישן מיט יענעם געפיל, ווען עמיץ זאָגט אַליין וועגן זיך, אַז ער איז וואַגנעריאַנער. אין טיפסטן תוך פון דאָזיקן געפיל ליגט תמיד אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון וואַגנערטום. ווער ס'איז אויפריכטיק, ווער עס קאָן דאָס זיין, וועט מודה זיין, אַז מיט אַזאַ דערקלערונג איז ער

אויך אויסן צו דערהויבן וואגנערן. וואָס שייך אַנדערע מענטשן איז תמיד פאַראַן די מורא, אַז זיי זענען אויסן דעם היפּוך פון אַ דערהויבונג. פון דאַנען שטאַמט די דערשיינונג, וואָס דער מענטש איז אימשטאַנד צו זאָגן וועגן זיך גופא זייער פיל אַזעלכע זאַכן, וואָס צו הערן זיי פון אַנדערע וואָלט פאַר אים געווען זייער פּיינלעך, ווי סיראַנאָ דע בערזשעראַק זאָגט וועגן די בייסיקסטע שטעכווערטלעך:

„Je me les sers moi-même, avec assez
de verve,
Mais je ne permets pas qu'un autre me
les serve"*)

ווו-זשע איז דער מקור פון יענעם געפיל, וועלכעס ס'עמפּינדן אַפילו נידריק שטייענדיקע מענטשן? ער געפינט זיך אין דעם, וועו אַפילו נאָך אַזוי פאַרנעפּלטן באַוווּסטזיין פון זייער איך, פון זייער אינדיווידואַליטעט, וואָס פילט זיך אין דאָזיקן פאַל אַנגעגריפן. דער דאָזיקער ווידערשטאַנד איז דאָס אורבילד פון יעטוועדן בונט.

עס שיקט זיך נישט לסוף צו באַטראַכטן אַ פּאַסקאַל, אַ ניוטאָן פון איין זייט פאַר העכסט גענימלע דענקער, און פון דער אַנדערער זייט צושרייבן זיי אַ מענגע אומזיניקע פאָראורטיילן, פון וועלכע „מיר" זעמיר שוין לאַנג אויסגעוואַקסן. שוין-זשע שטייען מיר באמת צוליב אונזערע עלעקטרישע באַנען און עמפּירישע פּסיכאָלאָגיעס אויף אַזויפיל העכער פון יענער צייט? צי לאָזט זיך די קולטור, וויבאַלד ס'זענען פאַראַן קולטור-ווערטן, באמת מעסטן מיט דעם מצב פון דער וויסנשאַפט, וועלכע האָט תמיד נאָר אַ סאָציאַלן, קיינמאָל נישט אַן אינדיווידועלן, נישט-דעמאָנסטרירבאַרן כאַראַקטער, מיט דער צאָל פון די פאָלקסביבליאָטעקן און לאַבאָראַטאָריעס? צי איז קולטור עפּעס אַזוינס, וואָס געפינט זיך מחוץ דעם מענטש, צי ליגט זי נישט קודם-כל אין מענטש גופא?

---

*) איך אַליין באַנוץ זיי לגבי מיר מיט גענוג ברען, אָבער כ'וועל נישט דערלויבן, אַז אַן אַנדערער זאָל זיי באַנוצן לגבי מיר.

און מעג מען זיך פילן נאָך אַזוי העכער פאַר אַן אוי-
לערן, געוויס איינער פון די גרעסטע מאַטעמאַטיקער פון
אַלע צייטן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז: דאָס, וואָס ער טוט,
בעת ער שרייבט אַ בריוו, וואָלט ער געטון גענוי דאָסזעלבע,
ווען ער זאָל שטעקן אין קערפּער פון אַ נאָזהאָרן. כ'האָב נישט
בדעה דאָ צו פאַרטיידיקן אוילערס געדאַנק, ער איז אפשר כאַ-
ראַקטעריסטיש פאַרן מאַטעמאַטיקער, אַ מאָלער וואָלט קיינמאָל
אַזעלכס נישט געזאָגט. אָבער דידאָזיקע ווערטער לגמרי
נישט צו באַגרייפן, נישט צו געבן זיך אַפילו די מי זיי צו
פאַרשטיין, זיך פשוט איבער זיי לוסטיק צו מאַכן און צו אַנט-
שולדיקן אוילערן מיט דער „באַגרעניצטקייט פון זיין
צייט", דאָס שיינט מיר בשום-אופן נישט גערעכטפערטיקט.

ס'איז בכן אוממעגלעך זיך צו באַגיין אין דער פסיכאָ-
לאָגיע אָן דעם איך-באַגריף, לכל-הפחות בנוגע דעם מאַנסביל;
צי וועט זיך מיטן דאָזיקן באַגריף לאָזן פאַרייניקן אַ אין
ווינדעלבאַנדישן זינען נאָמאָטעטישע פסיכאָלאָגיע,
ד. ה. וועלכע שטעלט פעסט פסיכאָלאָגישע געזעצן, שיינט צו
זיין אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישע זאַך, אַלנפאַלס קאָן דאָס נישט
פאַרקלענערן די באַדייטונג פון אונזער הנחה מכוח דער נויט-
ווענדיקייט פון איך-באַגריף. ס'קאָן זיין, אַז די פסיכאָלאָגיע
וועט אַרויפטרעטן אויף יענעם וועג, וועלכער איז איר געווען
אָנגעוויזן אין איינס פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, און וועט
זיך אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלען אין טעאָרעטישע ביאָגראַפיע.
אָבער גראָד דאַן וועט זי אַמגיכסטן דערקענען די גרעניצן פון
יעטוועדער עמפּירישער פסיכאָלאָגיע.

דערדאָזיקער פאַקט, אַז יעטוועדע פאָרשונג פון דער מענ-
לעכער פסיכאָלאָגיע שטויסט זיך אָן אין לעצטן תוך אויף עפּעס
אומאַדויסזאָגבאַרס, אומאויפלייזבאַרס, שטימט וווּנדערבאַר דער-
מיט, וואָס רעגלמעסיקע פאַלן פון א. ג. Duplex אָדער
„Multiplex personality", פאַרטאָפּלונג
אָדער פאַרפילפאַכונג פונם איך, זענען נאָר
באַ פרויען באַאָבאַכט געוואָרן. די פסיכיק
פון דער אַבסאָלוטער פרוי איז צעלייגבאַר ביזן
לעצטן אַטאָם: די מענלעכע פסיכיק איז אין אַלע

אייביקייטן, אַפילו דורך די בעסטע כאַראַקטעראָלאָגיע נישט פולשטענדיק צעלייגבאַר, אַ פּשיטא שוין דורכן עקספּערימענט: אין אים איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער קערן, וועלכער לאָזט מער נישט צו קיין שום צעגלידערונג. ס׳ איז אַן אַגרעגאַט, און דערפאַר איז זי צעלייגבאַר, שפּאַלטבאַר.

דעריבער קומט דאָס באמת אויס קאָמיש, בעת מ׳הערט ווי מאָדערנע גימנאַזיסטן פּלאַפּלען (אַלס פּלאַטאָנישע אידעע) וועגן דער נשמה פון דער פרוי, וועגן פרויען-הערצער און זייערע מיסטעריעס, וועגן דער פּסיכע פון דער מאָדערנער פרוי א. א. וו. דער גלויבן אין דער נשמה פון דער פרוי שיינט אויך צו געהערן צום פעיקייטס-באַוויז פון דעם געזוכטן אַקושער.

ווייניקסטנס הערן פיל פרויען זייער גערן צו, בעת מ׳רעדט וועגן זייער נשמה, הגם זיי ווייסן (אין הענידן-פאָרם), אַז דאָס אַלץ איז שווינדל. די פרוי אַלס ספינקס. קיין גרעסערן אומזין האָט מען שוין נישט געקאָנט אַרויסזאָגן, קיין ערגערער שווינדל איז קיינמאָל נישט אויפגעפירט געוואָרן. דער מאַנסביל איז אומענדלעך רעטענישפולער, אומפאַרגלייכלעך קאָמפּליצירטער. ס׳איז גענוג בלויז זיך דורכצוגיין איבער דער גאַס, כדי צו זען, אַז ס׳איז נישט פאַראַן כמעט קיין פרויען-פנים, פון וועמעס אויסדרוק מ׳זאָל זיך נישט קאָנען אָפּגעבן תיכף אַ קלאָרן חשבון. דער רעגיסטער פון געפילן און שטימונגען בײַ דער פרוי איז אַזוי אומענדלעך אָרעם! בשעת נישט איין מענלעכן פנים קומט אויס לאַנג און שווער צו דעררינגטעווען.

לסוף זענען מיר דאָ אויך צוגעקומען צו דער לייזונג פון דער פראַגע וועגן דעם, צי עקזיסטירט צווישן פּסיכישע און פיזישע דערשיינונגען אַ געוויסער פּאַראַלעליזם אָדער קעגנזייטיקע ווירקונג. בײַ ס׳ שטימט דער פּסיכאָפיזישער פּאַראַלעליזם, אַלס פולשטענדיקע קאָאָרדינאַציע פון ביידע רייען: מיט דער זקנהדיקער פאַרוועלקונג פון דער פרוי ווערט אויך אין איר פאַרלאָשן די פעיקייט צו גייסטיקער אָנשפּאַנונג, וועלכע טרעט בײַ איר אויף נאָר אין שייכות מיט די סעקסועלע צוועקן, וועמען זי דינט. דער מאַנסביל עלטערט זיך קיינמאָל נישט אַזוי פול-

שטענדיק און אין דעם זין ווי די פּרוי, און די גייסטיקע אַטראָפּיע איז דאָ נישט בהכרח פֿאַרבונדן מיט דער זקנהדיקער פֿאַרוועלקונג און קומט נאָר פֿאָר אין איינצלנע פֿאַלן. אַמווייניקסטן לסוף לאָזן זיך באַמערקן די שפּורן פֿון זקנהדיקער שוואַכקייט בײַ יענע מענטשן, וועלכע באַזיצן אַ ברייט אַנטוויקלטע מענ־לעכע גייסטיקייט, — בײַ די זשעניס.

נישט אומזיסט זענען יענע פֿילאָזאָפֿן, וועלכע זענען אויך די שטרענגסטע פּאַראַלעליסטן, שפּינאָזאַ און פֿעכנער גלייכצייטיק אויך די שטרענגסטע דעטערמיניסטן, דעם פֿרייען, אינטעליגיבלען סוביעקט מ, וועלכער קאָן אַנטשיידן לויט זײַן ווילן צווישן גוטס און שלעכטס, איז פֿרעמד דער פּסיכאָפֿיזישער פּאַראַלעליזם, וועלכער פֿאָדערט פֿאַר די פּסיכישע דערשיינונגען אַ גענוי אַנאַלאָגישן קויזאַלן קשר ווי פֿאַר די מעכאַנישע דערשיינונגען.

אויף אַזאַ אופֿן וואָלטן מיר געקאָנט באַטראַכטן פֿאַר דערליידיקט די פֿראַגע וועגן דעם פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט אין דער פּסיכאָלאָגישער באַהאַנדלונג פֿון די געשלעכטער. אָבער דידאָזיקע אָנשויונג שטויסט זיך ווידער אָן אויף אַן אומ־געווײנלעכער שוועריקייט אין געשטאַלט פֿון אַ גאַנצער רייע מערקווירדיקע פֿאַקטן, וואָס אַן אמת, דערווייזן אונז דידאָזיקע פֿאַקטן אַן איבעריקס מאָל די פֿולשטענדיקע נשמהלאָזיקייט פֿון פּ, און גראָד אויפֿן סאַמע אַנטשיידנדיקסטן אופֿן; אָבער פֿון דער צווייטער זײַט פֿאָדערן זיי די דערקלערונג פֿון איין זייער אייגנטימלעכן שטריך אין דעם פֿאַרהאַלטן זיך פֿון דער פּרוי, אַ שטריך, וועלכער איז ביזאַהער מערקווירדיקערווייז נאָך דורך קיינעם, ווי עס שיינט, נישט באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַן ערנסטן פּראָבלעם.

מיר האָבן שוין פֿריער אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דער קלאָרקייט פֿון מענלעכן דענקען לגבי דער ווייבלעכער אומבאַ־שטימטקייט און שפּעטער האָבן מיר אָנגעוויזן דערויף, אַז די פֿונקציע פֿון ריכטיקן רעדן, אין וועלכן עס קומען צום אויסדרוק פֿעסטע לאָגישע א ו ר ט ײ ל ן, ווירקט אויף דער פּרוי אַלס אַ ס ע ק ס ו ע ל ע ר ש ט ר י ך פֿונם מאַן. אָבער דאָס,

וואָס רייצט פ אין סעקסועלער הינזיכט, מוז זיין אַן אייגנשאַפט פון מ. פונקט אַזוי מאַכט די אומבויגזאַמקייט פון מענלעכן כאַראַקטער אויף דער פרוי אַ סעקסועלן איינדרוק, זי פאַראַכט דעם מאַנסביל, וועלכער גיט נאָך דעם אַנדערן. מען פלעגט אין אַזעלכע פאַלן צו רעדן וועגן מאָראַלישן איינפלוס פון דער פרוי אויפן מאַנסביל, אינדערצייט ווען זי שטרעבט נאָר צו דערהאַלטן אין דער פולער מאָס איר סעקסועלן דערגאַנצער אין אַלע זיינע דערגאַנצנדיקע אייגנשאַפטן. די פרויען פאַרלאַנגען פונם מאַנסביל מענלעכקייט און פילן זיך באַרעכטיקט צו דער העכסטער אויפרעגונג און פאַראַכטונג, וויבאַלד דער מאַנסביל אַנטוישט זייערע דערוואַרטונגען אין דאָזיקן פרט. אַזוי למשל וועט אַ פרוי, ווי קאָקעטיש און ווי ליגנעריש זי זאָל נישט זיין, אַריינפאַלן אין גרויס פאַרביטערונג און אויפרעגונג, וויבאַלד זי וועט באַמערקן בײַם מאַן שפורן פון קאָקעטעריע אָדער ליגנערישקייט. זי מעג זיין נאָך אַזוי פחדניש: דער מאַן אָבער דאַרף אַרויסווייזן מוט. אַז דאָס איז נאָר סעקסועלער עגאָיזם, וועלכער שטרעבט אויפצובאַהאַלטן פאַר זיך דעם אומגעטריבטן גענוס פון איר דערגאַנצונג, ווערט געוויינלעך פאַרזען. און אַזוי קאָן מען אויך אין דער דערפאַרונג קוים געפינען אַ מער איבערצייגנדיקן באַווייז פאַר דער נשמהלאָזיקייט פון דער פרוי, איידער אין דעם פאַקט, אַז די פרויען פאַרלאַנגען פון מאַנסביל נשמה, און אַז גוטסקייט קאָן אויף זיי ווירקן, הגם זיי גופא זענען ווייט נישט גוט. נשמה איז אַ סעקסועלע אייגנשאַפט, וועלכע ווערט נישט אַנדערש און נישט צו קיין אַנדערן צוועק פאַרלאַנגט דורך דער פרוי, ווי גרויסע מוסקל-קראַפט אָדער קיצלדיקע וואָנסעלעך. דערדאָזיקער אויסדרוק קאָן טאַקע פאָרקומען גראָב, אָבער אין תוך פון דער זאַך לאָזט זיך גאָרנישט ענדערן. — די שטאַרקסטע ווירקונג איבט לסוף אויס אויף דער פרוי דער מענלעכער ווילן. און זי האָט אַ מערקווירדיק דינעם חוש פאַר דעם, צי דער „איך וויל" פונם מאַנסביל איז בלויז אָנגעשטרענגטקייט און אויפגעבלאָזנקייט אָדער ווירקלעכע אַנטשלאָסנקייט. אין לעצטן פאַל איז דער עפעקט ממש אַן אומגעהויערער.

ווי אַזוי-זשע קאָן אָבער די פרוי,

וועלכע איז אליין נשמהלאָז, באַנעמען די נשמה פונם מאַנסביל? ווי אַזוי קאָן זי באַאורטיילן זיין מאָראַלישקייט, זייענדיק אליין אַמאָראַליש? ווי קאָן זי אויפפאַסן די קראַפט פון זיין כאַראַקטער, וויבאַלד זי גופא, אלס פערזאָן, באַזיצט נישט קיין כאַ-ראַקטער? ווי אַזוי קאָן זי אָפּפילן זיין ווילן, נישט האָבנדיק אליין קיין אייגענעם ווילן?

אָט איז די פאָרמולירונג פון דעם אויסערגעוויינלעך שווערן פראָבלעם, וועלכער וועט נאָך דינען אלס געגנשטאַנד פון די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען.

אָבער איידער מיר וועלן צוטרעטן צו דער לייזונג פון דערדאָזיקע פראַגע, מוזן מיר קודם-כל באַפעסטיקן פון אלע זייטן די דורך אונז פאָרנומענע פאָזיציעס און זיי באַשיצן קעגן אָנגריפן, וועלכע וואָלטן אין וועמעס ס׳איז אויגן אימשטאַנד געווען זיי צו דערשיטערן.

קאַפּיטל X

מוטערשאַפט און פּראָסטיטוציע

דער הויפּט-איינווענד, וועלכער וועט בלי-ספק אַרויסגעשטעלט ווערן אַקעגן דער ביזאַהעריקער פאָרשטעלונג פון דער זאַך, איז נוגע דער אַלגעמיינער גילטיקייט פון דעם געזאָגטן פאַר אַלע פרויען. בנוגע אייניקע, אַפילו בנוגע פיל פרויען קאָן דאָס זיין ריכטיק; אָבער פאַראַן דאָך אויך אַנדערע...

לכתחילה האָב איך נישט בדעה געהאַט זיך אָפּצושטעלן אויף ספּעציעלע פאָרמען פון דער ווייב,עכקייט. די פרויען לאָזן זיך איינטיילן פון זייער פיל שטאַנדפּונקטן. אָבער מען דאַרף זיך היטן פון אָנווענדן בנוגע אַלע פרויען אין אַ גלייכער מאָס די הנחות, וועלכע גילטן נאָר בנוגע עפּעס אַן עקסטרעמען טיפּ, וואָס לאָזט זיך, אמת, אומעטום אויפווייזן, אָבער ווערט אָפט ביז צום נישט דערקענען פאַרשטעלט דורך דער איבערגעוויכט פון דעם פונקט פאַרקערטן טיפּ. פאַראַן פאַרשידענע איינטיילונגען פון פרויען, און פאַראַן אויך פאַרשידענע פרויען-כאַראַקטערן, הגם דאָס וואָרט „כאַראַקטער" דאַרף מען דאָ פאַרשטיין נאָר אין עמפּירישן זינען. אַלע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן פונם מאַנסביל געפינען פיל מערקווירדיקע אַנאַלאָגיעס אין כאַראַקטער פון דער פרוי — אַן אומשטאַנד, וועלכער איז אָפט גורם צו פאַרשידענע אמפּיבאָליעס (אַן אינטערעסאַנטער פאַרגלייך פון דאָזיקן מין וועט דורכגעפירט ווערן אין ווייטערדיקן טייל פון דאָזיקן קאַפּיטל); פונדעסטוועגן איז דער כאַראַקטער פונם מאַנסביל אינגאַנצן פאַרטונקען אין דער ספערע פון אינטעליגיבלען איך און איז דאָרט מעכטיק פאַראַנקערט; אַדאַנק דעם ווערט פאַר אונז ווידער באַגרייפלעך דער פאַקט פון דעם צונויפמיש פון דער נשמה-לערע מיט דער כאַראַקטעראָלאָגיע ווי אויך די געמיינזאַמקייט פון זייער גורל. די

כאַראַקטעראָלאָגישע אונטערשידן צווישן די פרויען שלאָגן נישט זייערע וואָרצלען אַזוי טיף, אַז זיי זאָלן קאָנען גורם זיין צו דער אַנטוויקלונג פון אַן אינדיווידואַליטעט; און ס׳איז אפשר כּלל נישט פאַראַן קיין ווייבלעכע אייגנשאַפט, וועלכע זאָל אין משך פון לעבן, אונטער דער השפּעה פון מענלעכן ווילן, זיך נישט לאָזן מאָדיפיצירן, אָפּרוקן אויפן צווייטן פּלאַן, און אַפילו פאַרניכטן.

סאַראַ אונטערשיידן ס׳זענען נאָך פאַראַן צווישן גלייך מענלעכע אָדער גלייך ווייבלעכע אינדיווידן, די דאָזיקע פראַגע האָב איך ביזאַהער בכּיוון געלאָזט אין אַ זייט. לגמרי נישט צוליב דעם, ווייל מיט דער צוריקפירונג פון די פּסיכאָלאָגישע דיפערענצן אויפן פּרינציפּ פון די סעקסועלע צווישנפאָרמען וואָלט געווינען געוואָרן מער ווי איין לייט־פאָדים אין דעם אַמייסטן פון אַלע פאַרפּלאָנטערטן געביט — נאָר צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס יעדע קרייצונג מיט עפּעס אַן אַנדערן פּרינציפּ, יעדע פאַרברייטערונג פון די לינעאַרע באַטראַכטונגען אין אַ פּלאַכאַרטיקער אויסמעסטונג וואָלט שלעכט געווירקט אויפן דאָזיקן ערשטן פּרווו פון אַ גרינטלעכער כאַראַקטעראָלאָגישער אָריענטירונג, וועלכע האָט געוואָלט דערפירן ווייטער ווי ביז צו דער פעסטשטעלונג פון די טעמפּעראַמענטן אָדער עמאָציאָנעלע טיפּן.

די ספּעציעלע ווייבלעכע כאַראַקטעראָלאָגיע דאַרף בלייבן אָביעקט פון אַ באַזונדערער פאָרשונג, הגם אויך דאָסדאָזיקע ווערק האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג די אינדיווידועלע אונטערשידן צווישן די פרויען. מיר שיינט, אַז איך האָב אַזוינאָך אויסגעמיטן דעם פעלער פון פאַלשע פאַראַלגעמיינערונגען און האָב ביזאַהער באַהויפּט נאָר דאָס, וואָס גילט אויף אַ גלייכן אופן און מיט גלייכער קראַפט בנוגע אַלע ווייבלעכע פרויען אָן אויסנאַם. ביזאַהער האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן פּ גאַנץ אַלגעמיין. היות אָבער ווי אַלס איינוועגד אַקעגן מיינע אויספירן וועט זיך לאָזן אַרויסשטעלן דערעיקר איין טיפּ צווישן די פרויען, האַלט איך פאַר נויטווענדיק צו כאַראַקטעריזירן שוין דאָ אַ געוויסע קעגנזאַץ־פּאָר פון זייער גאַנצער מענגע.

גרים,

אלעם שלעכטן און מיאוסן, וואָס כ'האָב אויסגערעדט אויף די פרויען, וועט אָקעגנגעשטעלט ווערן די פרוי אַלס מוטער.

ס'וועט בכן אויסקומען זיך אָפּצושטעלן דערויף אַביסל לענגער. דאָ דאַרף מען אָבער באַמערקן, אַז קיינער קאָן זיך נישט אונטערנעמען צו לייזן דעמדאָזיקן פּראָבלעם, נישט באַדיקזיכטנדיק צוגלייך דעם קעגנזעצלעכן פּאָליוס פון דער מוטער, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרווירקלעכונג פון דער דיאמעטראל היפּוכדיקער מעגלעכקייט פון דער פרויען-נאַטור, ווייל נאָר דורכדעם וועט דער מוטער-טיפּ ווערן דייטלעך אָפּגעגרעניצט, און נאָר אַזויגאָך וועלן זיך די אייגנשאַפטן פון דער מוטער קאָנען שאַרף אויסטיילן פון אַלעם פרעמדן.

יענער פּאָלאַר היפּוכדיקער טיפּ פון דער מוטער איז די זונה. די נויטווענדיקייט פון גראַד דעראָזיקער אָקעגנשטעלונג לאָזט זיך פונקט אַזוי ווייניק דעדוצירן, ווי די אָקעגנשטעלונג פונם מאַנסביל דער פרוי. דאָס לעצטע זעען מיר נאָר, אָבער מיר דערווייזן עס קיינמאָל נישט; דאָסזעלביקע איז אויך בנוגע דעם ערשטן: מיר מוזן דאָס האָבן געזען אָדער אָפּגעפינען אין דער ווירקלעכקייט, כדי זיך איבערצייגן, צי עס פּאַסט זיך גוט צו צו אונזער סכעמע. וועגן יענע באַוואָרענישן, וועלכע מ'דאַרף פאַרנעמען, וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן. לעת-עתה וועלן מיר באַטראַכטן די פרויען אַלס אַזעלכע, וועלכע האָבן תמיד אין זיך עפּעס פון צוויי טיפּן, אַמאָל מער פון איינעם, אַן אַנדערשמאָל מער פון צווייטן: דידאָזיקע טיפּן זענען די מוטער און די זונה.

מ'וואָלט שלעכט פאַרשטאַנען דידאָזיקע דיכאָטאָמיע, ווען מ'זאָל זי נישט אונטערשיידן פון אַ געוויסער פּאָפּולערער אָקעגנשטעלונג. מען זאָגט אָפט, אַז די פרוי איז אַזוי גוט מוטער ווי געליבטע. וואָס אַן אמת קאָן איך רעכט נישט תופס זיין דעם זין און נוצן פון אַזאַ פונאַנדערטייל. צי זאָל מיט דער קוואַליטעט „געליבטע" באַצייכנט ווערן דער סטאַדיום, וועלכער איז נויטווענדיקערווייז מקדים דער מוטערשאַפט? דאַן קאָן עס נישט באַצייכענען קיין שום דויערנדיקע כאַראַקטעראָלאָגישע אייגנטימלעכקייט. און וואָס זאָגט דען דער באַ-

בריף „געליבטע״ וועגן דער פרוי גופא מער, ווי דאָס, אַז זי איז געליבט? צי גיט ער איר צו עפּעס אַ וועזנטלעכע אייגנשאַפט, אָדער אַפילו נאָר אַ גאַנץ אויסערלעכע באַצייכענונג. געליבט ווערן קאָן פּונקט אַזוי גוט די מוטער ווי די זונה. העכסטנס קאָן מען מיט דער „געליבטער״ באַשרייבן אַ גאַנצע גרופּע פרויען, וועלכע געפינט זיך מער וויניקער אינמיטן צווישן די דאָ דערמאָנטע פּאָליוסן, אַ צווישנפאָרם פון מוטער און זונה; אָדער מען האַלט פאַר נויטיק אויסדריקלעך פעסטצושטעלן, אַז אַ מוטער שטייט אין אַן אַנדער פאַרהעלטעניש צום פאָטער פון זייערע קינדער, איידער צו אירע קינדער גופא, און איז טאַקע אויך אַזויפיל געליבטע, אויף וויפל זי לאָזט זיך ליב האָבן ד. ה. אויף וויפל זי גיט זיך איבער דעם געליבטן. אָבער דערמיט איז גאָרנישט געוואונען געוואָרן, ווייל דאָס קאָנען טון ביידע, מוטער און פּראָסטיטוטקע אין געגעבענעם פאַל אויף אַ פאָרמעל גלייכן אופן. דער באַגריף פון געליבטער זאָגט לגמרי גאָרנישט וועגן די קוואַליטעטן פונם וועזן, וואָס ווערט געליבט, מחמת ער דאַרף נאָר אָנדייטן דעם ערשטן צייטלעכן סטאַדיום אין לעבן פון איינער און דערזעלביקער פרוי, נאָך וועלכן עס קומט אַצווייטער סטאַדיום אין דער פאָרם פון מוטערשאַפט. היות בכן ווי דער צושטאַנד פון דער געליבטער איז נאָר אַ צופעליקער שטריך פון איר פערזאָן, טאָ קאָן מען זען, ווי ווייט אומלאָגיש עס איז דערדאָזיקער פונאַנדערטייל. אַנטהאַלט דאָך די מוטערשאַפט אין זיך עפּעס טיפערס, ווי נאָר דעם בלויזן פאַקט, אַז אַ פרוי האָט געבוירן, אָט דער טיפערער מהות פון דער מוטערשאַפט וועט טאַקע זיין די אויפגאַבע פון דער איצטיקער אונטערזוכונג.

אַז מוטערשאַפט און פּראָסטיטוציע זענען צוויי פּאָלאַר קעגנזעצלעכע דערשיינונגען, דרינגט אַרויס מיט גרויסער וואַרשיינלעכקייט שוין פון דער גרעסערער קינדער-צאָל פון דער גוטער הויזמוטער, בשעת די קאָקאָטע האָט תמיד וויניקער קינדער, און די גאַסנפרוי איז על-פי-רוב איבערהויפּט אומפרוכטבאַר. מען דאַרף באַמערקן, אַז נישט דאָס קויפבאַרע מיידל אַליין געהערט צו דעם זונה-טיפּ, נאָר זייער פיל פון די אַזויגערופענע אָנשטענדיקע מיידלעך און חתונה-געהאַטע פרויען.

און אפילו אזעלכע, וועלכע ברעכן קיינמאָל נישט די חתונה־שבועה און דאָס נישט דערפאַר, ווייל די געלעגנהייט איז נישט געווען געגנוג גינסטיק, נאָר דערפאַר, וואָס זיי אַליין האָבן נישט דערלאָזט, אַז ס׳זאָל אַזש דערצו צוקומען. מען דאַרף בכן נישט האָבן קיין תרעומות אויף דער אָנווענדונג פון באַגריף זונה אין אַ ברייטערן אומפאַנג, איידער אין דעם, וועלכער נעמט אַרום בלויז די פאַרקויפלעכע פרויען. די גאַסנפרוי אונטערשיידט זיך פון דער אָנגעזעענערער קאָקאָטע און דער פאַרנעמערער העטערע בלויז דורך דער אַבסאָלוטער אומפעיקייט צו אַ גרעסערער דיפערענצירונג און דורך איר פולשטענדיקן מאַנגל אין זכרון, וועלכער איז גורם, אַז איר לעבן ווערט אַ שעה׳ן־און מינוטן־לעבן. אָן דעם מינדסטן צוזאַמענהאַנג צווישן איין טאָג און דעם אַנדערן. דערפאַר וואָלט דער זונה־טיפּ געקאָנט קומען צום אויסדרוק אויך דאַן, ווען אויף דער וועלט וואָלט געווען בלויז איין מאַנסביל און איין פרוי, מחמת ער דריקט זיך אויס שוין אין דעם ספּעציפישן פאַרהאַלטן זיך צום איינצלנעם מאַנסביל.

שוין דער פאַקט פון דער קלענערער פרוכטבאַרקייט וואָלט מיך געקאָנט באַפרייען פון דער פליכט אָפּצופרעגן איין זייער פאַרשפּרייטע אָנשויונג, לויט וועלכער די פּראָסטיטוציע — אַ דערשיינונג וועלכער איז נויטווענדיקערווייז טיף באַגרינדעט אין דער איינגעבוירענער נאַטור פון מענטשלעכן וועזן — שטעלט מיט זיך פאָר אַ פועל־יוצא פון ס אָ צ י אַ ל ע תנאים, פון דער פאַרדינסטלאָזיקייט פון פיל פרויען. דידאָזיקע אָנשויונג איז נוטה צו באַשולדיקן די הייניקע געזעלשאַפט, וועמעס מענלעכע מאַכטהאָבערס האָבן אין זייער עקאָנאָמישן עגאָיזם אַזוי שטאַרק באַשווערט די אומפאַרהייראַטע פרויען די מעגלעכקייט פון אַן אָרנטלעכן לעבן; ווייטער ווייזט זי אָן אויף דעם שטאַרק פאַרשפּרייטן בחורטום, וועלכעס איז כלומרשט אויך אַרויסגערופן דורך מאַטעריעלע טעמים און פאָדערט צו זיין נויטווענדיקער דערגאַנצונג די עקזיסטענץ פון דער פּראָסטיטוציע. שוין־זשע איז נויטיק אָנצווייזן: אַז די פּראָסטיטוציע דאַרף מען נישט זוכן בלויז בײַ אָרימע גאַסנפרויען; אַז פאַרמעגלעכע מיידלעך זענען טיילמאָל מוותר אויף אַלע מעלות פון

זייער לאַגע, און ווילן בעסער אַן אָפן אַרומשלענדערן זיך איבער דער גאַס, איידער די געהיימע ליבשאַפטן — מחמת דער ריכטיקער פּראָסטיטוציע איז נויטיק די גאַס — אַז פיל שטעלעס אין געוועלבער, בײַ דער בוכהאַלטעריע, אין פּאָסט- טעלעגראַפן- און טעלעפאָן-דינסט, אומעטום, ווו ס'פּאָדערט זיך נאָר אַ ריין שאַבלאָנמעסיקע טעטיקייט — ווערט מיט פאָרליבע אַוועקגעגעבן פרויען, ווייל פ איז פיל ווייניקער די פּערענצירט און האָט טאַקע דערפאַר ווינציקער באַדערפעניש ווי מ, און דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין דאָס געוווּסט פיל פריער פאַר דער וויסנשאַפט, אַז די פרויען קאָן מען אויך ערגער באַצאָלן צוליב זייער נידריקערן לעבנסשטייגער. איבעריקנס געפינט אַפילו די יונגע זונה על-פּי-רוב נאָר זייער שווער איר אויסקומעניש, מחמת זי מוז אָפּצאָלן טייערע דירה-געלט, טראָגן טייערע קליידער און אַחוצדעם נאָך אויסהאַלטן דעם סוטענער. ווי טיף עס שטעקט אין זיי דער דראַנג צו זייער לעבנס-אופן, איז קענטיק דערפון, וואָס פּראָסטיטוטקעס, אַפילו ווען זיי האָבן חתונה, קערן זיך אָפט ווידער אום צו זייער פריערדיקן פאַך. די פּראָסטיטוטקעס זענען ווייטער, אַדאַנק אומבאַקאַנטע, אָבער וואַרשיינלעך אין אַן איינגעבוירענער קאָנסטיטוציע שטעקנדיקע סיבות, אָפט ווידערשטאַנדספעיק אַקעגן געוויסע אינפעקציעס, מיט וועלכע עס שטעקן זיך על-פּי-רוב אָן „אָנשטענדיקע פרויען". לסוף האָט די פּראָסטיטוציע תמיד עקזיסטירט און איז כלל נישט רעלאַטיוו געוואָקסן מיט די דערגרייכונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ערע, און האָט אַפילו געהערט צו די רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון געוויסע פעלקער פון אַלטערטום, צ. ב. פון די פעניציער.

די פּראָסטיטוציע קאָן בכן בשום-אופן נישט באַטראַכט ווערן אַלס עפּעס אַזוינס, צו וועלכן דער מאַנסביל האָט ערשט געשטויסן די פרוי. בלי-ספק טראָגט גענוג אָפט דער מאַנסביל די שולד, ווען עפּעס אַ מיידל מוז פאַרלאָזן איר שטעל און געפינט זיך ברויטלאָז. אַז אָבער אין אַזאַ פאַל כאַפּט זיך די פרוי פאַר עפּעס אַזוינס, ווי ס'איז די פּראָסטיטוציע, טאָ מוז דאָס ליגן אין דער נאַטור פון דער מענטשלעכער נקבה גופא. דאָס, וואָס ס'איז נישט, קאָן אויך נישט ווערן. דעם עכטן מאַנסביל, וועמען עס טרעפט מאַטעריעל נאָך אָפטער אַ

שלעכטער גורל, און וועלכער פילט אָפּ די אָרימקייט אינטענסיווער פאַר דער פרוי, איז פונדעסטוועגן די פּראָסטיטוציע פולשטענדיק פרעמד, און מענלעכע פּראָסטיטווירטע (צווישן קעלנערס, פריזיר-געהילפן א. א. וו.) זענען תמיד באַשיינפּערלעכע סעקסועלע צווישנפאָרמען. דעריבער איז די נייגונג און דראַנג צו דער פּראָסטיטוציע, פונקט ווי די נטיה צו דער מוטערשאַפט, פאַראַן אָרגאַניש אין דער פרוי, פון געבוירן אָן.

דערמיט איז אָבער נישט געזאָגט, אַז יעדע פרוי, וועלכע ווערט אַ זונה, איז עס געוואָרן אויסשליסלעך צוליב אינערלעכער נויטווענדיקייט. אין די מייסטן פרויען שטעקן אפשר ביידע מעגלעכקייטן, אַזוי גוט די מוטער, ווי די זונה; נאָר די בתולה — כ'בעט צו אַנטשולדיקן; איך ווייס, אַז דאָס איז צו ריקזיכטסלאָז לגבי די מאַנסבילן — נאָר די בתולה עקזיסטירט נישט. אין אַזעלכע וואַקלדיקע פאַלן איז אַלץ אָפּהענגיק נאָר פון מאַנסביל, וועלכער איז אימשטאַנד דורך זיין פּערזאָן צו מאַכן די פרוי פאַר אַ מוטער; נישט ערשט דורך דער באַהעפטונג, נאָר דורך אַן איינמאָליקן אָנבליק. שאָפּענהויער האָט באַמערקט, אַז דער מענטש דאַרף, שטרענג גענומען, דאַטירן זיין דאָזיין פון דעם אויגנבליק, אין וועלכן זיין פאָטער און מוטער האָבן זיך איינאַנדער פאַרליבט. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. אין אידעאַלן פאַל וואָלט מען די געבורט פון אַ מענטשן געדאַרפט מיחס זיין צו יענעם מאָמענט, ווען אַ פרוי האָט צום ערשטן מאָל דערזען אָדער אפילו נאָר דערהערט די שטים פונם מאַנסביל, דעם צוקונפטיקן פאָטער פון איר קינד. די ביאָלאָגישע און מעדיצינישע וויסנשאַפט, די טעאָריע פון קינסטלעכן אָפּקלייב און די גינעקאָלאָגיע האָבן, וואָס אַן אמת, זינט העכער זעכציק יאָר, אונטער דער השפּעה פון יאָהאַן מילער, ט. ה. בישאָף און טש. דאַרווין, זיך פאַרהאַלטן כמעט דורכאויס נעגאַטיוו צו דער פראַגע וועגן „פאַרזען זיך” אָדער „פאַרקוקן זיך”. אין ווייטערדיקן המשך וועל איך זיך באַמיען צו אַנטוויקלען די טעאָריע פון דערדאָזיקער דערשיינונג. דאָ וועל איך נאָר באַמערקן, אַז די זאַך שטייט אפשר פאָרט נישט אַזוי, אַז ס'זאָל נישט מעגלעך זיין קיין שום „פאַרקוקן זיך”.

מחמת עס איינקט זיך נישט מיט דער אָנשויונג, אַז בלויז זאמען־קעמערל און איי קאָנען בילדן דעם נייעם אינדיווידן; נאָר ס׳זענען פֿאַראַן פֿאַלן פֿון „פֿאַרקוקן זיך", און די וויסנשאַפֿט דאַרף זיך באַמיען זיי אויסצוטייטשן, אָנשטאָט זיי אָן שום שהיות צו דערקלערן פֿאַר אוממעגלעך; ס׳איז דאָך שווער צו זאָגן, אַז די וויסנשאַפֿט זאָל באַזיצן אַזאַ גרויסן סכום דער־פֿאַרונג, כּדי צו זיין באַרעכטיקט אויפֿצושטעלן אַזאַ באַהויפּטונג. אין אַן אַפּריאָרישער וויסנשאַפֿט, ווי אין דער מאַטעמאַטיק, קאָן איך רויק באַטראַכטן פֿאַר אויסגעשלאָסן, אַז אויפֿן פּלאַנעט יופּיטער זאָל זיין $2\times2=5$; די ביאָלאָגיע האָט נאָר צו טון מיט הנחות פֿון „פֿאַרגלייכנדיקער אַלגעמיינהייט" (ק אַ נ ט).

וויבאַלד איך טרעט דאָ אַרויס לטובת דעם „פֿאַרקוקן זיך" און אין זיין פֿאַרלייקענונג זע איך נאָר אַ באַווייז פֿון באַגרעניצטקייט, ווייל איך פֿונדעסטוועגן בשום-אופֿן נישט באַ־הויפּטן, אַז אַלע אַזויגערופֿענע „פֿאַרזעענישן" אָדער אַפֿילו נאָר אַ זייער גרויסע טייל פֿון זיי שטאַמען פֿון פֿאַרקוקן זיך. פֿאָרלויפֿיק האַנדלט זיך נאָר וועגן דער מעגלעכקייט פֿון אַן איינפֿלוס אויף דעם נאָכקומענדיקן דור אָן דער באַהעפֿטונג מיט דער מוטער. און דאָ וועל איך זיין איינשטעלן צו זאָגן פֿאָלגנדיקס*): דער פֿאַקט, וואָס שאָפּענהויער און געטע האָבן זיך געהאַלטן באַ איין מיינונג אין דער פֿאַרבן-טעאָריע, באַזייטיקט לכתחילה יעטוועדן ספק אין דער ריכטיקייט פֿון זייער מיינונג לגבי אַלע פֿיזיקער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפֿט; אַזוי אויך דער אמת, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך איבסענען („פֿרוי פֿון ים") און געטען („Wahlverwandschaften"), קאָן נאָך נישט ווערן אָפּגעפֿרעגט דורך די אורטיילן פֿון אַלע מעדיציניש׳ע פֿאַקולטעטן פֿון דער וועלט צוזאַמענגענומען.

דער מאַן איבריקנס, פֿון וועלכן מ׳קאָן דערוואַרטן אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער פֿרוי, אַז דאָס קינד אירס וועט אויך דאַן צו אים ענלעך זיין, אַפֿילו ווען ס׳האָט זיך נישט

*) מיר האָבן דאָ אויפֿן זינען די הנחה, וועלכע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין VIII קאַפּ. מכּוח דעם יתרון, וועלכן מ׳דאַרף אָפּגעבן דעם טיפֿערן בליק פֿון געניאַלן מענטש לגבי דעם ציקטמעסיקן מצב פֿון דער וויסנשאַפֿט.

אַנטוויקלט פון זיין זרע, דערדאָזיקער מאַן וואָלט געדאַרפט דער פרוי סעקסועל אויף אַן אויסערגעוויינלעך פולקאָמענעם אופן דערגאַנצן. וויבאַלד אַזעלכע פאַלן טרעפן זיך בכן נאָר זייער זעלטן, טאָ ליגט דאָס אין דער אומוואָרשיינלעכקייט פון צוזאַמענטרעפן זיך פון אַזעלכע פולשטענדיקע דערגאַנצונגען, און קאָן נישט בילדן קיין איינווענד אַקעגן דער פּרינציפּיעלער מעגלעכקייט פון אַזעלכע פאַקטן, ווי ס'האָבן זיי פאַרגעשטעלט געטע און איבסען.

צי וועט אָבער אַ פרוי אָנטרעפן אויף יענעם מאַנסביל, וועלכער זאָל דורך זיין בלויזער אָנוועזנהייט זי מאַכן פאַר דער מוטער פון זיין קינד, דאָס איז אַ זאַך פון צופאַל. אויף אַזויפיל דאַרף מען מודה זיין בנוגע פיל מוטערס און פּראָסטיטוטקעס, אַז ווייניקסטנס לאָזט זיך עס דענקען, אַז זייער גורל וואָלט זיך געקאָנט אַנדערש געשטאַלטן. אָבער פון דער צווייטער זייט זענען פאַראַן נישט בלויז אַן אַ שיעור ביישפּילן, ווו אויך אָן אַזאַ מאַנסביל פאַרבלייבט די פרוי אין מוטער-טיפּ, נאָר עס טרעפן זיך אויך בלי-ספק פאַלן, ווו עס טרעט-אויף דערדאָזיקער איינער מאַן, און דאָך איז אויך זיין דערשיינען נישט בכוח צו שטערן די ענדגילטיקע און אַנטשיידנדיקע ווענדונג פון דער פרוי צו דער פּראָסטיטוציע.

עס בלייבט בכן נישט עפּעס אַנדערש, ווי אָנצונעמען צוויי איינגעבוירענע היפּוכדיקע נאַטורן, וועלכע טרעטן-אויף בײַ פאַרשידענע פרויען אין פאַרשידענעם פאַרהעלטעניש: די אַבסאָלוטע מוטער און אַבסאָלוטע זונה. צווישן ביידן ליגט די ווירקלעכקייט: בלי-ספק איז נישט פאַראַן קיין פרוי אָן שום זונה-אינסטינקטן.

איך ווייס, אַז פיל וועלן דאָס אָפּלייקענען. זיי וועלן פרעגן, לויט וואָס קאָן מען דען דערקענען דאָס זנותהאַפטע בײַ פיל פרויען, וועלכע שיינען צו זיין נישט עפּעס ווייניקער ווי קאָקאָטעס? איך וועל זיך לעת-עתה באַגרעניצן מיט דער אָגווייזונג דערויף, מיט סאַראַ גרייטקייט און ווילקייט עס באַציען זיך די פרויען צו דער אומציכטיקער באַרירונג מצד אַ פרעמדן מאַנסביל. וויבאַלד מ'וועט זיך האַלטן בײַם דאָזיקן מאָסשטאַב, וועט לייכט זיין צו דערווייזן, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע מוטער.

פונקט אזוי עקזיסטירט נישט קיין פרוי, וועלכע זאָל נישט באזיצן קיין שום מוטערלעכע רעגונגען. אָבער איך מוז דאָ באמערקן, אז כ'האָב פיל אָפטער באגעגנט אויסערגעוויינלעכע דערנענטערונגען צו דער אבסאָלוטער זונה, איידער אזעלכע גראדן פון מוטערלעכקייט, הינטער וועלכע עס פארשווינדט לגמרי יעטוועדעס זנותהאפטע.

דער מהות פון דער מוטערשאפט באשטייט, ווי דאָס ווייזט-אויף שוין דער ערשטער און אויבערפלעכלעכסטער אנאליז פון דאָזיקן באגריף, דערין, וואָס די דערגרייכונג פון ק י נ ד איז דער הויפטצוועק פון דעם לעבן פון דער מ ו ט ע ר, אינדערצייט ווען פאר דער אבסאָלוטער זונה האָט דערדאָזיקער באפרוכפערונגס-אקט לגמרי פארלוירן זיין ווערט. אן אלזייטיקע אונטערזוכונג פון דער דורך אונז געשטעלטער פראגע דארף קודם-כל אויפקלערן די באציונג פון דער מוטער און דער זונה צום דידאָזיקע צוויי דערשיינונגען: צו קינד און צום באהעפטונגס-אקט.

מוטער און זונה אונטערשיידן זיך קודם-כל דורך דעם פארהעלטעניש פון דער ערשטער צום קינד. דער אבסאָלוטער זונה גייט נאָר וועגן מאן, דער אבסאָלוטער מוטער קאָן נאָר גיין וועגן קינד. אלס פרובירשטיין קאָן אמזיכערסטן דינען דאָס פארהעלטעניש צו דער טאָכטער. וויבאלד די פרוי איז נישט מקנא די יוגנט אָדער גרעסערע שיינקייט פון איר טאָכטער, ווען זי פארגינט איר דערפאָלג בא די מענער, אידענטיפיצירנדיק זיך פולשטענדיק מיט איר און פרייענדיק זיך מיט דעם פארערער פון איר טאָכטער, גלייך ווי ער וואָלט געווען איר אייגענער, — נאָר אזא פרוי קאָן אָנגערופן ווערן מוטער.

די אבסאָלוטע פרוי, וועמען עס איז בלויז געלעגן אין דעם קינד, ווערט מוטער דורך יעדן מאנסביל. מ'קאָן באמערקן, אז פרויען, וועלכע האָבן זיך קינדווייז זייער גערן געשפילט מיט ליאלקעס, און שוין אלס מיידלעך זייער ליב געהאט קינדער און גערן אומגעגאנגען ארום זיי, זענען לגבי מענער וויניקער איבערקלייבעריש, נאָר נעמען גערן העם ערשטן בעסטן מאן, וועלכער איז אימשטאנד זיי ווי עס איז צו פארזאָרגן און איז

אָנגעגעם געזען בײַ אירע עלטערן און קרובים. װען אַזאַ מײדל איז, אַלציינס דורך װעמען, געװאָרן מוטער, דאַן קימערט זי זיך נישט אין אידעאַלן פֿאַל װעגן קיין שום אַנדערן מאַן מער. פֿאַר דער אַבסאָלוטער זונה דערקעגן זענען שוין קינדװײַז קינדער אַ גרויל; שפּעטער באַנוצט זי דאָס קינד העכסטנס אַלס מיטל, כּדי צו פֿאַרלאָקן צו זיך אַ מאַנסביל דורך אָפּשפּילן אַ אויף זײַן רירונג אויסגערעכנטער אידיליע צװישן מוטער און קינד. זי איז די פֿרוי, װעלכע האָט דאָס באַדערפֿעניש צו געפֿעלן װערן אַלע מענער, און היות װי ס'איז נישט פֿאַראַן קיין אַבסאָלוטע מוטער, װעט מען קאָנען אַנטדעקן אין יעדער פֿרוי מינדעסטנס דעם שפּור פֿון דאָזיקן אַלגעמיינעם דראַנג צום געפֿעלן װערן, װעלכער איז נישט מותּר אַפֿילו אויף קיין איין מאַנסביל אין דער װעלט.

אין דערדאָזיקער הינזיכט לאָזט זיך איבעריקנס באַמערקן אַ געװיסע פֿ אָ ר מ ע ל ע ע נ ל ע כ ק ײ ט צװישן דער אַבסאָלוטער מוטער און דער אַבסאָלוטער קאָקאָטע. בײדע האָבן אייגנטלעך נישט ק ײ ן ש ו ם פֿ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן בנוגע דער א י נ ד י װ י ד ו אַ ל י ט ע ט פֿון זײער סעקסועלער דערגאַנצונג. די ערשטע נעמט יעדן באַליביקן מאַנסביל, װעלכער קאָן איר דינען צו באַקומען אַ קינד און באַדאַרף שוין נישט קיין שום אַנדערן מאַנסביל, קוים האָט זי נאָר אַ קינד: נ אָ ר צ ו ל י ב ן ד אָ ז י ק ן ט ע ם ק אָ ן מ ע ן ז י אָ נ ר ו פֿ ן „מ אָ נ אָ ג אַ מ י ש". די צװײטע גיט זיך אָפּ יעדן באַליביקן מאַן, װעלכער קאָן איר דינען צום עראָטישן געניוס: דערדאָזיקער געניוס איז פֿאַר איר זעלבסטצװעק. דאָ באַרירן זיך בכן בײדע עקסטרעמען, און מיר האָבן אַ גרונט צו האָפֿן, אַז אַרויסגײ־ענדיק פֿון דאָזיקן פּונקט װעלן מיר קאָנען אַרײַנדרינגען אין מהות פֿון דער פֿרוי ב כ ל ל.

און פּראַקטיש מוז איך אָנערקענען די אַלגעמײנע אָנ־שױונג, בײַ װעלכער כ'האָב זיך לאַנג געהאַלטן, פֿאַר פֿולשטענ־דיק טעותדיק, די אָנשױונג, אַז די פֿ ר ו י איז מאָנאָגאַמיש און דער מ אַ נ ס ב י ל פּאָליגאַמיש. די זאַך איז פּ ו נ ק ט פֿ אַ ר ק ע ר ט. מען דאַרף זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן דורך דעם, װאָס די פֿרויען װאַרטן אָפֿט גאַנץ לאַנג אויפֿן מאַן, און װיבאַלד

ס׳איז מעגלעך, קלייבן זיי אויס דעמיעניקן, ווער ס׳איז זיי-
אימשטאַנד צו שענקען אַמערסטן ווערט — דעם הערלעכסטן,
באַרימטסטן, דעם „ערשטן צווישן אַלע“. דורך דעמדאָזיקן
באַדערפעניש אונטערשיידט זיך די פרוי פון דער חיה, וועלכע
טראַכט איבערהויפּט נישט צו דערגרייכן וועלכן ס׳איז ווערט
נישט לגבי זיך גופא דורך זיך גופא (ווי דער מאַנסביל), און
נישט לגבי אַן אַנדערן דורך אַן אַנדערן (ווי די פרוי). אָבער
נאָר טפשים קאָנען רעדן מיט אַנטציקונג וועגן דעראָזיקער
דערשיינונג, וועלכע ווייזט דאָך אויף אַמזיכערסטן, אַז די
פרוי איז באַרויבט פון יעטוועדן א י ג נ ו ו ע ר ט.
דאָסדאָזיקע באַדערפעניש פאַרלאַנגט בלי-ספק באַפרידי-
קונג; עס שטעקט אָבער אין אים דורכאויס נישט דער עטי-
שער ג ע ד אַ נ ק פון מאָנאָגאַמיע. דער מאַנסביל איז אימשטאַנד
אומעטום צוצוגעבן ווערט, איבערטראָגן אים אויף דער פרוי, ער
ק אָ ן ש ע נ ק ע ן, ער ו י ל אויך שענקען. אָבער ער קאָן
קיינמאָל נישט, ווי די פרוי, באַקומען זיין ווערט במתנה פון
אַ צווייטן מענטש. די פרוי זוכט בכן, וואָס אַן אמת, צו פאַר-
שאַפן זיך מעגלעכסט פיל ווערט, באַמיענדיק זיך צו ווערן
אויסגעוויילט דורך דעמיעניקן מאַנסביל, וועלכער קאָן איר צו-
געבן דעם מ י י ס ט ן. ווערט. באַם מאַנסביל אָבער ליגט אין
יסוד פון דער חתונה גאַנץ אַנדערע מאָטיוון. אַלנפאַלס שטעקט
אין איר אורשפּרינגלעכן באַגריף די ענדגילטיקע דערגאַנצונג
פון דער אידעאַלער ליבע, אַלס איר דערפילונג, הגם ס׳איז
זייער צווייפלהאַפט, צי זי איז ווען עס איז ווירקלעך בכוח
אַזויפיל צו טון. זי איז ווייטער דורכגעדרונגען מיטן דורכויס
מענלעכן געדאַנק פון דער ט ר י י ה י י ט (וועלכע שטיצט זיך
אויף דער קאָנטינויטעט, אויפן אינטעליגיבלען א י ך). זייער
אָפט קומט אויס צו הערן, אַז די פרוי איז געטרייער
ווי דער מאַנסביל, אַז די טרייהייט פונם מאַנסביל איז פאַר
אים אַ צ ו אַ נ ג, וועלכן ער האָט אַליין — בלי-ספק מיטן
פ ר י י ע ן ווילן און פולן ב אַ ו ו ס ט ז י י ן — אַרויפגעלייגט
אויף זיך. ער וועט אָפטמאָל עובר זיין אויף דעראָזיקער
זעלבסט-התחייבות, אָבער ער וועט דאָס תמיד באַטראַכטן פאַר
אַן אומרעכט, אָדער ער וועט עס אָפילן אויף עפּען אַן אַנדערן

אופן. ברעכנדיק די חתונה־טרייהייט, לאָזט ער נישט קומען צום וואָרט זיין אינטעליגיבלען מהות. פאַר דער פרוי איז דער פאַרראַט קיצלדיקער שפּיל, אין וועלכן עס נעמט אָנטייל נישט דער געדאַנק פון דער זיטלעכקייט, נאָר דער מאָטיוו פון אומסכנהדיקייט און גוטן שם. נישט פאַראַן קיין פרוי, וועלכע זאָל אין אירע געדאַנקען נישט האָבן פאַרראַטן איר מאַן, און וועלכע זאָל צוגלייך דערמיט זיך מאַכן דאָס צום פאָרוואורף. מחמת די פרוי טרעט אַריין אין דער חתונה אַ ציטעריקע און פול מיט אומבאַוווסטן באַגער, און נישט באַזיצנדיק לגמרי קיין איבערצייטלעכן איך, ברעכט זי דידאָזיקע חתונה אַזוי דערוואַרטונגספול, אַזוי געדאַנקענלאָז, ווי זי האָט זי געשלאָסן. יענער מאָטיוו, וועלכער הייסט אָפּהיטן טרייהייט צו עפּעס אַ געשלאָסענעם אָפּמאַך, לאָזט זיך נאָר אָפּגעפינען באַם מאַנסביל; פאַר דער בינדנדיקער קראַפט פון אַ געגעבענעם וואָרט פעלט דער פרוי דאָס פאַרשטענדעניש. אַלע פאַקטן, וועלכע מען ברענגט אַלס ביישפּיל פון ווייבלעכער טרייהייט, דערווייזן גאַנץ ווייניק קעגן דעם. דידאָזיקע טרייהייט איז אָדער די לאַנגע נאָכווירקונג פון אַן אינטענסיוון סעקסועלן קשר (פּ ע נ ע ל אָ פּ ע), אָדער זי איז דאָס צוגעהעריקייטס־פאַרהעלטעניש גופא, הינטיש, נאָכלויפעריש, פול מיט אינסטינקטיווער איינגעעקשנטער צוגעבינדנקייט, ענלעך צו דער קערפּערלעכער נאָענטקייט אַלס תנאי פון יעטוועדן ווייבלעכן מיטלייד (ק ע ט כ ע ן פ ו ן ה יי ל ב אָ ר ן).

די מאָנאָגאַמיע האָט בכן געשאַפן דער מאַנסביל. זי האָט איר מקור אין דער אידעע פון דער מענלעכער אינדיווידואַליטעט, וועלכע דויערט אומפאַרענדערלעך אין לויף פון די צייטן; און דערפאַר באַדאַרף זי תמיד צו איר סעקסועלער דערגאַנצונג נאָר איין און דאָסזעלביקע וועזן. אויף אַזויפיל ליגט אין זינען פון דער מאָנאָגאַמיע עפּעס אַ העכערע אידעע, און אויף אַזויפיל געפינט דאָס אויפנעמען זי צווישן די סאַקראַמענטן פון דער קאַטוילישער קירכע אַ געוויסע באַרעכטיקונג. פונדעסטוועגן וויל איך דערמיט נישט פאַרנעמען קיין שטעלונג אין דער פראַגע „חתונה, אָדער פרייע ליבע”. אויפן באָדן פון וועלכע ס'איז אָפּווייכונגען פון שטרענגסטן מאָראַלישן געזעץ — און אַזאַ אָפּווייכונג שטעקט אין יעטוועדער עמפּירישער חתונה —

זענען שוין קיינמאָל נישט מעגלעך קיין פולשטענדיק באַפרידיקנדיקע פּראָבלעם-לייזונגען: צוזאַמען מיט דער חתונה איז געקומען אויף דער וועלט אויך איר פאַרשוועכונג.

און דאָך האָט נאָר דער מאַנספּערשוין געקאָנט באַשאַפן די חתונה. נישט פאַראַן קיין רעכטס-אינסטיטוציע פון ווייבלעכן אורשפּרונג, יעטוועדעס רעכט שטאַמט פונם מאַנסביל, און פון דער פרוי נאָר פיל מנהגים (שוין דערפאַר איז זייער טעותדיק די אָנשויונג, לויט וועלכער די געזעצן אַנטוויקלען זיך פון די מנהגים אָדער פאַרקערט. ביידע זענען גאַנץ פאַר-שידענע זאַכן). נאָר דער מאַנסביל — donna é mobile*) — פילט דאָס באַדערפעניש און באַזיצט די גענוגנדיקע קראַפט דערצו, כדי איינצופירן אָרדענונג אין די פאַרפלאָנטערטסטע סעקסועלע פאַרהעלטעניש. דאָס איז אַן אויסדרוק פון זיין אַל-געמיינער שטרעבונג צו אָרדענונג, צו רעכט, צו געזעץ בכלל (אין פּראַקטישן ווי אין טעאָרעטישן זינען). און ס'איז געווען, דוכט זיך, ווירקלעך אין לעבן פון פיל פעלקער אַ צייט, אין וועלכער די פרויען האָבן געקאָנט אויסאיבן אַ גרויסע השפּעה אויף דער סאָציאַלער געשטאַלטונג; אָבער דעמאָלט איז כלל נישט געווען קיין שפּור צומאָל פון חתונה: די עפּאָכע פון מאַטריאַרכאַט איז די עפּאָכע פון דער פּילמענעריי. —

דאָס אומגלייכע פאַרהעלטעניש פון דער מוטער און דער זונה צום קינד גיט אַ שטויס צו פיל ווייטערדיקע אויספירן. אַ פרוי, וועלכע איז על-פי-רוב זונה, וועט אויך אין איר זון קודם-כל זען זיין מענלעכקייט און וועט תמיד שטיין צו אים אין אַ געוויסן סעקסועלן פאַרהעלטעניש. היות אָבער ווי קיין שום פרוי איז נישט אינגאַנצן מוטערלעך, לאָזט זיך לייכט באַ-מערקן, אַז יעדער זון איבט אויס אויף זיין מוטער אַ לעצטן רעשט פון סעקסועלער ווירקונג. דערפאַר האָב איך פריער באַ-צייכנט די באַציונג צו דער טאָכטער אַלס דעם אומדערשי-טערלעכסטן מאָסשטאַב פון דער מוטער-ליבע. בלי-ספק שטייט פון דער אַנדער זייט אויך יעדער זון צו זיין מוטער אין אַ געוויסער, הגם פאַר די בליקן פוןביידן זייער פאַרשלייערטער,

*) די פרוי איז פאַרענדערלעך; באַקאַנטע אריע פון דער אָפּערע „ריגאָלעטאָ", ווערדיס (איב.).

סעקסועלער באַציונג. דידאָזיקע באַציונג דריקט זיך בולט אויס אין דעם פאַקט, וואָס פאַר פיל מענער איז די מוטער דער הויפט-אָביעקט פון זייערע סעקסועלע פאַנטאַזיעס בעת דעם שלאָף („עדיפּס חלום“). באַ ס'רוב מענער קומט דאָס פאָר נאָר אין ערשטן פעריאָד פון זייער געשלעכטלעכער רייפקייט, באַ אַנדערע ווידער נאָך שפּעטער; נאָר אַזוי גוט אין ערשטן, ווי אין צווייטן פאַל ווערן אַזעלכע פאַנטאַסטישע בילדער פולשטענדיק אַרויסגעשטויסן פון דעם זונס דמיון און וואַכן באַווסטזיין. אַז אָבער אויך אין אייגנטלעכסטן פאַרהעלטעניש פון דער עכטער מוטער צום קינד שטעקט אַ טיפער, סעקסועלער צונויפגוס-עלעמענט, דערויף שיינען עדות צו זאָגן די געפילן פון געשלעכטלעכן תענוג, וואָס די פרוי עמפינדט בעת דער אויסשטיילונג פון דער מילך אַזוי אומצווייפלהאַפט, ווי זיכער עס איז דער אַנאַטאָמישער פאַקט, אַז אונטער דער ווייבלעכער ברוסטוואָרצל געפינט זיך אַן ערעקטיל געוועב, און די פיזיאָלאָגן באַהויפטן, אַז דורך דער רייצונג פון דאָזיקן פונקט קאָן מען אַרויסרופן די צונויפציונג פון דער געבערמוטער-מוסקולאַטור. אַזוי גוט די פאַסיווקייט, וועלכע דרינגט אַרויס פאַר דער מוטער פון דעם אַקטיוון זויגן פונם קינד*) ווי אויך דער צושטאַנד פון ענגער, קערפּערלעכער באַרירונג בעת דעם קאָרמיען מיט דער מוטער-מילך שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאָר אויסגעצייכנטע אַנאַלאָגיע צו דער ראָלע פון דער פרוי אין דעם באַפרוכפערונגס-אַקט; דערמיט דערקלערט זיך די הפסקה פון די חודשלעכע בלוטונגען בשעת דעם קאָרמיען, און אונז ווערט אין אַ געוויסער מאָס באַגרייפלעך די אומקלאָרע, אָבער טיפע אייפערזוכט פון דעם מאַנסביל אַפילו אויף דעם זויגקינד. דאָס נערן פון דעם קינד איז אָבער אַ דורכאויס מוטערלעכע באַשעפטיקונג; וואָס מער אַ פרוי איז זונה, אַלץ ווייניקער וועט זי וועלן אַליין שטילן איר קינד, אַלץ ערגער וועט זי דאָס

*) די קינדישע ריקזיכטלאָזיקייט באַ דער אויספירונג פון די באַוועגונגען, דאָס וועלן אַלצדינג, צו וועלכן עס טרייבט זיי אַן אויגנבליקלעכער חשק, דער שטאַרקער פאַרלאַנג און דאָס אינסטינקטיווע אָנכאַפּן אַלע מעגלעכסטע געגנשטאַנדן — פאַרלאַנגט פון דער מוטער דידאָזיקע פאַסיוויטעט, וועלכע זי ווייזט אַרויס אין דער ספערע פון איר סעקסועלן לעבן (אין ענגן זינען).

אידעע (זאָלאַ). די אומגעהויערע זיכערקייט פון דעם מין, אָבער פאָרט מער גאָרנישט, ליגט אין דעם שווייגן פון דעמדאָזיקן באַשעפעניש, לגבי וועלכן דער מאַנסביל קאָן זיך אַפילו אין געוויסע מינוטן פילן קליין. עפעס אַ מין שלווה, אַ גרויסע מנוחה קאָן אים אַרומנעמען אין אַזעלכע רגעס, אַ שטילשווייגן פון יעטוועדער העכערער און טיפערער בענקשאַפט, און אַזוינאַך קאָן זיך אים אויף אַ ווײַלע אויס-דוכטן, אַז ער האָט דורך די פרוי געוווּנען דעם טיפסטן קשר מיט דער וועלט. ווערט ער דאָך בײַ דער געליבטער פרוי דאַן אַליין צום קינד (זיגפריד בײַ ברונהילדע, דריטער אַקט); צום קינד, אויף וועלכן די מוטער קוקט מיט אַ שמייכל, פאַר וועלכן זי ווייס אומענדלעך פיל, וועמען זי באַשענקט מיט איר פלעגע, וועמען זי בענדיקט און האַלט אין צוים. אָבער נאָר אויף רגעס (זיגפריד רייסט זיך אַרויס פון ברונהילדען). מחמת דער מהות פון מאַן באַשטייט דערין, וואָס ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ איר ממשלה; אויפהויבנדיק זיך איבער דעם מין. דערפאַר איז די פאַטערשאַפט דורכויס נישט די באַפרידיקונג פון זײַן טיפסטן געמיטס-באַדערפעניש, דערפאַר איז פאַר אים שרעקלעך דער געדאַנק פון פאַרלוירנגיין און אונטערגיין אין דעם מין; און דאָס מוראדיקסטע קאַפּיטל אין דעם פעסימיס-טישסטן צווישן די גרויסע ביכער פון דער מענטשלעכער לי-טעראַטור, אין דער „וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג", איז דאָס קאַפּיטל „וועגן דעם טויט און זײַן פאַרהעלטעניש צו דער אומצעשטערבאַרקייט פון אונזער מהות אין זיך", אין וועלכן דידאָזיקע אומענדלעכקייט פון דעם מין-ווילן איז פאָרגעשטעלט אַלס די איינציק דענקבאַרע אומשטערבלעכקייט.

די זיכערקייט פונם מין איז עס, וואָס מאַכט די מוטער מוטיק און אומדערשראָקן להיפּוך צו דער תּמיד אומזיכערער און שרעקעוודיקער פראָסטיטוטין. דאָס איז נישט דער מוט פון דער אינדיווידואַליטעט, דער מאָראַלישער מוט, וועלכער פליסט אַרויס פון דער טיפער אָפּשאַצונג פונם אמת און דער אומבויגזאַמקייט פון אינערלעך פרייען וועזן, נאָר דער לעבנס-ווילן פונם מין, וועלכער שיצט דאָס קינד און אַפילו דעם מאַנסביל דורך דער איינצלנער פערזאָן פון דער מוטער. פונקט

קאָנען טון. עס לאָזט זיך בכן נישט אָפּלייקענען, אַז אין דעם פֿאַרהעלטעניש פֿון דער מוטער צום קינד איז שוין אַנטהאַלטן אַ קרובישע פֿאַרהעלטעניש צווישן מאַן און פֿרוי.

די מוטערלעכקייט איז ווייטער גלייך אַלגעמיין ווי די סעקסואַליטעט און איז ווי זי גראַדירט לגבי די פֿאַרשידענע ווערזנס. ווײַבאַלד עפּעס אַ פֿרוי איז מוטערלעך, מוז זיך איר מוטערלעכקייט אַנטפּלעקן נישט בלויז לגבי איר לייבלעך קינד, נאָר זי קומט אויך צום אויסדרוק שוין פֿריער און לגבי איט־לעכן מענטש; הגם דער אינטערעס פֿאַרן אייגענעם קינד פֿאַר־שלינגט שפּעטער אַלדאָס אַנדערע און מאַכט די מוטער אין פֿאַל פֿון אַ סכסוך דורכויס ענגהאַרציק, בלינד און אומגערעכט. צום אינטערעסאַנטסטן איז דאָ דאָס פֿאַרהעלטעניש פֿון מוטערלעכן מיידל צום געליבטן. מוטערלעכע פֿרויען זענען, אַלס מיידלעך שוין, מוטערס לגבי דעם מאַנסביל, וועלכן זיי ליבן, און אַפֿילו לגבי יענעם מאַנסביל, וועלכער דאַרף שפּעטער ווערן דער פֿאָטער פֿון זייער קינד; ער גופא איז שוין אין אַ געוויסן זינען איר קינד. אין דעמדאָזיקן שטריך, וואָס איז געמיינזאַם דער מוטער און ליבנדיקער פֿרוי *), אַנט־פּלעקט זיך אונז דער טיפֿסטער מהות פֿון דאָזיקן פֿרויען־טיפּ: דאָס איז דער תמיד דויערנדיקער וואָרצלשטאָק פֿון דעם מין, וועלכן עס בילדן די מוטערס, דער קיינמאָל זיך נישט ענדיקנדיקער, מיט דעם באָדן פֿאַרוואָקסענער וואָרצל, פֿון וועלכן עס טיילט זיך אָפּ דער איינצלנער מאַנסביל, אַלס אינדיווידו, און לגבי וועמען ער פֿילט אָפּ זיין גאַנצע פֿאַרגענגלעכקייט. דאָס איז דער דאָזיקער מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיניקער גע־דאַנק, וועלכער לאָזט יעדן מאַן זען די פֿרוי־מוטער, אַפֿילו די מיידל־מוטער אין אַ געוויסן אייביקייטס־פּערספּעקטיוו **), און וועלכער מאַכט פֿון דער שוואַנגערער פֿרוי עפּעס אַ גרויסע

*) דאָס האָבן דעריקענט די גרעסטע דיכטער. לאָמיר זיך אָקאָרשט דערמאָנען אָן דער אידענטיפֿיקאַציע פֿון אַזע און סאָלוועיג באַם סוף פֿון איבסענס „פּער גינט“ און אָן דער פֿאַרבינדונג פֿון הערצל״דע מיט קונדרי בא דער פֿאַרפֿירונג פֿון וואַגנערישן פּאַרסיפֿאַל.

**) „אייביק בין איך געווען, אייביק אין זיס בענקנדיקן תענוג, דאַך אייביק צו דיין ישועה“ (ברונהילדע צו זיגפֿרידן).

אַזוי ווי פון דער באַגריפס-פּאָר „מוט און פּחדנות״, אַזוי אויך פון דעם קעגנזאַץ „האָפענונג — מורא״ פאַלט-צו די האָפענונג דער מוטער, און די מורא דער זונה. די אַבסאָלוטע מוטער איז אַזויצוזאָגן תּמיד און אין יעדער הינזיכט „באַ דער האָפענונג״; זייענדיק אומשטערבלעך אין דעם מין, ווייסט זי אויך נישט פון קיין מורא פאַרן טויט, פאַר וועלכן די זונה פילט אַ שרעקלעכן פּחד, הגם זי האָט נישט דאָס מינדסטע אינדיווידועלע אומשטערבלעכקייט-באַדערפעניש.

אָט איז נאָך אַ באַווייז, ווי פאַלש עס איז די אָנשויונג, לויט וועלכער דער באַגער נאָך פּערזענלעכער אומשטערבלעכקייט איז אַרויסגערופן דורך די מורא און דעם באַוווסטזיין פון קערפּערלעכן טויט.

די מוטער פילט תּמיד איר יתרון איבער דעם מאַנסביל, זי באַטראַכט זיך פאַר זיין אַנקער; אינדערצייט ווען זי אַליין איז גוט געזיכערט אין דער געשלאָסענער קייט פון גענעראַציעס, ענלעך צו דעם האַפן, פון וועלכן עס שווימט אַרויס יעדע נייע שיף — רודערט דער מאַנסביל ווייט דרויסן אַליין אויף אָפענעם, שטורעמדיקן ים. די מוטער איז אַפילו אין העכסטן עלטער נאָך תּמיד גרייט אויפצונעמען איר קינד און אים געבן אַ מקום-מקלט באַ זיך. דערדאָזיקער מאָמענט, ווי מיר וועלן זען ווייטער, ליגט טיף אין דער פּסיכיק פון דער מוטער שוין בעת דער באַפרוכפּערונג. אינדערצייט פון שוואַנגערשאַפט טרעט גאַנץ דייטלעך אַרויס דער מאָמענט פון שוץ און נאַרונג. דאָסדאָזיקע העכערקייטס-פאַרהעלטעניש דריקט זיך אויך אויס לגבי דעם געליבטן: די מוטער האָט פאַרשטענדעניש פאַר דעם נאַיוון און קינדישן, פאַר דער פּ ש ט ו ת אינם מאַנסביל, די העטערע פאַר זיין סובטעלקייט און ראַפינירטקייט. די מוטער האָט דאָס באַדערפעניש איר קינד צו לערנען, אַלץ אים געבן, ווען אַפילו דאָסדאָזיקע קינד זאָל זיין איר געליבטער; די העטערע אָבער ברענט פון באַגער, אַז דער מאַנסביל זאָל איר אימפּאָנירן, אים אַליין ערשט וויל זי אַלץ פ אַ ר ד אַ נ ק ע ן. די מוטער אַלס פאָרשטייערין פונם מין, וועלכער דריקט זיך אויס אין יעדן פון זיינע אָנגעהעריקע, איז פריינטלעך לגבי אַלע מיטגלידער פונם מין (אַ פ י ל ו י ע ד ע

טאָכטער איז אין דאָזיקן זינען אויך די מוטער פון איר פאָטער); ערשט ווען עס קומען אין שפּיל די אינטערעסן פון די נענטערע קינדער, ווערט זי, אָבער דאַן אויך אין אַן אויסערגעוויינלעכן גראַד, עקסקלוזיוו; די זונה איז קיינמאָל נישט אַזוי ליבפול און קיינמאָל נישט אַזוי ענגהאַרציק, ווי ס׳קאָן דאָס זיין די מוטער.

די מוטער געפינט זיך אינגאַנצן אונטער דער שליטה פון דעם מין-צוועק; די זונה שטייט מחוץ דעמדאָזיקן צוועק. יאָ, דער מין האָט אייגנטלעך נאָר דעמדאָזיקן איינעם באַשיצער, דידאָזיקע איינע פּריסטערין, די מוטער; דער ווילן פונם מין קומט בלויז אין איר ריין צום אויסדרוק, אינדערצייט ווען די דערשיינונג פון דער זונה ליפערט דעם באַוויז, אַז שאָפּענהויערס לערע, לויט וועלכער דער צוועק פון יעטוועדער סעקסואַליטעט איז די אויפשטעלונג פון קינפטיקע דורות, קאָן נישט זיין אַלגעמיין טרעפלעך. אַז דער מוטער גייט נאָר וועגן דעם לעבן פון איר מין, איז אויך קענטיק דערפון, וואָס גראָד מוטערלעכע פרויען ווייזן אַרויס אַמייסטן האַרטקייט לגבי חיות. מ׳דאַרף זיך צוקוקן, מיט סאַראַ אומדערשיטערלעכער רויִקייט, ווי דורכגעדרונגען פון דער פאַרדינסטפולקייט פון איר אַמט, שעכט די גוטע הויז-פרוי און מוטער איין הין נאָך דער אַנדערער. מחמת די פאַרקערטע זייט פון דער מוטערשאַפט איז די שטיפמוטערשאַפט; יעדע מוטער פון אירע קינדער איז שטיפמוטער פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן.

מער נאָך, איידער די אויבנדיקע אָבסערוואַציע, זאָגט עדות אויף דעם נאָענטן צוזאַמענהאַנג פון דער מוטער מיט דער דערהאַלטונג פונם מין איר אייגנאַרטיקע באַציונג צו אַלעם, וואָס דינט אויף וועלכן ס׳איז אופן צו דער נאַרונג. זי קאָן נישט פאַרטראָגן, אַז עפּעס אַן עסבאַרע זאַך, און מעג עס זיין אַפילו דאָס קנאַפּסטע רעשטל, זאָל גיין לאיבוד. אַ גאַנץ אַנדערע באַציונג באַמערקט זיך בײַ דער זונה, וועלכע, אויס ווילקיר, אָן אַ רעכטן גרונט, גרייט זי צו גרויסע זאַפּאַסן צום עסן און טרינקען, כדי זיי דערנאָך שטויסנווייז צו לאָזן „שטיין“. די מוטער איז איבערהויפּט קאַרג און קליינלעך, די פּראָסטיטוטין

פאַרשווענדעריש, קאַפּריזנע. מחמת די דערהאַלטונג פונם מין איז דער צוועק, פאַר וועלכן די מוטער לעבט; דערפאַר זאָרגט זי זיך פלייסיק וועגן דעם, אַז די פון איר באַמוטערטע זאָלן זיך אָנעסן צו דער זעט און מיט קיינזאַך קאָן מען זי אַזוי נישט דערפרייען ווי מיט אַ געבענטשטן אַפּעטיט. דערמיט איז ענג פאַרבונדן איר פאַרהעלטעניש צום ברויט, צו אַלעם, וואָס הייסט ווירטשאַפט. צערעס איז אַ גוטע מוטער, אַ פאַקט, וועלכער קומט דייטלעך צום אויסדרוק אין איר גריבישן נאָמען דעמעטער. אַזוי פלעגט די מוטער די פיזישע זייט פונם קינד, אָבער נישט זיין פסיכע*). דאָס פאַרהעלטעניש צווישן מוטער און קינד בלייבט מצד דער מוטער תמיד אַ קערפּערלעכס; אָנהויבנדיק פון קושן און טוליען דאָס קליינע, ביז צו די אַרומנעמענדיקע און איינוויקלענדיקע זאָרגענישן פאַרן דערוואָקסענעם. אויך די אומזיניקע אַנטציקונג איבער יעטווען לעבנס-סימן פון זויגקינד לאָזט זיך נישט אַנדערש פאַרשטיין, ווי נאָר אויפן סמך פון דערדאָזיקער איינציקער אויפגאַבע, וועלכע ס'איז די דערהאַלטונג און שוץ פון דעם ערדישן דאָזיין.

פון דעם אַלעם דרינגט אַרויס, אַז פון עטישן שטאַנדפּונקט קאָן מען די מוטער-ליבע נישט באַזונדערס הויך שעצן. זאָל יעדער פרעגן אויפריכטיק זיך גופא, צי ער גלויבט, אַז די מוטער וואָלט אים נישט פּונקט אַזוי ליב געהאַט, ווייבאַלד ער וואָלט געווען אַן אַנדערער, ווי ער איז, צי וואָלט איר גייציקייט געווען קנאַפּער, ווען ער זאָל נישט זיין ער, נאָר עפּעס אַ גאַנץ אַנדערער מענטש! דאָ ליגט דער שווערפּונקט, און דאָ זאָלן נעמען אַ וואָרט די-יעניקע, וועלכע זעען אין דער מוטער-ליבע אַ באַווייז פון דער מאָראַלישער גרויסקייט פון דער פרוי. די אינדיווידואַליטעט פון דעם קינד איז

*) פגל. אין איבסענס „פּער גינט", 2 אַקט, דעם שמועס צווישן דעם פּאָטער פון סאָלוועיג און אָזע (איינע פון די אַמבעסטן געצייכנטע „מוטערס" אין דער שענער ליטעראַטור) בעת זיי זוכן זייער זון:

אָזע: „...מיר'ן אים געפינען!"
דער מאַן: „מיר'ן מציל זיין די נשמה!"
אָזע: „און דעם גוף!"

דער מוטערליבע גאַנץ גלייכגילטיק איר־גענוגט דער בלויזער פאַקט פון דער קינדשאַפט: און דאָס איז טאַקע דאָס אומזיטלעכע אין איר. אין יעדער ליבע פונם מאַנסביל צו דער פרוי, אויך אין יעדער ליבע אין גבול פון זעלביקן געשלעכט גייט תמיד וועגן אַ באַשטימט וועזן מיט גאַנץ באַזונדערע קערפּערלעכע און פּסיכישע אייגנשאַפטן; נאָר די מוטערליבע שפּרייט זיך אויס אָן אויסוואַל אויף אַלעם, וואָס די מוטער האָט אַמאָל אין איר שויס געטראָגן. דאָס איז אַ גרויזאַמער אמת, גרויזאַם הן בנוגע דער מוטער און הן בנוגע דעם קינד, וואָס גראָד דאָ אַנטפּלעקט זיך, ווי דורכויס אומעטיש ס'איז אייגנטלעך די מוטער־ליבע, יענע ליבע, וועלכע דויערט אומפאַרענדערלעך ווייטער, צי דער זון ווערט אַ הייליקער, אָדער אַ פאַרברעכער, אַ קעניג אָדער אַ בעטלער, צי ער בלייבט אַ מלאך אָדער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרזעעניש. נישט ווייניקער נידריק איז אויך די פּרעטענזיע פון די קינדער אויף דער ליבע מצד דער מוטער, בלויז צוליב דעם טעם, וואָס זיי זענען זייערע קינדער (באַזונדערס גילט דאָס בנוגע די טעכטער; פונדעסטוועגן זענען אויך די זין אויפן דאָזיקן פּונקט נישט ריין פון זינד). די מוטערליבע איז דערפאַר אוממאָראַליש, מחמת זי איז נישט קיין פאַרהעלטעניש צום פרעמדן איך, נאָר זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ צונויפגעוואַקסנזיין פון אָנהויב אָן; זי איז, ווי יעטוועדע אומזיטלעכקייט, אַן איבערשרייטונג פון פרעמדע גרעניצן. פאַראַן אַן עטישע פאַרהעלטעניש נאָר פון אינדיווידואַליטעט צו אינדיווידואַליטעט. די מוטערליבע, זייענדיק אומאיבערקלייבעריש און צודרינגלעך, שליסט אויס די אינדיווידואַליטעט. דאָס פאַרהעלטעניש פון דער מוטער צום קינד איז אין אַלע אייביקייטן אַ סיסטעם פון רעפלעקסאַרטיקע פאַרבינדונגען צווישן דעם דאָזיקן און איר. ווען אַ געשריי טון אָדער נעמען וויינען פּלוצלינג דאָס קליינע, בעת די מוטער זיצט אין דערבייאיקן צימער, דאַן וועט זיך די מוטער ווי געשטאָכן אויפכאַפּן פון אָרט און צו אים אַהינאײַלן (אַ גוטע געלעגנהייט

כדי תיכף צו דערקענען, וואָס אַ געוויסע פרוי איז מער, מוטער אָדער זונה); און אויך שפּעטער טיילט זיך יעדער ווונטש, יעדער טרויער פון דערוואַקסענעם תיכף דער מוטער מיט, ווערט אויך איבערגעטראָגן און איבערגעפּלאַנצט אויף דער מוטער און פאַרוואַנדלט זיך אומבאַוווּסט, אומאָפּהאַלטזאַם אין איר ווונטש, אין איר טרויער. *אַ קיינמאָל נישט איבערגעריסענער קשר צווישן דער מוטער און אַלעם, וואָס איז אַמאָל דורך אַ נאָפּלשנור מיט איר פאַרבונדן געווען* — אָט וואָס ס'איז דער מהות פון דער מוטערשאַפט, און איך קאָן דערפאַר נישט איינשטימען מיט דער אַלגעמיינער באַוווּנדערונג פון דער מוטערליבע, נאָר פאַרקערט, כ'מוז גראָד דאָס אין איר טאַדלען, וואָס ס'ווערט אַזוי אָפט אין איר געלויבט: איר בחירהלאָזיקייט. איך גלויב איבריקנס, אַז פיל באַדייטנדיקע דענקער און קינסטלער האָבן זיך דערפון גאַנץ גוט אָפּגעגעבן אַ חשבון, אָבער זיי האָבן עס בעסער געוואָלט פאַרשווייגן. די פריער אַזוי גרעניצלאָזע איבערשאַצונג פון *ראַפאַעלן* האָט זיך אין דער לעצטער צייט שטאַרק אָפּגעקילט; און בכלל שטייען די באַזינגערס פון דער מוטערליבע דאָך נישט העכער ווי אַ *פישאַרט* אָדער *רישפּען*. די מוטערליבע איז אינסטינקטיוו און דראַנגהאַפטיק: אויך די חיות קענען זי, נישט ווייניקער ווי די מענטשן. דערמיט אַליין איז שוין גענוג באַוויזן, אַז אַזאַ מין ליבע איז נישט קיין עכטע ליבע, אַז דערדאָזיקער אַלטרויִזם קאָן נישט זיין קיין אמתע זיטלעכקייט; מחמת יעטוועדע מאָראַל שטאַמט פון יענעם אינטעליגיבלען כאַראַקטער, וועלכן עס באַזיצן נישט די גענצלעך אומפרייע חיהשע באַשעפענישן. פאָלגן דעם עטישן אימפעראַטיוו קאָן נאָר אַ שכלדיק וועזן; נישט פאַראַן קיין שום אינסטינקטיווע זיטלעכקייט; פאַראַן בלויז באַוווּסטזיניקע זיטלעכקייט.

איר שטעלונג מחוץ דעם מין-צוועק, דער אומשטאַנד, וואָס זי דינט נישט בלויז אַלס אויפהאַלטס-אָרט און מקלט פאַר דעם אייביקן דורכפליסן פון נייע וועזנס און וואָס זי שעפּט זיך נישט אויס דורכן ליפערן זיי נאַרונג — שטעלט די העטערע אין אַ געוויסער הינזיכט *העכער* פאַר דער מוטער; וויבאַלד

ס׳קאָן איבערהויפּט זיין אַ רייד וועגן אַ העכערן עטישן שטאַנדפּונקט דאָרט, ווו ס׳האַנדלט זיך וועגן צוויי פרויען. די מוטער, וואָס איז זיך אינגאַנצן מקדיש דער פלעגע און קליידונג פון מאַן און קינד, דער באַזאָרגונג אָדער השגחה פון קיך און הויז, גאָרטן און פעלד, שטייט כמעט תמיד אינטעלעקטועל זייער נידריק. די גייסטיק העכסטאַנטוויקלטע פרויען, אַלץ, וואָס ווערט אויף וועלכן ס׳איז אופן *מוזע* פאַרן מאַנסביל, געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די פּראָסטיטוירטע: צו דעמדאָזיקן *אספּאַזיע־טיפּ* דאַרף מען פאַררעכענען די פרויען פון דער ראָמאַנטישער עפּאָכע, דערהויפּט די באַדייטנדיקסטע צווישן זיי, *קאַראָלינע מיכאעליס־בעהמער־פאָרסטער־שלעגעל־שעללינג*.

אין הסכם דערמיט שטייט דער פאַקט, וואָס נאָר אַזעלכע מענער פילן זיך סעקסועל צוגעצויגן דורך די מוטער, וועלכע האָבן נישט קיין שום באַדערפעניש נאָך גייסטיקער פּראָדוקטיוויטעט פון אַ מענטשן, וועמעס פאָטערשאַפט באַגרעניצט זיך בלויז אויף די קערפּערלעכע קינדער, דאַרף מען אויך דערוואַרטן, אַז ער וועט צווישן אַלע פרויען אויסקלייבן די אַמערסטן פרוכטבאַרע, די מוטער. *באַדייטנדיקע מענטשן האָבן תמיד נאָר פּראָסטיטוירטע געליבט*[*]; זייער אויסוואַל פאַלט אויף דער אומפרוכטבאַרער פרוי, ווי זיי גופא, און וויבאַלד זיי לאָזן נאָך זיך איבער קינדער, זענען זיי תמיד אומלעבנספעיקע, גיך אויסשטאַרבנדיקע — וואָס האָט אפשר אַ טיפן, עטישן גרונט. די ערדישע פאָטערשאַפט איז פּונקט אַזוי מינדערווערטיק ווי די מוטערשאַפט; זי איז אומזיטלעך, ווי ס׳וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן (קאַפּ. XIV); און זי איז אומלאָגיש, מחמת זי שטעלט מיט זיך אין יעדער הינזיכט פאָר אַ געוויסע אילוזיע: ווי ווייט עמיץ איז פאָטער פון זיין קינד, דערין איז נאָך קיין מענטש נישט זיכער געווען. און אויך דער דויער פון דערדאָזיקער פאָטערשאַפט איז סוף־כל־סוף תמיד קורץ און פאַרגענגלעך: יעדעס געשלעכט און יעדע ראַסע פון

*) איך רעד באַטירלעך די גאַנצע צייט נישט בלויז וועגן דער קויפלעכער גאַסנמיידל.

דער מענטשהייט איז סוף־כל־סוף צוגרונט געגאַנגען און פאַר־לאָשן געוואָרן.

די אַזוי פאַרשפּרייטע, אַזוי אויסשליסלעכע און אַפילו ערפאָרכטיקע שעצונג פון דער מוטערלעכער פרוי, וועלכע מען שטעלט נאָך דערצו גערן פאָר אַלס דעם אַלייניקן און איינציקן עכטן טיפ פון דער פרוי, איז לויט דעם אַלעמען לגמרי אומבאַרעכטיקט; הגם כמעט אַלע מענער האַלטן זיך פאַרעקשנט דערין, יאָ, זיי באַהויפּטן נאָך געוויינלעך, אַז יעדע פרוי דער־גרייכט ערשט אַלס מוטער איר שלמות. כ׳בין מודה, אַז די זונה, נישט אַלס פּערזאָן, נאָר אַלס דערשיינונג, אימפּאָנירט מיר פיל מער.

די אַלגעמיינע העכערשטעלונג פון דער מוטער האָט פאַר־שידענע טעמים. קודם־כל צוליב דעם, וואָס איר איז נישט געלעגן אין אַ מאַן גופא אָדער נאָר אַזויפיל, אויף וויפל ער איז אַ קינד, שיינט זי פולשטענדיק צו אַנטשפּרעכן יענעם מיידל־שאַפטס־אידעאַל, וועלכן ערשט דער מאַנסביל וואַרפט צוליב אַ באַזונדער באַדערפעניש תמיד דער פרוי אָן; די צניעות אָבער איז איר אורשפּרינגלעך פרעמד, אַזוי גוט דער נאָך קינדער באַגערנדיקער מוטער, ווי דער נאָך מענער דאָרשטנדיקער זונה.

יענעם שיין פון גרויסער זיטלעכקייט באַלוינט איר דער מאַן דורך דער פאַר זיך גופא לגמרי" אומבאַגרינדעטער, מאָרַ־לישער און סאָציאַלער דערהויבונג איבער דער פּראָסטיטוטין. דאָס איז אַ פרוי, וועלכע האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעפּאַסט צו די אָפּשאַצונגען פונם מאַנסביל און צו דעם דורך אים באַ דער פרוי געזוכטן בתולה־אידעאַל, נאָר האָט זיך אים תמיד אַקעגנגעשטעלט, אין דער פאַרבאָרגענער פאָרם אַלס וועלט־דאַמע, אין פּאַסיון, לייכטן ווידערשטאַנד אַלס האַלבוועלטלערין, און לסוף אין אָפענער דעמאָנסטראַציע אַלס גאַסנמיידל. דערמיט אַליין דערקלערט זיך די אויסנאַם־פּאָזיציע, די שטעלונג מחוץ יעטוועדער סאָציאַלער אַכטונג, יאָ, כמעט מחוץ רעכט און געזעץ, וועלכע עס פאַרנעמט היינט די פּראָסטיטוטין כמעט אומעטום. דער מוטער איז אָנגעקומען לייכט זיך אונטערצוּוואַרפן דעם זיטלעכן ווילן פונם מאַנסביל, מחמת איר איז נאָר געגאַנגען וועגן קינד, וועגן דעם לעבן פונם מין.

גאַנץ אַנדערש די זונה׳ זי לעבט לכל-הפחות אינגאַנצן מיט איר אייגענעם לעבן*), הגם זי ווערט דערפאַר — אין עקסטרעמע פאַלן — באַשטראָפט מיט דעם אויסשלוס פון דער געזעלשאַפט. זי איז טאַקע נישט אַזוי מוטיק ווי די מוטער׳ גיכער פחדניש דורך און דורך, אָבער זי באַזיצט אויך דעם שטענדיקן קאָרעלאַט פון דעם פחדנות, די פרעכקייט׳ און אַזוינאָך האָט זי ווייניקסטנס די אומפאַרשעמטקייט פון איר בושהלאָזיקייט. געצויגט פון דער נאַטור צו פילמענעריי און צוציענדיק תמיד מער מענער, איידער בלויז דעם איינעם גרינדער פון אַ פאַמיליע, אָפּלאָזנדיק פון צוים אירע אינסטינקטן און באַפרידיקנדיק זיי ווי להכעיס, פילט זי זיך אַלס הערשערין, וועלכע פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז זי האָט מאַכט. די מוטער איז לייכט צי קרענקן אָדער אויפרעגן, די זונה אָבער איז קיינער נישט בכוח פוגע צו זיין, באַליידיקן; מחמת די מוטער׳ אַלס היטערין פון מין און משפחה, באַזיצט אַ געוויסע ע ר ע, די פראָסטיטוטין אָבער האָט מותר געווען אויף יעטוועדער סאָציאַלער אַכטונג, און דאָס איז איר שטאָלץ׳ און דערפאַר פאַררייסט זי דעם קאָפּ אינדערהייך. זי וואָלט נישט געקאָנט תּופס זיין דעם געדאַנק, אַז זי באַזיצט נישט קיין שום מאַכט („La maitresse“); זי האָט די זיכערקייט׳ נישט קענענדיק אַפילו אַנדערש דענקען, אַז אַלע מענטשן פאַרנעמען זיך מיט איר, טראַכטן רק וועגן איר, ל ע ב ן נ אָ ר פ אַ ר א י ר. און פאַקטיש איז עס טאַקע אַזוי — זי, די פרוי אַלס דאַמע, באַזיצט אַמייסטן רעכט צווישן אַלע אַנדערע מענטשן; זי איבט אויס דעם גרעסטן, דעם כמעט אַלייניקן איינפלוס אויפן גאַנצן מענטש-לעכן לעבן, אויף וויפל עס איז נישט נאָרמירט דורך מענלעכע פאַרבאַנדן (פון טורן-פאַריין ביז צו דער מלוכה).

זי בילדעט דאָ די אַנאַלאָגיע צום גרויסן דעראָבערער אויפן פּאָליטישן געביט. פּונקט ווי ער, ווי אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר און נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן, דערשיינט די גאַנץ גרויסע, גאַנץ פאַרכישו-פנדיקע זונה אפשר נאָר איינמאָל אין טויזנט יאָר׳ אָבער דאַן

*) אין הסכם דערמיט שטייט געוויס דער פאַקט, וועלכער וועט זיך נישט איינעם אויסווייזן זייער מאָדנע, אַז די פראָסטיטוטין לייגט מער אכט אויף דער ריינקייט פון איר קערפּער, איידער די פרוי-מוטער.

פייערט זי אויך, פונקט ווי ער, איר טריומף-צוג איבער דער גאנצער וועלט.

יעדער מאַן אַזעלכער שטייט תּמיד אין אַ געוויסער קרובהשאַפט מיט דער פּראָסטיטוטין (יעדער פּאָליטיקער איז אויף אַ געוויסן אופן פ אָ ל ק ס - ט ר י ב ו ן, און אין טרי-בונאַט שטעקט אַן עלעמענט פון פּראָסטיטוציע); ענלעך צו אים, אַזוי איז אויך די פּראָסטיטוטין אין געפיל פון איר מאַכט קיינמאָל אין מינדסטן נישט פאַרלעגן לגבי דעם מאַנסביל, אינדערצייט ווען אַנדערע מענטשן זענען גראָד לגבי איר און לגבי אים תּמיד אומדרייסט. זי איז איבערגעצייגט, פונקט ווי דער גרויסער טריבון, אַז זי ב אַ ג ל י ק ט יעדן מענטש, מיט וועלכן זי רעדט — מ'דאַרף באַאָבאַכטן אַזאַ פרוי, בעת זי בעט אַ פּאָליציאַנט וועגן עפּעס אַן אינפאָרמאַציע, בעת זי קומט אַריין אין אַ געשעפט; אַלציינס צי עס זענען דאָרט אָנגעשטעלט מענער אָדער פרויען, אַלציינס, ווי קליין עס איז די קניה, וועלכע זי מאַכט: תּמיד מיינט זי, אַז זי טיילט פונאַנדער מתּנות אויף אַלע זייטן. דיזעלביקע עלעמענטן וועלן מיר אָפּגעפינען אין יעדן געבוירענעם פּאָליטיקער. געגוג צו דערמאָנען די באַציונג פון דעם אַפילו זעלבסטבאַוווסטזיניקן ג ע ט ע ן צו נאַפּאָלעאָנען, כּדי צו זען, אַז פיל זענען טיף איבערגעצייגט אין דער פעיקייט פון דידאָזיקע לייט באמת צו ב אַ ש ע נ ק ע ן אַלעמען (פ אַ נ ד אָ ר אַ - מ י ט אָ ס; ג ע ב ו ר ט פ ון ד ע ר ו ע נ ו ס: וועלכע שטייגט אויף פון ים און שוין וואַרפט זי אַ לייטזעליקן בליק אַרום זיך).

דערמיט בין איך, ווי כ'האָב עס צוגעזאָגט אין פינפטן קאַפּיטל, נאָכאַמאָל צוריקגעקומען אויף אַ קורצער ווײַלע צו די „מענער פון טאַט". אַפילו אַזאַ טיפער מענטש ווי ק אַ ר ל ײ ל האָט זיי זייער הויך געשעצט, און לסוף האָט ער געשטעלט "the hero as king" צום העכסטן פון אַלע אַנדערן העראָען. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אַזאַ אָנשווּנג איז נישט ריכטיק. איצט וויל איך דערווייזן, אַז אַלע גרויסע פּאָליטיקער מיאוסן זיך נישט פון צו געברויכן ליגנט און רמאות, און דאָס אַפילו די גרעסטע: צ ע ז אַ ר, ק ר אָ מ וו ע ל, נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן, אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ד ע ר ג ר ו י ס ע ר איז אַפילו גע-

וואָרן אַ מערדער און זיך דערנאָך געלאָזט גערן באַרעכטיקן זיין שולד דורך עפּעס אַ סאָפיסט. שקר אָבער אייניקט זיך נישט מיט געניאַליטעט. נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעשריבן אויף סט. העלענע זכרונות, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט שקר און טריפן מיט סענטימענטאַליזם, און זיין לעצט וואָרט איז נאָך געווען די אַלטרויסטישע פּאָזע, אַז ער האָט תּמיד ליב געהאַט נאָר פראַנקרייך. נאַפּאָלעאָן, דער גרעסטער פענאָמען צווישן אַלע, ווייזט אויך צום דייטלעכסטן, אַז די „גרויסע ווילנס-מענטשן" זענען פאַרברעכער, און דערפאַר קיין שום גאונים נישט. מען קאָן אים אַנדערש נישט פאַרשטיין, ווי נאָר אויפן סמך פון דער אומגעהויערער אינטענסיווקייט, מיט וועלכער ער איז אַנטלאָפן פאַר זיך גופא: נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן מען דערקלערן אַלע זיינע דעראָבערונגען, די קליינע ווי די גרויסע. איבער זיך גופא איז נאַפּאָלעאָן קיינמאָל נישט בכּוח געווען נאָכצודענקען; ער האָט קיין איין שעה נישט געקאָנט בלייבן אָן גרויסע אויסער-לעכע ענינים, וועלכע האָבן אים געמוזט איינגאַנצן אויספילן: דערפאַר האָט ער געמוזט די וועלט דעראָבערן. באַזיצנדיק גרויסע פעיקייטן, גרעסערע, איידער וועלכער ס'איז אימפּעראַ-טאָר פאַר אים, האָט ער אויך געדאַרפט מער, כּדי אַלע קעגנ-שטימען אין זיך צום שווייגן צו ברענגען. די פאַרטויבונג פון זיין בעסערן איך איז געווען דער מעכטיקער מאָטיוו פון זיין אַמביציע. דער העכערער, דער באַדייטנדיקער מענטש קאָן, וואָס אָן אמת, אויך טיילן צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן זייער באַ-דערפעניש נאָך באַוווּנדערונג און רום, אָבער נישט די אַמביציע, וועלכע באַשטייט אין דער שטרעבונג צונויפצובינדן אַלע זאַכן פון דער וועלט מוט זיך אַלס עמפּירישע פערזאָן, צו מאַכן זיי פון זיך אָפּהענגיק מיטן צוועק אָנצוהויפן אַלע זאַכן פון דער וועלט אין עפּעס אַן אומגעהויערער פּיראַמידע אויף דעם אייגע-נעם נאָמען. דערפאַר פאַרלאָזט אָבער אויך ביסלעכווייז דעם אימפּעראַטאָר דער געזונטער חוש פאַר דער ווירקלעכקייט (דעריבער ווערט ער עפּילעפּטיש): ווייל ער נעמט אָפּ באַם אָביעקט יעטוועדע פרייהייט *) און טרעט אַריין

*) זע קאַפּ. IX.

אין אַ פאַרברעכערישן קשר מיט די זאַכן, פאַרוואַנדלענ־
דיק זיי אין אַ מיטל פאַר זיינע צילן, אין אַ פוסבענקל פאַר
זיין קליינער פערזאָן מיט אירע עגאָיסטישע, רויבגיריקע פּלענער.
דער גרויסער מענטש האָט גרעניצן, מחמת ער איז די
מאַגנאַדע פון די מאַגנאַדן, און גלייכצייטיק — דאָס איז טאַקע
יענער לעצטער פאַקט — דער באַוווסטזיניקער מיקראָקאָסמאָס,
פּאַנטאָגען, ער האָט די גאַנצע וועלט אין זיך, און שוין
באַ דער ערשטער דערפאַרונג, אין פולשטענדיקסטן פאַל, זעט
ער קלאָר דעם ענגן קשר פון אַלע וועלט־דערשיינונגען; ער
באַדאַרף ווייטערדיקע איבערלעבענישן, אָבער ער
באַדאַרף כלל נישט קיין אינדוקציעס. דער גרויסער
טריבון און די גרויסע העטערע זענען די אַבסאָלוט גרעניצ־
לאָזע מענטשן, וועלכע באַנוצן די גאַנצע וועלט צו דער דע־
קאָראַציע און דערהויבונג פון זייער עמפּירישן איך.
דערפאַר זענען ביידע אומפעיק צו יעטוועדער ליבע, נויגונג,
פריינטשאַפט; אין זייער נשמה איז נישטאָ קיין ליבע.

זאָל מען זיך דערמאָנען אָן דעם טיפן מעשהלע וועגן
דעם קיניג, וועלכער האָט געוואָלט דעראָבערן די שטערן! עס
אַנטהילט קלאָר און שטראַלנדיק די אידעע פון דעם אימפּעראַ־
טאָר. דער אמתדיקער זשעני גיט זיך אַליין זיין ערע, און צום
וויניקסטן גייט ער אַריין אין יענעם פאַרהעלטעניש פון קעגנ־
זייטיקער אָפּהענגיקייט מיטן המון, ווי דאָס טוט יעדער טריבון.
מחמת אין יעדן גרויסן פּאָליטיקער שטעקט נישט בלויז אַ
ספּעקוליאַנט און מיליאַרדער, נאָר אויך אַ גאַסנזינגער; ער איז
נישט בלויז גרויסער שאַכשפּילער, נאָר אויך גרויסער שוישפּילער;
ער איז נישט בלויז דעספּאָט, נאָר אויך אַ גענאָד־בעטער; ער
פּראָסטיטוירט נישט בלויז, נאָר איז אַליין אַ גרויסע פּראָסטיטוטין.
נישט פאַראַן קיין פּאָליטיקער, קיין חייל־אָנפירער, וועלכער זאָל
נישט „אַראָפּנידערן”. זיינע אַראָפּנידערונגען זענען צומאָל באַרימט.
דאָס זענען זיינע סעקסועלע אַקטן! אויך פאַרן ריכטיקן
טריבון איז נויטיק די גאַס. דאָס דערגאַנ־
צונגס־פאַרהעלטעניש צום המון איז טאַקע קאָנסטיטוטיוו פאַר
דעם פּאָליטיקער. ער קאָן איבערהויפּט נאָר באַדאַרפן המון; די
אַנדערע, די אינדיווידואַליטעטן, רוימט ער אָפּ, וויבאַלד ער איז

פאַרשטייט זיך, נישט קלוג? נאָר אויב ער איז אַזוי דורכגעטריבן ווי נאַפּאָלעאָן, חנפט ער און שעצט זיי, כּדי זיי צו מאַכן אומשעדלעך. נאַפּאָלעאָן האָט טאַקע אויך אַמבעסטן בעשפּירט זיין אָפּהענגיקייט פון המון. אַ פּאָליטיקער קאָן נישט אונטערנעמען אַלצדינגי וואָס אים גלוסט זיך, אַפילו ווען ער איז אַ נאַפּאָלעאָן, און אַפילו ווען ער זאָל — וואָס נאַפּאָלעאָן וואָלט בשום אופן נישט געטון — וועלן רעאַליזירן אידעאַלן: ער וואָלט גאָר גיך בּאַקומען אָנגעלערנט פון המון, זיין אמתן האַר. יעטוועדע „ווילנס-שפּאָרעניש" האָט נאָר אַ באַדייטונג פאַרן פאָרמעלן אַקט פון דער איניציאַטיוו; דער ווילן פון דעם מאַכטגיריקן מענטש איז נישט פריי.

יעדער אימפּעראַטאָר פילט זיך אָנגעוויזן אויף דערדאָזיקער קעגנזייטיקייט, אויפן דאָזיקן פאַרהעלטעניש צו די מאַסן, דערפאַר זענען זיי אַלע אָן אויסנאַם גאַנץ אינסטינקטיוו פאַר דער קאָנסטיטואַנטע, פאַר דער פאָלקס- אָדער מיליטער-פאַרזאַמלונג, פאַרן אַלגעמיינעם וואַלרעכט (בּיסמאַרק 1866). נישט מאַרק אוירעליוס און דיאָקלעציאַן, נאָר קלעאָן, אַנטאָניוס, מיראַבאָ, דאָס זענען די געשטאַלטן, אין וועלכע עס דערשיינט דער עכטער פּאָליטיקער. Ambitio הייסט אייגנטלעך „אומגיין". דאָס טוט דער טריבון פונקט ווי די פּראָסטיטוטין. עמערסאָן זאָגט, אַז נאַפּאָלעאָן פלעגט אַרומשפּאַצירן אינקאָגניטאָ איבער די גאַסן פון פּאַריז, כּדי זיך צוצוהערן צו די הורראַס און שבחים פונם המון. פונקט דאָסזעלביקע לייענען מיר בּאַ שיללערן וועגן וואַלענשטיינען.

שוין פונלאַנג האָט די דערשיינונג פון „גרויסן מאַן פון טאַט", אַלס עפּעס גאַנץ איינציקאַרטיקס, צוגעצויגן באַזונדערס מעכטיק די קינסטלער (אָבער אויך די פילאָזאָפישע שריפטשטעלער). די איבעררעאַשנדיקע אַנאַלאָגיע, וועלכע איז דאָ אָפּגעוויקלט געוואָרן, וועט אונז אפשר פאַרלייכטערן בעסער צו באַגרייפן דידאָזיקע דערשיינונג מיט דער הילף פון אַנאַליז. אַנטאָניוס (צעזאַר) און קלעאָפּאַטרע — זענעןביידע צו זיך כּלל נישט אומענלעך. דעם רוב מענטשן וועט זיך טאַקע דערדאָזיקער פּאַראַלעל אויסווייזן מתחילת גאַנץ

פיקטיוו, און דאָך שיינט מיר, אַז דאָ איז בלי-ספק פאַראַן אַ געוויסע ענגע אַנאַלאָגיע, ווי גרונט-פאַרשידן די ביידע זאַכן נישט זיין אויפן ערשטן אָנבליק. פונקט ווי דער „גרויסער מאַן פון מעשים" איז מוותר אויף אַן אינערלעכן לעבן, כדי זיך געגנצלעך אין דער וועלט אויסצולעבן (דאָ פאַסט דאָס וואָרט), און גיין צוגרונט ווי אַלץ, וואָס איז אויסגעלעבט, אָנשטאָט צו דויערן ווי אַלץ, וואָס איז איינגעלעבט, פונקט ווי ער וואַרפט הינטער זיך זיין גאַנצן ווערט מיט קאָלאָסאַלן אימפּעט, האַלטנדיק זיך ווייט פון אים, אַזוי שלייַדערט אויך די גרויסע זונה אין פּנים פון דער געזעלשאַפט דעם גאַנצן ווערט, וועלכן זי וואָלט געקאָנט פון איר באַקומען אַלס מוטער, אָבער נישט צוליב דעם, כדי אַרייַנצודרינגען אין זיך און צו פירן אַ קאָנטעמפּלאַטיוו לעבן, נאָר כדי ערשט צו געבן פולע הפקרות אירע חושימדיקע אינסטינקטן. ביידע, די גרויסע זונה און דער גרויסער טריבון, זענען ווי שטורקאַצן, מיט פאַרבלענדנדיק ווייטן ליכט, זייער וועג איז אויסגעזייט מיט מתים איבער מתים; אָבער זיי גייען אונטער ווי מעטעאָרן, אומזיניק, צוועקלאָז פאַר דער מענטשלעכער חכמה, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום בלייבנדיקס, קיין שום אייביקס — אינדערצייט ווען די מוטער און דער זשעני ווירקן אינדערשטיל פאַר דער צוקונפט. ביידע, זונה און טריבון, ווערן דעריבער אָפּגעפילט אַלס „גאָטס-בייטשן", אַלס אַנטימאָראַלישע פענאָמענען.

דערקעגן ווייזט זיך אויפסנייַ אַרויס אַלס באַרעכטיקטע זאַך, וואָס מיר האָבן בשעתו אויסגעשלאָסן דעם „גרויסן ווילנס-מענטש" פון דעם באַגריף זשעני. דער זשעני און דאָס נישט בלויז דער פילאָזאָפישער, נאָר אויך דער קינסטלערישער צייכנט זיך תמיד אויס מיט דער איבערגעוויכט פון דער באַגריפלעכער אָדער פלאַסטישער דערקענטעניש איבער יעטוועדער פראַקטישקייט

דער מאָטיוו, וועלכער פירט אָן מיט דער זונה, פאָדערט דערווייל נאָך אַ געוויסע אונטערזוכונג. דער מהות פון דער מוטער איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק לייכט צו דערקענען: זי איז אַן אויסגעצייכנט ווערקצייג צו דער דערהאַלטונג פון מין.

פיל רעטעניששפולער און שווערער איז די דערקלערונג פון דער פראָסטיטוציע. יעדער, וואָס האָט זיך איבער איר טיפער פאַר־טראַכט, האָט זיכער געהאַט מינוטן פון פולשטענדיקן צווייפלען אין דער מעגלעכקייט פון איר דערקלערונג. די גאַנצע זאַך באַשטייט געוויס אין דעם פאַרשידענעם פאַרהעלטעניש פון דער מוטער און דער זונה צום באַהעפטונגס־אַקט. נישטאָ, פאַרהאַף איך, קיין געפאַר, אַז עמיצער זאָל באַטראַכטן דאָס באַשעפטיקן זיך דערמיט, ווי בכלל מיט דער טעמע פון פראָס־טיטוציע אַלס נישט ווירדיק פאַרן פילאָזאָף. ס'איז דער גייסט פון דער באַהאַנדלונג, וואָס דאַרף פיל געגנשטאַנדן צוגעבן ווירדע. פאַרן סקולפטור און מאָלער איז עס גענוג אָפט געוואָרן צום פראָבלעם, וואָס לעדא אָדער דאַנאַע עמפינדט אייגנטלעך; און די קינסטלער, וועלכע האָבן אויסגעווײלט פאַר אַ טעמע די זונה (מיר זענען באַקאַנט אין דערדאָזיקער הינזיכט: זאָלאַס „Confenion de Claude“ Hortense, Renée, Nana, טאָלסטאָיס „תחית־המתים”, איבסענס העדדא גאַבלער און ריטאַ, לסוף סאָניע, פון איינעם פון די גרעסטע מייסטער, פון דאָסטאָיעווסקי), זענען נישט אויסן געווען פאַרצושטעלן ווירקלעכע איינצלנע פאַלן, נאָר תמיד עפּעס אַלגעמיינס. ווו ס'איז פאַראַן אַלגעמיינס, דאָרט מוז אויך מעגלעך זיין עפּעס אַ טעאָריע.

פאַר דער מוטער איז דער געשלעכטס־אַקט אַ מיטל צום צוועק; די זונה פאַרנעמט דאָ אויף אַזויפיל אַן אויסנאַמלעכע שטעלונג, וואָס דער געשלעכטס־אַקט ווערט פאַר איר זעלבסטצוועק. אַז אין דעם נאַטורגאַנצן פאַלט צו דעם געשלעכטס־אַקט נאָך אַן אַנדערע ראָליע אַחוץ דער פאַרמערונג, דערויף שיינט אונז יעדנפאַלס אָנצוּווייזן אויך דער פאַקט, וואָס באַ פיל לעבעדיקע באַשעפענישן ווערט דאָס צווייטע דערגרייכט אָן דעם ערשטן (פאַרטענאָגענעזיס). אָבער פון דער אַנדער זייט זעען מיר באַ די חיות נאָך אומע־טום, אַז די באַהעפטונג דינט דאָרט דעם ציל פון פאַר־מערונג. און מיר זענען ווייט פונם געדאַנק צו באַהויפּטן, אַז די קאָפּולאַציע איז געוווּנטשן אויסשליסלעך צוליב דעם תענוג, דערהויפּט ווען זי קומט גיכער פאַר נאָר אין געוויסע

צייטן, אין די פריה-ורביה-פעריאָדן; אַזוי, אַז מ׳האָט באַטראַכט דעם תענוג פּשוט פאַר אַ מיטל, וואָס די נאַטור ווענדט אָן, כּדי צו דערגרייכן איר צוועק פון דער דערהאַלטונג פון מין.

אויב דער באַהעפטונגס-אַקט איז פאַר דער זונה זעלבסט-צוועק, הייסט עס נאָך נישט, אַז פאַר דער מוטער באַטייט ער גאָרנישט. פאַראַן, אמת, אַ געוויסע קאַטעגאָריע „סעקסועל-אַנע-סטעזישע" פרויען, וועלכע מען באַצייכנט אַלס „קאַלטע", הגם אַזעלכע פאַלן זענען פיל זעלטענער גלויבווירדיק, איידער מען מיינט געוויינלעך, מחמת בלי-ספק טראָגט די שולד פון דער גאַנצער קעלט אָפּט נאָר דער מאַנסביל, וועלכער איז מיט זיין פערזאָן נישט בכּוח זי צו דערפירן צום היפּוכדיקן צושטאַנד; די איבריקע פאַלן אָבער קאָן מען נישט צורעכענען צו דעם מוטער-טיפּ. קאַלטקייט קאָן פונקט אַזוי גוט אויפטרעטן באַ דער מוטער, ווי באַ דער זונה; זי וועט שפּעטער געפינען איר דערקלערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערשיינונגען פון היסטעריע. פונקט אַזוי וויניק דאַרף מען האַלטן די זונות פאַר סעקסועל אומעמפינדלעך דערפאַר, וואָס די גאַסן-פּראָסטיטוטקעס (ד. ה. יענער קאָנטינגענט, וועלכער רעקרוטירט זיך כּמעט אויסשליסלעך פון דער פויערישער באַפעלקערונג, צווישן דינסטמיידלעך א. א. וו.) קאָנען אין דערדאָזיקער היגזיכט צוליב זייער מאַנגל אין לעבנסלוסטיקייט אָפּט אַנטווישן די הויך געשפּאַנטע דערוואַר-טונגען. מען דאַרף גערענקען, אַז דאָס קויפלעכע מיידל מוז אויסשטיין די ליבעס-חסדים אויך מצד אַזעלכע מענטשן, וואָס אין סעקסועלער הינזיכט גיבן זיי איר גאָרנישט; און דערפאַר דאַרף מען נישט באַהויפּטן, אַז די קילע באַציונג צום געשלעכטס-אַקט איז אַן אייגנטימלעכער שטריך פון דער פּראָסטיטוטין. דידאָזיקע כּלומרשטע קעלט שטאַמט נאָר דערפון, וואָס גראָד די פּראָסטיטוטין האָט די העכסטע פאָדערונגען בנוגע דעם זינלעכן תענוג; און פאַר אַלע דעפּעקטן, וואָס זי פילט נאָר אָפּ אין דערדאָזיקער הינזיכט, מוז איר אויפן רייכסטן אופן אַנטשעדיקן דער פאַרקער מיטן סוטענער.

אַז פאַר דער זונה איז דער געשלעכטס-אַקט זעלבסטצוועק, איז קענטיק אויך דערפון, וואָס זי, און נאָר זי אַליין, איז קאָקעט. די קאָקעטעריע שטייט תמיד אין אַ געוויסער

באַציִונג צום ג ע ש ל ע כ ט ס - אַ ק ט. איר מהות באַשטייט דערין, וואָס זי רופט אַרויס באַ דעם מאַן די אילוזיע, אַז די דעראָבערונג פון דער פרוי איז אַ געשעענע זאַך, כדי אים דורך ד ע ם ק אָ נ ט ר א ס ט מיט דער רעאַליטעט, וועלכע דערפילט נאָך כלל נישט דידאָזיקע אילוזיע, אָנצורעגן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער דעראָבערונג. זי איז בכן אַן אַרויספאָדערונג פונם מאַנסביל, ווען זי שטעלט פאַר איין און דיזעלביקע אויפגאַבע אין אייביק זיך אומבייטנדיקער פאָרם, און גלייכצייטיק גיט זי אים צו פאַרשטיין, אַז זי האַלט אים נישט פאַר פעיק אויסצופירן ווען עס איז דידאָזיקע אויפגאַבע. דער שפּיל אין קאָקעטעריע דערלויבט דערביי דער פרוי אָפּצופילן אין אַ געוויסן זינען דעם צוועק פון דער קאָקעטעריע, דעם געשלעכטס-פאַרקער, שוין בשעת דעם פאַרלויף פון דאָזיקן שפּיל; מחמת דורך דער גליסטונג פונם מאַנסביל, וועלכע זי רופט אַרויס, פילט שוין די זונה אָפּ עפּעס אַנאַלאָגיעס צו די שפּירונגען פון געשלעכטס-פאַרקער, און אויף אַזאַ אופן פאַרשאַפט זי זיך דעם רייץ פון דער תאווה צו יעדער צייט און דורך יעדן מאַנסביל. צי זי וועט דערגיין אין דאָזיקן שפּיל ביז די לעצטע גרעניצן, אָדער זי וועט זיך צוריקציִען, ווען די זאַך וועט אָננעמען אַ צוגעאײַלטן טעמפּאָ, איז נאָר אָפּהענגיק דערפון, צי עס באַפרידיקט זי די פאָרם פון דערווירקלעכער באַהעפטונג מיט איר קעגנווערטיקן מאַן אין אַזאַ מאָס, אַז זי דערוואַרט גאָרנישט מער פון די אַנדערע מענער. און דאָס, וואָס גראָד דאָס גאַסנמיידל איז אין אַלגעמיין נישט קאָקעט, שטאַמט אפשר נאָר דערפון, וואָס יענע שפּירונגען, וועלכע זענען דער ציל פון דער קאָקעטעריע, עמפּפינדט זי אויך אָן דעם אין אַ גרויסער מאָס און אין דער מאַסיווסטער פאָרם, אַזוי אַז זי קאָן לייכט מוותר זיין אויף די מער סובטעלע, קיצלדיקע וואַריאַציעס. די קאָקעטעריע איז בכן אַ מיטל אַרויסצורופן דעם אַקטיוון סעקסועלן אָ נ ג ר י ף מ צ ד ד ע ם מ אַ נ ס ב י ל, צו שטייגערן אָדער אָפּצושוואַכן די אינטענסיווקייט פון דאָזיקן אָנגריף און, פולשטענדיק אומבאַמערקט פאַרן אָנגרייפער, קירעווען אים דאָרט אַהין, ווו די פרוי וויל; דאָס איז אַ מיטל, מיט וועלכן זי באַנוצט זיך, כדי אַרויסצורופן בליקן און

ווערטער, דורך וועלכע זי פילט זיך אָנגענעם קיצלדיק באַטאַפּט אָדער כּדי צו דערלאָזן ביז צו „פאַרגוואַלטיקונג"*).

די שפּירונגען פונם געשלעכטס-אַקט זענען נישט פּרינציפּיעל קיין אַנדערע עמפּינדונגען, ווי די אַלע אַנדערע, וועלכע די פרוי קען, זיי דריקן נאָר אויס די זעלביקע אין העכסטער אינטענסיפיקאַציע; דער גאַנצער מהות פון דער פרוי אַנטפּלעקט זיך אין דעם באַהעפטונגס-אַקט, געשטייגערט ביז צו דער העכסטער מדרגה.

דערפאַר צייכענען זיך דאָ אָפּ אַמשטאַרקסטן די אונטערשידן צווישן מוטער און זונה. די מוטער עמפּינדט דעם געשלעכטס־אַקט נישט ווייניקער, נאָר אַנדערש ווי די פּראָסטיטוטין. דאָס פאַרהאַלטן זיך פון דער מוטער איז מער אויפנעמעריש און איינזויגנדיק, די זונה דערקעגן פאַרשיכּורט זיך מיט דער תּאווה און שלינגט דעם גענוס ביזן דעק. די

---

*) דער מחבר געפינט זיך נישט אין קיין בעסערער לאַגע ווי זיין לייענער, וויבאַלד דער אויבנדיקער אַנאַליז פון דער קאָקעטעריע באַפרידיקט אים נישט. דאָס, וואָס דער אַנאַליז איז בכּוח געווען אויפצודעקן, ליגט פאַרהעלטניש־מעסיק אויף דער אויבערפלאַך. דאָס רעטעניש־פולע אין דער קאָקעטעריע שיינט מיר אַלץ מער צו זיין אַן אייגנטימלעכער אַקט, דורך וועלכן די פרוי מאַכט זיך צום אָבּיעקט פונם מאַנסביל און פאַרבינדט זיך מיט אים פונקציאָנעל. זי פאַרהאַלט זיך דאָ פונקט אַזוי, ווי בעת אַן אַנדער ווייבלעכן שטרעבן — כּדי צו זיין געגנשטאַנד פון מיטלייד פאַר די מיטמענטשן: אין ביידע פאַלן פאַרוואַנדלט זיך דער סוביעקט אין אָביעקט, אין דער עמפּינדונג פון עפּעס אַן אַנדערן מענטש און שטעלט אים איבער זיך אַלס שופט. די קאָקעטעריע איז די ספּעציפישע צוגויפגעגאָסנהייט פון דער זונה, וועלכע דריקט זיך אויס בײַ דער מוטער אין דער זאָרגעוודיקייט, וואָס איז צוערשט פאַרבונדן מיט דער שוואַנגערשאַפט, דערנאָך מיטן קאָרמיען א. א. ח. — צוליב גרעסערער קלאָרקייט דאַרף מען נאָך אָנווייזן אויף דער פרוי אַלס כּלה. די כּלה איז אַזויצוזאָגן דער אָביעקט אין זיך, דער פולשטענדיק אומפּריוואַטער געגנשטאַנד פון דער באַטראַכטונג פאַר די אַלע, וואָס באַגעגענען זי.

מוטער (און אַזוי יעדע פרוי, ווען זי ווערט מעוברת) עמפינדט די זרע פונם מאַן אַלס אַ מין פקדון: שוין אין געפיל פון געשלעכטס-אַקט געפינט זיך בײַ איר דער מאָמענט פון אויפנע־מען און אויפהיטן; מחמת זי איז די היטערין פון לעבן. די זונה דערקעגן, אויפשטײַענדיק פון דעם געשלעכטס-אַקט, וויל זי כלל נישט אָפּפּילן, ווי די מוטער, די דערהויבונג און שטײַ־גערונג פון איר דאָזיין איבערהויפּט; זי וויל גיכער בעת דעם געשלעכטס-אַקט פאַרשווינדן אַלס רעאַליטעט, ווערן צעמאָלט, פאַרניכטעט, פאַרוואַנדלען זיך אין גאָרנישט, ווערן באַוווּסטלאָז פאַר תאווה. פאַר דער מוטער איז דער געשלעכטס-אַקט דער אָנהויב פון אַריי; די זונה זוכט אין אים איר סוף, זי וויל אין אים פאַרגיין. דער געשרײַ פון דער מוטער איז דעריבער אַ קורצער און רײַסט זיך שנעל אָפּ; בײַ דער פּראָסטיטוטין איז ער אויסגעצויגן, מחמת זי וואָלט וועלן פילן איר גאַנץ לעבן קאָנצענטרירט און צונויפגעדריקט אין דאָזיקן מאָמענט. היות ווי דאָס קאָן זיך קיינמאָל נישט אײַנגעבן, דערפאַר ווערט די זונה אין איר גאַנץ לעבן קיינמאָל נישט באַפרידיקט, אַפילו דורך אַלע מענער אין דער וועלט נישט.

דערין שטעקט בכן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשיד אין מהות פון דיביידע טיפּן. אָבער יעדע אָן אויסנאַם פרוי האָט דאָס געפיל פון כסדרדיקן געשלעכטס-פאַרקער אויפן גאַנצן קערפּער, אומעטום און דורך אַלעם, מחמת זי איז נאָר און דורכויס סעקסועל, און דידאָזיקע סעקסואַליטעט איז בײַ איר אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן קערפּער, און בלויז אין אייניקע פונקטן איז זי, פיזיקאַליש גערעדט, געדיכטער, איידער אין אַנדערע. דאָס, וואָס מען באַצייכנט געוויינלעך אַלס „קאָיטוס"*), איז נאָר אַ ספּעציעלער פאַל פון העכסטער אינטענסיווקייט. די זונה וויל דורך אַלעם קאָיטירט ווערן — דערפאַר קאָקעטירט זי אויך דאַן, ווען זי איז אַליין, און אַפילו פאַר טויטע געגנשטאַנדן, פאַר יעדן טייכל, פאַר יעדן בוים, — די מוטער דערקעגן ווערט דורך אַלע זאַכן, כסדר

*) געשלעכטס-אַקט, באַהעפטונג.

און אויפן גאַנצן לייב, מ ע ו ב ר ת. ד אָ ס א י ז ד י ד ע ר-
קלערונג פון „פ אַ ר ק ו ק ן ז י ך". אַלץ, וואָס האָט אַמאָל אויף
אַ מוטער געמאַכט אַן איינדרוק, ווירקט ווייטער, לפי דער
קראַפט פון דעם איינדרוק — די באַהעפטונג, וועלכע ברענגט
מיט זיך די באַפרוכפערונג, איז נאָר דאָס אינטענסיווסטע פון
דידאָזיקע איבערלעבענישן און שטייגט איבער מיט זיין איי-
פלוס אַלע אַנדערע איבערלעבענישן — דאָס אַלץ ווערט פאָטער
פון איר קינד, עס ווערט אָנהויב פון אַן אַנטוויקלונג, וועמעס
רעזולטאַט ווייזט זיך שפּעטער אין קינד אַרויס.

דערפאַר בכן איז די פאָטערשאַפט אַן אָרימע אילוזיע;
מחמת זי מוז זיך תמיד טיילן מיט אומענדלעך פיל זאַכן און
מענטשן, און דאָס נ אַ ט י ר ל ע כ ע, פ י ז י ש ע רעכט איז
די מ ו ט ע ר ש אַ פ ט. ווייסע פרויען, וועלכע האָבן אַמאָל גע-
האַט אַ קינד פון אַ נעגער, געבוירן שפּעטער אָפט צו אַ ווייסן
מאַן קינדער, וועלכע טראָגן נאָך אויף זיך בולטע סימנים פון
דער נעגער-ראַסע. בלימען, וועלכע ווערן באַשטויבט מיט אַן
אומאַנטשפּרעכנדיקן שטויב-מין, ליידן פון ענדערונגען נישט
בלויז אין די שפּראָצלעך, גאָר אויך אין דעם מוטערלעכן גע-
וועב, און דידאָזיקע שנויים קאָנען נאָר אויפגעפאַסט ווערן אַלס
אַ דערבענטערונג צו די פאָרמען און פאַרבן פון דאָזיקן פרעמדן
באַשטויבנדיקן בלימל. און די קלאַטשע פון ל אָ ר ד מ אָ ר ט אָ ן
איז דאָך באַרימט געוואָרן דורכדעם, וואָס געבוירנדיק פון אַ
קוואַגאַ איין באַסטאַרד, האָט זי נאָך אין אַ לאַנגער צייט שפּע-
טער געבוירן פון אַן אַראַבישן אָגער צוויי זשרעביקלעך מיט
דייטלעכע סימנים פון דעם קוואַגאַ.

וועגן דידאָזיקע פאַלן האָט מען בשעתּם פיל גערעדט;
מ'האָט דערקלערט, אַז זיי וואָלטן געמוזט פיל אָפטער פאָרקו-
מען, ווען אַזאַ פראָצעס זאָל בכלל מעגלעך זיין. אָבער כּדי
אַזאַ „אינפעקציע", ווי מ'רופט אָן דידאָזיקע דערשיינונג, זאָל
זיך קאָנען דייטלעך אַנטפּלעקן; (ווי ייס מ אַ ן האָט באַצייכנט
דידאָזיקע דערשיינונג מיט דעם אויסגעצייכנטן וואָרט „ט ע ל ע-
ג אָ נ י ע", ד. ה. ב אַ פ ר ו כ פ ע ר ו נ ג א ו י ף אַ מ ר ח ק;
פ אָ ק ע רעדט וועגן גאַסט-מתּנות, ק ס ע נ י ע ס), כּדי דידאָזי-
קע באַפרוכפערונג פונוויטנס זאָל תמיד באַגלייט ווערן דורך

אַ געהעריקן רעזולטאַט, איז נויטיק אַ דערפילונג פון אַלע געזעצן פון סעקסועלער צוציונג, עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך הויכע געשלעכטלעכע קרובהשאַפט צווישן דעם ערשטן פּאָטער און דער מוטער. ס'איז לכתחילה קנאַפּ וואַרשיינלעך, אַז ס'זאָל זיך געפינען אַ פּאָר, אין וועלכער דידאָזיקע קרובהשאַפט זאָל זיין אַזוי מעכטיק, אַז זי זאָל גובר זיין דעם מאַנגל פון דער ראַסן־קרובהשאַפט; און דאָך קאָן מען נאָר דאַן זיך ריכטן אויף באַשיימפּערלעכע און אַלגעמיין איבערצייגנדיקע אָפּווייכונגען, ווען ס'איז פאַראַן ראַסן־פאַרשידנקייט. בײַ זייער נאָענטער פאַמיליע־קרובהשאַפט איז לגמרי אוממעגלעך פעסטצושטעלן מיט דער גאַנצער זיכערקייט די מציאות פון אומצווייִדייטיקע אָפּווייכונגען פון פּאָטער־טיפּ אויף דעמיעניקן קינד, וועלכעס זאָל זיך נאָך געפינען אונטער דעם איינפלוס פון דער פריערדיקער באַפרוכפּערונג. איבעריקנס, דער אומשטאַנד, וואָס מ'האָט זיך אַזוי העפטיק געוועהרט אַקעגן דער שפּראָצל־אינפעקציע, לאָזט זיך דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס דידאָזיקע דערשיינונגען זענען נאָך ביזאַהער נישט צונויפגעבערענגט געוואָרן אין אַ באַשטימטן סיסטעם.

נישט בעסער ווי מיט דער אינפעקציע־טעאָריע שטייט די זאַך אויך מיט דעם „פאַרקוקן זיך". דער ווידערשטאַנד אַקעגן דעם פאַרקוקן, ווי אויך אַקעגן דער טעלעגאָניע וואָלט קיינמאָל נישט אַרויסגעטרעטן אַזוי טומלדיק, ווען מ'וואָלט פאַרשטאַנען, אַז אויך די באַפרוכפּערונג פונווייטנס איז אַ פאַרקוקן זיך, נאָר טאַקע אַ ספּעציעלער פאַל זיינער פון העכסטער אינטענסיווקייט, און ווען מ'וואָלט איינגעזען, אַז דער אורגאַניטאַל־טראַקט איז נישט דער איינציקער, נאָר דערווירקזאַמסטער וועג, אויף וועלכן אַ פרוי קאָן באַפרוכפּערט ווערן, און אַז די פרוי קאָן זיך פילן באַזעסן שוין דורך איין בליק, דורך איין וואָרט. אַ וועזן, וואָס באַהעפט זיך אומעטום און מיט אַלע זאַכן, קאָן אויך אומעטום און דורך אַלע זאַכן באַפרוכפּערט ווערן: די מוטער איז אויפנעמבאַר איבערהויפּט. אין איר געווינט אַלץ לעבן, מחמת אַלץ מאַכט אויף איר פיזיאָלאָגישן איינדרוק און שלאָגט זיך אָפּ אויף איר קינד אַלס זיין געשטאַלטיקער. דערין איז

זי באמת, אין איר נידריקערער קערפּערלעכער ספּערע, נאָכ־אַמאָל געגליכן צום זשעני.

אַנדערש די זונה. פּונקט ווי זי אַליין וויל זיך אין געשלעכטס־אַקט פאַרניכטן, אַזוי שטרעבט זי אויך אין אַלע אַנדערע עובדות צו צעשטערונג. אינדערצייט ווען די מוטער זאָרגט וועגן אַלעם, וואָס איז נוצלעך פאַרן ערדישן לעבן, פאַרן וווילשטאַנד און דערפּאָלג פונם מענטש, אָפּהיטנדיק אים פון אַלע מותרות און אויסגעלאַסנקייט, אינדערצייט ווען זי וועקט די התמדה פון זון און שפּאָרנט אָן די אַרבעטסזאַמקייט פונם מאַן, באַמיט זיך די העטערע צו פאַרשליגגען פ אַ ר ז י ך די גאַנצע קראַפט און צייט פונם מאַנסביל. אָבער נישט בלויז זי אַליין איז ווי פון אָנהויב אָן באַשטימט צום מיסברויכן דעם מאַנסביל: אויך אין יעדן מאַן איז פאַראַן עפּעס, וואָס גאַרט נאָך אַזאַ פרוי, און וואָס געפינט נישט קיין באַפרידיקונג בײַ דער זייט פון דער פשוטערער, תמיד באַשעפטיקטער, געשמאַקלאָז געקליידעטער, פון יעטוועדער גייסטיקער עלעגאַנץ באַרויבער פרוימוטער. עפּעס אין אים ז ו כ ט דעם געווס, און בײַ דער פריילעכער נקבה פאַרגעסט ער זיך אַמלייכטסטן. מחמת די זונה רעפּרעזענטירט דעם עלעמענט פון לייכטזיניקייט, זי זאָרגט נישט פאַרן עתיד ווי די מוטער, זי און נישט די מוטער איז די גוטע טענצערין, נאָר זי פאַרלאַנגט פאַרוויילונג און גרויסע געזעלשאַפט, שפּאַצירגענג און פאַרגעניגנס־לאָקאַלן, ים־בעדער און קור־ערטער, טעאַטער און קאָנצערט, אַלץ נייע טואַלעטן און איידלשטיינער; זי גאַרט נאָך געלט, כדי עס פונאַנדערצושיטן מיט פולע הענט, נאָך לוקסוס אָנשטאָט נאָך קאָמפאָרט, נאָך ליאַרעם אָנשטאָט נאָך רו; נישט נאָך דעם לענשטול אינמיטן פון קינדער און אייניקלעך, נאָר נאָך דעם טריומף־צוג דורך דער וועלט אויפן ניצחון־וואָגן פון דעם שיינעם קערפּער.

די פּראָסטיטוטין דערשיינט אויך פאַרן מאַן אוממיטלבאַר אַלס די פאַרפירערין: אין די געפילן, וועלכע זי וועקט אין אים; נאָר זי, די פאַרשייטע פרוי par excellence, אַלס „פישופמאַכערין", זי איז דער וויבלעכער „דאָן זשואַן", זי איז יענער מהות אין דער פרוי, וואָס קען די Ars amatoria*), וואָס לערנט זי און היט זי אָפּ.

*) ליבעס־קונסט.

דערמיט אָבער גייען האַנט בײַ האַנט נאָך אינטערעסאַנטערע און טיפער פירנדיקע זאַכן. די פרוי-מוטער פאַרלאַנגט פונם מאַנסביל אָנשטענדיקייט, נישט צוליב עפּעס אַ העכערער אידעע, נאָר ווייל זי איז די מליצטע פון ערדישן לעבן. פונקט ווי זי אַליין אַרבעט און איז נישט פויל ווי די זונה, פונקט ווי זי שיינט צו זיין תמיד פול מיט געשעפטן, וואָס האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער צוקונפט, אַזוי האָט זי אויך אַ חוש פאַר דער טעטיקייט פונם מאַנסביל און באַמיט זיך נישט אים דערפון אָפּצוציען צום פאַרגעניגן וועגן. די זונה דערקעגן קיצלט אמשטאַרקסטן דער געדאַנק וועגן אַ ריקזיכטסלאָזן, הולטאַישן, פון דער אַרבעט אָפּגעקערטן מאַנסביל. אַ מענטש, וועלכער איז אַמאָל געווען פאַרשפּאַרט אין תפיסה, איז פאַר דער מוטער אַ געגנשטאַנד פון עקל, פאַר דער זונה אַן אַטראַקציע. פאַראַן פרויען, וועלכע זענען באמת אומצופרידן מיט זייער זון, ווען ער פירט זיך נישט גוט אויף אין שול, און אַזעלכע, וועלכע דאָס טוט דווקא אַ גרויסע הנאה, הגם זיי באַהויפּטן, אַז די זאַך איז פונקט פאַרקערט. דאָס „סאָלידע" רייצט די מוטער, דאָס „אומסאָלידע" די זונה. יענע פאַראַכט, די דערקעגן ליבט דעם קרעפּטיק טרינקענדיקן מאַנסביל. און אַזוינאָך וואָלט זיך געלאָזט נאָך פיל אַנדערע אַזעלכע ביישפּילן צונויפשטעלן. דאָס איז נאָר אַ ספּעציעלער פאַל פון דערדאָזיקער אַלגעמיינער, אין די פאַרמעגלעכסטע קלאַסן הויך גרייכנדיקער פאַרשידנקייט, אַז די גאַסן-זונה פילט די שטאַרקסטע צוציונג צו די-יעניקע מענטשן, וועלכע זענען אָפּענע פאַרברעכער: דער סוטענער איז תמיד אַ מענטש, וועלכער באַגייט גוואַלטאַטן, מיט קרימינעלע נטיות, אָפט רויבער און רמאַי, אויב נישט מערדער צוגלייך.

הגם די פרוי גופא קאָן מען נישט אָנרופן אַנטימאָראַליש — זי איז תמיד נאָר אַמאָראַליש — אַנשטייט דאָ פונדעסטוועגן דער געדאַנק, אַז די פּראָסטיטוציע שטייט אין עפּעס אַ טיפער באַציונג צום אַנטימאָראַלישן, בשעת אין דער גאַנצער מוטערשאַפט איז נישטאָ קיין שפּור פון עפּעס ענלעכס. מען דאַרף זיך נישט פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז די זונה בילדעט דעם ווייבלעכן עקוויוואַלענט פון מענלעכן

פאַרברעכער ; הגם זיי זענען ביידע צו זיך פולשטענדיק ענלעך אין דער אַלצאײנער פאַראַכטונג פון דער אַרבעט, אָבער צוליב די אין די פאָריקע קאַפיטלעך געבראַכטע טעמים קאָן מען נישט רעדן ויעגן דער עקזיסטענץ פון אַ פאַרברעכערישער פרוי : די פרויען שטייען נישט אַזוי הויך. אָבער אין אַ געווויסער באַציונג צום אַנטימאָראַלישן, צום שלעכטס — פילט דער מאַן בלי-ספק אָפ די זונה, אַפילו ווען ער איז כלל מיט איר נישט אַרײַנגעטרעטן אין קיין געשלעכטלעכן פאַרהעלטעניש אַזוי, אַז מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז נאָר די פאַרטיידיקונג פון עפעס אַן אײגענעם תאווה-געדאַנק האָט אָנגענומען דידאָזיקע פראָיעקציע-פאָרם. דער מאַנסביל לעבט איבער די פראָסטיטוציע לכתחילה אַלס עפעס טונקלס, נאַכטישס, גרוילפולס, אומהײמלעכס, איר אײנדרוק שווערט מער אַראָפ אויף זײַן ברוסט און פײַניקט אים מער, אײדער דער אײנדרוק, וואָס עס איבט אויף אים אויס די פרוי-מוטער. די מערקווירדיקע אַנאַלאָגיע פון דער גרויסער העטערע צום גרויסן פאַרברעכער, ד. ה. טאַקע צום דראָבע-רער ; די אינטימע באַציונג פון דער קלײנער זונה צו דעם מאָראַלישן פסולת פון דער מענטשהייט, צו די סוטענערן ; יענץ געפיל, וואָס זי דערוועקט אינם מאַן, די כוונות, וואָס זי האָט בנוגע אים, אַמייסטן לסוף דער ספעציעלער אופן, ווי זי עמ-פינדט דעם געשלעכטס-אַקט — דאָס אַלץ פאַרײניקט זיך דערצו, כדי צו באַקרעפטיקן דידאָזיקע אָנשויונג. פונקט ווי די מוטער איז אַ לעבנספרײַנטלעכער עלע-מענט, אַזוי איז די זונה אַ לעבנספײַנטלע-כער עלעמענט. אָבער פונקט ווי די גינציקייט פון דער מוטער איז נוגע נאָר דעם גוף, אַזוי שפרייט זיך אויך אויס די נעגאַציע פון דער זונה נישט דיאַבאָליש אויף דער אידעע, נײערט בלויז אויפן עמפירישן. זי וויל פאַרניכטעט ווערן און פאַרניכטן, זי שעדיקט און צעשטערט. פיזיש לעבן און פיזישער טויט, ביידע אַזוי געהיימנישפול און טיף פאַרײניקט אין געשלעכטס-אַקט (פגל. דאָס נאָענטסטע קאַפיטל), פאַרטײלן זיך אויף דער פרוי אַלס מוטער און אַלס זונה.

ס׳איז כמעט אוממעגלעך צו געבן לעת-עתה אַ מער

אַנטשיידנדיקן ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער באַדייטונג
פון דער מוטערשאַפט און דער פראָסטיטוציע. דאָס איז אַ
פולשטענדיק טונקל, דורך קיין שום וואַנדערער נאָכנישט באַ-
טרעטן געביט, אין וועלכן איך געפין מיך דאָ; דער מיטאָס
קאָן אפשר אין זיין רעליגיעזער פאַנטאַזיע זיך פאַרמעסטן אויף
דער באַלייכטונג פון דידאָזיקע זאַכן, דעם פילאָזאָף שטייט
אָבער נישט אָן צו איילן זיך מיט אַזעלכע מעטאַפיזישע פאַר-
אַלגעמיינערונגען. דאָך וועט אונז אויסקומען זיך אָפּצושטעלן
נאָך אויף אייניקע פונקטן. די טיפע אַנטימאָראַלישקייט פון דער
פראָסטיטוציע שטימט פולשטענדיק מיטן פאַקט, וואָס זי באַ-
גרעניצט זיך אויסשליסלעך אויף מענטשן. באַ די חיות איז די
נקבה דורכויס אונטערטעניק דער פאַרמערונג, נישט פאַראַן דאָרט
לגמרי קיין אומפרוכטבאַרע נקבות. מען וואָלט אַפילו געקאָנט
מיינען, אַז באַ די חיות פראָסטיטוירן זיך די זכרים, וויבאַלד
מ'וועט טראַכטן וועגן דעם פאַוו, וואָס צעשפרייט זיין עק,
וועגן דעם ליכטן פון די גליווערימלעך, וועגן די פאַרלאָקנדי-
קע זינג-פייגל, וועגן דעם פאָרן זיך פון אויערהאָן.

אָבער דידאָזיקע דעמאָנסטראַציעס פון די סעקונדערע
געשלעכטס-אייגנשאַפטן זענען בלויזע *עקסהיביציאָניסטישע*
אַקטן פון דעם זכר; ווי עס קומט אויך פאָר צווישן מענטשן,
אַז גייסטיק-קראַנקע מענער אַנטבלויזן פאַר פרויען זייערע גע-
ניטאַליען אַלס אויפפאָדערונג צום געשלעכטס-אַקט. נאָר אויף
אַזויפיל דאַרף מען דידאָזיקע חיהשע אַקטן פאָרזיכטיק אויס-
טייטשן, כדי זיך צו היטן פאַר דער מיינונג, אַז די פסיכישע
ווירקונג, וועלכע זיי איבן אויס אויף דער נקבה, זאָל דורכן
זכר פאָרויס גענומען ווערן אין באַטראַכט. עס האַנדלט זיך
גיכער וועגן אַן אינסטינקטיוון *אויסדרוק* פון *אייגענעם*
סעקסועלן באַגער, איידער וועגן אַ מיטל צו שטייגערן אים באַ
דער נקבה, דאָס איז אַ דעמאָנסטראַציע פון דער סעקסועלער
אויפרעגונג פאַר דער נקבה; אינדערצייט ווען באַ די עקסהי-
ביציאָנירנדיקע *מענטשן* שפילט בלי-ספק תמיד אַ געוויסע
ראָליע די פאָרשטעלונג פון דער סעקסועלער אויפרעגונג פון
אַנדערן געשלעכט.

די פראָסטיטוציע איז בכן עפעס אַזוינס, וואָס טרעט

אויף נאָר בּאַ מענטשן אַליין ; חיות און פלאַנצן זענען אַבּסאָ-ליוט אַמאָראַליש און האָבּן נישט קיין שום בּאַציונג צום אַנטי-מאָראַלישן ; דערפאַר קענען זיי נאָר די מוטערשאַפט. דאָ ליגט בּכן פאַרבּאָרגן איינס פון די טיפסטע געהיימנישן פון מהות און אורשפּרונג פונם מענטש. און דאָ וואָלט מען געדאַרפט מאַכן אויף אַזויפיל אַ געוויסע אויסבעסערונג אין דעם, וואָס כ'האָב פריער געזאָגט, אַז וואָס לענגער איך טראַכט וועגן דער פּראָסטיטוציע, דאַכט זיך מיר אַלץ מער, אַז די פּראָסטיטוציע איז אַ געוויסע מעגלעכקייט פאַר אַלע פרויען, פונקט אַזוי ווי די — ריין פיזישע — מוטערשאַפט. זי איז אפשר עפּעס אַזוינס, וואָס דרינגט דורך יעדע מענטשלעכע נקבה און וואָס פעלט יעדער חיהשער מוטער-נקבה*), און לסוף איז עס טאַקע עפּעס אַזוינס, וואָס אַנטשפּרעכט יענע בּאַזונדערע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער פרוי, אַדאַנק וועלכע דער מאַן שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס מער ווי אַ חיהשער זכר. צו דער בּלויזער מוטערשאַפט פון דער חיה פאַרייניקט זיך דאָ, צוגלייך מיט דער אַנטימאָראַליש-קייט אין מאַנסבּיל און נישט אָן מערקווירדיקע צו איר בּאַציונ-גען, אַ געוויסער פאַקטאָר, וועלכער אונטערשיידט געגצלעך און פונדאַמענטאַל די מענטשלעכע פרוי פון דער חיהשער נקבה. סאַראַ בּאַדייטונג פאַרן מאַנסבּיל קאָן די פרוי אין בּאַזונדערער מאָס געווינען גראָד אַלס זונה, וועגן דעם דאַרף ערשט זיין די רייד בּאַם סוף פון אונזערע בּאַטראַכטונגען. דער אורשפּרונג, די לעצטע סיבּה פון דער פּראָסטיטוציע וועט אפשר בּלייבּן אויף תמיד אַ טיף און אין פולשטענדיקער פינצטערניש איינגעהילט רעטעניש.

אין דערדאָזיקער אונטערזוכונג, וועלכע האָט זיך אפשר אַביסל צעצויגן, אָבּער האָט דורכויס נישט אויסגעשעפּט, אַפילו נישט

*) ווער ס'נעמט אין אכט, ווי כמעט אלע פרויען, בא זייער הייגטיקער גרויסער פרייהייט, באוועגן זיך אויף דער גאס, ווי זיי ציען צונויף זייערע געפאסטע קליידער, כדי בולטער צו מאכן אלע פאָרמען פון קערפער, ווי זיי נוצן אויס יעדעס רעגנדיקע ווערטער אויף אזעלכע צוועקן — דער וועט דאָס נישט האלטן פאר איבערגעטריבן.

באַרירט אַלע שייכותדיקע דערשיינונגען, האָב איך וויניקער פון אַלץ געטראַכט אויפצושטעלן עפּעס אַ פּראָסטיטוטין-אידעאַל, ווי ס׳האָבן עס זייער אָפּנהאַרציק געטון עטלעכע זייער באַגאַבטע שריפטשטעלער פון דער לעצטער צייט. אָבער דעם אַנדערן אידעאַל, דעם פּלומרשט אומזינלעכן מיידל, בין איך געצוווּנגען געווען אַראָפּצורייסן דעם נימבוס, מיט וועלכן יעדער מאַנסביל וואָלט זי אַזוי גערן אַרומגערינגלט — און דאָס אויפן סמך פון דער דערקענטעניש, אַז גראָד דאָסדאָזיקע באַשעפעניש איז דאָס מוטערלעכסטע, און די מיידלשאַפט איז פאַר אים, לויט זיין באַגריף, פּונקט אַזוי פרעמד ווי פאַר דער זונה. און אַפילו די מוטער-ליבע האָט לגבי אַ טיפערן אַנאַליז זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן אַלס אַ מאָראַליש פאַרדינסט.

די אידעע לסוף פון דער אומבאַפלעקטער שוואַנגערשאַפט, די אידעע פון דער ריינער יונגפרוי בײַ געטע, דאַנטע, אַנטהאַלט דעם אמת, אַז די אַבסאָלוטע מוטער וואָלט קיינמאָל נישט באַגערט די באַהעפטונג אַלס זעלבסטצוועג, פון תענוג וועגן. אָבער צוליב דעם טעם זי צו פאַרהייליקן האָט נאָר געקאָנט בלויז די אילוזיע. דערקעגן איז פאַר אונז גאַנץ באַגרייפלעך, אַלמאַי מ׳האָט דער מוטערשאַפט ווי דער פּראָסטיטוציע,ביידן אַלס סימבאָלן פון טיפע און מעכטיקע געהיימנישן, אָפּגעגעבן רעליגיעזן כּבוד.

אַזוינאָך האָבן מיר דערוויזן די גאַנצע גרונטלאָזיקייט פון יענער אָנשויונג, וועלכע גלויבט פאָרט נאָך צו קאָנען פאַרטיידיקן אַ באַזונדערן פרויען-טיפּ און אים נעמען אַלס באַווייז פאַר דעם זיטלעכקייט פון דער פרוי. איצט וועלן מיר צוטרעטן צו דער דערפאָרשונג פון די מאָטיוון, וועלכע וועלן תמיד און אייביק באַוועגן דעם מאַנסביל צו אידעאַליזירן די פרוי.